STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06269

VOTERTAUN

Moishe Blaichman

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

װאָטערטאַון



משה בלעכמאַן

משה בלעכמאַן

וואָטערטאַון

נאָוועלן און דערציילונגען

קאָאָפּעראַטיווער פאָלקס-פאַרלאַג
פון דער אידישער סעקציע
פון אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער ארדן
ניו יאָרק, 1937

Copyright by the
COOPERATIVE BOOK LEAGUE
of the
JEWISH SECTION, INTERNATIONAL WORKERS ORDER
80 Fifth Avenue, New York, N. Y.
September, 1937
209

אינהאלט

ערשטער טייל: האנטפאס

וואטערטאון

זייט

קאפיטל I א בריוו — 9
קאפיטל II די שלאכט — 21
קאפיטל III פלעזשור — 33
קאפיטל IV סקאנדאל — 50
קאפיטל V שטורעם — 62
קאפיטל VI לויה-טאג — 77

האנטפאס — 85

זיין פונט פלייש — 103

א ליכטיקער שאטן — 119

צווייטער טייל: מאשינען און מענטשן

מאשינען און מענטשן

קאפיטל I זיגזאג — 136
קאפיטל II א רויטער — 144
קאפיטל III אן אוונט — 151
קאפיטל IV באם טייך — 165
קאפיטל V בארבארן! — 186
קאפיטל VI הא, הא! — 202

איבערנאכט

I א נאכט א גאנצע — 205
II א שארלאך-פרימארגן — 215

געשפילט מיט פייער — 220

א מארודנער רעגן — 227

גארבעדזש — 235

דאס אייזערן בעטל — 245

פארטייטשונגען פון ענגלישע ווערטער און פראזן — 255

ערשטער טייל—

האַנטפּאַס

וואַטערטאַון

קאַפּיטל I

אַ ב ר י ו ו

1.

וואַטערטאַון.

אַזוי הייסט זי, די שטאָט. ניט אַבי אַ שטאָט, נאָר אַ וואַזשנע, באַרימטע, זייער באַרימטע שטאָט. מיט וואָס — ווייס איך ניט. נאָר אַזוי זאָגט מען; זאָג איך אויך.

גייט דאָרט די זון אויף באַגינען צוטאָגנס און גייט אונטער אַ ביסל שפּעטלעך פאַרנאַכט, ווען ס'הויבט שוין אָן צו ווערן גוט טונקל. אַזוי טאָג־טעגלעך. וואָלט עס אפשר געווען איבעריק צו דערמאָנען, איז אָבער אין וואַטערטאַון דאָ אַן אינטעליגענטער מענטש, אַ דענקער, מ'קען זאָגן — אַ פילאָזאָף. האַנטפּאַס הייסט ער. האָט ער, ווי דער שטייגער איז פון אַלע פילאָזאָפן, ליב צו פילאָזאָפירן. איז דאָס אים געווען קשה:

— פאַרוואָס עפּעס זאָל די זון אַלעמאָל אויפגיין גראָד אינדערפרי, ווען ס'הויבט אָן צו ווערן ליכטיק? און פאַרוואָס זאָל זי אונטערגיין דווקא פאַר־נאַכט, ווען ס'ווערט פינצטער?

איז אָט־וואָס מיסטער האַנטפּאַס זאָגט וועגן דעם:

די זון, זאָגט ער, איז אַזאַ מין זאַך, וואָס האָט ליב ליכטיקייט. ס'איז באַ איר דאָס חיות. פאַרקערט, פינצטערניש איז פאַר איר סם־המות. שטעקט זי יעדן פרימאָרגן אַרויס דעם קאָפּ און דערזעט: ס'הויבט אָן ווערן ליכטיק. ווערט איר פריילעכער אַפן האַרצן. אָבער זי גלויבט זיך נאָך ניט — טאָמער איז דאָס עמיצנס אַ שפּיצל? רוקט זי זיך אַזוי לאַנגזאַם אַרויס, ביז זי דערזעט: ס'איז געוואָרן אינדער'אמת'ן ליכטיק. דעמאָלט באַווייזט זי זיך אַ גאַנצע און אַ שטראַלנדיקע אַפן הימל... דערפילט זי אָבער דעם ערשטן פאַרנאַכטיקן שאָטן, אַזוי הויבט זי אָן לאַנגזאַם און פאָרזיכטיק (ווידער — טאָמער אַ שפּיצל?) צו רוקן זיך אַרונטער, ביז ס'ווערט אינגאַנצן פינצטער. דאַן אַנטלויפט זי רויט און דערשראָקן, אַהין וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט...

בין איך געווען אין וואַטערטאַון און האָב לאַנג און גרינטלעך נאָכ־געפאָרשט האַנטפּאַסעס אייגנאַרטיקע טעאָריע. איך האָב געפונען: זי שטימט אין אַלע פּרטים — יעדן פאַרנאַכט, פּונקט צו דער מינוט ווען די אָוונט־שאָטנס הייבן זיך אָן אויסצושפּרייטן, און ס׳ווערט טאָשנע און אומעטיק, נאָך טאָשנער און אומעטיקער ווי באַטאָג, נעמט באַלד די זון זיך אָפּרוקן, אַפּרוקן, און מאַכן פּליטה...

איך באַשולדיק זי ניט, די זון — איך האָב אויך געפּילט צו טאָן ווי זי...

ניט נאָר מיט אירע דענקער און פילאָזאָפן צייכנט זי זיך אויס, וואַטער־טאַון. זי האָט זיך אויך גאָרניט וואָס צו שעמען מיט אירע קרעמער און קינסטלער, מיט אירע כלל־טוער און פילאַנטראָפּן. אייגנטלעך, זיינען דאָס אַלץ די אייגענע מענטשן; ווארים אַלע זיינען אין וואַטערטאַון דענקער, אַלע קרעמער, אַלע כלל־טוער און פּאָליטיקער, אַלע בעלי־צדקה.

2.

אַ זונטיק אינדערפרי.

יולי. די זון שיינט. דאָס אַלטע באַקאַנטע יולי־ווינטל בלאָזט, אָבער אָן חשק. אַף צו פּליסן בלויז. „פּ׳הע“, זאָגט עס מיט אַ ווינטיש הוסטל, „מ׳הייסט מיר בלאָזן, בלאָז איך, פּ׳הע, פּ׳הע, פּ׳הע... מ׳הייסט מיר בלאָזן, בלאָז איך, פּ׳הע, פּ׳הו, פּיו... מ׳הייסט מיר בלאָזן, בלאָז איך, בלאָז איך, בלאָז איך...״ ביז ס׳פאַרענדיקט מיט אַ לאַנגן באַלעבאַטישן זונטיקדיקן גענעץ.

שטייט ער זיך אַזוי, טאַקע מיסטער האַנטפּאַס, באַם אַריינגאַנג צו דער פּראָגרעסיווער הויפּט־קוואַרטיר אין זיין העל־גרויען זומער־אַנצוג, דער נייער שטרוי־הוט אפן קאָפּ, הענט אין קעשענעס — און שמייכל אפן פּנים. אַ, פאַר־לאָזט זיך אַף מיסטער האַנטפּאַס — ער ווייסט יעדעס וואָרט, וואָס דאָס ווינטל זאָגט. און ס׳טוט אים הנאה. און פאַרוואָס זאָל אים ניט הנאה טאָן? אַלץ איז דאָ זיינס, אייגנס — אַפילו דאָס ווינטל. אַ טייער ווינטל! און מיסטער האַנטפּאַס צעגענעצט זיך מיט אַ לאַנגן באַלעבאַטישן זונטיקדיקן גענעץ. ווער ס׳האָט אָנגעהויבן דעם גענעץ, מיסטער האַנטפּאַס, אָדער דאָס ווינטל — איז שווער צו זאָגן.

דערזען, אַז ס׳שטייט אַ איד, אַ פּראָגרעסיווער, און גענעצט, הויבט מען זיך אָן קלייבן אַרום אים. וואָס עפּעס אַרום אים — פאַרוואָס זאָל ער זיך ניט קלייבן אַרום זיי? וואָס פאַר אַ יחסן איז ער — מ׳איז אַלע

פּראָגרעסיווע? ניין! מ׳גייט פאַרביי, שטעלט מען זיך אָפּ. אויף א זייט, יעדערער פאַר זיך — ווער מיטן רעכטן אַקסל צו אים, ווער מיטן לינקן... ער שטייט פעסט, האַנטפאַס. ער דרייט זיך ניט.

זונטיק איז. צייט פאַראַן. שטייט מען. צעשוועבן זיך גענעצן אין אַלע ריכטונגען. קלייבן זיך גרוי־ווייסע, צעצויגענע גענעצן אַרום האָריזאָנט. גענעצן — ליכטיקער יולי־זון גלייך אין פּנים אַריין. ווילן זי פאַרגענעצן. קען זיי שוין די זון און מאַכט זיך ניט־ווויסנדיק — יולי בלייבט יולי.

סוף־כּל־סוף ווערט א קרייז געשאַפן אַרום אים, האַנטפאַס׳ן. ער האָט אויסגעפירט. ווי דען?

האַנטפאַס פירט אַלעמאָל אויס. א פעסטער מענטש.

3.

— א שיינער פרימאָרגן! — אַזוי רופט זיך אָפּ דער ערשטער, מיט א חשוב׳ן טאָן, קרייזלמאַן, קוקנדיק מיט איין אויג, מיט דעם גרעסערן, אַרויף־צו, צו האַנטפאַס׳ן, און בלויז מיט דעם צווייטן, דעם קלענערן, אַראָפּצו, צו דעם טאָפּלטן קינדער־וועגעלע, וואו ס׳ליגט זיין דריי־חדשים׳דיקער צווילינג, איבער וועלכן ער האָט היינטיקן טאָג די פולע אויפזיכט. קרייזלמאַן, א פאַמיליע־מאַן מיט רעפּוטאַציע, וועט ניט פאַרנאַכלעסיקן זיין פליכט. ניין, ניט ער. אָבער איצט, אָפּגעזאָגט דאָס זייניקע, וואַרט ער מיט אַלע חושים אויף עפּעס אַן ענטפער פון האַנטפאַס׳ן. האָט ער דעריבער גאַרניט באַמערקט, ווי איינער פון צווילינג זוכט דווקא מיט זיין הענטל אָפּצורוקן פון וועג דעם אַנדערנס נעזל.

יאָגן האָט זיך האַנטפאַס ניט וואָס צו יאָגן. ער ווייסט, מ׳וועט וואַרטן. הויבט ער אָן צו ציילן ווערטער, אָט ווי ער וואָלט געטיילט ווער ווייסט וואָס פאַר א טייערע מתנות.

— בא דיר איז נאָך פרימאָרגן, קרייזלמאַן, און בא מיר איז שוין (פויזע) שפּעטמאָרגן, — און ער קוקט מיט טריאומף אַלעמען אין די אויגן.

האַ, האַ! גוט אַריינגעזאָגט! אָט דאָס הייסט אַן איינפאַל — ניט פרימאָרגן, נאָר שפּעטמאָרגן!

איצט קען זיך האַנטפאַס שוין דערלויבן צו זיין ערנסט. נאָכאַלעמען, האָט ער דאָך היינט געקענט שלאָפן שפּעט. גלייך מיט אַלעמען. זונטיק. אין קראָם דאַרף ער ניט גיין. אָבער די פייגעלעך האָבן אים אָפּגעשפּילט א חתונה גלייך מיט זון־אויפגאַנג. האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און מער שלאָפן ניט

געוואַלט. ס'איז געווען וואונדערבאַר. ער האָט רחמנות אױף די, וואָס שלאָפן שפּעט. ער האָט זיך גענומען אַ קאַלטע וואַנע. באַשפּריצט דאָס גראָז.

דער צווילינג האָט פּלוצלונג אױפגעהויבן אַ יאָמער־דועט. וואָס איז געשען? איינער איז אַריין מיט אַ פינגער דעם צווייטן אין אויגל. דער צווייטער איז אַריין מיטן גאַנצן פויסטל דעם ערשטן אין מויל. קרייזלמאַן איז אין איילעניש, אַ פאַרדרויטיקטער און אַ פאַרשעמטער, אַוועק מיטן וועגעלע.

און אַז קרייזלמאַן איז אַוועק, איז וואָס? איז ערשט געוואָרן פריילעך. אפילו האַנטפּאַס האָט זיך ברייט צעשמייכלט. מער וועט דאָך פון אים קיינער ניט פאַרלאַנגען. וואָס דען? ער זאָל זיך אַוועקשטעלן אױף דער סאַמע צוועלפטער עוועניו, בײַ דער פּראָגרעסיווער הויפּט־קוואַרטיר, פאַנאַנדער־כראַשטשען זיין מויל, ווי די אַנדערע: כאַ, כאַ, כאַ, כי, כי, כי? יאָ, אַ שיינעם פּנים וואָלט ער געהאַט.

אַז מ'האָט געשמאַק אויסגעלאַכט זיך, איז געקומען דער שאַרפזין.

— אַן אמת'ער „פרייז־פייט" — ס'איז ווערט געווען בילעטן. כאַ, כאַ, כאַ, כאַ!

— דער רעכטער מיטן לינקן האָבן זיך צעשלאָגן. כע כע, כע, כע!

— ויתרוצצו — און זיי האָבן זיך צעדראַקעט.

דאָס לעצטע האָט ניט געקענט זאָגן קיין אַנדערער, ווי סמיט, דער סוחר פון אַלט מעבל, אַ איד וואָס קען די קליינע פּינטעלעך.

האַנטפּאַס'ן איז אױפן זינען געקומען אַ גראָבער חדר'שער וויץ אױפן פּסוק „ויתרוצצו", און ווי דער גאַנצער חדר האָט זיך אַמאָל צעלאַכט, ווען דער רבי האָט מיט זיי געלערנט דעם פּסוק. אוי, האָט מען געכאַפּט קלעפּ!...

האָט ער זיך דערמאָנט אָן דעם רבי'ן מיט דעם שפּיציקן בערדל, אויסגעדרייט אַרויפצו, ווי אַ קרומער נון. און אָן דער רבי'צין, דער דאַרער און לאַנגער, מיט איר לאַנגער, שפּיציקער נאָז און לאַנגער משופּע־שפּיציקער מאָרדע. נאָז און מאָרדע זיינען בײַ איר געלאָפן ווי צוויי פּאַראַלעלע אַלכסונדיקע ליניעס, און זיך גלייך פאַרענדיקט ערגעץ אינמיטן דער לופט. זיין חבר יונה — אַ ווילדער בחור געווען, איצט איז ער אַ לינקער פירער — האָט געזאָגט, אַז דער רבי'צין פעלט אַ צווייטע פּאָר ברילן אױף דער שפּיץ מאָרדע. געזאָגט און געטאָן. האָט ער גענומען און געמאַכט אַ פּאָר ברילן פאַר דער רבי'צינס מאָרדע און זיי איר דערלאַנגט אַ מתנה, איר געזאָגט, אַז זי וואָלט אויסגעקוקט זייער שיין מיט איין פּאָר ברילן אױף דער נאָז און איינער אױף דער מאָרדע... אוי, האָט מען געכאַפּט קלעפּ...

האָט ער זיך דערמאָנט, ווי זיין חבר יונה האָט אים אַמאָל גענומען

אף א בערגל ניט ווייט פון זיין טאטנס סאַד קוקן אף די נאַקעטע שיקסעס, וואָס באָדן זיך אין גלח'ס טייך. ווי יענע האָבן זיך עס צעקוויטשעט, ווען זיי האָבן זיי באַמערקט. א גוי'ע איז אַרויסגעלאָפן פון וואַסער א נאַקעטע, מיט א פּאָר שטאַרקע הענט אָפּגעבראָכן א צווייגל פון א בוים און זיך געלאָזט יאָגן נאָך זיי... ווידער קלעפּ...

האנטפּאַס האָט מיטאמאָל איבערגעריסן זיינע דערינערונגען: — אַנט־קעגן דעם וואָס שנייד האָט געזאָגט, „דער רעכטער מיטן לינקן האָבן זיך צעשלאָגן”...

יאָ, דאָס האָט געזאָגט מיסטער שנייד, דער פרויען־קליידער־פּאַבריקאַנט. א קלוגער מענטש, מיסטער שנייד, און אַן אינטעליגענטער. קען גאַנץ יעקב גאָרדין אויסוויייניק. ער שפּילט טאַקע מיט דעם וואַטערטאַונער דראַמאַטיק קלאַב. ער קען אי שפּילן, אי רעזשיסירן, אי סופלירן. א גאָלדענע מויל האָט ער, מיסטער שנייד, דער פרויען־קליידער־פּאַבריקאַנט, בא וועמען עס אַרבעטן פינף אַרבעטער, א חוץ אים אַליין און זיין פרוי בעקי.

מ'זאָגט, אַז זי, בעקי שנייד, איז אינטעליגענטער פון איר מאַן. זי איז באַקאַנט מיט קאַרל מאַרקס און בעבעל'ס „פרוי און סאָציאַליזם”. זי ווייסט אַפילו, אַז קאַרל קאַוטסקי האָט געלעבט מיט ראָזאַ לוקסעמבורג, נאָר ער איז געווען פאַלש צו איר. ער האָט זי פאַרראַטן. דערפאַר קען טאַקע זיין, זאָגט זי, אַז לענין איז אפשר געווען גערעכט: קאַוטסקי איז טאַקע א פאַר־רעטער... זי ווייסט דאָס אַלץ און נאָך זאַכן. אָבער ווען זי הויבט אָן עדעל־שטאַט'ס א דעקלאַמאַציע, פאַרהיקעט זי זיך און ענדיקט ניט. ניין, די וואָס זאָגן, אַז זי איז אינטעליגענטער פון מיסטער שנייד, האָבן א טעות, א גרויסן טעות. אָבער אַוועקמאַכן זי מיט דער האַנט קען מען אויך ניט.

.4

האנטפּאַס האָט זיך געווענדעט צו מיסטער שנייד:

— אַנטקעגן דעם וואָס ער זאָגט, רעכטע מיט לינקע. די גאַנצע צרות קומען פון די רעכטע מיט די לינקע. ער, האנטפּאַס, ווייכט פון זיי ביידע. ס'האָט מיר א טעם זייער אַרומרייסן זיך. דאָ שאַבער, דאָ קוואָרעס. זאָגט דער טאָג, זאָגט יענער נאַכט. ס'איז אינגאַנצן א חוזק, א קינדער־שפּיל, ניט מער. ער וואָלט זיי ביידע אַריינגעלייגט אין איין קינדער־וויגעלע, ווי קרייזל־מאַנ'ס צווילינג, און זאָלן זיי זיך איינער דעם אַנדערן אויסדראַפּען די אויגן. בע־בע־בע! וואָלט געוואָרן א סוף צו די רעכט־און־לינקס אַנשיקעניש און מען וואָלט עפּעס געקענט אויפטאָן אף דער וועלט.

ער איז אַן אומפּאַרטייאישער מענטש, מיסטער האַנטפּאַס. אַ דער־וואַקסענער און אַ ניכטערער. ניט ער וועט זיך פאַר׳שיכור׳ן פון עפּעס אַ טשאַד, אַ משוגעת. ניט ער. אַך! ווען די וועלט וואָלט זיך אַף אַ רגע באַטש אָפּגעשטעלט און זיך צוגעהערט צו האַנטפּאַס׳עס ניכטערע ווערטער!

דערווייל האָט זיך שוין אַ גאַנץ אָנגעזעענער טייל פון דער וועלט דאָך אָפּ־געשטעלט אַרום האַנטפּאַס׳ן און זיך צוגעהערט, פאַרנעמענדיק דעם גאַנצן טראָטואַר פאַר דער פּראָגרעסיווער הויפּט־קוואַרטיר.

שנייד איז אויך אַ ניכטערער מענטש. ער האָט אויך פיינט דאָס קאָכעניש מיט דעם רייסעניש. יאָ, האַנטפּאַס האָט פּינקטלעך אויסגעדריקט זיינע סענטי־מענטן. פונדעסטוועגן פּרוּווט ער זיך אָפּדינגען. מעגלעך אַז בלויז אין וואַטערטאַון איז אַזוי. אָבער אין די גרויסע שטעט, ניו יאָרק, שיקאַגאָ, וואו ס׳זיינען פאַראַן אמת׳ע פירער...

האַנטפּאַס קען דאָס ניט הערן.

— לאָזט מיך געמאַך מיט אייערע ניו יאָרקער אמת׳ע פירער! וואָס איז דען ניו יאָרק? אַ גרויסע וואַטערטאַון, ניט מער. ער איז דאָרט געווען. ער וויים. די נאַאיווע פּראָווינץ־מענטשן זעען אין זייער ניו יאָרקער ציימונג געמען אָפּגעדרוקט שוואַרץ אַף וויים, מיינען זיי — גאָט ווייס וואָס פאַר אַ גדולים. נאַרישקייטן! ער קען זיי, די גדולים. אָט איז יונה קאַרש, דער באַרימטער פירער. זיינער אַ לאַנדסמאַן. צוזאַמען אין חדר געלערנט... גלייכער ניט רעדן... אָט־דאָס זיינען די פירער, די גדולים. ניין, ניט אים, האַנטפּאַס׳ן, קען מען דערציילן באָבע־מעשיות. ס׳איז אים נאָר אַ וואונדער אַף שנייד׳ן. מילא, די אַנדערע — מ׳הע... אָבער ער, שנייד!

איז טאַקע שנייד׳ן אַ וואונדער אַף זיך אַליין. ער איז דאָך ניט קיין קינד. אויסגעוועזן אַ וועלט — אָדעס, ווין, פּאַריז, לאָנדאָן. געזען בעבעל׳ן, זשאָרעס׳ן, פּלעכאַנאָוו׳ן. טאַקע, וואָס איז דאָ נתפּעל צו ווערן פון ניו יאָרק?

פונדעסטוועגן — שנייד קען נאָך אויך פאַרטיידיקן אַ מיינונג. מען דאַרף אים אונטערן צונג ניט האָקן. האַנטפּאַס מעג טאַקע וויסן, אַז ער ווערט גאָרניט אַזוי נתפּעל פון ניו יאָרק. וואָס איז ער — אַ קליינשטעטלדיקער איד? ער האָט שוין, ווי זאָגט מען עס, אויסגערייזט אַ וועלט. געווען אין ווין, פּאַריז, לאָנדאָן. ער גלויבט ניט, ווי זאָגט ער, אין די באָבע־מעשיות פון ניו יאָרק. פונדעסטוועגן... אָט נעמט די שרייבער. ער מיינט די גרויסע, די קינסט־לער, ווי גאָלדין. אַ פאַרגעניגן אים צו לייענען. יעדעס וואָרט צעגייט ממש אין מויל. זיין בעקי . . .

האַנטפּאַס׳עס געדולד איז ניט פון אייזן.

— נאט איך א גראשן פאר איערע לינקע־רעכטע שרייבער! יא, גאָלדין איז א גרויסער קינסטלער. זיינע ביכער האָט מען אפילו איבערזעצט אין ענגליש. און די גוי׳אישע קריטיקער האָבן זיך ניט געקענט אָפּלויבן... דאָס איז געווען אַמאָל. איצט האָט ער בא אים פארלוירן די גאַנצע סימפּאַטיע. קינסטלער מוזן האַלטן הויך און ריין די פאָן פון זייער קונסט און ניט אַריינ־שלעפּן זי אין דעם פּאָליטישן זומפּ...

וואָס קען איצט שנייד זאָגן? ער און זיין בעקי...

אָבער האַנטפאַס איז נאָך ניט פארטיק.

ער לייענט דעם „אידישן שטענדער”. ניט אין אַלץ איז ער איינשטימיק מיט יענער צייטונג. ער האָט זיך זיינע אייגענע מיינונגען. ער דאַרף ניט די צייטונג זאָל אים געבן מיינונגען. אָבער דאָרט לייענט ער אַזעלכע קינסטלער, ווי דר. פּראַל, א מענטש, וואָס קען זיך פּערזענלעך מיט די גרעסטע קינסטלער און געלערנטע פון דער וועלט, און אַלע האַלטן זיך מיט אים עצות... און זיין שרייבן — יעדעס וואָרט איז דאָך פּערל, בריליאַנט... אמת, ס׳איז אים שווער צו פארשטיין. אפילו ער, האַנטפאַס, דאַרף זיך אַמאָל מאַטערן מיט זיינס א זאַך. דערפאַר קען מען פון אים עפּעס לערנען. און אַזאַ טיפער דענקער, ווי גאַרני. אדרבא, זאָל שנייד אליין זאָגן — וואו קען מען נאָך געפינען אַזאַ שרייבער ווי גאַרני? אין זיין יעדעס וואָרט איז דאָך פאַראַן א טיפע כוונה...

דאָס וועט שנייד ניט לייקענען. אודאי וויים ער, אַז אין „אידישן שטענ־דער” זיינען פאַראַן שרייבער — בערן. ער האָט שוין אפילו אַמאָל געלייענט די צייטונג. יאָ, דאָרט זיינען פאַראַן זייער גוטע זאַכן. אָבער ער דענקט, און אַזוי דענקט אויך זיין בעקי...

נאָר גראָד איצט האַלט האַנטפאַס באַם קאַמע תוך, בא דעם צוליב וואָס ער איז אַהער געקומען. און ער הערט ניט, וואָס שנייד רעדט. ער האָט געגעבן עטלעכע טיפע, אָנזאָגנדיקע הוסטן און זיך פּאַמעלעך גענומען פאַר זיין בוזעם־קעשענע. ס׳האָט גענומען. אַלעמענס אויגן זיינען איצט געווען אָנגעצויגן אָף די לאַנגזאַמע באַוועגונגען פון האַנטפאַס׳עס פינגער.

בלויז שנייד בלייבט ניט גערירט. און אַז האַנטפאַס האָט דאָרט עפּעס א בריוו, איז וואָס? ער האָט שוין געזען גרעסערע זאַכן. קערט ער זיך אומישנע אָפּ אָן א זייט און באַטראַכט דערווייל די זונטיקדיקע גאַס. פּונקט קעגנאיבער זיצט אַן אַלטער פּעדלער אָף אַן אָפּגעלאָזענעם, הילצערנעם בריקל מיטן אַלטן גרויען קאָפּ אָנטקעגן דער אַלטער גרויער וואַנט פון זיין הויז, ווי ער וואָלט אַרויסגעוואַקסן פון איר. איבער וואָס איז ער דאָס אַזוי פאַרטיפט

איבערגעבויגן? דאָס איז ער אַזוי אַריינגעטאָן אין דעם אילוסטרירטן זונטיק־דיקן „ניו יאָרקער קוריער". אָ, דער אַלטער חברה־מאַן! ער׳ט זיך אודאי פאַרקוקט אַפן בילד פון דער האַלב־נאַקעטער טענצערן, וועלכע האָט געוואונען אַ פּרייז און דעם טיטל „די שענסטע פּני פון צפון־אַמעריקע". האַ, האַ! מ׳קען זיי, די אַלטע פרומאַקעס!

האַנטפאַס׳עס בריוו איז פון גאַרני׳ן, פון גרשון גאַרני׳ן אַליין, אין זיין אייגענער האַנטשריפט. אַלע האָבן דאָס גוט באַטראַכט. יאָ, טאַקע פון דער רעדאַקציע פון „אידישן שטענדער". דאָס פּאַפּיר איז פון אויבן גראַווירט: אַ ברייטער שוואַרצער פלעק, געבראַכן אינמיטן פון אַ ווייסער, רונדער זון, וואָס בליצט מיט ווייסע שטראַלן און ווייסע פונקען אין אַלע זייטן; און אַרום, אין אַ האַלבן עיגול, אין ווייס־שוואַרצע ווערטער, אויסגראַווירט דער נאָמען פון דער ציטונג. דאָס איז ער טאַקע — גרשון גאַרני. אָט זיינען די צוויי גרויסע און קיילעכדיקע, געדרייטע גימלען. די איבעריקע אותיות איז שווער צו דערקענען.

דער אַלטער פּעדלער פון קעגנאיבער איז צוגעקומען. ער וויל אויך וויסן, וואָס ס׳הערט זיך אַף דער וועלט.

— אַ בריוו פון סאַדעגורער רבי׳ן, — זאָגט אים אונטער שנייד.

דער אַלטער האָט אַף אים אַ קוק געגעבן מיט אַ פּאָר שאַרפע, באַוועגלעכע אויגן:

— איר מוזט מיינען פון דאַמסקער רבי׳ן...

דאָס איז שוין אַ ביסל אַ חוצפּה פון אַן אַלטן פּעדלער אַזוי צו ענטפערן שנייד׳ן, און ער האָט אים צוריק אַריינגעזאָגט:

— פעטער, טוט אָן אייערע שפּאַקולן, וועט איר אַליין זען.

אַ געלעכטער.

דער אַלטער האָט אַ שפּיי געטאָן און איז אַוועק.

איצט, אַז אַלע האָבן שוין דעם בריוו גוט אָנגעקוקט און באַטראַכט, האָט אים האַנטפאַס צוריק צוגענומען. אָפּגעבלאָזן, אָפּגעטרייסלט און דערווייל צוריק צוזאַמענגעלייגט. ער דאַרף פריער מאַכן אַ דערקלערונג. דאָס איז גאָר קיין סוד ניט. אדרבה, דאָס איז אַלעמענס זאַך. ס׳האַנדלט זיך וועגן דער אידישער ליטעראַטור. יאָ, וועגן דער אידישער ליטעראַטור האַנדלט זיך עס.

דער מצב פון דער אידישער ליטעראַטור איז זייער אַ טרויעריקער. ניט וויל מיר האָבן, חלילה, ניט קיין שרייבער. עס פעלן ניט קיין טאַלאַנטן בא אונז אידן. נאָר וואָס דען? קיינער קויפט ניט קיין ביכער. די שרייבער

פארלירן דעם מוט. א סך גייען איבער צו אנדערע שפראכן. אָ, אין דעם „אידישן שטענדער” איז א סך וועגן דעם געשריבן געוואָרן.

יאָ, בלאַזין האָט טאַקע אויך עפּעס געליינט וועגן דעם אין דעם „ניו־יאָרקער קוריער”. אזוי דאכט זיך אים. וואָס, ער האָט א טעות? אפשר. זיכער איז ער ניט. בלאַזין איז קיינמאָל מיט קיין זאך ניט זיכער. ער ווייסט, בלאַזין, אז יעדע זאך האָט צוויי זייטן — אפשר יאָ, און אפשר ניין...

נאָר ווער הערט זיך צו צו דעם, וואָס בלאַזין זאָגט!

יאָ, אזוי איז דאָס. זייער אן ערנסטע פּראָבלעם. נו, האָט ער, האַנטפּאַס, זיך גענומען צו דער ארבעט און האָט אויסגעארבעט א פּלאַן. אָ, ווען זיין פּלאַן וואָלט אָנגענומען געוואָרן! ס'איז א העכסט פּראַקטישער און וויסנ־שאַפטלעכער פּלאַן, געבויט אף סטאַטיסטיק... שוין איינמאָל א פּלאַן!

וואָס איז דען די צרה מיט דער אידישער ליטעראַטור? מ'קויפט ניט קיין ביכער. שרייבער האָבן מיר גענוג. קיין אומה ולשון האָט ניט אזוי פיל. אָט האָבן מיר אמעריקאַניש־אידישע שרייבער, רוסיש־אידישע, ליטוויש־אידישע, פּויליש־אידישע, עסטרייכישע, רומענישע א. אז. וו. בלויז אין אמעריקע אליין האָט ער איבערגעציילט 497 אידישע שרייבער. יאָ, דאָס וואָס איר הערט. אף אים, האַנטפּאַס'ן, מעג מען זיך פארלאָזן. ער האָט געזאמלט סטאַטיסטיק אין פארלויף פון צוויי יאָר מיט זיבן מאָנאַטן. אלע שרייבער זיינען בא אים פארשריבן לויטן אלף־בית. ער קען ווייזן זיין נאָטיץ־ביכל... צי ס'איז אן ארבעט? אודאי. מ'קען זיך פאָרשטעלן, אז ס'איז אים ניט אזוי לייכט אָנגעקומען...

.5

דאָס שוואכע ווינטל האָט זיך דערוויל א ביסל צוגעליינגט אָפּרוען אף דעם הויכן פארפלאָנטערטן גראָז, וואָס אף דעם לײדיקן פּלאַץ בא דער פּראָ־גרעסיווער הויפּט־קוואַרטיר. ס'ליגט און ס'בראָט זיך אנטקעגן דער זון. די בלעטער פון דעם אלטן סענקעוואַטן דעמב פאר דער הויפּט־קוואַרטיר האָבן זיך גענומען גרייטן צום נאָכמיטאָג־דרימל. בלויז די אויבערשטע, די אינגסטע, זיינען אָנגעגאַנגען מיט זייערע קונדייסקע עסקים.

און דאָ האָט זיך א שאַרפער און חוצפה'דיקער זון־שטראַל דורכגעכאַפּט דורך די האַלב־פארשלאָפענע בלעטער און ארויסגערופן א פייכטן גלאַנץ אף האַנטפּאַס'עס שטערן. א קיילעכיקער, גרויסער טראָפּן האָט זיך גענומען קייקלען פון מיטן שטערן אַרונטער, ביז ער האָט זיך אונטער די ברעמען

צעטיילט אַף צווי העלפטן אין דער ריכטונג פוןביידע גרויע, איינגעפאַלענע אויגן. נו, ווערט האַנטפאַס ניט נתפּעל. אַף דעם האָט ער דאָך זיין העל־גרין זיידן נאַזטיכל אין דער אויבערשטער קעשענקע פון זיין רעקל.

צוריק צוזאַמענגעלייגט דאָס נאַזטיכל, געלאַסן און פאַרזיכטיק, אַף די קנייטשן, און אין קעשענע אריין, מיט אַ שפּיץ אַרויס, איז שוין האַנטפאַס גרייט געווען מזכה צו זיין די געדולדיק־וואַרטנדיקע צוהערער, — וועלכע האָבן זיך ־דערווייל געמיטלעך געפאָכעט מיט זייערע שטרוי־היט. האָט זיך אַריינגעמישט דער טראַמוואַי, וועמען ס׳איז איינגעפאַלן גראַד אין דער מינוט פאַרביילויפן מיט משונה׳דיקן געקלאַפּ און געטראַסק און געטראַך — אַ דונער אַף רעדער. וועט דאָך האַנטפאַס ניט פּרואוון איבערשרייען. וואַרט ער. ווער ס׳איז אומגעדולדיק, קען זיך גיין. ער איז סיי־ווי ניט אויסן, אַז אַלע זאָלן אים הערן.

497 אידישע שרייבער אין אַמעריקע אַליין. אַ היפּשע צאָל, האַ? איצט באַטראַכט, ווען זיי אַלע וואָלטן געקויפט איינער דעם אַנדערנס ביכער! און ווען זיי וואָלטן נאָך פאַרקויפט צו זייער משפחה, פריינט און געליבטע (וועלכער שרייבער האָט עס ניט צו עטלעכע געליבטע?). איצט לאָמיר זאָגן, אַז יעדער שרייבער וועט דורכשניטלעך שאַפן צו צען קונים אַף יעדן נייעם בוך, האָבן מיר אַ קימא־לן פון 4790 — וואָס רעד איך? — פון 4970 קונים אַף אידישע ביכער (די איבעריקע דרייסיק, וואָס פעלן אויס צו גלייכע פינף טויזנט, נעמט זיך אונטער האַנטפאַס אַליין צו שאַפן) — די ליטעראַטור איז געראַטעוועט!

יאָ, ער ווייסט זייער גוט, אַז די אידישע שרייבער זיינען נעבעך גרויסע קבצנים און קענען ניט קויפן אַלע ביכער. אָבער דאָס מאַכט ניט אויס — דאָ קומט טאַקע האַנטפאַס׳עס פּלאַן: ס׳זאָל געגרינדעט ווערן אַ שרייבער־בענעפיט־געזעלשאַפט. ער וואָלט פאָרגעשלאָגן דעם נאָמען „דער אידישער שרייבער־רינג״. מ׳זאָל אין דעם „שרייבער־רינג״ אויך אַריינגעמען ליבהאָבער פון דער אידישער ליטעראַטור, וועלכע וועלן גוט באַצאָלן פאַר דער פּריווי־לעגיע. די געזעלשאַפט קויפט ביכער און גיט פריי צו אירע מיטגלידער...

וואָס־זשע זאָגט גרשון גארני אַף דעם פּלאַן? ער זאָגט (האַנטפאַס לייענט פאַר דעם בריוו), אַז ס׳איז זייער פיין פון זיין, האַנטפאַס׳עס, זייט, וואָס ער פאַראינטערעסירט זיך אַזוי אין דעם גורל פון דער אידישער ליטע־ראַטור. הלוואי וואָלטן געווען אַ סך ווי ער. פון זיין פּלאַן זעט ער, אַז ער, האַנטפאַס, איז אַ פּראַקטישער מענטש. אָבער... זאָל ער דערווייל שאַפן זיינע

דרייסיק קונים. בנוגע דער צאָל פון אידישע שרייבער אין אַמעריקע, האָט האַנטפּאַס אַ טעות. ער האָט מסתמא פאַרגעסן אַריינצורעכענען אַלע פאָלקס־שטימע־שרייבער, האַרץ־צו־האַרץ־שרייבער, שרייבער פון בריוולעך אין רע־דאַקציעס און בריוו צו שרייבער... צוזאַמען װעלן זיי אויסמאַכן אַן ערך פון 77 טויזנט, זיבן הונדערט און זיבן־און־זיבעציק, כּן־ירבו... ווען מען וואָלט זיי אַלע געקענט פאַרבינדן אין איין פאַרבאַנד, וואָלט די אידישע ליטעראַטור געגומען וואַקסן, ווי אויף הייוון... ער האָט אָבער מורא, אַז די פאַראייניקונג וועט ניט קענען צושטאַנד קומען, ווייל יעדערער וועט וועלן, אַז זיין נאָמען זאָל קומען אויבנאָן... זאָל ער, האַנטפּאַס, זיך בעסער אָפּגעבן מיט איינפאַכער און עלעמענטאַרער קולטור־אַרבעט אין זיין שטאָט. זאָל ער און זיינע פריינט זיך בעסער צונויפקומען און לערנען זיך, ווי צו לייענען, פאַרשטיין און אָפּשאַצן ליטעראַטור. „מיט דרך־ארץ, גרשון גאָרני."

כאַ־כאַ! אָט דאָס הייסט ממזר'יש שרייבן אַ בריוו! אָט דאָס הייסט אַריינגעזאָגט! אַלע ווילן וועלן דעם אויבנאָן — וואָס דען? ווי דענקט ער, האַנטפּאַס?

וואָס איז דאָ פאַראַן נתפּעל צו ווערן? אודאי קען גרשון גאָרני שרייבן אַ בריוו. דאָס איז פאַר האַנטפּאַס'ן קיין חידוש ניט. אָבער ער איז מיט אים גראַד אין דעם פאַל ניט איינשטימיק. וואָס הייסט, אַלע ווילן וועלן זייערע נעמען אויבנאָן? אויף דעם איז דאָך דאָ אַן אַלף־בית. ס'וועט גיין מיטן אַלף־בית, וועט עס גיין....

דאָס איז טאַקע קיינעם ניט איינגעפאַלן. און גרשון גאָרני האָט פאַרלוירן די דיסקוסיע מיט האַנטפּאַס'ן אויף דער צוועלפטער עווענוי, באַם אַריינגאַנג אין דער פּראָגרעסיווער הויפּט־קוואַרטיר...

אָ, וואָלט נאָך שנייד דאָ געשטאַנען, וואָלט האַנטפּאַס שוין ניט אַזוי גלאַט אָפּגעשניטן. שנייד וואָלט שוין געפונען וואָס צו זאָגן און באַווייזן, אַז האַנטפּאַס'עם פּלאַן טויג לחלוטין ניט. אָבער אַ קינד איז אים געקומען רופן איידער האַנטפּאַס האָט געענדיקט. „די מאַמע" האָט אים גענדאַרפט האָבן.

האַנטפּאַס, אַ שיינענדיקער אַנטקעגן דער שיינענדיקער זון, האָט אַרום־געקוקט זיין אוידיטאָריע, ווי אַן אַגענט נאָכדעם ווי ער האָט פאַרקויפט זיין סחורה — ער האָט זיינס אָפּגעטאָן און מער האָט ער דאָ ניט וואָס צו טאָן. פונדעסטוועגן קען מען דאָך ניט נעמען און גלאַט אַזוי זיך אַוועקגיין. האָט ער אַ קוק געטאָן אויף זיין זייגער: נאַ, זעט וועט ס'מאַכט אים אַוועקגיין — דער זייגער.

ווען האַנטפּאַס איז שוין געווען אָפּגעגאַנגען שיינע עטלעכע טריט, איז

שאַכער אַרויסגעלאָפן פון דער פּראָגרעסיווער הויפּט־קוואַרטיר נאָך אים, אַ צעהיצטער, אַ פאַר׳עסק׳טער, אָן אָנגעפּילטער מיט ענינים — אַט, אַט פּלאַצט ער!...

ער האָט אים געפּאַקט! איבער דער גאַנצער צוועלפטער עוועניו האָט זיך געהערט שאַכער׳ס כריפּלענדיק־קלינגענדיקער רוף: „האַנטפּאַס! האַנט־פּאַס! האַנטפּאַס!" וואָס האָט ער זיך צו שעמען און ווער קען אים דאָ אַ דעה זאָגן?

— האַנטפּאַס מוז היינט אָוונט קומען צו אַ ספּעציעלן מיטינג פון די פאַרוואַלטער פון דער פּראָגרעסיווער הויפּט־קוואַרטיר. ס׳איז וועגן אַ זייער וויכטיקן ענין. ער קען אים איצט ניט זאָגן וואָס. ער וועט שוין אין אָוונט הערן.

— היינט אָוונט? ניין, אוממעגלעך! מיר האָבן היינט געסט פון לייק־וויל. זאָל מען אָפּליינגן אויף מאָרגן. מ׳קען ניט אָפּליינגן? נו, וועט מען זיך מוזן באַגיין אָן מיר.

— איבעריקע רייד! דו וועסט אַלץ אָוועקליינגן אין אַ זייט און קומען צום מיטינג. אָבער געדענק! למען־השם!

פאַרפאַלן! האַנטפּאַס וועט שוין מוזן קומען.

קאַפּיטל II

די שלאַכט

.1

פאַרפאַלן!

נאָך־וואָס נאָך סאַפּער — אַריינגעפירט די לייקווילער געסט: אַ דיקע, קורצע און קיילעכיקע פרוי פון אַרום פערציק מיט אַ קווימש און געשווירענע האָר; איר מאַן, אַ ביסל העכער פון איר און מאָגערער, מיט אַ גלאַנציק־גלאַטן קאָפּ, מיט אָפּגעקראָכן־בלאַנדע וואָנצעס און מיט אָפּגעקראָכן־געלע אייגעלעך, וואָס ווערן פאַרלוירן צווישן רויטלעך־פלייִשיקע באַקן, געשעפטס־מעסיקער ברייטלעכער נאָז און פאַררויטיקט־געלן גרענעצלאָזן שטערן, ווי אַ פּאָר טויטע קאַנאַריקלעך אינמיטן אַ רויט־פעלזיקן מדבר; דער פרוי׳ס שוועסטער, אַ קאָפּ־מיידל, דאָס הייסט, אַ מיידל מיט אַ היפּשן קאָפּ און מיט געדיכטע טונקעלע האָר, וואָס הויבן זיך אָן כמעט פון די ברעמען; און צוויי קינדער — אַ פלאַקסענע מיידעלע, עלף יאָר אַלט, און אַ קופּער־ברוינע, קיילעכיקע, אָנגעבלאָזענע, פינף יאָר אַלט, וואָס שטעלט זיך אַוועק לעבן אייך, קוקט אייך אָן און ניט איר ווייסט, ניט זי ווייסט, ווען זי וועט אויפהערן.

נאָך־וואָס נאָך סאַפּער — אַריינגעפירט די געסט פון דעם העל־באַלויכטע־נעם עס־צימער אין דעם פאַרטונקלטן, מיט גאַרדינען און טעפּיכן באַשלייערטן און באַלייגטן פאַרלאָר, באַזעצט זיי אין די ווייכע דראַפּירטע פאַרלאָר־מעבל, פייערלעך און הייליק באַשאָטנט, קאַווע־ברוין, בלאָ־גרוי און געהויבן — ווייסע פינטעלעך אין גרויען מאַרך — הייליקער שטילשווייגן, — מען דאַרף עפּעס זאָגן שווייגנדיק. טונקלקייט, ווייכקייט, זיסקייט ניט דורכרייסן. ווי דער לייקווילער ראַביי אַף האָפּבערג׳ס חתונה: פליט־ווערטער, בוימלדיקע, פאַרוויגנדיקע; געגליטשט איבער הערצער, פון אויבן, פון אויבן. ניט טיף, ניט הויך, ווי געגלעט די יונגינקע כלה־ברוסטן... אַזאַ זיסקייט... גייען ווי ווייַן, אין די פּיס — אָך, ניט געלערנט! ניטאָ קיין ווערטער! עס פינטלען בלויז פאַרביי אויסדרוקן אומקלאָרע, ווי בלודנע פייגעלעך אין

די גרויע הויכן, צווישן שאָטן און גאַרנישט, און לאָזן נאָך זיך אַ מאַטן פלעק פון גרויען אומרו...

האָט מיסטער ווערניק, דער גאַסט, קוים אַרויסגעמורמלט: „אַזוי־וי! יאָ, יאָ!” און איז אינגאַנצן רויט געוואָרן. וואָס־זשע קען האַנטפּאַס איצט העלפן, אַז די מינוטן זיינע אין הויז זיינען געציילטע, אַז ער ווייסט, ער דאַרף שוין אַוועקגיין, ער מוז שוין אַוועקגיין.

מיסעס האַנטפּאַס, ראָזעווע־פּעטע באַקן, שמייכלענדיק, אין זיידענער דער־קאַלטירטער זומער־קלייד, קומט אַרויס פון דער געשיר־מלוכה, וואו דינסט איז געבליבן אַליינהערשערין. ס'וועט זיך שוין בינדן אַ געשפּרעך. אָבער האַנטפּאַס מוז זיך אַנטשולדיקן. פאַרפאַלן — ער האָט קיין ברירה ניט. אַ זייער וויכטיקער מיטינג. ער וועט זיין צוריק אין אַ שעה, אַ שעה און אַ האַלב. יאָ, אַ פאַראַנטוואָרטלעכער מענטש, מיסטער האַנטפּאַס. פריער קומט דער כּלל, דערנאָך פּערזענלעכער פאַרגעניגן.

האָט אַנטוישונג פאַרכמורעט מיסעס האַנטפּאַס'עס ליכטיקע אויגן; האָט פאַרביטערונג זיך אַ שלענגל געטאָן פון קינדיש־ווייכע ליפּן־בענדלעך און אַרונטערגעפאַלן צווישן פולע פינף־און־דרייסיק־יאָריקע ברוסטן. איז אָפּ־געשטאָרבן מיט לאַנגזאַמער מאַטערניש די דערוואַרטונג אויף אַן אָטאָמאָביל־שפּאַציר מיט די געסט איבער גלאַטע אַספאַלט־שאָסייען; קילנדיקע, צערטלענ־דיקע, רייצנדיקע לופט־כוואַליעס איבער שטיל־דורשטיקע, איינגעהאַלטן־פלאַמענדיקע לייב־בויגן; צוזאַמענגיסונג מיט שטראָמען פון אָטאָ־געלויף; מאָטאָרן, מאָטאָרן; רעדער באַהערשט פון זיכערע, פעסטע, באַפעלנדיקע מענערשע הענט; ווירוואַר פון פאַרלאַנגען, פון פליענדיקע רייצן און לוסטן, פון שווינדלענדיקע, רופנדיקע, שלינגענדיקע און וואַגנדיקע בליקן פון מענערשע מענער... האָט זי אין קלעם די דינסט אַ רוף געטאָן. געהייסן אייז־קרים ברענגען, און פרוכטן און איינגעמאַכטסן פאַר געסט שטעלן...

2.

אינדרויסן זיינען די גאַסן געלעגן אויסגעלייגטע אין זייער שטיל־אָטעמ־דיקן, פיין־באַלעבאַטישן שלאָף. טונקעלער סאַמעט־בלויער הימל אויבן באַ־שפּרינקלט מיט צניעות'דיקן שטערן־שימער; נאַכט־פינצטערניש אונטן באַ־פלעקט מיט בלוי־פאַרשלאָפענעם לאַמטערן־ליכט. די לאַמטערנס זיינען דאָ אַזעלכע באַשיידענע, איינגעהאַלטענע, באַליכטן יעדערער אַ ווינקל, אַ ראָג פון אַ גאַס, אַ שפּיץ פון אַ בוים, און גענוג. און די הייזער שטייען בהרחבה־

דיק, אָפּגערוקט פון גאַס און איינע פון דער אַנדערער, אַף הויכע, סאַמעט־גרינע לאַנען, יעדע אַליין אין איר גרין־באַשיצטער, טונקעלער איינזאַמקייט.

און דאָס ווינטל, אַן אויסגעצוואָגנס, אַן אָפּגעקילטס, שאַרט זיך דורך אין זיידענע נאַכט־פּאַנטאָפל. דאָ און דאָרטן שלאָפן אַן אַלטער און זיין אַלטע אין העמאַקן אַף אַ ווערענדע און שעפּן מיט אָפענע מיילער נײַ חיות אַף נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג... פּאָרט פאַרביי אַן אָטאָמאָביל און שניידט דורך די גאַס־טונקלקייט, אַ זיכערער, אַ פאַרכטלאָזער, — רוימט אים דאָס ווינטל איין אַ סוד: „ש־ש־שאַ! דרך־ארץ! די אַלטע שלאָפן...״

דאַכט זיך, אַז דאָס ווינטל האָט אַ לאַך געטאָן פון האַנטפּאַס׳ן. יאָ, עס דערקענט אים ניט היינטיקן אָוונט. ס׳האָט אים שוין איינגערוימט אַ „גוטן־אָוונט״ אין רעכטן אויער, און אין לינקן, און ער הערט ניט. אַ פרעמדער האַנטפּאַס. וואָס איז היינט מיט אים? פאַרליבט?... האַנטפּאַס פאַרליבט!... כי, כי, כי!...

דאָס ווייזט בלויז, אַז אַ ווינטל בלייבט אַ ווינטל. וואָס ווייסט אַ ווינטל וואָס עס טוט זיך בײַ אַ מענטשן אין האַרצן? האַנטפּאַס גייט עפּעס ניט מיט אַלעמען — באַלד פאַרליבט!... האָט עס טאַקע ניט געטראָפן...

האַנטפּאַס גייט און אין אים קאָכט דער פאַרדרוס. וואָס קען דאָס זיין דער צוועק פונעם היינטיקן מיטינג? פאַרוואָס זאָל שאַכער וויסן און ער ניט? הייסט עס, דאָס האָט היינט אינדערפרי שאַכער׳ן אַזוי הנאה געטאָן. מ׳העו! אודאי שאַכער׳ס אַ נייער זייפן־בלאָז... ער פאַרגינט אים די שמחה... ניש־קשה, מ׳עט נאָך זען.

3.

אַף דער צוועלפטער עווענױ שיינט דער דלות פון אַלע ווינקעלעך, גלאָצט מיט פאַרלאָשענע אויגן צו די אַרומיקע בהרחבה׳דיקע גאַסן, ווי אַ קרוב אַ שנאָרער, וואָס שטעלט אַרויס זיין גאַנץ ביסל נישטיקייט פאַר זיינע גע־הויבענע קרובים: „זעט ווי געפאַלן איך בין. גיט אַ נדבה.״

וויסטעניש. חורבות־הייזער. חורבות־קראָמען. לייכט זיך ערגעץ פון אַן איינזאַמען פענצטער, זעט מען סחורות, ווי רעשטלעך פון שריפות...

אינמיטן דעם דלות שטייט די פּראַגרעסיווע הויפּט־קוואַרטיר, תקיף בײַ זיך, גרויסט זיך מיט איר נײַקייט, מיט איר אייגענעם ליכטיקן לאָמטערן פון פאָרנט, און רייצט זיך מיט אירע שכנ׳טעס: ווער קען זיך צו איר גלייכן?

האַנטפּאַס שפּרייזט דורך דעם לאַנגן אַריינגאַנג־קאָרידאָר פון דער פּראָ־

גרעסיווער הויפּט־קוואַרטיר — מיט האַנטפּאַסישער זעלבסט־זיכערע. זאָלן אַלע זען: ער איז אַנטשלאָפן! פון דער לינקער זייט קאָרידאָר, אַ גלעזערנע טיר צו דעם שפּייז־און־זאָדע־וואַסער קרעמל, וואו ס׳זיצט די פּאַרעלטערטע צײַנלאָזע קרעמערקע, דרעמלט איבער אַ צעקנייטשטן „ניו יאָרקער קוריער״ מיט אַ צו־להכעיס־קללה אַף איר אויבערשטער פּאַרקרומטער ליפּ קעגן דער וועלט, וואָס פאַרגעסט און פאַרנאַכלעסיקט זי, ווי זי וואָלט גאָר ניט געלעבט. פון רעכטס אַ פינצטערע טיר צום אָפיס פון „קוריער״ — שאַכער׳ס אָפיס. האַנטפּאַס קוקט ניט רעכטס, ניט לינקס — ער איז אַנטשלאָפן.

ערשט באַם סוף קאָרידאָר, באַ דער ברייטער טאָפּעלער טיר, וואָס פירט אין גרויסן אָדיטאָריום, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. בעני דער דזשעניטאָר, מיט עלנבויגנס אָנגעשפּאַרט אָן ברעטל פון קאַסע־פענצטערל, מיט לאַנגע פיס געבויגן ווי דרעשהעלצער בעת׳ן דרעשן, האַלב־דרעמלענדיק, האַלב־פאַרטראַכט אין טיפע און פּאַטאַלע מחשבות, האָט אַ כאַפּ געטאָן זיין ברודנע־צעקנייטשט היטעלע, וואָס איז געלעגן אַף אַ זייט פון זיין לאַנג־שפּיציקן קאָפּ. אַ באַגריסונג־שמייכעלע האָט אַ קנייטש געטאָן בעני׳ס לאַנגע אויסגעקרימטע נאָז. ניט בייטנדיק זיין פּאָזיציע האָט ער אַ נויג געטאָן דעם קאָפּ, ווי ס׳געהער צו זיין; דאָס שמייכעלע האָט זיך אַרונטערגעגליטשט אַף זיינע פאַנאַנדער־געשפּרייטע אַש־קאָלירענע ליפּן, וועלכע האָבן איצט באַקומען דעם אָנבליק פון אַ פּאָר האַלבע אַשיקע בייגעלעך און זיין מינע האָט געזאָגט:

„פּאַרטיק, מיינס אָפּגעטאָן.״

אָבער ניין, נאָך ניט פאַרטיק. האַנטפּאַס האָט זיך צו אים געווענדט מיט אַ פראַגע. יאָ, צו בעני׳ן האָט ער זיך געווענדט, כאָטש געקוקט האָט ער אָן אַ זייט. אַזוי ווי איבער בעני׳ן און לעבן אים איז קיינער ניט געווען, האָט בעני פאַרשטאַנען, אַז מיט דער פראַגע: „האָט זיך שוין דער מיטינג אָנגעהויבן?״ מיינט מען טאַקע אים. האָט ער אַ הויב געטאָן די פּלייצעס, אַ קרים געטאָן ס׳פּנים און אַרויסגעברומט:

— כ׳וויים?

די צווייטע פראַגע איז שוין געווען אַ דעליקאַטערע: אפשר ווייסט ער, בעני, צו וואָס מען האָט גערופן דעם היינטיקן מיטינג? דאָס איז געפרעגט געוואָרן מיט אַ האַלבן שמיכל, ווי ער וואָלט בלויז געוואָלט אויספּרואוון צי בעני ווייסט.

— וואָס וויים איך! — האָט בעני די פראַגע אָפּגעשאָקלט פון זיך.

אַ מאָדנע זאַך. אַלע פרעגן אים היינט דיזעלביקע זאַך — קוואָרעס,

שנייד, אָראַנזשוו, און איצט האַנטפּאַס. וואָס ווייסט ער? ער ווייסט גאָרנישט. ער מישט זיך ניט. דאָס גלייכסטע איז זיך ניט מישן.

צו זיך אַליין, ווען האַנטפּאַס איז שוין ניט געווען, האָט בעני געזאָגט געהיימנישפול:

„ס'וועט זיך שוין היינט אָפּטאָן!... גרינגע קעפּ! אַ קאָמעדיע מיט זיי!" — און ער האָט אַ שפּיי געטאָן...

4.

אין דעם גערוימען ווייסן צימער אויפן צווייטן שטאָק, מיט צוויי גרויסע עלעקטרישע לאָמפּן, מיט פינף פענצטער צו דער גאַס און מיט פינף גרויסע איינגעראַמטע בילדער פון גרויסע מענער, צעהאַנגען אַ בילד איבער יעדן פענצטער (קאַרל מאַרקס, קראָפּאָטקין, טאָלסטאָי, דער זיידע מענדעלע, און דעבס צווישן זיי, ווי אַ נאַקעטער צווישן די גדולים מיט די בכבוד'יקע בערד) — דאָרט האָט זיך שוין געקאָכט.

— אָט זיינען מיר שוין אַלע דאָ, — האָט עמיצער אויסגערופן, ווען האַנטפּאַס איז אַריינגעקומען, — נאָר שאַבער לאָזט נאָך אַלץ וואַרטן אויף זיך.

— וואו איז שאַבער? — האָט מען זיך געווענדט צו פּיפּיק'ן, אַ נידעריקער און זשוואַווער, ברייט־פּלייציקער קאָסטאָמער־פּעדלער, שאַבער'ס נאָענטסטער פריינט.

וואָס מאָנט מען עפּעס בײַ אים? ער האָט שאַבער'ן ניט איינגעזאָלצן פאַר זיך. פון זיינעטוועגן קען מען אָנהויבן דעם מיטינג אָן שאַבער'ן.

בעקי שנייד האָט זיך צעלאַכט. ס'האָט איר דערמאָנט אַ שיינע מעשה: צו איר באָבעס חתונה האָט די פור מיטן חתן און חתנ'ס צד פאַרבלאָנדזשעט. מ'האָט געוואַרט און געוואַרט. ביז דער כלה'ס פאָטער, אַ שאַרפער חסיד, אַ ווערטל־זאָגער, האָט זיך אָנגערופן: „וואָס וואַרטן מיר? מיר האָבן דאָ אַלץ — די כלה מיט אַ חופה, קלעזמער, אַ בדחן, די גילדערנע יויך, פיש, און אַפילו אַ שלייער איז דאָ. נאָר דער חתן פעלט אונז. איז מה רעש? לאָמיר פאַרווען די התונה אָן דעם חתן..."

מ'האָט געלאַכט געדיכט און אומפּאַרטייאיש. אָן אויסנאַם איז געווען מיסטער שנייד: די מעשה האָט ער איר דערציילט, און ס'איז גאָר געווען מיט זיין באָבען...

מ'האָט זיך גענומען פילן אַ ביסל אומבאַקוועם: שאַבער איז ניטאָ, און

קיינער ווייסט ניט וואָס מען זיצט דאָ און מען וואַרט. האָט מען זיך צו־געזעצט צו פּיפּיק׳ן, שאַכער׳ס נאָענטסטן פריינט, ער זאָל זאָגן.

ער זאָל אַזוי וויסן פון שלעכטס, ווי ער ווייסט עפּעס וואָס צו זאָגן.

שייך ? ס׳לייגט זיך עפּעס ניט אַפן שכל, אַז ער, פּיפּיק, זאָל ניט וויסן.

— מאָדנע מענטשן ! איר פאַרגעסט, אַז איך בין פּיפּיק און שאַכער איז שאַכער — צוויי באַזונדערע מענטשן. און אַז שאַכער דערציילט מיר ניט — פון וואַנען זאָל איך וויסן ? אָט האָבן מיר נעכטן געשפּילט „פּויקער״, האָב איך געהאַט אַ „פלאַש״ און שאַכער „פיר מיידלעך״... נו, האָב איך זיך געזעגנט מיט אַ היפּשער סומע — געגנוג פאַר אַן אָרעמאַן אַף אַ וואָך חיונה... גלויבט מיר, ווען איך וויים שאַכער׳ס געדאַנקען, וואָלט איך זיכער אַזוי מיאוס ניט אַריינגעפאַלן...

— אַ שיינער משל ! אין קאָרטן און אין ליבע האַלט מען אַ סוד — אַפילו פון אַן אייגענער ווייב, — זאָגט אים שנייד.

— לאָמיר בעסער רעדן פון פיש כאַפּן, — שלאָגט פאָר פּיפּיק. ער זעט אין וואָסערע געפערלעכע ענינים ס׳הויבט אָן פאַרקריכן.

אָבער פּיפּיק האָט פאַרגעסן, אַז קוואָרעס איז דאָ. קוואָרעס לאָזט זיך ניט פאַרפירן אַף זייטיקע דרכים.

— ס׳איז אַ סקאַנדאַל ! — האָט ער אָנגעהויבן, און באַלד האָבן זיך בייזע ווערטער געגומען זייען דורך לאַנגע אָנגעכמורעטע ברעמען. — ס׳איז אַ סקאַנדאַל ! מען רופט מענטשן און מען לאָזט אַזוי לאַנג וואַרטן אַף זיך, ווען זיי וויסן אַפילו ניט, צו וואָס מען האָט זיי גערופן ! — ער וואָלט געזאָגט, אַז מען זאָל אַהיים גיין און לאָזן שאַכער׳ן פאַרהאַנדלען זיינע סודות מיט זיך אַליין. האַנטפּאַס איז איינשטימיק מיט קוואָרעס׳ן. ער נעמט אַרויס זיין זייגער, גיט אַ קוק און פאַרקלערט זיך ; ער וועט וואַרטן נאָך פופצן מינוט, ניט מער. קיין סעקונדע ניט מער.

אַ גליק, וואָס שאַכער איז אַריינגעקומען איידער די פופצן מינוט זיינען פאַריבער. ניט אַליין איז שאַכער געקומען, נאָר מיט אַן איבעררראַשונג, ווי זיין שטייגער. דאָס מאָל איז עס געווען מיסטער גאָלד, דער קצב, אויך אַ פּראָגרעסיווער מענטש, און זיין פרוי, די קצב׳טע. דער גאַנצער עולם איז באַלד אָנגעשפּיצט געוואָרן. מ׳האָט זיך אָנגעהויבן אַף עפּעס כאַפּן. די אַטמאָספערע איז פול געוואָרן מיט דעם ריח פון בשר כשר...

— האַ ! וואָס האָב איך געזאָגט ! — האָט בלאַזין אויסגערופן, אינגאַנצן אַ שמייכלענדיקער פון התלהבות. וואָס בלאַזין האָט געזאָגט, האָט

קיינער ניט געוואוסט. מ'האָט אים גאָר פריער ניט באַמערקט. בלאָזין גאָרט זיך קיינמאָל ניט אין שאַכער'ן.

„שאַכער איז אַל־ר־רייט!!!" — טראַכט ער מיט דריי אויסרופצייכנס.

„מ'קען זיך אַף אים פאַרלאָזן!"

.5

קוואָרעס — ער איז פּאַרזיצער — האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן האַמער און אויפגעהויבן זיינע גערדיכטע ארונטערגעלאָזענע ברעמען. ווי אַ שטראָם, ווען אַ שליוז ווערט געעפנט, אַזוי האָט זיך אָן אָנגעכמורעטקייט, אַ טיפע, אַ שווערע און אַ צונויפגעפּרעסטע, באַפרייט פון זיינע פאַרטונקלטע, טאַף אַריינגעזעצטע אויגן און אָנגעפילט דעם זאַל. אַלע זיינען געוואָרן ערנסט. שטיל. מ'איז גרייט צום עסק.

שאַכער האָט דאָס וואָרט. קוואָרעס קוקט אַוועק אָן אַ זייט. האַנטפּאַס בייסט זיינע נעגל. אויערן אָנגעשטעלט אַף הערן. שאַכער דונערט אין דער אָנגעשפּיצטקייט אריין:

— יאָ, מיר זיינען פּראָגרעסיווע מענטשן, זיינען מיר. אָבער מיר דרייען זיך אַרום דער אייגענער הויפּט־קוואַרטיר און מיר ווייסן גאָרניט וואָס ס'טוט זיך אינדרויסן.

— מיינע פריינט! די פינצטערניש האָט איצט באַ אונז אין וואָטערטאַון אָרגאַניזירט אירע כחות, פּונקט ווי אין די אַלטע צייטן. די פינצטערניש ווערט באַ אונז אַלץ העזה'דיקער, חוצפּה'דיקער. זי קלייבט זיך איצט פאַרשפּרייטן איר פינצטערע ממשלה ניט נאָר איבער די מוחות, נאָר אויך איבער די קעשענעס פון דעם אָרעמען פאָלק.

— מיינע פריינט! לאָמיר אייך דערציילן וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך. אונזער ראַביי מאַרגאָלים און די כלי־קודש פון וואָטערטאַון האָבן זיך פאַראייניקט אין אַ פינצטערן פאַרבאַנד מיט די אַגענטן פון פליישֿ־טראָסט און זיי האָבן באַשלאָסן איינצופירן אַ טאַקסע אַף פלייש, ווי אין די אַלטע גוטע צייטן פון אונזער זיידן רב מענדעלע (אָנצייגנדיק מיט אַ דראַמאַטישן זשעסט אַף דעם בילד פונעם זיידן). דעם לעצטן ביסן פלייש ווילן זיי אַרויסרייסן פון די מיילער פון אונזערע אָרעמע ברידער!

— מיינע פריינט! לאָמיך אייך אויסזאָגן, אַז די טאַקסע וואָלט שוין היינט געווען איינגעפירט, ווען ניט אונזער ברודער גאָלד, וועלכער האָט באַשלאָסן צו קעמפן קעגן דער פינצטערער קליקע, אַפילו ס'זאָל אים אויסקומען

צו פאַרלירן זיין פּרנסה. אונזער ברודער גאָלד וועט באַלד נעמען דאָס וואָרט און ער וועט דערציילן וועגן זייערע פינצטערע מאַכינאַציעס. איר וועט דאָן הערן, אַף וואָס אונזערע הייליקע רבנים און כלי־קודש זיינען פייאיק.

— מיר טאָרן ניט שווייגן, מיינע פריינט! אַלע פּראָגרעסיווע מענטשן מוזן זיך אַריינוואַרפן אין קאַמף און ניט לאָזן אונזער ברודער גאָלד אַליין!

— ס'איז לייכט צו זאָגן, מ'איז פּראָגרעסיווע מענטשן, אָבער מיינע פריינט, ס'איז געקומען דער מאָמענט (ס'איז אים געקומען אַפן זינען אַ פראַזע, וואָס ער האָט אַמאָל געהערט פון אַ מלחמה־רעליף רעדנער), ווען מיר זיינען געשטעלט געוואָרן אַפן פּרוביר־שטיין! וועלן מיר אויסהאַלטן די פּראָבע? וועלן מיר זיין געטריי צו אונזערע פּראָגרעסיווע אידעאַלן? —

שאַכער האָט געענדיקט און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן אַפּלאָדיסמענטן. בלאָזין האָט אַפּלאָדירט מער פון אַלעמען. און די אַלמנה קליין, אַ פאַר־מאַרעטע אידענע, האָט אויך ניט געזשאַלעוועט די הענט. אַפילו דער אומ־פּאַרטייאישער זאַוול האָט דאָס־מאָל, אוים פּראָטעסט קעגן דער פּאַרטייאישער קאַלטקייט פון קוואָרעס'ן און די לינקע, אַפּלאָדירט מיט אַלע כחות. און האַנטפאַס? וואָס טוט זיך מיט האַנטפאַס'ן? האַלט ער שוין אויך מיט קוואָרעס'עם חברה? איז ער אויך געוואָרן אַ לינקער? האַ! זייער, זייער פאַרדעכטיק.

דאָס וואָרט האָט דער פּראָגרעסיווער קצב גאָלד, אַ קורצער, פלאַכפּיסיקער מענטשל מיט אַ גרויסן קאָפּ געדיכטע שוואַרצע האָר, שוואַרצע וואָנצעס און אַ ברייטן עקשנות'דיקן פּנים. אינטים, ווי אַן אייגענער צו אייגענע, און מיט אַ לייכטן ציטער אין זיין שטימע, האָט ער דערציילט וועגן דעם יד־אחת מיטן פליש־טראַסט צו העכערן דעם פּרייז פון פליש; וועגן געהיימע באַראַטונגען; וועגן דעם רב'ס סטראַשונקעס; וועגן זיין, גאָלד'ס, פעסטקייט און אומ־דערשראָקנקייט. ער האָט באַשלאָסן אַרויסצוגיין אין קאַמף קעגן דער פליש־טאַקסע. ער וועט קריגן פליש פון דעם אומאָפּהענגיקן שלאַכט־הויז אין היל־סיטי מיטן הכשר פון דעם היל־סיטי'ער רב, ראַבײַ קראַוועץ. ער פאַרלאַנגט, אַז די פּראָגרעסיווע געזעלשאַפט זאָל אים העלפן אין קאַמף. קיין געלט פאַר־לאַנגט ער ניט. דאָס היל־סיטי'ער שלאַכט־הויז וועט שוין געבן. ער וויל אָבער מאָראַלישע הילף, און ער האָפט אַז ער וועט עס קריגן.

ער האָט ניט געקוקט אַף די פאַרזאַמלטע, דער קצב גאָלד, ווען ער האָט גערעדט, נאָר אין פענצטער, אין איין באַשטימטן פענצטער, און אַף זיך, אַף זיינע פלאַכע, עטוואָס קרומלעכע פיס; אין פענצטער און אַף זיך, פונקט ווי ער וואָלט דורכן פענצטער געזען אַ שונא, וואָס לויערט דאָרט אַף אים

פון דרויסן, און ער וואָלט דאָ פאַרמאָסטן זיין אייגענע גבורה מיט דעם שונא׳ס... שטיל, ווי צו זיך אַליין, האָט ער גערעדט. ס׳האָט גערירט. מ׳האָט געזען, אַז ער רעדט פון האַרצן. און פאַרוואָס זאָל מען ניט העלפן אַן אייגענעם מענטשן, אַ פּראָגרעסיוון, וואָס איז געטריי דעם אָרעמען פאָלק? עפּעס דאַרף געטאָן ווערן. אָן ספק.

אָבער קוואָרעס איז פון שטאָל און פון אייזן. אפילו האַנטפּאַס איז גערירט. ער איז שוין מער ניט אַזוי אַנטשלאָסן ווי געווען. נאָך אַלעמען, וואָס איז גאָלד, דער קצב, שולדיק? אים מוז מען אָן ספק העלפן אין זיין קאַמף קעגן דער פלייש־טאַקסע. מיט שאַכער׳ן וועט ער זיך שוין אַן אַנדערש מאָל אָפּרעכענען. אַזוי טראַכט איצט האַנטפּאַס. אָבער ניט אַזוי פּילט, ווייזט אויס, קוואָרעס. ס׳האָט אים אַף קיין האָר ניט גערירט. אַ פאַרהאַרטעוועטער מענטש.

קוואָרעס מאָנט פּרינציפּן. האָט מען פּרינציפּן, אָדער מ׳האָט ניט? אודאי האָט מען, איאָ? טאָ וואו זיינען זיי? ניט אַנדערש, מ׳האָט זיי באַהאַלטן אין אַ שיין פּושקעלע, ווי מען באַהאַלט אַלטע צירונג פון אַן אַמאָליקער חתונה, בלויז אַף צו באַרימען זיך מיט דעם פאַר געסט.

ער האָט גאָרניט קעגן גאָלד׳ן. אַ וואָוילער מענטש גאָלד, אַ פּראָגרע־סיווער. אָבער ווי קענען מיר זיך מישן אין כשר און טריף, אין אַ קאַמף צווישן רבנים און שוחטים, צווישן דעם היל־סיטי׳ער שלאַכט־הויז און דעם פלייש־טראַסט? איז דאָס ניט קעגן די פּראָגרעסיווע פּרינציפּן? אַזוי פיל יאָרן געשטאַנען אין אַ פּראָגרעסיווער באַוועגונג, געהאַט אַזעלכע טייערע לערער, וועלכע האָבן אונז געעפנט די אויגן מיט זייערע לערעס (ציינט אָן מיט איין זשעסט אַף אַלע פינף בילדער מיטאמאָל) — זאָלן מיר זיי איצט פאַרראַטן?

— זאָל זיך גאָלד פירן דעם קאַמף. זאָל אים יעדערער העלפן פאַר זיך. אָבער די פּראָגרעסיווע געזעלשאַפט טאָר זיך ניט מישן. לאָמיר האַלטן הייליק די פּראָגרעסיווע פּרינציפּן! לאָמיר ווייטער טראָגן די פּראָגרעסיווע פאָן הויך און אומבאַפלעקט! —

בעת קוואָרעס האָט גערעדט, האָט שאַכער אָנגעשטעלט זיינע אויגן אַף ערגעץ אין חלל פון צימער און — ווי ער וואָלט געוואָלט אָפּשלאָגן קוואָרעס׳עס ווערטער אין דער לייִדיקער לופט, איידער זיי מאַכן אַן עפּעקט אַף די צו־הערער — באַלד גענומען שיסן געשפּיצטע בליציקע בליקן אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, ווי אַ ליכטוואַרפער און אַ קוילנוואַרפער, וואָס אַרבעטן צוזאַמען אין אַ נערוועזער מלחמה־נאַכט... דערביי האָט שאַכער געביסן די

ליפּן : די אויבערשטע ליפּ איינגעביסן, די אונטערשטע ארויסגעשטעקט ווייט פאָראויס, ווי ער וואָלט געפּרואווט האַלטן זיינע עמאָציעס אין שפּאַן. באַלד האָט אָבער פון אים געגומען ארויסברויזן אַ געמורמל : „פּרינציפּן ! פּרינ־ציפּן ! מיר'ן אייך געבן פּרינציפּן !" דאָס האָט ער ניט גערעדט צו קיינעם. דאָס איז בלויז אַ סיגנאַל אַזאַ צווישן אים מיט עפּעס, וואָס ער זעט אין חלל פון צימער...

זיינען געפלויגן בליקן וואָרנענדיקע, אָנגעגליטע, היים־אָנגעלאָדענע אנט־קעגן שאַכער'ן. האָבן זיך געטראָפן אין דער לופטן בליקן מיט בליקן, זיך צוזאַמענגעשטויסן — און אַטמאָספּעריש געפּעכט...

קוואָרעס האָט געענדיקט — אַן איינגעגעסענער, אַן אומגעבויגענער, אַ טורעם פון עקשנות...

איצט האָט שאַכער אויסגעפּלאַצט :

— קוקט זיי אָן, די רעוואָלוציאָנערן ! פּרינציפּן ! גיט זיי פּרינציפּן ! פּרינציפּן גיט זיי, די סקעבס ! ! אַגענטן ! !

ס'האָט זיך אָנגעהויבן די שלאַכט. אַלע האָבן זיך מיטאַמאָל געשטעלט אַף די פיס. ווערטער זיינען געפלויגן אַנטקעגן שאַכערן :

— שאַכער־מאַכער ! געלער עיפוש !

אַלע האָבן אויפגעצאַפּלט. אַלע האָבן געשריען. אַ כמאַרע פון ווערטער־גיפטן האָט אָנגעפילט די לופט, און מען האָט שוין ניט געוואוסט ווער עס זידלט ווּעמען. מיטאַמאָל האָט געפּלאַצט אַ באָמבע :

— וואו איז דיין ערשטע פרוי ?! וואו איז איר קינד ?!

דאָס האָט מיסעס גאָלד, די קצב'טע, אויסגעשריען אַף אַ הויך־אָנגע־צויגענעם, הויל־קוויטשיקן קול גלייך אַף קוואָרעס'ן.

האַנטפּאַס האָט מער ניט געקענט אויסהאַלטן און ער האָט פאַרלאָזט דעם צימער מיט אַ שפּיי. נאָר קוואָרעס שטייט אַלץ אַף זיין פּאָרזיצער־פּלאַץ, אָנגעכמורעט, אומגערירט, ווי אַ געטרייער סאָלדאַט אַף זיין פּאָסטן — אַן איינגעגעסענער, אַן אומבויגזאַמער, אַ טורעם פון עקשנות...

6.

אין דרויסן, עטוואָס אָפּגעפרישט אין דער אָוונט־קילקייט, האָט זיך האַנטפּאַס אָפּגעשטעלט. פון די אָפענע פענצטער פון צוויטן שטאָק האָט זיך געטראָגן אַ מין ווילדער מיש־מאַש פון געשריי, געקוויטשעריי, גע־יאָמער, ווי פון אַ צעבונטעוועטן משוגעים־הויז. פאַרבייגייער און אַטאָמאָבילן האָבן זיך

אָפּגעשטעלט. מענטשן זיינען אַ ווײלע געשטאַנען, געקוועטשט מיט די פּלייצעס און אַוועק זייער וועג.

— מ'דאַרף רופן די פּאָליציי, — האָט זיך עמיצער אָנגערופן.

האַנטפּאַס'ן האָט עס אַ ברען געטאָן אין האַרצן: „אַ שאַנד און אַ שמאַך!" ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט מיט ביטול, צו ווייזן, אַז ער איז ניט איינער פון יענע, און אַ געשריי געטאָן:

— רופט ניט קיין פּאָליציי. זאָלן זיי זיך דאָרט די קעפּ אָפּדרייען.

ווי אַ שווערער שטיין וואָלט אַ פאַל געטאָן, האָט פּלוצלונג אַ זעץ געטאָן קוואָרעס'עס אויפגעצאַרנטער האַמער; אַ צווייטער, אַ דריטער. געשלאָסן דער מיטינג. דער אַלגעמיינער טומל האָט זיך געשפּאָלטן אין אַ סך טיילן. פאַריבער. דאַנקען גאָט! טירן האָבן זיך גענומען עפענען. טריט אין קאָרי־דאָר. האַנטפּאַס גייט אַהיים מיט אַ שווער געמיט.

יאָ, אַ שיינער תכלית געוואָרן פון דער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפט! אך! ניטאָ די אַמאָליקע צייטן... טייערע צייטן געווען... ס'קומט אָפן זיינען שאַכער'ס חתונה. אָט מיט צוועלף, דרייצן יאָר צוריק. ס'געדענקט זיך אַזוי קלאָר, ווי נעכטן וואָלט עס געווען. אַלע פּאַראייניקט, טאַקע ווי ברידער. קוואָרעס האָט געהוליעט מער פון אַלע. אַ לעב־יונג געווען. אַ טייערער בחור. און שאַכער'ס רעדע. זיין שבועה צו דינען געטריי די פּראָגרעסיווע אידעאַלן פון „פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט". מ'האָט געהאַט צוטרוי איינער צום אַנדערן; מ'האָט זיך פאַרשטאַנען; מ'האָט זיך ליב געהאַט. און היינט. אַ שיינער פּראָגרעס! ווי אַ בייזער רוח וואָלט זיך אַריינגעכאַפּט אין די מענטשן. ניט צו פאַרשטיין. ניט צו פאַרשטיין.

קוואָרעס איז פאַרביי־געגאַנגען מיט ניט־געאיילטע, פעסטע, געמאָסטענע טריט. קיין קער זיך ניט געטאָן אין האַנטפּאַס'עס זייט. ווי ער וואָלט אים ניט דערקענט און ניט געוואָלט דערקענען. ניט דער זעלביקער קוואָרעס פון אַמאָל. אַן אַנדערער, אַ פרעמדער...

ניט אַנדערש, אַ רוח האָט זיך אַריינגעכאַפּט. אַן עפּידעמיע. פון די גרויסע שטעט איז דאָס אָנגעקומען. האַנטפּאַס וואָלט געלאָזט די גרויסע שטעט דעם גאַנצן פאַרגעניגן. זאָלן זיי זיך דאָרט רייסן פאַר די נעזער. וואָס האָט עס צו טאָן מיט וואָטערטאַון? וואָס פאַר אַ זין האָט עס? אַן אומזין. אַן אומזין.

מיסעס האַנטפּאַס מיט די געסט זיינען געזעסן אויף דער פראָנט־וועראַנדע, וואַרטנדיק אויף אים, אין ווייכע שטולן, אין העמאַקס, און אין שטילקייט

פּאַרזונקען. אַ טיף־אויסגעווייכטער שטול האָט אַף אים געוואַרט. ער האָט זיך אין אים אַריינגעזעצט, און די זיסע שטילקייט האָט אים אַרומגענומען, געגלעט, געטרייסט, געקילט... מיסעס האַנטפּאַס האָט אים אַרויסגעבראַכט אַ גלאָז קאַלטע לימאָנאַדע.

— נו, וואָס האָסטו עפּעס אויפגעטאָן? — האָט זי אַ פרעג געטאָן, זיך איבערבויגנדיק איבער אים מיט איר ווייכן, פאַרשפּרעכנדיקן און באַרואיקנ־דיקן קערפּער.

— מענטשן זיינען פון זינען אַראָפּ... פון זינען...

וואָס מער קען ער זאָגן? ער האָט זיך אינגאַנצן איינגעוויקלט אין דער שווייגנדיקער שטילקייט, וואָס האָט זיך ליב און לאַשטשענדיק געוויגט אין דער קילער טונקלקייט פון זיין פראָנט־ווערענדע...

קאַפּיטל III

פּ ל ע ז ש ו ר

.1

מודעות... מודעות... אַפּישן... אויפרופן... די צוועלפטע עוועניו איז פול מיט זיי. פון שוי־פענצטער פאַרשימלטע, פון ווענט פאַרראָסטעטע, פון הויכע האַלב־חרוב׳ע פּלויטן שרייען זיי מיט שוואַרצע ווערטער פון ווייסן, גרינעם, בלויען פּאַפּיר — בלעטלעך גרייז־גראָע, פּאַרטריקנטע, פּאַרוויאַנעטע, פאַרשרומפּענע.

מודעות. קול־קורא׳ס. אזהרות.

„היות און באשר־בכן... בעונותינו הרבים... מאכיל טרפות... הפקר... פורק על... זהיר וזהיר... נשמות אין גרוים סכנה... די איינציקע שמירה — דער הכשר פון הרב מאַרגאָלים שליט״א... ובזכות זה... במהרה בימינו״...

„קצבים גאָלד, בורדיוק און פוזיק... בשר כשר... הכשר פון הרב הגאון המפורסם מאור הגולה מהור״ר קראַוועץ שליט״א, פון היל סיטי... כשר בתכלית הכשרות... אפליו למהדרין מן המהדרין... פולשטענדיק גאַראַנ־טירט״...

אויפרוף — „הרב מאַרגאָלים מיט זיין ועד־הכשרות אין יד־אחת מיטן פליש־טראָסט. האָבן איינגעפירט טאַקסע און באַרייסן די אָרעמע שוועסטער און ברידער. על־כן קויפט בא גאָלד... מיטן הכשר פון הרב, א. אז. וו. קראַוועץ. מיט צען סענט ביליקער אַפּן פונט...״

קול־קורא — „שוועסטער און ברידער! די פושעי־ישראל און פורקי־עול פון דעם הפקר־הויז אַף דער צוועלפטער עוועניו, די לית־דין ולית־דינ׳יקעס ווילן אומברענגען אידישקייט... ראַטעוועט די תורה הקדושה!... זייט ניט מפקיר די נשמות איבער עטלעכע סענט...״

קעמפן שמות־בלעטלעך קעגן שמות־בלעטלעך; פּאַרשוואַרצטע וויט־רינעס מיט פּאַרפוילטע עפּל קעגן פאַרפינצטערטע וויטרינעס מיט פּאַר־

רויכערט און פאַרראָסטעט אַלטוואַרג; חורבה־וואַנט קעגן חורבה־פּלויט; שוואַרצע ווערטער אַף וויס פּאַפּיר קעגן שוואַרצע ווערטער אַף גרין, געל און בלוי פּאַפּיר — אַ קאַמף אַף לעבן און טויט.

אַ גרויסער טאָג היינט בא שאַכער'ן! שאַכער שלאָפט ניט. שוין געווען דאָ און דאָרט; געזען דעם און יענעם; געטאָן דאָס און יענץ. און ווילט איר מיט אים אַ רעד טאָן וועגן דער אידישער טעאַטער־טרופּע אָדער פּראָגרעסיוון גדול, וואָס ער ברענגט אַראָפּ קיין וואַטערטאָון — אָדער אַפילו איר זאָלט מיט אים ווען כאַפּן אַ שמועס מכוח די פאַרדאַמטע לינקע — לייגט עס אָפּ אַף אַן אַנדערש מאָל... ניט היינט, ניט היינט!... דער קאַמף ברענט בא אים נאָך אַלץ אַף די הענט... ער האָט נאָך הונדערט קלייניקייטן צו באַזאָרגן. אַלץ מוז באַזאָרגט ווערן, און אויב ניט ער — ווער דען? דאַרף מען אַ קאַמף — פאַרלאָזט זיך אַף שאַכער'ן...

שוין באַזאָרגט די גרויסע אַנטי־קאָראָבקע פּלאַקאַטן מיט דער פּיקטשור פון הרב הגאון קראַוועץ פון היל־סיטי. אַפילו ניט אַזאַ שיינער רבנישער נאָמען, ווי מאַרגאָליס, און די באָרד אויך ניט אַזוי שיין, דערפאַר איז ער אָבער ניט האָרבאַטע ווי דער רב מאַרגאָליס. און דער ברייטער שטערן אונטער דער יאַרמולקע מיט די אמת־רבנישע, טיפע תורה־קנייטשן איז גאָר אַ פּראַכט. אַט האָט שוין בעני דער דזשעניטאָר זיי אומעטום אויסגעקלעפּט. אַ טייערער שליח, בעני. מען דאַרף אים נאָר גוט אַ בעט טאָן.

שטייען אידן, באַטראַכטן די „פּיקטשור" פון הרב קראַוועץ און קוועטשן מיט די פּלייצעס: אַמעריקע! פּיקטשורס פון רבנים אַף די ווענט! און תוך כדי דיבור:

— ער זעט פונדעסטוועגן אויס צו זיין אַ בן־תורה, מען קען ניט זאָגן. דאָך קומט ער ניט צו אונזער רבי מאַרגאָליס...

שאַכער'ס גרעסטער אויפטו איז דער גרויסער פאָלקס־מיטינג, וואָס ווערט גערופן די וואָך אין דער פּראָגרעסיווער הויפּט־קוואַרטיר. דאָס גאַנצע פאָלק ווערט גערופן, פּראָגרעסיווע און אָרטאָדאָקסן. די רעדנער וועלן זיין אַ שול־פּרעזידענט פון היל־סיטי, אַ פליייש־קאָמישאָנער און אַנדערע שיינע אידן. ראַביי קראַוועץ וויל ניט קומען, אָבער מען וועט בא אים פועל'ן. ראַביי מאַרגאָליס האָט שוין צוגעשטימט צו קומען פון דעם אַנדערן צד. זאָל דאָס פאָלק אויסהערן ביידע צדדים און באַשטימען...

דאָס איז אַ גרויסער אויפטו. שאַכער שיינט און שטראַלט אין דער כמורנעקייט פונעם טאָג.

2.

נאָכמיטאָג האָט שאַכער טעלעפאָנירט און אָנגעזאָגט רייזלען, אַז ער וועט זיין אין דער היים פּונקט זעקס אַזייגער צו סאַפּער. עס טרעפט זייער זעלטן, אַז שאַכער זאָל זיין אין דער היים צום עסן. איז עס בא רייזלען אַ יום־טוב. היינט איז לואי'ן מסתמא גוט אַפּן מאַרק; ווערט איר אויך גוט. און אפשר — ווער ווייסט? אפשר וויל ער היינט טיילן זיין שמחה מיט איר? שוין לאַנג אָפּגעוואוינט פון אַזוינע זאַכן.

רייזל קען ניט מיטשפּייזן אין שאַכער'ס געזעלשאַפטלעכן ווירוואַר. זי פּרוּווט, נאָר זי בלייבט כסדר פון הינטן, פאַרגעסן, אַפּילו פון זיך אַליין, אָפּ־געלאָזן און גלייכגילטיק, אַפּילו צו זיך אַליין. וויל זי עפּעס? זי ווייסט אַליין ניט; זי האָט שוין אפשר פאַרגעסן צו וועלן. און וואָס איז די פּעולה פון וועלן, אַז ער האָט אַפּילו קיין צייט ניט צו הערן וואָס זי וויל?

דער טאָג איז היינט אַזוי כמורנע, און אַפּן מאַרק איז אויך מוטנע, און ס'נאָגט. גייט זי אַריין אין דעם נאַש־קרעמל און זעצט זיך אַוועק מיט אַ גענעץ און מיט דער האַנט צום מויל, ווי זי וואָלט דעם גענעץ וועלן צוריקשטופּן אין האַלז אַריין. ווייסט שוין די קרעמערקע, וואָס זי וויל, און דערלאַנגט איר אייז־קרים מיט אַ שטיקל שאָקאָלאַד צו פאַרבייסן. אַ שפּאָגל־נייער סאָרט שאָקאָלאַד מיט פּרוכט און צעמאָלענע ניס. עסט זי דאָס לאַנגזאַם און מיט אַלע חושים, און באַוואונדערט דער קרעמערקע'ס געשמאַק. זי ווייסט וואָס דאָס מיינט. זי האָט אויך אַמאָל אַזאַ קרעמל געהאַט. איז אַלץ, וואָס זי האָט געקויפט, געווען פּאַרוויאַנעט, אָן טעם. אַך, איז דאָס סחורה! ווען זי שעמט זיך ניט, וואָלט זי גענומען נאָך אַ שטיקל שאָקאָלאַד. און אפשר? וואָס איז דאָ פאַראַן צו שעמען זיך? זי וועט נעמען.

בלייבט אַ פּריקרע־זיסער טעם אין מויל, און אין האַרץ דאָס נאָגעניש. נו, און וואָס איצט? אַרויפגיין אין הויז? איז אַלץ צעוואָרפן, ניט אין אָרדענונג, די בעטן ניט פאַרבעט. ווער קען דאָס אַזוי אַף אַלץ אויפפּאַסן? די עלטערע מיידל, אסתר, וועט קומען פון היי־סקול, וועט זי זי בעטן אַ ביסל אויפראַמען. זי ווייסט אָבער פריער, אַז יענע וועט עס ניט טאָן. יענע האָט אַ בוך צו ענדיקן, און די סאַפּע איז וווייך. — אַ, אַ, אַ! — ווידער אַ גענעץ דערשטיקט. יאָ, מ'דאַרף עפּעס אַ טראַכט טאָן. פון וואָס? פון סאַפּער? ביז סאַפּער איז נאָך ווייט און זי'ט נאָך צייט האָבן דערפון צו טראַכטן. בלייבט זי זיצן אַ פאַרמאַטערטע פון טראַכטן וואָס צו טראַכטן, און טראַכט גאָרניט...

איז אַ מחיה אַזוי צו זיצן מיט די אויגן אַנטקעגן דעם דרויסן דעם כמור־נעם, דעם מוטנעם און קאַלירלאָזן. פון אַזעלכן קומט גאַרניט אין דיר אַריינ־צודרינגען, צו שטערן דיין רו... ביז ס'הייבט אָן צו גיסן און גיסן מיט ענד־לאָזע וואַסער־שנירלעך. דערמאָנט זי זיך, אַז מען מוז זיך פּאַרט אויפהויבן, אין הויז אַרויפגיין.

און איצט איז געקומען די בשורה דורכן טעלעפאָן. זי קען שאַכער'ן. ווייסט זי: אַלץ גייט כשורה; אַלץ באַזאָרגט; די פּלענער — פּאַרטיק; דער זיג — זיכער. דערוואַרט זי פון אים אַ פריינטלעכן בליק, אפשר אַ ביסל צערטלעכקייט אויך. זי וועט מיט אים קענען אַ רעד טאָן וועגן זאַכן, וועלכע זיינען שוין לאַנג, לאַנג אַנגעוווייטיקט אַף איר האַרצן. שטראַלט אין איר אויף אַ בליאַסק פון איר שאַכער'ס ענערגיע, און אין איר טוט זיך עפּעס אַ ריר. אַ, ס'איז דאָ אַזויפיל אַרבעט! אין הויז איז טאַקע אַ חשכות, ניט אַריינצוגיין. טוט זי זיך אַ נעם מיט אָנגעשטרענגטן פליים אויפראַמען, צו־גלעטן, איינשטעלן. און זי מאַכט אָפּ באַ זיך, אַז פון היינט אָן וועט מען דאַרפן טאָן אַזוי אַלע אינדערפרי. ס'איז טאַקע גרינגער אַפן האַרצן, אַז די אַרבעט איז אָפּגעטאָן.

יאָ, היינט וועט זי טאַקע אַ שמועס טאָן מיט לואי'ן מכוח דעם, וואָס זי האָט ניט קיין רעכט קליידל אָנצוטאָן, קיין לייטישע הוט. ס'איז דאָ אַף אַלץ, וועט זיין אַף דעם אויך. פאַרוואָס זאָל זי אַלעמאָל זיין די לעצטע? נאַטירלעך, זי וועט רעדן מיט אים מיט גוטן. זי וועט אים געבן צו פאַרשטיין. און איצט דאַרף מען נאָך סאַפּער צוגרייטן. זי וועט היינט מאַכן אַ יאָנטעווו־דיקן סאַפּער. זי ווייסט שוין וואָס צו מאַכן. גאַרניט די זעלבע רייזל!

איינגעקויפט. געמאַכט. דעם טיש מיט אַ ווייסן טישטוך פאַרשפּרייט. ניין, אַף דעם איז דאָ אַ קליינער פלעק באַם ברעג. געלייגט דעם ריינסטן, דעם נייסטן. געגרייט צום טיש. די הייך־סקול טאָכטער אסתּר איז אַזוי באַהילפיק. אַ טייער מיידל. נאָר דער זיבן־יאָריקער פרעד איז אומגעדולדיק. ס'האָט אים פאַרשמעקט און ער וויל שוין עסן. וועט זי אים נאָכגעבן? ניין. זי גיט אים צו פאַרשטיין, אַז ער מוז וואַרטן ביז זעקס אַזייגער, ווען פּאַפּאַ וועט קומען. פרעד פאַרשטייט. ער וויל אָבער אַלע דריי מינוט וויסן, צי ס'איז שוין זעקס, און ווי לאַנג ס'איז נאָך צו זעקס. זי וואָלט אַליין אויך וועלן וויסן ווי לאַנג... און מאַמע און קינד ציילן די מינוטן...

זעקס אַזייגער... און דערנאָך ציען זיך מינוטן לאַנגע, שווערע... פּופצן מינוט נאָך זעקס... זי זעצט זיך אַוועק אַף דער סאָפע אַ דערשעפּטע, מיט אויגן פאַרגלעזטע. פרעד קען שוין מער ניט וואַרטן.

— אסתר, גיב אים שוין אָפּצועסן, דעם קליינעם פּרעסער!

די צען־יאָריקע בעלאַ וויל אויך ניט וואַרטן. — זאָל זי שוין אויך אָפּעסן. און עס ציען זיך ווייטער מינוטן לאַנגע, פויזענדיקע און בייסנדיקע, ווי שלאַנגען...

נאָר ווען שאַכער איז אין הויז אַריין צוזאַמען מיט עוזר כאַרט — אַ פּראָסטער בעל־מלאכה, וואָס וואַשט שאַכער'ס פּיס און שטויבט זיך אין זייער שטויב — און אַריינגעבראַכט מיט זיך זיין באַוועגלעכקייט און טומל־דיקייט, האָט זי אַלץ פאַרגעסן: אירע טענות, איר אַנטוישונג, זיך אַליין. אָט ווי שאַכער וואָלט איר „איך" אַרויסגעשטויסן פון איר און אַליין ברייטלעך דעם פּלאַץ פאַרנומען. ניטאָ איצט אין איר קיין פּלאַץ פאַר נאָך עפּעס אויסער שאַכער'ן.

— ביסט אודאי שוין הונגעריק, לואי.

— אַ, ניין! נישט נאָכן מיטאָג, וואָס מיר האָבן היינט געגעסן! כאַ, כאַ!... ניט אמת, כאַרט?...

— וואָדען? אַז עסן זאָל זיין אין מויל געגומען, ווי רש"י מאַכט, — זאָגט כאַרט מיט אַ פאַרוואָסערטן וואונק צו שאַכער'ן, צופרידן וואָס ער קען אויך אַמאָל אַריינוואַרפן אַ וואָרט פון די שוואַרצע פּינטעלעך, ניט קיין באַלמעלאָכיש.

איז וואָס האָט דאָ רייזל נתפּעל צו ווערן? אודאי דאַרף ער עסן. ווי דען? ער זאָל הונגערן? איר פאַרדריסט אָבער פאַר איר סאָפּער, וואָס זי האָט צוגעגרייט. ער האָט איצט פאַרלאָרן יעדן ווערט אין אירע אויגן. אַזויפיל אַרבעט און פרייד אַריינגעלייגט אין אָן אָרעמען, נישטיקן, וואָכעדיקן סאָפּער. ס'ווילט זיך וויינען.

באָם עסן רעדט שאַכער. אַלץ אַזעלכע פרײלעכע זאַכן דערציילט ער אין זיין מאָדנע לעבעדיקן ענגליש־אידיש — אַ מין שפּראַך, וואָס באַשטייט כמעט אינגאַנצן פון אויסרופן און אויסגעשרייען: „אָ, בייבי! ה־מ! האָב איך זיי דערלאַנגט! כ'האָב זיי געגעבן „העל"! גאַנצע קנאַקערס! גאָד דעם איט! מיטן קאָפּ אין דר'ערד!"

רייזל קוקט אים אין די אויגן אַריין, אָבער זי קען ניט אָנהאַלטן דעם פאָדעם פון זיינע רייד. איר דערגרייכט בלויז זיין שטים, זיין קלינגענדיק־כריפּלע שטים, וועלכע איז איר אַזוי אָנגענעם און אַזוי באַנג, ווי אַ גרויס גליק, וואָס מען קען ניט דערגרייכן. זי זעט, ווי עוזר כאַרט'ס פּנים באַוועגט זיך אין אַלערליי גרימאַסן אין טאַן און אין טאַקט מיט שאַכער'ס ווערטער,

ווי אַ מין סילועט, וואָס דריקט אַפּ די זשעסטן און באַוועגונגען פון אַ לעבעדיקן מענטש. רייזלען הייבט זיך אָן דאַכטן, אַז עוזר שלינגט איין אַלע ווערטער פון שאַכער׳ס מויל און דערפאַר גרייכן איר בלויז קלאַנגען און פראַזן־עקן.

מיטאַמאָל איז שאַכער שטיל געוואָרן, פאַרטאָן אין דעם עסן. און אינמיטן:

— דו ווייסט, רייזל, מיר וועלן די וואָך האָבן שיינע עטלעכע דאָלאַר פון אַדווערטייזמענטס.—אין זיין שטים האָט זיך געפילט פרייד און וויכטיקייט.

אין רייזלען האָט זיך אַ פרייד צעגאָסן. יאָ, זי ווייסט. זי האָט שוין וועגן דעם געטראַכט. ער האָט ניט קיין לייטישן רעגנמאַנטל. זאָל ער זיך פאַר דעם געלט אַ רעגנמאַנטל קויפן...

שאַכער האָט זיך פּלוצלונג אויסגעדרייט צו עוזר׳ן:

— דו ווייסט, מיר האָבן שוין קיין צייט ניט. מיר דאַרפן גיין.

און דערנאָך באַפוילעריש:

— מאַך שנעלער מיטן עסן, רייזל!

— דערלאַנג דעם קאָמפּאָט, אסתּר, — האָט זי זיך צו דער טאָכטער געווענדט פאַרצווייפלט־קאַלטבלוטיק, פילנדיק אַז זי פאַרלירט יעדן אינטערעס אין דעם, וואָס ווייטער וועט זיין.

נאָך שאַכער׳ס און כּאַרט׳ס אַוועקגיין האָט רייזל אַלץ געלאָזן אַפן טיש, ווי ס׳איז געשטאַנען, און זיך צוגעשפּאַרט אַפּ דער ווייכער סאָפע. האָבן זיך איר באַלד אָנגעהויבן פּלאָנטערן חלומות, אַזעלכע מאָדנע: אָט איז אַ ברייטער, פריילעכער טייך... זי וויל שווימען, נאָר דאָס וואַסער איז אַנטלאָפן... אויסגעטריקנט... אַ פיש, אַ לאַנגער און אַ שמאָלער, ווי אַ העכט, דרייט זיך אויס צו איר מיטן קאָפּ, עפנט אַנטקעגן איר אַ מויל דינע, שאַרפע ציינער, און לאַכט, לאַכט...

און דערנאָך: אַ וואַלד אָן ביימער... אַ לאָנקע אָן גראָז... זי ליגט אינגאַנצן אין שטויב... זי וויל זיך אויפהויבן, און קען ניט... לעבן איר שטייט איר ערשטער געליבטער און קוקט אַפּ דער לבנה... זי וויל צו אים אויפהויבן אַ האַנט און קען ניט... זי וויל אַ געשריי טאָן און קען ניט... אָט גליטשט זיך איר געליבטנס נאָמען. ווי עפּעס אַ וואַרעמע, אַנגענעמע זאַך, אַזוי הנאה׳דיק דורך אירע ליפּן... זי וויל אים באַם נאָמען אָנרופן, אָבער עמיצער, מיט אַן אומגעלומפּערטן פּנים און גרימאַסן פון אַ לץ, ווינקט צו איר, זי זאָל ניט... און די לבנה לאַכט איר גלייך אין די אויגן אַריין... ניין, דאָס איז ניט די לבנה... דאָס איז די נעגערטע מיטן פּלאַטשיקן נאָז, וואָס קומט צו איר אַלע פרייטיק אויפראַמען די הויז...

3.

ווען שאַבער און כאַרט זיינען נאָכן עסן געקומען אין דער פּראָגרעסיווער הויפּט־קוואַרטיר, איז דאָרט געווען אַ לעבעדיקע וועלט. אין קאָרידאָר און אין דעם „פּראָהויפּקוואַ“־קלוב־צימער (פּראָ־הויפּ־קוואַ — אַ פּאַרקירצונג פון פּראָגרעסיווע הויפּט־קוואַרטיר) איז דאָן אָנגעגאַנגען מיט זיין רווישיק־פריילעכער אַקטיוויטעט דער „שנעל־אין־נאָז“ קרייז. אָט דערדאָזיקער אינ־טערעסאַנטער קרייז איז דער אויפּטו פון צוויי פּערזאָן: דעם לאַנגן לעווין, אַ לינקן, און דעם קורצן פּיפּיק, אַ רעכטן — אַ האַרמאָנישע פּאָר, ניט געקוקט אַף פּאָליטישער טיילונג. ביידע זיינען זיי געקומען צום שלום, אַז שוין גענוג געווען ערנסט. עס האָט שוין דערעסן. מען דאַרף זיך נעמען אַ שטיף טאָן. גאַנץ וואָטערטאַון האָט שוין דערעסן צו זיין ערנסט. דעריבער איז טאַקע געשאַפן געוואָרן דער „פּראָהויפּקוואַ־קלוב“, וועמענס מאָטאָס זיינען: „פריילעך זיין“ און „ניט־געדייגעט“. לכתחילה איז די איינציקע פונקציע פון דעם קלוב געווען — די שאַבעסצונאַכטיקע הוליאַנקעס, מיט עסן, טרינקען און דערציילן וויצן פון דריי מדרגות: אַלערלייאיקע, אַלערלייאיקערע און אַלערלייאיקסטע... די הוליאַנקעס זיינען געווען איין וואָך פאַר מענער און פרויען צוזאַמען, מיט אַנעקדאָטן פון דער ערשטער מדרגה, און די צווייטע וואָך בלויז פאַר מענער, מיט וויצן פון די צוויי העכערע מדרגות. איצט איז צוגעקומען אַ נייע פונקציע — דער „שנעל־אין־נאָז“ קרייז, וועלכער איז זיך שנעל פאַנאַנדערגעוואַקסן אין אַ ברייטער באַוועגונג. ס'איז געוואָרן אַן אמת'ע „שנעל־עפּידעמיע“ אין דעם פּראָגרעסיוון וואָטערטאַון. אַ שנעל טאָן יענעם אין נאָז איז געוואָרן אַן אויסדרוק פון גוט־ברודערשאַפט, פון אינ־טימער חבר'שאַפט. טרעפסט דיין פריינט, דיין חבר, אין דער פּראָגרעסיווער הויפּט־קוואַרטיר, גיסטו אים, אָנשטאָט אַ באַגריסונג, אַ שנעל אין נאָז. יענער, אויב ער איז אַ ספּאָרטסמאַן (יאָ, ער איז, אויב ער איז אַ פּראָגרעסיווער), וועט דיר פּרואוון דערלאַנגען צוריק. און אויב דו לאָזסט זיך ניט (דו דאַרפסט זיך ניט לאָזן — דערין שטעקט דער ספּאָרט), וועט ער זיך נעמען ראַנגלען מיט דיר, קיצלען אונטער די אָרעמס, דו זאָלסט אַרונטערנעמען די האַנט פון נאָז. געלינגט עס אים ענדלעך, דאַרפסטו אים פּרואוון דערלאַנגען צוריק. ס'וואָלט אַזוי געקאָנט זיין אַ מעשה אָן אַן עק, נאָר איר מוזט זיך דאָך פאַרמאַטערן פריער אָדער שפּעטער. אַ גאַנצע וואָך גייט די דאָזיקע אַקטיוויטעט אָן צופעליק, ספּאָראַדיש. אָבער צוויי אָוונטן אַ וואָך, מאָנטיק און דאָנערשטיק, קומען זיך צוזאַמען אַלע פּראָגרעסיווע רעכטע און לינקע,

אָן אויסנאַם — און ס׳גייט אָן אַ מין קאָלעקטיווער שנעל־טורנאַמענט, כאַטש אָן פּריזן און אָן געווינער. גלאַט אַזוי — ספּאָרט לשם ספּאָרט.

וואָטערטאַון איז נאָך קיינמאָל אַזוי פּריילעך ניט געווען! מען זאָגט, אַז אַלע וואָטערטאַונער פּראָגרעסיווע מענטשן זיינען אין יענעם פּעריאָד ארומ־געגאַנגען מיט רויטע נעזער, נאָר מ׳האָט זיי, חס־ושלום, גאָרניט חושד געווען; מ׳האָט געוואוסט, זיי זיינען בכבוד׳יקע, ניכטערע מענטשן, נאָר אַקטיווע שנעל־אין־נאָזיסטן...

מאָלט אייך: „אַלע פּראָגרעסיווע" איז אַ ביסל איבערגעטריבן. ס׳זיינען געווען אויסנאַמען. זיי זיינען: ערשטנס, קוואָרעס. ער איז אַ דערוואַקסענער מענטש, אָן ערנסטער. ער גייט פאַרביי מיט אַ האַלב־בייזן, האַלב־ביטול׳דיקן שמייכעלע פאַר׳גנב׳עט אונטער זיינע טיפע, טונקל און געדיכט איבערגע־ברעמטע אויגן. ער וועט זיך מיט אַלע פּראָגרעסיווע מענטשן ניט איינרייסן. זיי ווילן זיך נאַריש מאַכן — זיין דאגה! זיי וועלן זיך פאַרמאַטערן, און ס׳וועט זיי דערעסן, וועלן זיי אויפהערן. קיינער וועט אָבער ניט וואָגן אים אַ טשעפּע צו טאָן. מען ווייסט — ס׳שמעקט מיט פּולווער. אַ וויכטיקער מענטש, קוואָרעס. צווייטנס, האַנטפּאַס. ער איז שרעקלעך אויפגעבראַכט. אין די „שנעל־אין־נאָז" אָוונטן מיידט ער אויס די פּראָגרעסיווע הויפּט־קוואַרטיר. ער האָט שוין ניט איינמאָל גע׳מוסר׳ט, געשריבן „שטימען פון פאָלק" אין די צייטונגען. אָבער וואָס העלפט עס, אַז יענע הערן ניט און זעען ניט! אָן אמת׳ע משוגעת! האַנטפּאַס באַקלאָגט דעם קלאָגעדיקן מצב פון דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג אין וואָטערטאַון. דריטנס, די פרויען. דער „שנעל־אין־נאָז" קרייז איז אויסשליסלעך פאַר מענער. פרויען ווערן ניט אריינגענומען, כאַטש אייניקע פון זיי, די מער מענערשע, האָבן איבער־גענומען דעם שנעל־ספּאָרט. אָבער זיי פּראַקטיצירן דאָס מער פּריוואַט, און ניט מיט אַזאַ היץ און ברען, ווי די מענער. דערפאַר אָבער דרייען זיך אַלע זייערע געשפּרעכן, וויצן און אַנעקדאָטן ארום די שנעל־אין־נאָז טעמעס און זיי לאַכן און קוועלן אָן.

און איצטער־טאַ, ווי שאַכער און כאַרט האָבן זיך נאָר באַוויזן אין פּראָגרעסיוון הויז, האָט זיך אַ גאַנצע כאַפּטע שנעל־ענטוזיאַסטן שאַלנדיק אַ וואָרף געגעבן אַף זיי מיט יובל־געשרייען, אָט ווי אַ קריגס־דורשטיקע, יעזוס־פאַרטשאַדעטע באַנדע קרייץ־צוגער וואָלט דאָ מיט רעליגיעזן עקסטאַז באַ־פאַלן אַ פּאָר איזאָלירטע, פאַרבלאָנדזשעטע מוסולמענער. ס׳האָט זיך אָנ־

געהויבן דאָס אומגליקלעכע געפּעכט. וואָס האָט עס געהאָלפן, וואָס שאַכער און זיין שותּף האָבן, ווי געניטע שנעל־אין־נאָזיסטן, גלייך באַפּאַנצערט זייערע נעזער מיט די הענט? אַ פּאַרלוירענער קאַמף: די הענט ארונטערגעריסן; די נעזער אַנטבלויזט:

— פּיקט, קינדער! פּיק־פּיק־פּיק־פּיק־פּיק־פּיק! — לעווין איז געווען אין פולער קאָמאַנדע.

נאָר דאָ האָט עפּעס פּאַסירט, וואָס האָט געבראַכט אַ קריזיס אין דער גאַנצער שנעל־אין־נאָז באַוועגונג. כאַרט, אפשר אונטערן איינפלוס פון דעם ביטערן טראָפּן, האָט פּלוצלונג פאַרלוירן זיין ספּאָרטסמאַנישן גלייכגעוויכט און איז אריין אין גרימצאָרן. ער האָט עמיצן דערלאַנגט אַ זעץ אין פּנים. יענער האָט אים אַ שטויס געטאָן צוריק, און כאַרט האָט שווער אַ פאַל געטאָן פון די טרעפּ מיטן פּנים אראָפּ, איין פוס אונטער זיך. ס'האָט זיך דערהערט אַ גרילצנדיקער געברום. דערנאָך אַ קרעכצן. כאַרט האָט אַ פוס אויסגעלינקט אָדער צעבראָכן. אין אָנהויב איז אַף אַלעמען אָנגעפאַלן אַ ספּאַזמע פון ווילדן היסטערישן געלעכטער. קערפּערס האָבן זיך געדרייט, געקאָרטשעט, געוואָרפן, אָט ווי זיי וואָלטן זיך געסטאַרעט אויסליידיקן פון זיך זייער גאַנצע אָנגעזאַמלטע פריילעכקייט. אַ מאָמענט בלויז, און באַלד איז שטיל געוואָרן. שטיל און שווער. ס'איז אָנגעקומען אַ געפיל אַ צונויפדריקנדיקער, ווי אַ צוג וואָס מען שטעלט אָפּ אינמיטן יאָג. אַזוי האָט געפילט אַ פּרימיטיוער מענטש, אַ קין, וועלכער האָט נאָך אַן אָנפאַל פון עפּעס אַ מיסטעריעזן עקסטאַז און ליידנשאַפט פּלוצלונג דערזען, אַז ער איז באַגאַנגען אַ מאָרד, זיין ערשטן מאָרד. אַלע זיינען צו צו כאַרט'ן, אים אויפגעהויבן, מ'איז געוואָרן ווייך און צערטלעך. געפּרואווט פאַרגלעטן, גוטמאַכן. זאָל מען טעלעפאָנירן נאָך אַן אַמבולאַנס? ניין, אַ טעקסי. די טעקסי איז געקומען. אַלע האָבן זיך געסטאַרעט העלפן. שאַכער און פּיפּיק זיינען מיטגעפאָרן אין שפּיטאָל אריין. די איבעריקע זיינען זיך צעגאַנגען שווער־געמיטיק, פאַרשעמט.

האַנטפּאַס טריאומפירט. גוט אַזוי! וואָס דען? — אַז מ'האָט זיך צעיושעט ווי די ווילדע כאַמולעס! אַ שאָד נאָר, וואָס איין כאַרט האָט זיך אַ פוס צעבראָכן. אַ שאָד. איצט וועט מען אויפהערן. אָט דאָס איז דאָך, וואָס ער, האַנטפּאַס, זאָגט אַלעמאָל. זיי זיינען דען דערוואַקסענע מענטשן? קינדער זיינען זיי. הפקר־קינדער, וואָס האָבן ניט ווער עס זאָל זיי מדריך זיין. און ער האָט זיי דאָך געוואָרנט. ער האָט געוואוסט, אַז עס וועט זיך נישט גוט ענדיקן.

וואָס קען מען אים ענטפערן אַף אַזעלכע אמת'ע רייד? מען שווייגט

.4

און מען שטימט־צו צו אַלץ, וואָס ער זאָגט. דער אמת'ער נביא דאַרף נאָר האָבן געדולד: סוף־כּל־סוף וועט ער אָנערקענט ווערן...

שוין באַשטאַט כּאַרט'ן אין שפּיטאָל. דער דאָקטאָר זאָגט, ס'איז אַ לייכטער ברוך און אין פינף וואָכן אַרום וועט ער ווידער אַרומגיין אַף די פיס. איז שאַכער צופרידן. וואָס נאָך קען ער טאָן? אויך כּאַרט איז צופרידן: די נוירס, אַ יונגע חנ'עוודיקע מיידל, האָט מיט אירע צאַרטע און וואַרעמע הענט זיין נאַקעטן פוס צוגעהאַלטן און געשמייכלט צו אים. האָט ער צו שאַכער'ן אַ ביטרע־צופרידענעם וואונק געטאָן, און זיינע האַלב־פאַרמאַכטע גרויע אייגעלעך, עטוואָס איינגעגראָבן אין זיין פרי־צעקנייטשטער, שמאָל־איינגעדראַרטער צורה, האָבן פריילעך אַ שפּרונג געטאָן, ווי אַ פּאָר שטיפערישע וועוורקעלעך צווישן די פאַרגעלטע דאַרע צווייגן פון אַ האַרבסט־בוים. פּיפּיק האָט שאַכער'ן אַ פיל־באַדייטנדיקן שטופּ געטאָן אין זייט אַריין, און שאַכער האָט געענטפערט: „ס'איז אים גוט!" און ביידע האָבן אים גוט אויפ־געלייגטע געלאָזן אין זיין רו.

וואָס טוט מען איצט? אַהיימגיין איז צו פרי, און ס'ווילט זיך אַ לעב טאָן. האָט שאַכער טעלעפאָנירט צו לאָיער בערמאַן, אויך אַ פּראָגרעסיווער מענטש, כאָטש ער קומט איצט אין דער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפט נאָר ווען מען רופט אים. אַ פאַרנומענער מענטש, בערמאַן, זייער אַ פאַרנומענער. אַ מצליח. אָבער מיט שאַכער'ן איז ער נאָך עד־היום אַ גוטער ברודער. ער האָט אים ליב, שאַכער'ן. אַ קלוגער און לעבעדיקער יונג. פאַרשטייט זיך אַפן וואונק.

„יו'ר עי לאַקי פעלאָו" — האָט בערמאַן געענטפערט דורכן טעלעפאָן. זיין פרוי איז מיט עטלעכע טעג צוריק אַוועקגעפאָרן צו איר פאַמיליע אַף אַ פּאָר וואָכן. ער איז היינט פריי. וואו וועט מען זיך טרעפן? אין „טשיילדס"? ניין, אין דער „גאָלדענער פּאַווע".

.5

ס'איז גוט אַזוי צו שפּאַצירן אין דער איינגעהאַלטענער שפּעט־אָוונט ליכטיקייט פון לאַפאַיעט עוועניו, וועלכע ציט זיך ברייט און גלייך, קאַסטן־סקווער נאָך קאַסטן־סקווער, אין ווייסער עלעקטרישער באַלייכטונג מיט רויט־פינקלענדיקע שווינדלענדיקע עלעקטרישע שילדן באַשלאָגן. שטיל, און ווייס,

און חלום׳דיק. א גאנצן טאג האט דא געבושעוועט דער מסחר און געמאטערט אי קויפער, אי פארקויפער, ביז זיי זיינען זיך צעלאפן אין אלע עקן שטאט דעם אטעם אפכאפן איבער נאכט. און די נייע, נאכטיקע פנים׳ער זיינען דעם גייסט פון האנדל גארניט געפעלן. האט ער זיך פארשפארט הינטער ריגל און שלאס, און הינטער פארבלאסטע און אויסגעפוצטע שויפענצטער. זיינען געבליבן פוןביידע זייטן גאס פארשטומטע, פארשלאפן־בליאסקענדיקע געביידעס־פלאכקייטן, געביידעס־הויכקייטן, פיר־שטאק און אכט־שטאק, און אן איבערגעוואקסענער זעכצן־שטאקיקער גיגאנט — ס׳איז שטיל, און ווייס, און חלום׳דיק.

גליטשן זיך, שארן זיך צוויי יונגינקע, פארגעניגן־זוכנדיקע ווינטעלעך איבער דעם גראם־פארצאמטן, שטיל־בלאסן חלל פון לאפאיעט עוועניו, שלייכן זיך אזוי פאר׳גנב׳עט, איינס נאכן אנדערן ; איינס פון צפון, פון די בערגיקע ברעגן פון שטאט — א זיידנס, א שארשקענדיקס ; דאס אנדערע פון די וואסערדיקע אזורע־קאנטן — א ווייכס, א סאמעטנס, א לאשטשענדיקס, א צניעות׳דיק־תאווה׳דיקס... דאס מערב־ווינטעלע טראגט מיט זיך מתנה׳לעך — גוטמוטיקע און מילדע טראפעלעך, וועלכע עס טרעשעט שטיפעריש ווען־ניט־ווען ארונטער אף דעם, אף יענעם. קוקט מען זיך אום : ס׳רעגנט ? ניין. און מען פארטראכט זיך...

ווייסט שאכער, אז די טראפעלעך מיינען קיין שלעכטס ניט, און צייט איז דא, א האלבע שעה, און דאס הארץ טאנצט אין דערווארטונג — כאטש נעם און גיי א טענצל אף סאמע מיטן לאפאיעט עוועניו. שפאצירט מען דערווייל. שפאצירן דא פארלעך צוגעטוליעטע, פארלעך ברוגז׳לעך־דער־ווייטערטע, טומלענדיקע, שמייכלענדיקע און שטיל־פארטראכטע. שפאצירן דא בחורים פארוייז, דרייוויז, איינציקווייז ; בחורים איבערגעוואקסענע, מיט לאנגע הענט און לייכטע היטעלעך אף לייכטע קעפ. די פרויען זיינען בונט־פארפוצטע, געווירציק־פארשמירטע און פארמומיעזירטע, פון פארשיידענע ראסן, פון פארשיידענעם עלטער — פון דער אונטערוועלט, און פון דער אויבערוועלט. און בא אלעמען איין בלאנקער, פאטעטיש־קאנצענטרירטער אויסדרוק אף די מער־גארנישט־זאגנדיקע פנים׳ער — פארגעניגן ! וואנדערן, בלאנדזשען אום פארגעניגן־זוכענישן, ווי שאטן־מאטקייטן, ווי עלעקטרישער לאמפן־שימער, נידעריק איבער דער גלאטער פלאכקייט פון לאפאיעט עוועניו ; איינגעגעסן־הונגעריקע, לאכנדיק־שרייענדיקע, נאגנדיק־בענקענדיקע, פריקרע־נודנע.

שאכער׳ן לאכט זיך. פיפיק פארשטייט ניט, אבער ער לאכט מיט. ווייסט

פּיפּיק וואָס ס'קומט? שאַכער ווייסט און לעבט שוין איבער אין דערוואַרטונג:
— „אַ, באַי!״

ס'איז גוט אַזוי צו שפּאַצירן אין דער איינגעהאַלטענער שפּעט־אָוונט ליכטיקייט פון לאַפּאַיעט עוועניו, די הויפּט האַנדלס־גאַס פון וואַטערטאַון.

.6

פלינק, און ווייך, און ראַש איז בערמאַנ'ס נייער, גלאַנציק־בלויער אַטאָמאָביל, אַ „האַדסאָן״, צוגעפּאַרן צו דער קאַפּע „גאָלדענע פּאַווע״. מיט בערמאַנ'ען איז אויך געקומען פרעד שאַרסקי, דער נאַר־וואָס גראַדואירטער ציוויל־אינזשינער, אַ ברייטער און שטיפער, מיט אַ שאָטן פון אַ שמייכעלע צווישן די גאַנצע בולט'ע, צופרידענע ליפּן (דאָס שמייכעלע באַהאַלטן אין זיך, פאַר זיך; פאַר אייך איז נענוג דער שאָטן). בערמאַן האָט אַף שנעל פאַר־שלאָסן דעם מאָטאָר (ניטאָ קיין צייט. די צייט שטייט ניט) און אָן שהיות, ווי איינער וואָס ווייסט וואָס ער וויל און גייט דערצו מיט פעסטקייט. איז ער— אַ הויכער, אַ זיכערער, אַרויף מיט שאַרסקי'ן באַ דער זייט אַף די ברייטע טונקל־רויט באַווייכטע טרעפּ, מאַט־געל באַלויכטן. אין דעם גרויסן זאַל, אָריענטאַליש צעבלומט און באַוואַזעט, פאַרשלאָגן אין רייך־פאַרביקער, צע־ברעקלטער שאָטן־באַלויכטונג, זיינען שאַכער און פּיפּיק שוין געזעסן און געוואַרט אין אַ ווינקל ניט ווייט פון דער עסטראַדע. אַ פילפאַרביקער אָר־קעסטער האָט מיט משונה'דיקער האַסטיקייט אויסגעקלאַפּט, אויסגעטענצלט און אויסגעקלונגען אַ מין זיס־זויערן, פאַר'חלומ'ט־דרופנדיקן אָריענטאַלישן דזשעז.

איצט האָט בערמאַן צייט, נענוג צייט. הערט ער אויס מיט גרעסטן אינטערעס וועגן דעם קאָמישן אינצידענט מיט באַרט'ן און ער לאַכט דאָס גרעסטע געלעכטער. יאָ, וואָס הערט זיך עפּעס אין דער וועלט פון בשר־כשר? דענקט שאַכער, אַז גאָלד וועט אויסהאַלטן? שאַכער איז זיכער. ער וואָלט זיך געוועט, אַז יענע וועלן אין אַ וואָך אַרום קומען בעטן אַ פּשרה. אָ, ניט קענען אים, קענען שאַכער'ן, געווינט מען אַ קאַמף. איר קענט זיך אַף אים פאַרלאָזן.

יאָ, ער איז אַ לעבעדיקער בחור, שאַכער, און בערמאַנ'ען טוט עס הנאה. בערמאַן האָט היינט געזען אין „ניו יאָרקער קוריער״ די בשר־כשר אַדווער־טייזמענטס—אַ האַלבע זייט פון דעם היל־סיטי'ער שלאַכטהויז און די אַנדערע העלפט פון דעם פליש טראַסט (די אַדווערטייזמענטס זיינען געווען אין

נאָמען פון גאָלד, בורדיוק און פּוזיק פון איין זייט, און פון דער כשרות־קאָמיטע מיט רבי מאַרגאָלים בראש, פון דער אַנדערער זייט. אָבער בערמאַן ווייסט, ווער ס'באַצאָלט פאַר זיי). דאָס הייסט א מזיק! שאַכער ווייסט שוין ווי אויסצונוצן א סיטואַציע...

— מאָרגן און אין דעם טאָג פונעם מאַסנמיטינג וועלן ווידער זיין פולע זייטן אַדווערטייזמענטס, — דערציילט שאַכער מיט טריאומף.

— „דהאַטס דהיי באַי!" — דערלאַנגט אים בערמאַן א דערמוטיקנדיקן קלאַפּ אין פּלייצע.

פּיפּיק איז נאָך ניט שווה מיט זיך. א פּראַגנעלע, אַן אומרואיקס, באַמבלט זיך נאָך אין זיין געוויסן.

— אָבער וואָס וועסטו טאָן מיט קוואָרעס'ן? — פרעגט ער מיט כיטרען וואונק. — ער מאָנט דאָך עפּעס פּרינציפּן, מאָנט ער דאָך!

האָט זיך שאַכער געשמאַק צעלאַכט. טאַקע, וואו נעמט מען פּרינציפּן פאַר קוואָרעס'ן? אפשר ווייסט בערמאַן? קוואָרעס קען אים נאָך אָנקלאָגן אין געריכט... א געלעגנהייט פאַר בערמאַנ'ען. זאָל ער איבערנעמען די „קעיס"...

האָט עס שאַרסקי'ן דערמאָנט אַן אַנעקדאָט וועגן פּרינציפּן... כע־כע־כע!... דאָס איז געווען גוט!

דאָס איז גאָרניט. אויב זיי ווילן, קען ער זיי דערציילן נאָך א שאַרפערן. אויב זיי ווילן?!...

ער איז א פריילעכער יונג, שאַרסקי. א מחיה מיט אים צו פאַרברענגען.

דער אָרקעסטער האָט מיטאַמאָל, נאָך א לאַנגער פּויזע, אָנגעהויבן שפּילן א טומלדיקן פאָקס־טראָט. אַף דער עסטראַדע איז אַרויף א רונד־ברוסטיקע שלאַנקע בלאָנדינקע מיט קלוגע אויגן, וואָס שיסן שמייכלען. האָבן זיך אַלע אויגן איינגעהעקלט אין איר רונדער גליענדיקער נאַקעטקייט, באַדעקט בלויז מיט א זילבערנעם ברוסט־טיכל און א ברייט־באַפּרענזלטן גאַרטל אַרום די היפּטן. האָט זי אָנגעהויבן אויסטאַנצן דאָס געפיל, וואָס האָט אין דעם מאָמענט באַהערשט אַלעמען, און פון אַלע תאוות איז געוואָרן איין תאוה. אַלע אירע אברים האָבן זיך געבויגן, געכוואַליעט און פאַרגאַנגען אין א גליאיקן און פרעכן ריטם. דערנאָך איז געקומען א ליד, וואָס מיינט, דאַכט זיך, גאָרניט, און זאָגט אַלץ . . .

I and you—and you—and you—
You—oo—oo—oo—hmmm—

Yes, just a little bit,
And just a little bit,
Just a little bit more. . . .

און נאָכאַמאָל דאָס איינענע. און אינמיטן — אַ שטילשווייגן, באַגלייט מיט אַ פאַר׳חלומ׳טן „המ... המ...״ און מיט באַוועגונגען אַזוי נאַקעטעראָטיש, ווי זי וואָלט אָט דאָ, פאַר אַלעמען אין די אויגן, מיט אַלעמען אָף אַמאָל מזנה געווען...

בערמאַן שמייכלט זיך מיושב׳דיק. ער אַפּלאָדירט ניט. שאַרסקי, דער איינציקער בחור אין דער גרופּע, אַפּלאָדירט וואויל־יונגעריש, געמיטלעך. שאַכער באַלעקט זיך: „המ־המ... שוין איינמאָל אַ מיידל!... אַ פּיטש... המ־מ!...״ ער באַטראַכט זי נאָכאַמאָל אַרום און אַרום און באַלעקט זיך ווידער. פּיפּיק׳ס הנאה איז אַ וואָגיקע, אַ בלייאיקע. עטוואָס אין אים טרייבט זיינע עמאָציעס אָף צוריק, און ער בלייבט מיט אַ פאַרגליווערטן שמייכל־ניט־שמייכל אָף עטוואָס פאַרקרימטע דיקלעכע ליפּן. פּיפּיק איז מקנא שאַכער׳ן זיין לייכטקייט און פייאיקייט זיך צו נעמען פאַרגעניגן אומפאַרביטערט, פון גאַנצן האַרצן. אַ גליקלעכער מענטש, שאַכער.

בערמאַן איז אויפגעלייגט. ער האָט היינט, אָן איבעריקער מי, דורכגעפירט אַ ריעל־עסטייט טראַנסאַקציע. ס׳איז גוט צו לעבן אָף דער וועלט! נאָכאַלעמען זיינען געווען גענוג געלעגנהייטן פאַראַן פאַר מענטשן מיט פייאיקייט און ווילן. אָט פאַרשטייט שאַכער אויך ווי געלעגנהייטן אויסצונוצן, און ער ווייסט ווי הנאה צו האָבן פון לעבן... יאָ, היינט וועט מען אַ הוליע טאָן. אַז לעבן, זאָל זיין מיטן פולן מויל...

די טענצערין האָט געענדיקט און איז אַראָפּ פון דער עסטראַדע. אויגן האָבן באַלד פון אַלע זייטן גענומען ווינקען. פון אַלע זייטן האָט מען געשריען: „בראַוואָ!״ בערמאַן האָט געוואַרט ביז זי איז געקומען נאָענט און ער האָט צו איר אַ וואונק געטאָן. זי איז צוגעקומען און אים באַגריסט מיט אַ פאַמיליאַרן „העלאָ, בערמאַן!״ זי האָט זיך נאָענט איבערגעבויגן איבער אים. ער האָט איר שטיל און אינטים פאַרטרויט אַ סוד: ער פּלאַנעוועט אַ „פּאַרטי״ פאַר דער גרופּע אין דעם דערבייאיקן האָטעל. ער וויל זי זאָל דאָס פאַר אים איינאָרדענען.

יאָ, זי וואָלט עס מיט גרויס פאַרגעניגן געוואָלט טאָן. אָבער ס׳זיינען דאָ שוועריקייטן. זי איז פאַרנומען. אויך דזשוליאַ און אַלים זיינען איצט פאַרנומען. זי רעדט פריינטלעך און געשעפטסמעסיק, מיט אַן ערנסט פאַר־

זאָרגטער און מיטליידנדיקער מינע, וואָס גיט איר דעם חן פון קינדישער אומשולד. יאָ, זי פילט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס איז אַף איר אַרויפגעלייגט געוואָרן. נאָך אַ ווײַלע טראַכטן איז זי זיך מישב:

— וואַרט אַ ווײַלע. איך וועל זען, וואָס איך קען טאָן.

— סעי, האָני, זאָלסט אונז ניט אַנטוישן! — שרייט איר שאַכער נאָך.

זיי זײַנען געבליבן זיצן אין דערוואַרטונג. באַ פּיפּיק׳ן האָט דאָס האַרץ געקלאַפּט. זאָל ער אפשר גיין אַהיים? זיין פרוי וואַרט דאָרט אַף אים. מיט איר פילט ער זיך אַזוי רואיק. ניין, ס׳איז שוואַכקייט. פאַרוואָס ניט אַ זינדיק טאָן, ווען ס׳איז דאָ אַזאַ געלעגנהייט? ער וועט זען, קלערט ער.

לאָראַ איז צוריקגעקומען אַ שיינענדיקע. זי האָט זיך ווידער איבערגעבויגן איבער בערמאַנ׳ען און וואַרעם און סודות׳דיק געמומען גלעטן זיינע האָר. די סיטואַציע איז געראַטעוועט. זי וועט זיין פריי אין אַ שעה אַרום. זי האָט שוין טעלעפאָנירט דזשענעט׳ן און לינאַ׳ן, אַ אידיש מיידל. זי האָט שעלמיש אַ וואונק געטאָן צו שאַכער׳ן. שאַכער איז אומצופרידן. ער וויל אַ שיקסע. נו, גוט. זי וועט שוין באַזאָרגן... זי דאַרף גלייך לאָזן וויסן לינאַ׳ן, אַז זי זאָל ניט קומען... אָ, זי האָט גאָר פאַרגעסן אָן יענעם דזשענטלמאַן... זייער גוט. וועט לינאַ זיין פאַר יענעם דזשענטלמאַן.

ניין. פּיפּיק מוז שוין אַוועקגיין. ער הייבט זיך אויף פון אָרט. לאָראַ שטעלט אָן אַ פּאָר פאַרוואונדערטע ליפּן, ווי ס׳וואָלט איר כלומרשט פאַרדראָסן. שאַכער וויל אים פאַרהאַלטן. בערמאַן זעט אויך ניט, פאַרוואָס ער זאָל אַוועקגיין. פּיפּיק קען זיך אָבער ניט העלפן. גוט, וואָס ער האָט זיך דערמאָנט. ס׳איז וועגן ביזנעס. באַשטימט צו טרעפן זיך מיט עמיצן. זייער וויכטיק.

— וואָס, איצט, עלף באַנאַכט?

ער האָט זיך געדאַרפט מיט יענעם טרעפן צען אַזייגער, אָבער ער וועט אים נאָך כאַפּן. אַ גוטע נאַכט!

— אַ גוטע נאַכט! — און פּיפּיק איז אַוועק אַהיים אַ רואיקער, מיט אַ ריינער לאַטע פון יוגנטלעכער אומשולד אַף זיין פאַרעלטערט געמיט.

לאָראַ האָט בערמאַנ׳ען אַרומגענומען.

— אין סוויט 425. דריי צימערן. וועט זיין פּונקט גוט. צוועלף אַזייגער.

די אַטמאָספערע איז לייכטער געוואָרן. ניטאָ פּיפּיק. בעסער אַזוי.

אין סוויט 425 האָבן די דריי ביז צוועלף געשפּילט אין קאָרטן. דער „בעל־באָי" איז אַרויפגעקומען פרעגן וואָס זיי דאַרפן. „אַ טרונק" — האָט

בערמאַן געזאָגט קאַטבלוטיק, ניט אַוועקנעמענדיק די אויגן פון די קאָרטן.

גוט. ער האָט פּיינעם קאַנאַדישן קאָרן־בראַנפן. צען יאָר אַלט. די ריכ־טיקע שטאָף.

בערמאַן האָט אַ ווײַלע געקלערט, ווי דאָס וואָלט אויף אים קיין אײַנדרוק ניט געמאַכט.

ניין, ער וויל קאָניאַק. אימפּאָרטירטן קאָניאַק.

— קאָניאַק?

— קאָניאַק! אָט דאָס וואָס ער הערט.

דער יונג האָט די דרײַ אָפּגעמאָסטן מיט יראת־הכבוד. גוט. ער וועט זען צו קריגן. ער האָט געקראָגן.

— המ־מ־מ... — האָט זיך שאַכער באַלעקט. — דאָס לעבן איז גאָרניט אַזוי ביטער, כ'לעבן, הא? שלעכט וועט בלויז זיין ווען קוואָרעס וועט נעמען מאַנען פּרינציפּן — כע, כע, כע...

ס'זיינען געקומען די מיידלעך.

— קאָניאַק אויפן טיש? — גוט. ס'איז אַ פרייִדיקע איבעררעשונג. מ'האָט די לייכטע זומערדיקע הילן אַראָפּגעוואָרפן און געבליבן אין נאַכט־קליידער פון העלן דינעם זייד־פּלאַטער.

די מיידלעך: לאַרא, דזשענעט, אַ קליינע און חנ'עוודיקע פראַנצויזקע, אַ ווייס־הויטיקע ברונעטקע, מיט אַ זיס, כמעט אומשולדיק לענגלעך געזיכט, און העלען, אַ קיילעכדיקע און פול־ברוסטיקע שוועדישע בלאָנדינקע, מיט אַן עקשנות'דיקן ברוגז'לעכן פּנים. מ'האָט זיך אויסגעזעצט אַרום טיש. לאַרא האָט זיך באַקוועם געמאַכט בײַ בערמאַנ'ען אויפן שויס און אים אַרומגע־קלאַמערט מיט אירע נאַקעטע הענט...

שאַכער, אין מיטלסטן גרויסן פּאַרלאָר־צימער, האָט דווקא געוואָלט, אַז העלען זאָל זיך אויסטאָן אינגאַנצן נאַקעט. זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ ברוגז'לעכן שמייכל:

— דאָס וועט אים קאָסטן אַ דאָלאַר עקסטרא.

— זאָל זי ניט מאַכן קיין שפּאַס... וואָס, עס קאָסט איר טייער?

— ווי ער וויל זיך!

פּעסט. געשעפט איז געשעפט.

— און אַ האַלבן דאָלאַר וועט זי ניט נעמען?—מיט אַ כלומרשטן שמייכל.

— אַ איד בלייבט אַ איד. — און אָפּגעהאַקט.

אף זיין פּנים האָט זיך באַוויזן אַ זויערע מינע. — וואָס, זי פאַרשטייט גאָר קיין שפּאַס ניט?...

זי האָט אים אַרומגענומען און געקוקט גלייך אין די אויגן...

7.

רייזל איז געשלאָפן אָפּן רוקן, עטוואָס אויסגעדרייט צום וואַנט. אַ ווייסער קיילעכיקער אַקסל און אַ טייל פון אַ ווייסער ברוסט האָבן אַרויסגעקוקט פון איר צעריסענער נאַכט־העמד. אירע געשווירענע העל־ברוינע האָר ברייט און הויך צעוווייעט איבערן קישן. אַף איר רונדן לייכט־ראָזעווען פּראָפיל — אַן אויסדרוק פון אומעטיקער, פאַר'חלומ'טער בענקשאַפט. שאַכער, אַראָפּגעמענדיק די קליידער, האָט געקוקט אַף איר, ווי ער וואָלט זי צום ערשטן מאָל דערזען. ער האָט זיך גע'חידוש'ט אַף זיך אַליין, ווי אַ בעטלער, וואָס האָט פּלוצלונג אויסגעפונען, אַז ער פאַרמאָגט שוין פון לאַנג אַן אוצר, זיינס אייגנס, און ער האָט ניט געוואוסט.

צי פון דער ליכטיקייט, אָדער פון שאַכער'ס בליק, האָט רייזל פּלוצלונג האַלב אויפגעעפנט די אויגן, און אַ ליכטיקער אָפּשיין האָט זיך אין זיי באַוויזן.

— לואי, דאָס ביסטו? וואו ביסטו געווען אַזוי שפּעט? — האָט זי געפרעגט, ניט דערוואַרטנדיק קיין ענטפער, מיט מער פריידיקייט, ווי פאַרוואָרף — מער אויסרוף, ווי פראַגע.

ער האָט גענומען שטאַמלען אַן ענטפער. ער האָט דערמאָנט כאַרט'ן.

— כאַרט? יאָ, וואָס מאַכט ער? — איר ערשטע פראַגע האָט זי שוין פאַרגעסן.

— דער רוח וועט אים ניט נעמען, — האָט שאַכער, צופרידן פון דער געלעגנהייט, אינפאָרמירט. — דער דאָקטאָר זאָגט, ס'איז אַ לייכטער ברוך און אין עטלעכע וואָכן אַרום וועט ער ווידער אַרומגיין.

שאַכער האָט זיך פּלוצלונג דערפילט שולדיק קעגן איר און ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן ערנסטע רעיונות. יאָ, ער מוז זי זען באַקליידן. אַ נייעם מאַנטל, אַ נייעם הוט. ס'איז דאָך אַ חרפּה פאַר אים, אַז מיסעס שאַכער זאָל אַרומגיין אַזוי קבצניש געקליידט. פאַרוואָס איז דאָס אים ביז איצט ניט איינגעפאַלן? יאָ, זי וועט גאָר אַנדערש אויסזען.

ער איז אַריין אין בעט. זי האָט זיך צו אים אומגעקערט. איר אויפגעפלאַקערטע ליידנשאַפט האָט באַגעגנט זיין קאַלטע, כאָטש פריינטלעכע זאַטקייט.

קאפיטל IV

סקאנדאל

1.

וואָס האָבן זיך גראד היינט צוגעטשעפּעט צו שאכער'ן די בעקער? וואָס האָט זיך זיי גראד איצט פארוואָלט א סטרייק? וואָס שטייט איבער אים אָט־דער גרויסער אשר פּאָדאָלסקי און וויל ניט אָפּטרעטן? ס'אַרט אים ניט, וואָס זיי קומען צו אים. צו וועמען דען זאָלן זיי קומען? ער און דער „ניו־יאָרקער קוריער" זיינען די איינציקע, וואָס קענען העלפן א סטרייק, קומען זיי צו אים. אָבער שוין וויפיל מאָל האָט ער זיי געזאָגט, אז זיי מוזן וואַרטן. ער איז איצט צופיל פארנומען — מיטינגען, קאָנפערענצן. כאָטש איין וואָך מוזן זיי וואַרטן. דערנאָך וועט ער אַלץ טאָן פאַר זיי. ער וועט קודם־כל האָבן א קאָנפערענץ מיטן באַלעבאָס. ווער ווייסט עס ניט, אז ער קען באַ מיסטער ראַטנער'ן עפּעס פּועל'ן? אויב ניט, וועט ער פאַר זיי אָנפירן דעם קאַמף. אין אָנפירן א קאַמף, ווייסן זיי דאָך, אז מען קען זיך אַף אים פארלאָזן. נאָר וואָס דען? ער קען ניט פירן קיין צוויי מלחמות אַף אמאָל.

דאָס איז דאָך אזוי קלאָר, אזוי שכל'דיק. האָט טאַקע דער צווייטער קאָמיטע־מאַן פון די בעקער פארשטאַנען. וואַרטן — א ברירה האָט מען? אָבער ניט אשר פּאָדאָלסקי. א פּשוט'ער מענטש איז ער, אשר פּאָדאָלסקי, און אַן עקשן. וואָס טויגן אים קונצן? ער ווייסט ניט שאכער'ס ביזנעס און ער וויל ניט ווייסן. גענוג, אז ער ווייסט, אז שוין עטלעכע וואָכן ווי ער און נאָך א פּאָר עלטערע בעקער אַרבעטן נאָר דריי נעכט א וואָך און די נייע צוציקעס אַרבעטן „אָווערטיים". ער ווייסט אויך, אז פון אָפּלייגעניש וועט קיין גוטס ניט אַרויסקומען. וואָס טויג אים בשר־כשר, רבנים? נעמט ער און זאָגט גלייך שאכער'ן:

— ווער לייענט דיין פּייפּער? מיר, די בעקער, אָדער די רבנים און די שיינע אידן — ווער?

אזוי טענה'ט אשר פּאָדאָלסקי און ער פּאָדערט אַן ענטפער. אויב די

בשר־כשר ביזנעס געפעלט אים, שאכער׳ן, בעסער — זאָל ער זאָגן. וועלן די בעקער גיין צו אנדערע, צו די לינקע. זיי האָבן אויך אַ פּיפּער. אים אַרט נים.

דאָ האָט דער געלעכטער ארויסגעפּלאַצט פון שאכער׳ן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז ער איז אַזש צוריקגעפאַלן אין זיין שווינג־שטול. ער וויל גיין צו די לינקע? געזונטערהייט! אדרבה, זאָל ער פּרואוון און זען, וואָס די לינקע קענען פאַר זיי טאָן... זייער פּיפּער — כע־כע־כע! וויפיל לעזער האָט דער לינקער פּיפּער?

— אַ דאגה לעזער! די בעקער וועלן שוין זען, אַז ער זאָל האָבן...

אַ פּשוט׳ער מענטש, פּאָדאָלסקי, אַן איינגעגעסענער. פּאָדאָלסקי האָט זיך אויסגעגלייכט, אָנגעשפּאַרט אַן עלנבויגן אָן אַ פּאָליצע קעגנאיבער שאַ־כער׳ס שרייב־טיש, און געוואָרט אַף שאכער׳ס ענטפער, קוקנדיק אַף אים גלייך און גערולדיק מיט ברייטע, האַלב־שמייכלענדיקע, האַלב־כמורנע אויגן.

שאכער האָט געהאַט דעם געפיל, ווי אַמאָל, אינגלוויז, ווען אַ זשוק האָט זיך איינגעפּלאָנטערט אין זיינע געקרייזלטע האָר: כאָטש רייס אים ארויס מיט די האָר צוזאַמען... און אין מוח האָט זיך געפּלאָנטערט: דער נעבכטיקער שוועדקע׳ס קאַלטע נאַקעטקייט... כמע, חלשות... אַ דאָלאַר... אַ איד בלייבט אַ איד... בערמאַן האָט מזל... אדווערטייזמענטס... לעזער... בעקער, לינקע, קוואָרעס, פּרינציפּן... וואָס ווילן זיי פון אים? און אַז פּאָדאָלסקי אַרבעט נאָר דריי נעכט אַ וואָך — וואָס איז ער שולדיק?... פּאָדאָלסקי!... די פּוכקע און רירעוודיקע מיסעס טראַוניק — פּאָדאָלסקי׳ס אַמאָליקע לינקע געליבטע... אַ פויגל, דער פּאָדאָלסקי! ער האָט ניט קיין געליבטע, האָט ער זיך צוגעטשעפּעט צו אים... אַ קלעק... אינמיטן דעם געדאַנקען־יאָג דערפילט ער עפּעס ווי אַ מורא פאַר פּאָדאָלסקי׳ן...

נו, מילא, צוליב אים, פּאָדאָלסקי׳ן, וועט ער עס טאָן. ער וועט שוין מוזן געפינען צייט. ער וועט נאָך היינט טעלעפאָנירן ראַטנער׳ן. אָבער אויב אַ קאָנפערענץ, וועט עס מוזן זיין ערשט נאָכן מאַסטנמיטינג. ער וועט טאָן דאָס בעסטע...

— אַזוי־זשע רעדט! דאָס זיינען אַנדערע דיבורים! — און פּאָדאָלסקי גייט אַוועק אַ צופרידענער. אַזוי דאַרף מען רעדן מיט שאכער׳ן, ווי דען?

2

ווער האָט זיך עס געקענט פאָרשטעלן, אַז בײַ ראַטנער׳ן אין דער „פּראָ־גרעס־בעקעריי" זאָל עס האַלטן בײַ אַ סטרייק? דאָס איז אַלץ די אַרבעט

פון אַט־דעם פויגל, אשר פּאַדאָלסקי — אַ קלאָג צו זיינע יאָרן !

ראַטנער איז אַ פּראָגרעסיווער מענטש און אַ פריינט פון די ארבעטער. ווער ווייסט עס ניט? זיינע עטלעכע דאָלאַר זיינען אַלעמאָל די ערשטע פאַר פּראָגרעסיווע צוועקן. געווען פּרעזידענט פון דער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפט. געווען קאַסיר פון דער פּראָגרעסיווער קאָאָפּעראַטיווער בעקעריי פון זינט זי האָט זיך געגרינדעט אין די מלחמה־יאָרן ביז זי איז געוואָרן די „פּראָגרעס־בעקעריי" — זיין פאַרמעגן. און דאָס איז זיכער ניט זיין שולד. די קאָאָפּעראַטיווע בעקעריי וואָלט דאָך סיי־ווי צעפאַלן געוואָרן, און ווען ער וואָלט ניט אַרויסגעצאָלט די אַרבעטער דעם גרעסטן טייל פון זייערע ניט־באַצאָלטע שכירות, שיינע עטלעכע טויזנט דאָלאַר, וואָלטן זיי דאָך גאָרניט געקראָגן. ניין, ס'איז ניט זיין שולד. שולדיק איז נאָר דער הפקר־יונג פּאַדאָלסקי. דער צושטאַנד אין דער קאָאָפּעראַטיווער בעקעריי איז טאַקע ניט געווען פויגלדיק. מען האָט אַרבעטער קיין שכירות ניט געקענט צאָלן און מען איז זיי שולדיק געווען אַ סך געלט. פונדעסטוועגן, ווען ניט פּאַדאָלסקי'ס ראָמאַן מיט מיסעס טראַווניק, וואָלט געווען שלום און אחדות און צוטרוי, און מען וואָלט אפשר איבערגעקומען די שלעכטע צייט. אַזוי טענה'ט אַלעמאָל ראַטנער. פּאַדאָלסקי'ס ליבע האָט אָנגעמאַכט אַ חורבן. מר. ראַטנער איז אַריין אין גרימצאָרן. די בעקער, באַוויבטע, פאַרהאָרעוועטע, פאַרעלטערטע, קיינמאָל ניט קיין אויסגעשלאָפענע, ווי האָבן זיי דאָס געקענט דערלאָזן? דרייט זיך אַרום אַ מאַן אָן אַ פאַמיליע, אָן אַן עול (די פאַמיליע איז געווען אויף יענער זייט ים), הויך, געזונט, תמיד שמייכלענדיק און תמיד זינגענדיק, און די פרויען וואַרפן בליקן און טראַכטן, וואַרפן בליקן און טראַכטן... טאָ ווי קען מען זיין זיכער מיט די אייגענע ווייבער?... בפרט ווען מען איז מענטשן פאַרהאַוועטע, זעלטן באַנאַכט אין דער היים...

וואָס האָט פּאַדאָלסקי געזאָגט? ער שטייט ניט אין זייער טייערן דזשאַב. זאָל מען אים אַרויסצאָלן, וואָס אים קומט, וועט ער אַוועקגיין. גוט. מען וועט אים אויסצאָלן. זאָגן אָבער די איבעריקע בעקער, אַז אויב מען צאָלט פּאַדאָלסקי'ן, ווילן זיי אויך זייערע חובות. ווילן שוין אַלע. איז דאָך שלעכט. איז געקומען ראַטנער און געראַטעוועט די סיטואַציע: ער וועט איבערנעמען די בעקעריי און וועט אויסצאָלן אַלעמען פופציק פּראָצענט. האָט מען גערופן מיטינגען, קאָנפערענצן, געדונגען זיך און געקומען צו אַן אויסגלייך — פינף און זעכציק פּראָצענט. איז דאָס ניט אַ ליטישקייט פון ראַטנער'ן, וואָס?

ווייסן דאָס אַלע. נאָר ניט פּאַדאָלסקי. איז ער שולדיק, וואָס ער איז

הויך, שטאַרק, גליַיך און ברייט־פּלייצעדיק? וואָס זייַנע אויגן זייַנען גרויסע, מילדע און פריילעכע? איז ער שולדיק, וואָס בעלאַ טראַוווניק האָט ניט ליב איר מאַן, דעם קליינעם געשטופּלטן פּאַרם־פּעדלער מיט דעם קיילעכיקן גלאַנציקן שטערן, און קורצע, שנעל־באַוועגלעכע פּיס? ווען פּאָדאָלסקי'ס ברודער, אַ רייַכער קוילן־סוחר אין אַ דערבייאיקן שטעטל, איז געקומען צו אים און געפרעגט: „סטייטש?" האָט ער אים געענטפערט: „בעלאַ איז אַ וויַיבל — אַ גאָלד! הלוואי וואָלט איך קיין פאַמיליע איצט ניט געהאַט." אָט אַזוי פּשוט און אָפנהאַרציק. און ווען דער ברודער האָט אים אָנגעקוקט, האָט ער געזאָגט: „וואָס ווילסטו? שיק איך דען מיַין וויַיב און קינדער קיין געלט ניט? ברענגען? אדרבה, זיי דו אַ בריה און ברענג זיי אַריבער אַהער!" (עס איז געווען אין די ערשטע נאָך־מלחמה יאָרן, און די פאַמיליע איז געווען אין באָלשעוויסטישן רוסלאַנד.) מער האָט ער גאָרניט געזאָגט. און זייַן אייגענער ברודער האָט מיט אים גאָרניט געקענט מאַכן. האָט ער דען געזאָלט דערציילן, אַז זי, בעלאַ, איז אַליין אין זייַנע אָרעמס אַריינגעפאַלן און אַז זי גיט אים אַזאַ גליק, וואָס ער וואָלט פאַר איין שעה דערפון זייַן גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן?

.3

אַזוי איז דאָס געשען. בעלאַ טראַוווניק האָט זיך אָף אים, אָף פּאָדאָלסקי'ן, אַרויפגעוואָרפן מיט אַזאַ ברען, ווי זי וואָלט איר גאַנץ לעבן אָף אים געוואַרט און אָט האָט זי אים געקראָגן און וועט אים שוין ניט אָפּלאָזן.

אין אַ שווערן, מוטנע־רעגנדיקן נאָך־סוכות־אָוונט איז דאָס געווען. עס איז געווען פרייטיק, און ער האָט ניט געאַרבעט. אָפּגעגעסן בייַ דעם אַלט־מאָדישן פּאַרפאָלק, בייַ וועמען ער האָט געוואוינט, אַן אַלטמאָדישע פרייטיק־צו־נאַכטיקע סעודה פון געפלאָכטענעם קוילעטש, געפעפערטע פיש, פליַיש, לאָקשן־יויך, מערן־צימעס, האָט ער געפילט אַ מוטנע דאָרשטיקייט אָפּן האַרצן. וואָס טאָן? וואוהין גיין? ער איז זיך אַליין פרעמד געווען, לחלוטין פרעמד. ס'האָט אים ערגעץ געצויגן, די אומרו האָט אין אים געווירן, ווי אַ ראָשטשישנע אין אַ דייזשע. האָט ער לאַנגזאַם אָנגעטאָן זייַן הוט, קאַלאָשן. גיין ערגעץ — וואו, וואוהין גייט מען?

איז מיסעס טראַוווניק — בעלאַ — אַריַינגעקומען (זי האָט געוואוינט אָפּן צווייטן שטאָק) פרעגן דעם זייגער. ער האָט געלאָסן געזאָגט: „ס'אַ דרויסן היינט!" זי האָט זיך ניט געאיילט אַרונטערנעמען פון אים אירע

קליינע, שטיפעריש־רירעוודיקע אויגן. האָט ער דערפילט, ווי די נעבלדיקייט און מוטנעקייט אין אים האָט זיך גענומען לייטערן. זיין געזוכטער „עטוואָס" האָט אָנגענומען אַ באַשטימטע פאָרם — אָט דאָס קליינע, רונדע און רירעוודיקע ווייבל אין איר נעטן ברוינעם, מיט ווייס־באַפּוצטן קליידל און מיט דעם ווייסן פאַרטוכל, וואָס דערגרייכט פון טאַליע צו די היפטן.

זי האָט אים געשיקט נאָך אַ שמייכל און איז אַרוים. איז ער באַלד אויך אַרויס און זי געפונען שטייענדיק בײַ דער טיר, קוקנדיק אין דעם מוטנעם און ברומענדיקן דרויסן. זי האָט אַ צאַפּל געטאָן, ווען זי האָט אים געהערט אַרויסקומען, ווי זי וואָלט זיך פאַר עפּעס דערשראָקן, און צו אים זיך ניט אומגעקערט. וואָס זוכט זי דאָרט אין דער קאַלט־שמייסנדיקער נאַכט־כמורנעקייט?...

ער האָט געעפנט די טיר און איז געבליבן שטיין. דער דרויסן האָט אָף אים געבלאָזן מיט פינצטערער, קאַלט־בייסנדיקער פייכטקייט. וואָס זאָגט זי? זאָל ער גיין?

— וואוהין? — האָט זי געפרעגט.

ער ווייסט ניט. זאָל זי אים זאָגן.

זי האָט די טיר צוגעמאַכט און אים געקוקט אין פּנים אַריין. און נאָך אַ קורצער פּויזע, ווי זי וואָלט זיך גע׳ישוב׳ט, וואָס אים צו ענטפערן, האָט זי ערנסט געזאָגט:

— צו וואָס גיין אין אַזאַ וועטער, אויב איר האָט ניט וואוהין?

און באַלד האָט זי צוגעגעבן מיט אַ שושקענדיקן, ווייכן קול, ווי פּליסנדיק פרייד: זאָל ער אַרויפקומען צו איר אָף טיי, אויב ס׳איז אים אינטערעסאַנט.

די פרייד, וואָס האָט דורך אים איצט דורכגעפּלייצט, האָט אים דערמאָנט, ווי ער האָט אַמאָל, אין זיינע פרי־בחור׳שע יאָרן, אָף זיינע פּלייצעס געטראָגן די לאַכנדיקע דאָרפישע שיקסע, נאַטאַשאַ, אָף אַ בוידעם אַרויף... האָט ער דערפילט אַן אימפּולס, ווי אַ כאַפּ צו טאָן מיסעס טראַוניק אָף זיינע הענט און אַרויפטראָגן זי אָף די טרעפּ.

אַ שיינעם דאַנק. ער וועט אַרויפקומען.

שפּעטער, אין דער ציכטיק־ווייסער היימלעכקייט פון בעלאַ טראַוניק׳ס קיך, פענצטער־שטאָרן פאַרזיכטיק אַרונטערגעצויגן, באַם ווייס־פאַרשפּרייטן טיש, האָט ער, ווי אַ פליכט־זאַך, געפרעגט, וואָס זי הערט פון מר. טראַוניק. זי האָט, אויך ווי אַ פליכט־זאַך, טרוקן געענטפערט: „ער קומט די וואָך ניט אַהיים. ער איז זייער פאַרנומען." דער אַלומינום־טשייניק אָפן ווייסן

גאז־אויוון האָט געאָטעמט מיט הייסע, דורכזיכטיק־ווייסע פרייד־וואָלקנדלעך, און זיין הארץ האָט געקלאַפּט. האָט ער צוגעצויגן די פינף־יאָריקע, ניט־פאַרשטייענדיקע סילוויע צו זיך און זי אַוועקגעזעצט בא זיך אַפן שויס, געגלעט אירע האָר.

און פּלוצלונג:

— איך בין זייער מקנא אייער מאַן, מיסעס טראַוווניק.

— וואָס מיינט איר?

— איך בין אים מקנא, וואָס ער האָט אַזאַ זיס ווייבל, ווי איר. — ער האָט שעלמיש איר נעקוקט גלייך אין די אויגן אריין.

— רייד זיינען בא אייך מענער זייער ביליק.

אָ, ער מיינט עס זייער ערנסט. ער ווייסט ניט, וואָס מיט אים איז לעצטנס. זינט ער האָט זי מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק דערזען, האַלט ער אין איין טראַכטן פון איר. זי איז גאָרניט ענלעך אַף אַלע אנדערע ווייבלעך, וואָס ער קען.

זי האָט זיך פאַר אים אַנטשולדיקט: זי דאַרף לייגן איר סילוויע'ן שלאָפן. זי איז צו אים צוגעגאַנגען נעמען דאָס קינד פון זיין שויס און איז אַ ווייַלע געבליבן שטיין אַזוי נאָענט, אַז ער האָט געפילט ווי איר גאַנץ לייב זינגט צו אים. ער האָט געפּרוּווט זי אַ כאַפּ טאָן פון הינטן אַרום טאַליע. זי האָט זיך פון אים אַרויסגעגליטשט און איז אַרויס מיט דעם ניט־ווילנדיקן קינד פון צימער.

אַ ביסל שפּעטער איז זי צוריקגעקומען אָן דעם קינד, מיט עטוואָס־צעשויבערטע האָר, וואָס האָט איר צוגעגעבן ווילדן חן, מיט אַ ווילד־גלאַנציקן פלאַקער אין די טונקעלע, שמאָל־לענגלעכע אויגן און מיט אַ פלאַקערדיקער רויטלעכקייט אַף די רונד־הויכע באַקן. ער האָט זי אַ צי געטאָן צו זיך. זי איז אינגאַנצן, ווי זי איז גרויס, אין זיין שויס אריינגעפאַלן...

אָט אַזוי איז דאָס געשען. פאַר אים זיינען דעמאָלט געקומען טעג פון ניט־דאַאיקער יום־טוב'דיקייט, ווען די געוויינלעכע צייט־איינטיילונג אין טעג, וואָכן און חדשים האָט פאַר אים אויפגעהערט: ער האָט דעמאָלט געוואוסט בלויז צוויי־ערליי צייטן — ווען ער קען זיין מיט בעלאַ'ן צוזאַמען, און ווען ער קען ניט... האָט מען אָנגעהויבן דערקענען: עפּעס האָט ער זיך גענומען פּוצן, עפּעס האַלט ער זיך מאָדנע. ער איז פאַרטראַכט, איינגעשלאָסן אין זיך, ענטפערט ניט ווען מען רעדט צו אים, נעמט ניט קיין אָנטייל אין די גע־פּעפערטע באַלמעלאָכישע ווערטלעך. גאָרניט דער אייגענער אשר. אַמאָל

ווערט ער ווידער פריילעך, ווי אַ אינגל, און רייסט אַלעמען מיט מיט זיין פריילעכקייט. און זיינע אויגן האָבן באַקומען אַזאַ משונה'דיקן אויפגערעגטן גלאַנץ. וואָס איז מיט אים? און די בעקער, ווי פּשוט'ע מענטשן, פילן זיך ניט היימלעך מיט אומפאַרענטפערטע פראַגן.

— אשר, דו חתנ'סט זיך מיר עפּעס צופיל... — זאָגט בייניש, אַן עלטערער בעקער.

— מיר'ן דיר אָראַפּברענגען דיין ווייב, אשר, — סטראַשעט אַ צווייטער.

— פאַרוואָס מיר? זאָל די „יוניע" אַראָפּברענגען. די „יוניע" דאַרף פאַרזאָרגן די בעקער מיט ווייבער...

— ניין, די „יוניע" טויג ניט. סאָרקין (ער איז פּרעזידענט פון זייער לאָקאַל, איז ער די „יוניע") וועט זי צונעמען פאַר זיך...

— איר האָט ווייבער — איז אייך גוט! פאַר'דאגה'ט מיך ניט!...

— אַ, אַ, אַ!... — שיסן עטלעכע מיטאַמאָל אויס אַ געלעכטער. — פאַר'דאגה'ט אים ניט — ער פאַר'דאגה'ט זיך שוין אַליין...

— מיט ניגערטעס, — כאַפּט עמיצער אונטער.

פּאַדאָלסקי'ן האָט אָנגעהויבן רוישן אין קאָפּ. ווייסן זיי עפּעס? ניין, זיי הייבן גאָרנישט אָן צו וויסן. ער קען זיינע בעקער. זיי האָבן ליב גלאַט צו באַלאַקען מיט די צינגער. זאָלן זיי באַלאַקען. וואָס אַרט עס אים? ער וועט זיך מאַכן ניט־הערנדיק, וועלן זיי אויפהערן. יאָ, פּאַדאָלסקי קען זיינע בעקער.

4.

אַזאַ מענטש איז ער, פּאַדאָלסקי. קומט אים די פרייד אַנטקעגן — נעמט ער זי מיט אַ רואיקן און פריידיקן האַרצן. ער קאָכט זיך ניט, ער פרעגט ניט און חקירה'ט ניט. און דאָך קומען פראַגן און שטעלן זיך פאַר אים, שטילע, היימישע: אַ ווייב, קינדער? ניט די ווייב אַרט אים — וואָס פאַר אַ שייכות האָט זי איצט מיט אים? נאָר די פליכט צו אייגענע, זיינס אייגנס, ער אַליין. וואָלט ער געקענט זיך אָפּטיילן פון איר — ניט פון דער ווייב, נאָר פון דער פליכט — וואָלט ער געזאָגט: „בעלאַ, פּאַק זיך און לאָמיר ערגעץ אַוועקפאָרן." און זיי וואָלטן אָן שהיות אַוועקגעפאָרן. וואָס אַרט אים, וואָס „די וועלט" וועט זאָגן? ער קען זיך זיין שטעטל באַשטיין אָן „דער וועלט". פון רבנות וועט מען אים ניט אָפּזאָגן — ער איז אַ פרייער מענטש. וועט מען אים ניט אויפרופן קיין ששי, מער גאָרניט. איז ער אָבער

ניט פריי פון זיך אליין, פון דעם וואס איז אין אים. קומען זיי, די פראגן, שטילע, היימישע, און שטעלן זיך פאר אים. פארטרייבט ער זיי ניט. אבער די פרייד שטראלט איבער אים, שטראמט אין אים. קאכט ער זיך ניט, פרעגט ניט און חקירה'ט ניט. אזא מענטש איז ער, פאדאלסקי.

נאר פאר איר, פאר בעלא'ן, איז די פרייד נאך געווען ניט גאנץ גענוג. האט זי אנגעהויבן מאנען פון איר מאן א נייע דירה. א הויז פאר זיך אליין וויל זי. א באנגעלא. האבן זיי געקראגן א הויז מיט זעקס צימערן, מיט ווערענדעס, אין א געדיכט־באפלאנצטער און שיטער־באוואוינטער גאס, מיט גענוג גרינער, באשאטנטער לײדיקייט פון אלע זייטן. מיסטער טראווניק איז צופרידן. אויב עס געפעלט איר אזוי, וועט ער דאס הייזל קויפן. האט ער געקויפט און פאדאלסקי האט געדונגען א צימער — זייער צימער.

איז די פרייד שוין איצט געווען צופיל עס זאל קענען לאנג אנהאלטן. איז פלוצלונג, אין א ווינטערדיקער נאכט, ווען מיסטער טראווניק איז אין דער היים ניט געווען, אנגעקומען זיין שוועסטער מיט א קינד פון שיקאגא. אומ־געריכט איז זי געקומען. אזוי אומגעריכט, ווי די קאלטע, שניידנדיקע שניי־זאווערוכע, וואס איז געקומען אין איין צייט מיט איר. און כאטש זי האט אין הויז גארניט געזען — בעלא האט אין איילעניש איר בעט געמאכט, איידער זי האט די טיר געעפנט — דאך האט זי אלצדינג געזען. און כאטש זי האט גארניט געזאגט, האט זי אלצדינג געזאגט. האט בעלא גלייך געוואוסט, וואס אט־דער באזוך באטייט, אבער זי האט אויך גארניט געזאגט.ביידע פרויען האבן זיך גלייך פיינט באקומען, אין דער שטיל, אין דער טיף. די שוועגערין איז געבליבן אף אן אומבאשטימטער צייט, און פאדאלסקי האט געמוזט געפינען אן אנדער צימער.

דעמאלט האט ער זיך פארקליבן מיט זיין גרויען, נאגנדיקן פארדרוס אף זיך אליין, אף אלע, אף אלעמען, און אף קיינעם ניט, אין א פארעלטערטן גויאישן בארדינג־הויז, ערגעץ אין אן אפגעלאזענעם, פארוואָרפענעם און שימל־גרויען געסל לעבן אן אייזנבאן־ליניע. שטויביק־רויכיקע מוטנעקייט, גרילציקע שיכורים־פריילעכקייט אין די אָוונטן. האט ער זיך ארומגעדרייט אין זיין בוידעם־צימער, מיט איין גלייכער וואנט און דריי געבויגענע, מיט דריי קליינע פענצטערלעך אין די געבויגענע ווענטלעך — האט ער זיך ארומ־געדרייט אליין מיט זיין פארדרוס, מיט מוטנע־הנאה'דיקן ווי אין הארצן, און עס האט אים געשטאכן די פרעמדקייט, די גרילציקייט און די מוטנעקייט פון ארום. „נו, וואס? שוין אויס?" — האט ער זיך אלע ווילע געפרעגט. און עס האט אים מאדנע הנאה געטאן דער ווייטיק.

און ווען בעלאַ איז אין איין פרימאָרגן געקומען, אויפגעוועקט אים פון שווערן שלאָף און, ווי אַמאָל, מיט איר פרייד דורכגעלעכערט זיין אַנגעווייטיקטע אַליינקייט, ווי אַ בליץ, וואָס לעכערט דורך אַ געדיכטן בלייענעם טומאַן און פאַרשווינדט, האָט פּאָדאָלסקי דערנאָך געפילט, ווי אַ מעלאַנכאָליש־פרײדיקע ווייסע טויב וואָלט זיך אוועקגעזעצט אַף זיין מוטנע־שווערן געמיט... און דערנאָך האָבן זיך געקליבן נאָך פרימאָרגנס אַזעלכע — מעלאַנכאָליש־פרײדיקע, ווייסע טויבן...

ביז איינמאָל, ווען בעלאַ איז אַרונטער פון די ברייטע הילצערנע טרעפּ פון דעם באָרדינג־הויז מיט נאָך פרישן גלאַנץ פון פרייד אין די אויגן און אַף די באַקן, האָט זי דערהערט איר סילוויע׳ס פריילעכן אויסגעשריי: „מאַמע!” דאָס קינד איז איר מיט שמחה אַנטקעגנגעלאָפן. אַפן טראָטואַר איז געשטאַנען די שוועגערין אַן איינגעהילטע אין אַ ווינטער־מאַנטל, שאַל אַרום האַלז, הענט אין דיקער, שוואַרצער מופטע, מיט צעפּלאַמטע באַקן און מיט אַנגעצונדענע אויגן. איר אייגענע פינף־יאָריקע מיידעלע, אויך וואַרעם־אַנגעפּעלצט, איז געשטאַנען לעבן איר. בעלאַ האָט אַ כאַפּ געטאָן איר סילוויע׳ן. די שוועגערין האָט ניט געוואַרט ביז זי וועט עפּעס זאָגן. זי האָט ניט געוואַרט עפּעס צו הערן.

— האַ? פיין, זייער פיין! — האָט זי געשאָקלט מיט איר שווער־באַלאָדענעם קאָפּ. וואָס נאָך קען זי זאָגן?

בעלאַ שטייט, ווי איינגעטוליעט אין איר קינד, און רירט זיך ניט פון אָרט.

— אַ פיינע ווייב! אַ מאַמע! אַן אשת־איש! פיין דערלעבט, אַך! — זי האָט געזיפצט אָפּגעריסענע אויסרופן, אַלץ שאָקלענדיק מיט איר שטייף־באַשאַלטן קאָפּ.

בעלאַ האָט געשוויגן.

— פאַלשע פרוי! איצט וועט מוזן נעמען אַ סוף! — האָט יענע שוין מער איר פייער אין זיך ניט געקענט איינהאַלטן.

האָט בעלאַ פּלוצלונג אָפּגעלאָזן איר קינד פון זיך, גענומען עס פאַרן הענטל, און גענומען טענה׳ן מיט געמאַכטער רואיקייט, ווי צו זיך אַליין:

וואָס פאַר אַ רעכט האָט זי איר נאָכצושפּיאָנעווען? זי איז אַ פרייער מענטש. זי קען גיין וואו זי וויל. ניין, זי קען דאָס מער ניט פאַרטראָגן. זאָל נעמען אַ סוף! זאָל זי ניט סטראַשען. איר אַרט ניט!

און צו ווייזן, אַז זי מיינט וואָס זי זאָגט, איז זי מיטן קינד פאַרן הענטל אַוועק אין אַ פאַרקערטער זייט פון איר היים.

דאָס פּייער האָט איצט אַרויסגעפּלאַצט פון איר שוועגערינס אויגן, און זי האָט זיך צעשריען, אַזוי הויך, ווי זי האָט געקענט:

— קורווע!!!!

בעלאַ איז אַוועק, ניט אומגעקוקט זיך.

די שוועגערין איז געבליבן שטיין פאַרגליווערט. דערנאָך האָט זי זיך הויך צעוויינט. איר קינד נאָך איר. אַרום זיי האָבן זיך גענומען קלייבן קינדער, דערוואַקסענע. זי האָט זיך פלוצלונג אַוועקגעריסן פון אָרט. זי האָט דעם שאַל אויפגעהויבן ביז די אויגן. די טרערן האָבן זיך געגאָסן אין שאַל אַריין.

5.

בעלאַ איז צוריק אַהיים ניט געקומען. אין שטעטל איז געוואָרן לעבעדיק. אויף דער צוועלפטער עוועניו און אַרום איז די אַטמאָספערע פול געוואָרן מיט זינד און סקאַנדאַל. איר זאָלט וועלן צאָלן אַ רענדל פאַר אַ גענעץ אויף דער צוועלפטער עוועניו, וואָלט איר אים ניט געקראָגן. אין שולן און אין באַרבער־שאַפּס, אין קראָמען, יאַטקעס — איין טעמע. אָרטאָדאָקסן און פּראָגרעסיווע, אַלט און יונג, מאַן און ווייב האָבן זיך פאַרטיפט, דורכגעלעבט און איבערגעלעבט אין געדאַנקען און אין רייד דעם פּיקאַנטן סקאַנדאַל, די גרויסע זינד. אַז אַ פּשוט'ער ייד, ניט קיין געלערנטער, זאָל צונעמען אַ פרעמד ווייבל — אַזוינס איז נאָך אין וואָטערטאָון ניט געהערט געוואָרן.

זיינען אַלע געווען אויפגעקאָכט. און אַלע האָבן זיך באַלעקט. אין איינטימע מינוטן, באַם טיש און אין בעט, האָבן מאַן און ווייב אַרומגערעדט דעם שרעקלעכן ענין, און די וואָכעדיקע רוטין פון זייער צוזאַמענלעבן איז באַווירצט געוואָרן מיט דעם געשמאַקן זינד־ריח... מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן האָט זי פאַר'חלום'ט געזאָגט, אַז ניין. זי וואָלט אַזוי קיינמאָל ניט געהאַנדלט. זי פּרוּווט זיך פאָרשטעלן, ווי אַזוי יענער וואָלט צו איר צוגעשטאַנען. יאָ, זי וואָלט אַלעמאָל געבליבן געטריי איר מאַן... און ער, דער מאַן, פאַרשטייט, אַז עס איז אַ גרויסער נסיון. אָבער מען דאַרף זיין שטאַרק. ער וואָלט אויסגעהאַלטן. אָט, ווען ער איז אַמאָל געווען אַליין, פלעגט זיין מיסעס... און ער — עס זאָל אים אָרן... יאָ, מען דאַרף זיין שטאַרק... און איינער אין אַנדערן האָבן איצט געפּילט דעם טעם פון זינד...

מיסטער טראַוויניק איז אַהיימגעקומען און טעג זיך ניט געוויזן פאַר מענטשן. זיין שוועסטער האָט פון אים געפאָדערט, ער זאָל ניט זיין קיין

לעמעשקע. ער מוז פאַרגעסן אָן בעלאַ׳ן, געבן איר אַ גט און פּטור. נישקשה, ער איז יונג און רייך: ער וועט געפינען אַ פרוי, אַן אמת׳ע, אַ געטרייע. דער רב מארגאָלים האָט אים אויך געלאָזט וויסן, אַז לויטן אידישן דין מוז ער זיך שיידן מיט זיין פרוי. האָט מיסטער טראַוווניק אַלץ אויסגעהערט און זיך געמאַכט ניט־הערנדיק. וואָס ווייסן זיי? קען ער דערציילן? ער קען נאָר קרעכצן. האָט ער זיך גאַנצע טעג אַרומגעדרייט אין הויז און געקרעכצט. די שוועסטער האָט דאָס שוין ניט געקאָנט פאַרטראָגן. ער מאַכט זי קראַנק מיט זיין קרעכצן, זאָגט זי. ער איז אַ לעמעשקע, אַ שמאַטע. באַ לייטן וואָלט מען אַזאַ פרוי געוויזן, אַז... וואָס טויגן די רייד! עך!... נו, איצט ווייסט ער דאָך, דאַרף ער זיין גליקלעך, וואָס ער איז פּטור...

אפשר איז זי גערעכט, אָבער... ער ווייסט ניט ווי דאָס צו זאָגן.

— עך!... — מאַכט זי אַוועק מיט דער האַנט.

6.

עטלעכע טעג האָט זיך די שוועסטער אַרומגעדרייט אַרום הויז, וואו פּאַדאָלסקי האָט געוואוינט, אָן אָנגעפּעלצטע, אָן אָנגעכמורעטע. זאָל זי זי נאָר פּאַקן — זי וועט איר שוין דאָס פּנים פאַרשוואַרצן! האָט זי אָבער קיינעם ניט געפּאַקט. צווישן די בעקער האָט מען זיך אָנגעהויבן וויצלען. טראַוווניק׳ס שוועסטער, האָבן זיי געזאָגט, „פּיקעט" פּאַדאָלסקי׳ס הויז.

און פּאַדאָלסקי פלעגט קומען צו דער אַרבעט, פּינקטלעכער ווי אַלעמאָל, ווי עס וואָלט גאָרניט געשען. מיט קיינעם וועגן גאָרניט גערעדט. פלעגט מען זיך אין דער שטיל איבערווינקען, איבערשמועסן. נאָר ווען פּאַדאָלסקי פלעגט אַ קוק טאָן, פלעגט מען גלייך אויפהערן.

און איין נאַכט, בעת דער אַרבעט, איז טראַוווניק׳ס שוועסטער אַריינ־געקומען אין בעקעריי און מיטאַמאָל אָנגעהויבן שרייען, ווי אַ פאָנאָגראַף־פּלאַסטינקע, וואָס הויבט אָן אינמיטן, אויף די העכסטע טענער:

— ווי האַלט איר דאָס אַזאַ אויסוואורף, אַזאַ מערדער! ווי דערלאָזן דאָס אידישע מענטשן?!

די בעקער האָבן געשמייכלט און געשוויגן. און מיט זייערע בליקן צו־געשטימט צו אַלץ, וואָס די פרוי זאָגט, צוגעגעבן איר מוט. נאָר דער פאַר־וואַלטער איז צו איר צוגעגאַנגען און פריינטלעך געבעטן, זי זאָל פאַרלאָזן דעם פּלאַץ. זי שטערט די אַרבעט. זאָל זי זיך אָפּרעכענען מיט פּאַדאָלסקי׳ן אינדרויסן. איז זי אָן ווייטערדיקע טענות אַרויסגעגאַנגען. נאָר אויף מאָרגן

איז זי געקומען איינקויפן געבעקס און האָט פאַרפירט אַזאַ היציקן געשפּרעך, אַז מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן צוזאַמענקומען אַרום דער בעקעריי פונדרויסן.

דעמאָלט האָט מיסטער ראַטנער, דער קאַסיר און הויפּט־בעל־דעה פון דער קאָאָפּעראַטיווער בעקעריי, אָנגעהויבן צו שטיצן דעם פאַרלאַנג פון די בעקער, אַז פּאָדאָלסקי זאָל אָפּגעזאָגט ווערן פון דער אַרבעט. די בעקעריי וועט רואינירט ווערן, האָט ער גע'טענה'ט. „צוליב אָט־דעם הפקר־יונג פאַר־פּאַטשקען מיר אונזער רעפּוטאַציע און פאַרלירן אונזער סימפּאַטיע." רעפּו־טאַציע און סימפּאַטיע — צוויי אייזן־שטאַרקע אַרגומענטן. אָבער פּאָדאָלסקי זאָגט זיך רואיק, ווי אַ קאַלטער גזלן:

— גיט מיר מיין געלט, וועל איך מיט פאַרגעניגן גיין.

אַ האַרטער ביסן, פּאָדאָלסקי: ניט צו קייען, ניט אויסצושפּייען...

אודאי האָט פּאָדאָלסקי אויסגעפירט, און די קאָאָפּעראַטיווע בעקעריי איז דורכדעם אונטערגעגאַנגען. און כאָטש מען האָט שוין פּאָדאָלסקי'ן לאַנג מוחל געווען דעם אַלטן חטא (ער האָט שפּעטער געבראַכט זיין פרוי און קינדער; אויך מיסעס טראַווניק האָט שפּעטער שלום געמאַכט מיט איר מאַן), פונדעסטוועגן האַלט דאָס וואָטערטאַון גוט אין זכרון און פאַרגעסט ניט צו דערמאָנען בײַ יעדער געלעגנהייט. און טאַקע, ווי קען מען גלויבן אַזאַ געפערלעכן יונג? און אַז מען רעדט איצט וועגן אַ סטרייק אין ראַטנער'ס בעקעריי, ווייסן דאָך אַלע, אַז דאָס איז אָט־דעם טייוול'ס — פּאָדאָלסקי'ס — אַרבעט. נאָר צרות טוט ער אָן וואו ער קומט. היינט גיי האָב רחמנות אויף אים! אַ הפקר־יונג, און נאָר!

קאפיטל V

שטורעם

.1

א גרויסער טאָג אין וואָטערטאַון. דער גרעסטער טאָג בא שאַבער'ן.

שטיקט אין זיך וואָטערטאַון א גאַנצן טאָג די אומגעדולד, ווארט מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם אַפן גרויסן פאָלקס־מיטינג אין דער פּראָגרעסיווער הויפּט־קוואַרטיר, אַף דער גרויסער דעבאַטע צווישן ראַביי מאַרגאָליס און ראַביי קראַוועץ. אַזאַ זאַך איז נאָך ניט געהערט געוואָרן: א דעבאַטע צווישן צוויי רבנים! און נאָך וואו? אין דער פּראָגרעסיווער הויפּט־קוואַרטיר! א פאַרקערטע וועלט...

שאַבער שטיקט אין זיך גאָרניט. זאָלן אַלע וויסן, אַז אים איז גוט און פריילעך אַפן הארצן. היינט שוין צום דריטן מאָל א פולע זייט מיט בשר־כשר־אַדווערטייזמענטס. א חוץ א גרויסן אָנאָנס וועגן דעם היינטיקן פאָלקס־מיטינג. היינט געקראָגן א בריוו פון דעם הויפּט־געשעפט־פאַרוואַלטער פון „קוריער" מיט קאָמפּלימענטן פאַר טיכטיקייט. און דער מיטינג וועט זיין א גרויסער, דער גרעסטער „סוקסעס", דאָס ווייסט ער זיכער. ער זעט שוין די שטימונג פון דעם וואָטערטאַונער עולם. פון ראַביי מאַרגאָליס וועט מען מאַכן א לעמפּל. ער וועט האָבן א פּנים ווי חוזק. זאָלן זיי וויסן ווי אָנצוהויבן זיך מיט אים, שאַבער'ן, און מיטן „ניו יאָרקער קוריער"!

און דער טאָג איז היינט אין וואָטערטאַון אַן אָנגעלאָדענער — ער שטיקט אין זיך די היץ אונטער א דאַמפּיק־בלייענעם צודעק. עפּעס ווייסט ער, דער טאָג; עפּעס באַהאַלט ער אין זיך — א סוד, א שווערן. און דאָס ווינטל, דאָס היימישע, דאָס געמיטלעכע, איז ניטאָ. וואו איז דאָס אַהינגעקומען? ווייסט עס דעם סוד פון טאָג און עס באַהאַלט זיך אין שרעק? אפילו אין דעם געבירגיקן הינטערן־שטאָט, איבער די בויגיקייטן און פאַלדיקייטן פון וואודלאַנד־פּאַרק, קען מען בלויז שפּירן דעם איינגעהאַלטענעם ציטער פון דעם ווינטל'ס אָטעם, ניט מער. א שווערער טאָג היינט אין וואָטערטאַון.

האנטפאס האט פאר־פרי זיין געשעפט פארלאזן. איבערגעלאזן עס אפן באראט פון זיין שטילער, ארבעטזאמער פלימעניצע. האט ער אין דער היים שוין סאפער גרייט געפונען. מיסעס האנטפאס אין איר נייסטן ראזעווע־זיידן זומער־קליידל מיט ווייסן פוטער־פוך באזוימט, און זייער צוועלף־יאריקע ביטרים, מאגער, מיט גרויסע אומרואיקע אויגן, אומגעדולדיק־נערוועז, האבן אים אויפגענומען מיט דערווארטונג. באם טיש איז מען געזעסן שטיל, אין איינגעהאלטענער איילעניש. האנטפאס אין א לויזער, ברייט־קאלנערדיקער ווייסער זומער־העמד. האט מען לייכט פארצערט די גרינגע זומערדיקע מאכלים: גרינסן, פרוכט־סאלאד, אייער, מילכיקס. ארויסגעפארן.

זיצט האנטפאס בא דער קער־ראד, געלאסן, חשיבות'דיק. יאגן זיך? צו וואס? גליטשט זיך ווייך און באזאכט זיין „ביואיק" איבער דעם גלאט: און גלאנציקן וואטערוועי־ראוד. זאלן זיך אנדערע יאגן. האנטפאס וועט גארניט פארשפעטיקן. לאזן זיך „האדסאנס", „סטודעבייקערס", „פעקארדס", וואו־ניט־וואו א „פיערס־אררא", א „ראלס־ראיס", אין אן אומענדלעכער פראצעסיע, מיידן אים אויס, יאגן אים העט־ווייט אריבער; מיידן אים אויס און יאגן אים אריבער איינפאכע „אווערלאנדס", „שעוורא־לעים" און אפילו אלטע, צעזשאווערטע „פארדלעך". ס'זאל אים, האנטפאס'ן, אנהויבן צו ארן! און אז א וועלט איז משוגע, מוז ער אויך פארלירן דעם קאפ? האנטפאס גייט זיך מיט זיין אייגענעם גאנג. זאל די וועלט זען און פון אים זיך לערנען...

א, ווען די וועלט וואלט זיך פון האנטפאס'ן געלערנט!

מאנט ביטרים פון איר פאטער. „פאר א ביסל שנעלער, פאפא, כ'בעט דיך." א „פארדל" הינטער זיי האט דאן גראד א בלאז געטאן מיט א הייזעריקן הארן און זיי גענומען אויסמיידן מיט הודזשענדיקער בלעכענער חוצפה. איז ביטרים'עס געבעט פארטויבט געווארן. זי חזר'ט אירע ווערטער נאכאמאל ניט איבער. זי ווייסט, ס'וועט ניט העלפן. זיצט מיסעס האנטפאס אין אומרואיקייט, פאכעט זיך מיט איר טיכל. זי פרואווט זיך דיפלאמאטיש:

— ס'זאל כאטש א בלאז טאן א רעכט ווינטל! ווען דו וואלסט אפשר א ביסל שנעלער א פאר געטאן...

— ווארט, מירן קומען צום אוק־לייק, דארט וועט זיין מער ווינט, — טרייסט זי מיסטער האנטפאס.

געלאסן, ווירדיק און מיושב'דיק זיצט ער, האנטפאס, בא דער קער־ראד. יאגן זיך? צו וואס? גליטשט זיך זיין נייער „ביואיק", ווייך און באזאכט, איבער דעם גלאטן אספאלטענעם וואטערוועי־ראוד, ווי א מאיעס־

טעטישע גאָנדאָלע איבער אַ קאַנאַל, אַ גלאַטן און אַ גליטשיקן. קערעוועט זיך דער שאַסיי אהער און אהין, באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ; וויקלען זיך לאַנדשאַפטן, האָריזאָנטן, אויף־און־אָפּיקע, באַוועלדערטע, מיט אָזערעס באַשפּיגלטע, — וויקלען זיך אויף מיטאַמאָל, ווי וואונדער־לענדער דורך אַ כישוף־שטעקעלע, און פאַרשווינדן פּלוצלונג צווישן הויכע זאַמדיקע ווענט. באַווייזט זיך אַ וואַסער־שטרעקע, אַ רחבות׳דיקע, אַ גלאַטע — אָוק־לייק. שפּיגלט זי אין זיך אָפּ דעם גאַנצן מיט־אימה־באַלאַדענעם האָריזאָנט; שפּיגלט אָפּ אַלץ גלייכצייטיק, בלייבט פאַרטראַכט אין פאַטאַלע, בלייענע רעיונות, און גיט זיך קיין קנייטשעלע ניט... בײַ אַ ווייטן שליימיקן ברעג שטייט אַ זעגל־שיפל, ווייסע פליגל הילפלאָז צעשפּרייט אַנטקעגן דעם גרויען האָריזאָנט, און רירט זיך פון אָרט ניט...

קערעוועט זיך האַנטפּאַס אָפּ אַף דעם שמעלערן זייטיקן וועג, דעם זאַמדיק־געלן, וואָס גייט אַרום און אַרום דער אָזערע צווישן צוויי געדיכטע שורות ביימער. פאַרשטעלט ערטערווייז דער געדיכט־גרינער ביימער־געפלאָנטער די גאַנצע אָזערע. בליקן דורך פון צווישן די בלעטער אומצאָליקע, צוריקוועגס־איילנדיקע וואַסער־אויגן און וואַרפן אָן אַ טונקל־גרויע מרה־שחורה. האַנטפּאַס פאָרט אַרום און אַרום דער אָזערע און נעמט זיך ווידער מיט דעם ברייטן אַספאַלטענעם וואָטערוועי־ראָוד צוריק אין שטאָט אַריין.

ערשט איצט האָט מיסעס האַנטפּאַס דערפילט די שווערע משא פון נודנעקייט, וואָס עסט לאַנגזאַם אירע טעג און יאָרן. „נו, וואָס?" האָט זי געטראַכט. שוין ווידער געהאַט אַן „אָטאָמאָביל־ראַיד". שוין צענדליקער מאָל מיט דעם זעלביקן וועג אַרויסגעפאָרן, די זעלביקע אָזערע אַרומגעפאָרן, און איצט ווידער צוריק. אַלץ איז שוין דאָ באַקאַנט און דערעסן, ווי די ווענט פון איר אייגענער הויז...

עס האָט פּלוצלונג אַ וויי געטאָן אין דער לופטן. ס׳איז אָבער ניט קילער געוואָרן. פאַרקערט, ס׳איז הייסער און שטיקנדיקער געוואָרן.

„אַ שיינער פאַרגעניגן! ס׳ווערט היים פון אַזאַ פאָרן," האָט מיסעס האַנטפּאַס געקלאָגט אין זיך, פילנדיק ווי דער שוויים רינט פון אַלע אירע לייב־פאַלדן און נעצט־דורך אירע קליידער.

— העלאָו, האַנטפּאַס!

שאַכער׳ס קלינגענדיק־כריפּלענדיקער, פרייד־יובלדיקער אויסגעשריי, אַט ווי ער וואָלט דערזען זיין ברודער פון יענער וועלט. האַנטפּאַס האָט דערזען דעם הינטן פון בערמאַנ׳ס „האָדסאָן", וועלכער האָט זיי נאָר־וואָס אויסגעמיטן. און שוין — האַנטפּאַס האָט פאַרלוירן זיין רואיקייט. ער האָט

איצט געוואָלט אַ טרייב טאָן זיין מאָטאָר מיט כעס, אַז שאַבער זאָל ווייסן. אָבער ניין, ער וועט צוליב אים זיין קורס ניט ענדערן. ער וועט זיך בעסער מאַכן ניט־ווייסנדיק. אַ חוצפה אַ ביסל ער פאַרמאָגט, אָט־דער שאַבער!

— אָט ווי דו קוקסט עס אָן, דזשעני, איז עס, דאַכט זיך, אַ געפערלעכער העלד. עס קערט וועלטן. אין דער אמת'ן טויג עס ניט אַ קאַץ אָן עק צו פאַרבינדן. איינגאַנצן מויל און מער גאָרניט. דער גאַנצער ליאַרעם און טומל, וואָס ער מאַכט אַרום זיך, האָט מער ניט די ווערט, ווי דאָס האַווקען פון אַ קליינעם געקרייזלטן פודל־הינטל, ניט מער. אין ממשות'דיקע זאַכן וואָלט איך זיך גיכער פאַרלאָזט אַף אונזער ביטרים'ן, ווי אַף אים.

יאָ, האַנטפּאַס קען אים, שאַבער'ן. אַ ביישפּיל: עס האָט זיך אים, שאַבער'ן, פאַראיאָרן פאַרגלוסט אַן אַטאָמאָביל. נו, האָט די גאַנצע צוועלפטע עוועניו געהאַט צו טאָן מיט אים. אַלע האָבן אים געלערנט ווי אָנצוגיין. זיינען אַזוי אַוועק חדשים און שאַבער האָט נאָך אַלץ געציטערט צוצורירן זיך צו דער קער־ראָד, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז אינעווייניק זיצט אַ שד. האָט ער דעם אַטאָמאָביל אַוועקגעשטעלט אין אַ גאַראַדזש, און ער איז דאָרט געשטאַנען אַזוי לאַנג, ביז די גאַסן־קינדער האָבן אים צעשלעפּט שטיקלעכווייז. די רעשטלעך זיינען פאַרקויפט געוואָרן צו אַ דזשאַנק־פּעדלער. אָט אַזאַ מין גרויסער העלד איז דאָס.

— אַלע מענער זיינען העלדן בלויז מיטן מויל, — זאָגט דזשעני האַנט־פּאַס קאַלטבלוטיק.

אַזוי ווינציק האַלט זי איצט פון די מענער.

.2

אַרום דעם פּראָגרעסיוון הויז אַף דער צוועלפטער עוועניו, פון ביידע זייטן גאַס, זיינען געווען אויסגעשטעלט אַטאָמאָבילן פון אַלערליי פאָרמען און פירמעס; געשטאַנען ליידיקע און גערולדיק געוואַרט, פינקלענדיק גלייכ־גילטיק מיט די הינטערשטע טונקל־רויטע לאַמטערן־אייגעלעך אין דער שווערער, שווייסיקער, מעלאַנכאָליש־באַלויכטענער טונקלקייט. פון אינעווייניק, פון דעם גרויסן העל־באַלויכטענעם זאַל, אָטעמט עס מיט יום־טוב־דיקייט און ווילכטיקייט. פאָרט צו נאָך אַן אַטאָמאָביל, נאָך אַן אַטאָמאָביל, פאָרט ער געלאַסן, זוכנדיק, היין און צוריק, רעכטס און לינקס, ביז ער געפינט ערגעץ אַן ענגן אָפּרו־פּלאַץ. רוקט ער זיך ביסלעכווייז אַהין אַריין, קרעכצנדיק און דרייענדיק זיך אַף אַלע זייטן. וועט זיך דאָך האַנטפּאַס מיט זיין אָטאָ־

מאָביל אַהער ניט שפּאָרן. צו וואָס? ער וועט בעסער זיין מאַשין אין גאַראַדזש אַריינפירן און אַליין דערנאָך צוגיין צופוס. ער וועט גאָרניט פאַרשפּעטיקן.

אין דעם גרויסן אַדיטאָריום פון דער פּראָגרעסיווער הויפּט־קוואַרטיר שטייט מען שוין קאָפּ אָן קאָפּ אין דושנער און שווייסיקער געדיכטעניש. דאָס גאַנצע וואָטערטאַונער אידנטום שטופּט זיך אין אַדיטאָריום אַריין. די הויפּט־קוואַרטיר האָט נאָך אַזאַ עולם ניט געזען.

נאָר האַנטפּאָס און מיסעס האַנטפּאָס בלייבן שטיין פונדרויסן, אין דעם ברייטן אַריינגאַנג־קאָרידאָר, און ישוב׳ן זיך: שטופּן זיך צוזאַמען מיט אַלע אידן און אידענעס, צי וואַרטן?

— נו, מילא; אַ ברירה האָבן מיר? — אַזוי מיינט מיסעס האַנטפּאָס. זי ווייסט ניט וואָס מען דאַרף זיך אַזוי צערעמאָניען. מען נעמט און מען שפּאַרט זיך אַריין גלייך מיט אַלעמען.

ניט אַזוי אָבער מיסטער האַנטפּאָס. ער ראָט: וואַרטן. וואָס? זיי וועלן פאַרשפּעטיקן די ענגשאַפט? דערווייל איז נאָך ניטאָ וואָס צו הערן. ווען עס וועט ווערן אינטערעסאַנט, וועלן זיי אַריינגיין. איז געבליבן — וואַרטן. שטיין אין קאָרידאָר און וואַרטן.

זיינען זיי לאַנג אַליין ניט געשטאַנען. האַנטפּאָס שטייט ניט אַליין. אָט איז קרייזלמאַן מיטן ווייסן פּאַנאַמאַ־הוט אויף ברייטן, רונדן קאָפּ, שפּרייזנדיק מיט ברייטע געמאָסטענע טריט. דערזען האַנטפּאָס׳ן — ווי דען? זיך אָפּגעשטעלט און באַגריסט מיט אַ קרומלעכן שמייכל אויף ברייטן, היפּש־באַליפּטן מויל. אַ שמייכל אַ פאַרשטייענדיקער, פון אַן אייגענעם מענטשן, וואָס זאָגט אַזוי: אָט זיינען אַלע אַנדערע, און אָט זיינען מיר — צוויי באַזונדערע וועלטן. זאָלן יענע זיך שטופּן אין ענגשאַפט און מיר וועלן גאָרניט פאַרלירן, אז מיר וועלן זיך דערווייל שטיין אָן אַ זייט, אַזוי, פאַר זיך.

אָט איז אויך מיסטער שנייד, אַ באַזאַכטער, אַ צוריקגעהאַלטענער:

— עט, כ׳וויים דאַרטן וואָס! שאַכער׳ן האָט זיך פאַרגלוסט פאַרקאָכן אַ קאַשע. דאָך, לאָמיך אַ קוק טאָן. מען קען ניט זאָגן — ס׳איז פונדעסטוועגן פריילעך. ס׳איז לעבעדיק אין שטעטל! און ס׳איז טאַקע מאָדנע, אַ ריכטיקע קאָמעדיע. וואָס פאַר אַ שייכות האָבן פּראָגרעסיווע מענטשן צו בשר־כשר? אָבער צוריק געערעדט, וואָס קען עס שאַדן, אז ער וועט אַ קוק טאָן, ווי עס זעט אוים? נאָר גאָרניט, שטופּן זיך איז ער ניט מחויב. עס גייט אים ניט אין לעבן. שטייען האַנטפּאָס און קרייזלמאַן, שטייט ער אויך. און אפשר איז טאַקע זיין בעקי געערעכט, וואָס זי האָט בשום אופן ניט געוואָלט מיטגיין. זי האָט פיינט רבנים און זי האָט פיינט שאַכער׳ן. פונדעסטוועגן דאַרף מען

ניט זיין פאנאטיש. מען קען זען און הערן אַלצדינג און דאַך האָבן אַן אייגענע מיינונג. וואָס, ניט אַזוי?

קרייזלמאַן וויל וויסן, צי האַנטפּאַס איז אַ מבין אַף היינטיקן וועטער, אַף דער שטיקעניש. ווי עפּעס אַ האַנט וואָלט דיך געוואָרגן און דו האָלטסט אָפן דאָס מויל און קענסט ניט אָטעמען, און ס'גיסט זיך פון דיר דער שוויים.

וואָס ווייסט דען קרייזלמאַן? ער איז געווען אין שטאָט, האָט געאַרבעט. אָבער ער, האַנטפּאַס, איז אַרויסגעפאָרן צען מייל הינטערן שטאָט, איז געפאָרן אַרום אָוק־לייק, און ס'זאָל דאָרט זיין אַ שטיקל ווינטל אַף אַ רפואה. ס'האָט ממש אויסגעפּעלט אָטעם.

— יאָ, מיר זיינען אַרויסגעפאָרן כאַפּן לופט, נאָר ס'איז ניט געווען וואָס צו כאַפּן, — זאָגט מיסעס האַנטפּאַס און קוקט סאַרקאַסטיש־גוטמוטיק אַף איר מאַן, פּונקט ווי ער וואָלט געווען שולדיק אין דעם, וואָס ס'איז קיין לופט ניט געווען, נאָר זי איז אים דאָס מוחל...

— ס'וועט זיין אַ שטורעם, — דערקלערט האַנטפּאַס, ווי אַ שטרענגער אַטאָריטעט, וואָס גיט אַרויס זיין ענדגילטיקע באַשטימונג.

— ס'וועט זיין אַ שטורעם, — שאָקלט־צו קרייזלמאַן.

— און נאָכאַלעמען דאַרף מען שאַבער'ן געבן קרעדיט, — מאַכט קרייזלמאַן, ווי די רייד וועגן שטורעם וואָלטן אים אַרויפגעבראַכט אַפן זינען שאַבער'ן. — אַ מזיק! ער קען דיר אַ וועלט איבערדרייען. אָט האָט ער אָנגעמאַכט אַן אמת'ע ערד־ציטערניש אין שטאָט.

— מ־הע, — זאָגט האַנטפּאַס, — אַ שטורעם אין אַ לעפל וואַסער.

בלאַזין איז אַרויסגעקומען פון זאַל און געמעלדעט, אַז שוין — דער זאַל איז פאַרפולט און די טירן זיינען פאַרמאַכט. מער וועט מען קיינעם ניט אַריינלאָזן.

אַן עלטערער איד בעט זיך באַ בלאַזינ'ען: זאָל ער נאָך אַריינלאָזן אים און זיין פרוי. אָ, ס'וועט נאָך זיין פּלאַץ פאַר צוויי מענטשן. זיי קומען פון אַזוי וויט, אַזש פון לינקאָלן עוועניו.

ניין, בלאַזין קען קיין אויסנאַם ניט מאַכן. עס פאַרדריסט אים, וואָס זיי זיינען געגאַנגען אַזוי וויט פאַר גאָרניט. אָבער ער קען ניט העלפן.

בלייבן שטיין אידן מיט זויערע, אַנטוישטע מינעס אַף די פּנים'ער. קוקן זיך מאַן און ווייב איבער מיט קעגנזייטיקן פאַרוואורף, קריגן זיך דורך צווישן זיך מיט די אויגן — ווער פון זיי איז שולדיק אין זייער פאַרשפּעטיקן? —

און בלייבן שטיין אין קאָרידאָר. אפשר וועט נאָך זיין אַ געלעגנהייט אַריינצוכאַפּן זיך אינעווייניק.

יאָ, בלאַזין האָט דערזען די גרופּע אַרום האַנטפּאַס'ן:

— העלאָו, ווי געפעלט אייך דער סוקסעס? יי־יאָ? שאַבער קען! ער איז אָלרייט! נו, קומט שוין אַריין אינעווייניק. מיר פאַרמאַכן שוין די טירן.

האָבן זיי זיך אַריינגעשטופּט אין דער געדיכטער ענגשאַפט אַריין מיט פעסטקייט און ווערדע: זיי זיינען דאָ באַלעבאַטים. פאַר זיי מוז זיין פּלאַץ.

די אידן אין קאָרידאָר האָבן זיך אַ צאַפּל געטאָן צו דער טיר. פאַרוואָס מאַכט מען אויסנאַמען פאַר יענע? זאָל מען זיי אויך אַריינלאָזן. בלאַזין האָט פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך. זיינען די דרויסנדיקע געבליבן צעפלאַמטע פון כעס. נאָר וואָס קענען זיי זיך העלפן? אז דאָ זיינען זיי, די יונגאַטשעס, די באַלעבאַטים.

.3

אין זאַל. צוזאַמענגעפּרעסטע מענטשן־ענגשאַפט — קאָפּ אַף קאָפּ, קאָפּ איבער קאָפּ. טרעפּ פון קעפּ: אַלטע, מיטליעריק־פאַרעלטערטע, קינדער אין אַלטקייט פאַרלוירן, איינגעקוועטשט.

שפּע פון צעפלאַמטן עלעקטרישן ליכט. געדיכטער ריח פון לעבעדיקן מענטשן־פלייש. גייסט פון כשר פלייש פון אויבנאָן, פון דער ליכטיקער פּלאַטפאָרם. פאַלן די ווערטער, באַסאָווע, דיק־ברוסטיקע, פון דעם אויבנאָן איבער אַלע קעפּ —

בשר־כשר!

כשר, אָדער ניט כשר — דאָס איז די פראַגע.

דורך די הויכע צעעפנטע פענצטער שפּאַרט זיך אַרויס אינדרויסן דער געדיכטער מענטשישער שוויס־גערוך; שפּאַרט זיך אַריין פונדרויסן די ענגע און שטיקנדיקע אַטמאָספערע־שווייסיקייט, און אין זאַל ווערט אַף קיין האָר ניט לייכטער.

אַף דער הויכער גרין־דעקאָרירטער בינע־פּלאַטפאָרם, בא אַ שטענדער מיט אַ רויט זעלצער־פלעשל פונאויבן, שטייט דער רעדנער, אַ מיטליעריק־גרויער, ברייט־פּלייציקער, גרוי־געקליידעטער בעל־גוף מיט רויטן קאַרק און געדיכטע וואָנצעס. ער רעדט און שפּילט זיך מיט דעם דינעם גאָלדענעם קייטל אַף זיין וועסט. ער לאָזט אָפּ זיין קייטל, פאַרשפּיליעט זיין רעקל, און רעדט. ער שפּיליעט ווידער אָפּ זיין רעקל און רעדט. ער נעמט זיך ניט צום

הארצן, דער רעדנער. וואָס דאַרף ער זיך נעמען צום הארצן? ער איז דער גרעסטער אַנגראָ פֿלייש־סוחר אין היל־סיטי. איז אַ שותף צום שלאַכטהויז. געווינט ער, איז גוט. פאַרלירט ער, גייט אויך די וועלט ניט אונטער. רעדט ער זיך רואיקע, פריילעכע, גליטשיקע, ווי אין בוימל געווייקטע רייד. גליטשן זיך די רייד גלאַטיק און פריילעך איבערן זאַל און דער עולם האָט הנאה, פונעם גאַנצן הארצן הנאה.

ער האָט ליב צו דערציילן אַנעקדאָטן, דערציילט ער. דער עולם האָט אויך ליב אַנעקדאָטן, הערט מען, און מ׳לאַכט, און מען מאַכט צווישנרופן — מ׳פילט זיך היימיש און אויפגעלייגט. מ׳פּאַטשט זיך מיט טיכלעך, מיט צייטונגען, און מ׳פאַרגעסט, אַז ס׳איז היים. מ׳האָט הנאה.

— אַן אַנעקדאָט וועגן אַ יונגן ווייבל, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט צו אַ גויאישן „בוטשער״. ווען זי האָט זיך געכאַפּט און געזאָגט, אַז זי מוז האָבן פלייש מיט אַ חתימה פון ראַביי, האָט מען זי געבעטן זיצן — זיי וועלן שיקן אַ אינגל צום ראַביי נאָך אַ חתימה.

— אַן אירלענדער, אַ שוועד און אַ איד האָבן אָפּגערעדט צווישן זיך, אַז ווער פון זיי ס׳וועט דער ערשטער שטאַרבן, זאָלן אים די אַנדערע צוויי מיטגעבן צו פינף־הונדערט דאָלאַר, וואָרים מיט כּאַבאַר קען מען אומעטום, אַפילו אַף יענער וועלט, ווייט דערגרייכן. דער שוועד איז געשטאָרבן. האָט דער אירלענדער אַריינגעלייגט פינף־הונדערט דאָלאַר פּאַפּיר־געלט אין זיין טרונע. וואָס האָט געטאָן דער איד? ער האָט אַרויסגענומען די פינף־הונדערט דאָלאַר און האָט אַריינגעלייגט זיין טשעק אַף טויזנט דאָלאַר... אַזוי איז אויך מיט בשר־כשר: די שלאַכטהייזער גיבן דאָס פלייש. דער סוחר, דער שוחט און דער קצב גיבן זייער אַרבעט. און וואָס גיט דער רב? ער גיט אַ פּאַפּירענעם טשעק — אַ הכשר.

— אַך! וואו נעמט מען די פאַרצייטיקע ערלעכע און גאָטספאָרכטיקע רבנים! בּאַ אונז אין שטעטל איז אַמאָל געווען אַ רב, איז ער אַמאָל געקומען צו קהל מיט אַ טענה, אַז מען זאָל אַרונטערנעמען פון זיינע שכירות. וואָס איז? ס׳איז געווען אַ שלעכטע וואָך אין שלאַכטהויז — צופיל שטיקלעך טריף געמאַכט. נו, אויב די קצבים פאַרלירן געלט, וויל ער אויך פאַרלירן. האָט קהל געוואָלט אים געבן אַ הוספה אין אַ גוטער וואָך, ווען קיין שטיקלעך זיינען ניט טריף געוואָרן, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט: טאָמער וועט ער האָבן אַ פּניה כשר צו מאַכן... ניטאָ אַזעלכע רבנים אין אַמעריקע. אונזערע רבנים זיינען גוטע ביזנעסלייט. אָט נעמט די הכשרים־ביזנעס: חמצ׳דיקע הכשרים און פּסח׳דיקע, בשר־כשר, שמן־זית, כשר׳ע קיך־פּוידער און ווער ווייסט —

אפשר וועלן זיי נאָך איינפירן הכשרים אַף וואַנצן־פּוידער. נו, און כשר'ע פּאָדים — כאָטש דאָס קדחת לאָזן זיי פאַר די אָרעמעלייט אָן אַ הכשר... (גרויס געלעכטער. אַפּלאָדיסמענטן פון דעם פּראָגרעסיוון ווינקל). יאָ, דאָס רבנות איז אין אַמעריקע געוואָרן די בעסטע ביזנעס — מען לייגט אַריין גאָרניט און מען נעמט אַרויס וואָס מער...

— פאַרוואָס האָט זיך ראַביי מאַרגאָלים אָפּגעזאָגט צו קומען בודק זיין דאָס כשרות אין היל־סיטי'ער שלאַכטהויז? דער תירוץ איז — ביזנעס. יאָ, מיינע פריינט, איר קאָנט אַלע קומען בודק זיין בא אונז דאָס כשרות. איר קאָנט אַפּילו בודק זיין די חלפים, נאָר ווי אַ גוטער פריינט וועל איך אייך ראָטן ניט צו פּרואוון די חלפים אַף אייערע צינגער, אָדער העלזער, חס־ושלום, סיידן אַז עמיצער האָט אַ שוויגער, פון וועלכער ער וויל פּטור ווערן אַף אַ לייכטן, כשר'ן אופן... (געלעכטער, עטלעכע עלטערע פרויען האָבן זיך געכאַפּט פאַר די העלזער...).

— די גמרא זאָגט: הכל שוחטין, אַלע מעגן שעכטן, אחוץ אַ חרש, שוטה וקטן. וועל, מיינע פריינט, אָט זיצט אונזערער אַ שוחט (ער איז געזעסן אַף דער פּלאַטפאָרם און שעמעוודיק געשמייכלט אין זיין ברייטער, גרויער באָרד אַריין). אַלע קענען עדות זאָגן, אַז ער איז ניט קיין קטן. אפשר איז ער אַ חרש — אַ טויב־שטומער — אָדער אַ שוטה? לאָמיר אייך דערציילן אַ מעשה: מיר האָבן אַמאָל געפּרואווט זאָגן צו אים אין דער שטיל: מיסטער לאַפּידעס, ניטאָ פאַר אייך קיין געלט די וואָך. האָט איר געמעגט הערן דעם געוואַלט, וואָס ער האָט אויפגעהויבן... ניין, מיינע פריינט, קיינער פון אונזערע שוחטים איז ניט קיין חרש און ניט קיין שוטה; קיין קטן אודאי ניט, און זייער שחיטה איז כשר לכל־הדעות.

נעענדיקט. אַזוי רואיק און זיכער ווי ער האָט אָנגעהויבן. וואָס האָט ער זיך צו קאָכן? ער קען דעם עולם, און דער עולם קען אים — אייגענע, היימישע מענטשן. שמייכלט ער און קוקט אַפן עולם אין אַ פּאָזע, ווי פרעגנ־דיק: „אַנו, וואָס האָט דער אַנדערער צד צו זאָגן? איך האָב מיינס אָפּגעזאָגט."

איצט האָט שאַכער עפּעס צו אַנאָנסירן. נאָר פריער מוז ער אויסדריקן וואָס ער פילט. ער איז גערירט — ווי קען דאָס שאַכער לאָזן צום פּאָרזיצער? און ווי קען ער איינהאַלטן אין זיך די פרייד, וואָס רייסט זיך פון אים אַרויס? שאַלט ער מיטאַמאָל אויס:

— האַ? דאָס איז געווען באָמבאַרדירט! דאָס איז געווען אַ האָוויצער, אַ „גרויסע בערטאַ"! איר געדענקט דאָך די דייטשע „גרויסע בערטאַ", וואָס

האָט געשאָסן פון בעלגיע קיין ענגלאַנד? אָט אזא האָבן מיר איצט געהאַט! אָ, בייבי! אַ שאָד, וואָס ראַביי מאַרגאָלים איז דערביי ניט געווען!

— יאָ, ער וויל אַנאָנסירן, אַז ראַביי מאַרגאָלים וועט דאָ באַלד זיין. עס פאַרדריסט אים אָבער זייער, וואָס ראַביי קראַוועץ קען היינט ניט קומען — ער פילט זיך ניט־גוט. ער, שאַבער, האָפט אָבער, אַז דער עולם וועט ניט בלייבן אַנטוישט. דערווייל וועט גאָלד, דער קצב, עפּעס דערציילן. זאָל מען זיך האַלטן רואיק.

ס'איז נאָך גאָלד'ן קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו רעדן פאַר אזא גרויסן עולם. האָט ער זיך דערשראָקן און אָנגעהויבן שרייענדיק, ווי ער וואָלט געוואָלט זיין אייגענע שרעק איבערשרייען, און די ווערטער האָבן זיך צום עולם ניט געקלעפּט. דער זאָל איז פול געוואָרן מיט געמורמל, זשושעריי. האָבן זיך די ווערטער, עלנטע און פאַרלוירענע, אין זאָל איבער די קעפּ אַרומגעשלייעט און באַליידיקטע אומגעקערט זיך צוריק צום רעדנער אין האַלז אַריין, און ער האָט זיך אָנגעהויבן ווערגן מיט זיי...

— ער איז אפשר אַ גאַנץ געבילדעטער מאַן, מיסטער גאָלד, נאָר פאַר אַ בוטשער טויג ער ניט, — אַזוי זאָגט אים אָפּ פון בוטשעריי מיסעס בולגאַטש, די גראָסערי־לײדי.

און עלטערער איד טענה'ט אַריין אינעם שמש פון דער שול שערי־צדק, אַז „מסתמא, אַז מען קלינגט איז אַ חגא"... אפשר זיינען זיי, די רעדנער, גערעכט, אָבער זייער פלייש וועט ער ניט עסן. ס'הייסט? ער וועט מפקיר זיין די נשמה!... אַף דער עלטער אָנעסן זיך מיט טרפות!...

באַמערקן עטלעכע פרויען מיסעס טראַווניק מיט איר מאַן אין זאַל. ווערט אַ געשפּרעך איבער דער אַלטער פּיקאַנטער טעמע: מיסעס טראַווניק, פּאַדאָלסקי. אַ דאגה רייד!

און דאָ רעדט זיך אויס דאָס האַרץ אַ איד אַ נידעריקער, אַ פּעטער, אַ ראַזירטער, פאַר זיינעם אַ באַקאַנטן: היינטיקע קינדער! מ'האָט זיין זון גערעדט די בעסטע שידוכים. פיינע מיידלעך, באַלעבאַטישע. איז דאָס אים ניט אָנגעשטאַנען — עפּעס איז ער דאָך אַ היינטוועלטיקער — ווי פּאַסט דאָס פאַר אים מען זאָל אים געבן אַ כלה? נו, האָט ער זיך אַליין אויסגעקליבן אַ מיידל, אַ יענקי, אַ געפּאַרבטע. טאַטע־מאַמע האָבן דען עפּעס אַ ווערט בא היינטיקע קינדער? האָט מען חתונה געהאַט, און אין אַ וואָך אַרום זיך צעגאַנגען. ער ענדיקט מיט אַ זיפץ, איינרוימענדיק דעם באַקאַנטן אַ סוד אין אויער...

באַם באַקאַנטן טוען לוסטיק אַ גלאַנץ די אויגן. „אַזוי?!" דער ענין

געפעלט אים. ער וואָלט ערשט רעכט געוואָלט פאַנאַנדערפרעגן זיך. ער מוז וויסן איינצלהייטן... איז אָבער ניט באַשערט געווען.

.4

ס'איז פלוצלונג שטיל געוואָרן אין זאַל. דער רב איז אריינגעקומען, באַגלייט פון מר. עפשטיין, פּרעזידענט פון ועד־הכשרות, און דר. אַרקין, רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער פון דעם וואַטערטאַונער אידיש־אַמעריקאַנעם וואָכנ־בלאַט, „היברו סענטינעל". דאָ און דאָרטן האָבן זיך עלטערע אידן אויפ־געהויבן פאַרן רב. „לאָזט דורך! מאַכט פּלאַץ!" האָבן קולות געשריען. די דריי חשוב'ע פּערזענלעכקייטן האָבן זיך מיט שוועריקייט דורכגעשטופּט צו דער פּלאַטפאָרם. דער רב, אַ מיטלוואוקסיקער, מיט ברייטער, געהויקערטער פּלייצע, מיט ברייטער, ברוין־גרויער רבנישער באָרד, איז געגאַנגען שטרענג און אָנגעכמורעט, קוקנדיק מיט זיינע רונדע אַרויסגעשטאַרצטע אויגן גלייך פאָרויס, צו דער פּלאַטפאָרם־צו; אָט ווי ער וואָלט אַרום זיך גאָרניט געזען, אויסער דער פּלאַטפאָרם — זיין ענד־ציל.

דר. אַרקין, פאַרקערט, האָט זיך גוט אַרומגעקוקט און ברייט־שמייכלענדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט באַוואונדערט דעם „סוקסעס". דר. אַרקין איז ניט קיין וותרן אַף הסכמות צו דעם, וואָס אַנדערע טוען. זיינער אַ שמייכל איז עפּעס ווערט. כאָטש דער דריטער פון די דריי חשוב'קייטן, איז ער געגאַנגען דער שטאָלצסטער און דער גלייכסטער, מיט דאָקטערשן הדרת־פּנים, מיט גלאַט־ראַזירטער און עלעגאַנט־וואָנצעדיקער זעלבסט־צופרידנקייט — פינף פוס מיט אַכט (אָדער ניין) אינטשעס דאָקטאָר! אַף דער פּלאַטפאָרם האָט זיך דר. אַרקין איבערגעבויגן צו שאַכער'ן און אים פאַמיליאַר באַגריסט מיט זיין „סוקסעס":

— „יו'ר אַ קרעקער־דזשעק, מיסטער שאַכער!"

יאָ, דאָס האָט געזאָגט דר. אַרקין אַליין. איז וואָס האָט דאָ שאַכער נתפּעל צו ווערן? ער ווייסט, אַז ער האָט פאַרדינט, און ער ענטפערט אפילו ניט דר. אַרקינ'ען. אַזוי ווייט האַלט עס מיט שאַכער'ן, אַז ער מאַכט שוין אפילו פון דר. אַרקינ'ען קיין וועזן ניט...

דער פאָרזיצער, אַ בייכיקער באַלעבאָס, מיט אַ שפּיציק־געשוירענעם וויסן בערדל — איינער פון די ערשטע אידישע תושבים אין וואַטערטאַון — האָט גענומען פאָרשטעלן און אָפּגעבן כבוד דעם „נעקסטן" רעדנער, דער אין וועמען עס זיינען פאַראייניקט תורה און חכמה, וועמעס נאָמען עס גייט

„ווי גוטער בוימל” איבערן גאנצן לאנד, מיט וועמען וואָטערטאַון מעג שטאָלצירן, אונזער אַלעמענס רבי און נשיא, אונזער מרא־דאתרא, הרב מארגאָלים...

אינמיטן דער אָנגעצויגענער דערוואַרטונג האָט זיך מיט אימפּעט אריינגעריסן אַ שטורעמווינט מיט טומל און געבייזער און שטויב־געדריי, ווי ער וואָלט נאַר־וואָס אַנגעקומען, אַ פאַרשטויבטער און אַ צעבייזערטער, פון ערגעץ אַ ווייטן און אַ שווערן וועג, און גלייך אהער אין זאַל אריינגעפאַלן. מ'האָט אין איילעניש די פענצטער צוגעמאַכט. האָט דער שטורעם אַלץ מער דערצאָרנט גענומען בארעבאַנעווען אין די שויבן. אינדרויסן האָבן זיך די ביימער געוואָרפן אַף אַלע זייטן און געצאַפּלט, און געאָטעמט מיט אימה. אינעווייניק אין זאַל זיינען אָטעמס פאַרהאַלטן געוואָרן אין שווער־אָנגעשטרענגטן, מיטאַמאָל פאַרגליווערטן שטילשווייגן. און פּלוצלונג האָט אַ בליץ אַ זיגזאַג געטאָן איבער די פענצטער, און אַ דונער, ווי אַ זאַלפּ פון טויזנט קאַנאָנען מיטאַמאָל, האָט אַ זעץ געטאָן אין דער לופט און אין די הערצער.

דער רב, אַ בלאַסער, אַ נערוועז־אָנגעשפּיצטער, איז געשטאַנען אַף דער פּלאַטפאָרם; ווייסע ביינערדיקע הענט פאַרלייגט אַפן הארצן, אונטער די ברייטע שפּיצן פון דער באָרד. האָט ער מיטאַמאָל די הענט פאַנאַנדערגענומען, ווי אין אַ רחמים־געבעט צום הימל, און מיט אַ פייערלעכן ימים־נוראים'דיקן ניגון געמאַכט די ברכות איבער דונער און בליץ... „שכחו וגבורתו מלא עולם” און „עושה מעשה־בראשית”... האָבן פון פאַרשיידענע זייטן פון זאַל גע־ענטפערט שטילע, פאַרשעמטע, און פאַרשטיקטע „אמנס”. האָט זיך אויס־געדאַכט, אָט ווי אַ מחנה פאַרצייטיקע אנוסים וואָלטן זיך דאָ צוזאַמענגעקומען אַף קידוש־השם פּראַווען אַ יום־כיפּור'דיקע תפילה...

. . . און אינדרויסן פלאַקערן־אויף אָטאַ־דאָ־פּע'ס... פלאַקערן־אויף און פאַרגייען, פלאַקערן־אויף און פאַרגייען... שייטערהויפנס טרעשטשען און קנאַקן... און אַלע כחות פון צעשטערונג און אונטערגאַנג דרייען זיך און רייסן זיך וואָיענדיק מיט טייוולשער רציחה... וויגט זיך און קרעכצט דאָס הויז... אָט רייסן זיך די לופטיקע טייוולשע מחנות אריין אינעווייניק... פּחד... געיאָמער פון קינדער... אונטערגאַנג... די לעצטע שעה...

— אידן! — דונערט פלוצלונג אויס דער רב אין בלאַסן ציטער. — גאָט'ס צאָרן איז אַף דעם הויז!... אַ הויז פון טומאה... כפירה... גאָטס־לעסטערונג... הפקרות... — לאָמיר טאָן תשובה!... אַלע... תשובה!...

קראך!! קראך!!

אט איז דאס... אט קומט עס... גאט'ס צארן... א מאוים'דיקער היס־טערישער קוויטש פון א פרוי... געשרייען:

— פירט זי ארוים! נעמט זי ארוים!

שטופעניש, געדראנג...

קראך!!!

א שווערע, ווייכע מאסע האט פלוצלונג א זעץ געטאן אין א פענצטער און אים צעבראכן. א דעמבע איז געפאלן. מ'האט געהערט א געבראזג פון צעבראכענע שויבן געמישט מיט א קנאקן און שארשקען פון זיך־ברעכנדיקע צווייגן. עטלעכע גרינע צווייגן האבן ארייגעשטעקט זייערע אויסגעווייקטע שפיצן דורך דעם אויסגעבראכענעם פענצטער און האבן ארייג־געקוקט אזוי אומשולדיק, אזוי געפאלן, אזוי פאטעטיש־רחמנות'דיק. גלייך זיי וואלטן אף זיך געבעטן רחמים, א לעצטן חסד, אין זייער געבראכנקייט און געפאלנקייט... אדער אפשר האבן דאס די צעבושעוועטע מחבלים פונ־דרויסן זיי אומישנע ארייגעשטופט אינעווייניק, כדי צו רייצן זיך מיט די שוואכע, צאפלענדיקע מענטשן, וואס זיינען דא פארזאמלט: „זעט, וואס מיר האבן געמאכט פון שטארקערע פון אייך, פון גרעסערע פון אייך!"...

א זייל פון געדיכטן, גרוי־ווייסלעך־פליסיקן שטורעמווינט האט זיך סוויסטשענדיק און ווירבלענדיק אריינגעלאזט אין זאל אריין און גענומען קערן די לופט מיט רציחה, זיך דרייענדיק איבער קעפ אין א ווילדן געווירבל־טאנץ. און פלוצלונג איז פינצטער געווארן — אויסגעלאשן אין איין רגע אלע עלעקטרישן לאמפן, ווי פון א געשיקטער האנט פון אן אומגעזעענעם מחבל... און די פינצטערניש צעפלאקערט זיך אלע ווילע פון די נערוועז־עקספלאדירנדיקע בליצן... דאכט זיך: וועלטן צינדן זיך און קראכן, צינדן זיך און קראכן... דער יום־הדין...

איז א גרוילעכע אימה' לויז געווארן אין אלעמענס הערצער, און דער גאנצער זאל איז פול געווארן מיט איין מאוים'דיקער יללה אין געמישן פון קולות — קולות פון קינדער און מאמעס, פרויען און מענער, צעווילדעוועטע, אין פחד פארלוירענע... פונקט ווי דער אוראלטער חיה'שער דזשאנגל־פחד, פון טויזנטער דורות פארשטיקט און פארגראבן אין די טיפענישן פון די מענטשלעכע נשמות, וואלט זיך איצט מיטאמאל ארויסגעריסן אינדרויסן און צוריק פארוואנדלט די מענטשן אין צעשראקענע חיות...

און אינמיטן דער אלגעמיינער היסטעריקע האט זיך דערהערט א טיפער, מורא'דיקער ברום פון דער פלאטפארם:

— שמע—יש—ר—א—ל!

— דער רב! דער רב! א דאָקטאָר! — האָט עמיצער געשריען פון דער פּלאַטפאָרם.

די מהומה איז געוואָרן ווילדער. מען האָט זיך גענומען הייבן פון די ערטער... קלאַפּעריי פון שטולן... ווילדע געשרייען...

האָט א קלאַפּ געטאָן א באַפעל אין א פעסטן און שאַרפן קול, דר. אַר־קינ׳ס קול:

— שטיל! זיצט אױף די ערטער! זאָל זיך קיינער פון אָרט ניט רירן!

איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. גלייך די שטאַרקע און זיכערע מענטשלעכע שטים האָט באַהערשט אין אַלעמען דעם חיה׳שן פּחד און צוריק פאַרטריבן אים אין זײַנע באַהעלטענישן. בלויז קינדער האָבן נאָך אַלץ געיאָמערט, און די מאַמעס, נערוועזע, מיט קלאַפּנדיקע הערצער, האָבן געפּרואווט זיי באַרויִקן.

און באַלד איז אינדרויסן אויך שטיל געוואָרן. מיטאַמאָל, אָט ווי דער שטורעם וואָלט זיך אויך דערשראָקן און ווי א צעבושעוועטער הונט, וואָס האָט פּלוצלונג דערקענט די באַפעלערישע שטים פון זײַן באַלעבאָס, הכנעה׳דיק אויסגעפאָלגט דעם מענטשנס באַפעל: שטיל! גענוג!

איז געוואָרן שטיל, און פריש, און קיל. און אין דער שטילקייט האָט זיך דערהערט דער רעגלמעסיקער און געמיטלעכער „דיאַם־דיאַם״ פון א דינעם, גוטמוטיקן רעגנדל. האָט עס איצט פון דעם דרויסן, דעם שטיל־געוואָרענעם און טריפנדיקן, געווייעט מיט מעלאַנכאָליע און חרטה. גלייך ווי א אינגל א מזיק, וואָס האָט זיך ווילד צעשטיפט און אָפּגעטאָן עפּעס א מיאוס שטיקל אַרבעט, און איצט שעמט ער זיך, און באַהאַלט זיך, און דאָס האַרץ קלאַפּט אין דערוואַרטונג פון דער פאַרדינטער שטראָף...

— כר־ר־ר־ר... כר־ר־ר־ר... — האָט זיך פון דער פּלאַטפאָרם געטראָגן דעם רב׳ס גסיסה־כאָרכלען, זעגנדיק די לופט. האָט עס געקלונגען ווי א מחנה מתים־שאָטנס וואָלט זיך דאָרט, אױף דער חושכ׳דיקער פּלאַטפאָרם, צוזאַמענגערעדט וועגן זייער מאיום׳דיקע עסקים אױף זייער קברים־שפּראַך... האָט א חשכות, ווי א שוואַרצער פויגל, געהויערט מיט צעשפּרייטע פליגל און שאַרף־שפּיזיקע טלאָען איבער אַלעמענס קעפּ און זיך איינגעגאַנלט אין די הערצער... זיינען אַלע געזעסן געשמידט פון דער נייער, שטילער אימה, און זיך ניט גערירט פון די ערטער.

אימעצער האָט אָנגעצונדן ליכט. די פּלאַטפאָרם איז איצט געווען פאַר־האַנגען מיטן דיקן בלויען בינע־פאָרהאַנג. איז דער אימה׳דיקער סוד פון

טויט און לעבן געבליבן אָפּגעטיילט פון דעם עולם, פאַרשטעלט הינטערן פאַרהאַנג...

דר. ארקין איז ארויסגעקומען פון דער פאַרהאַנגענער פּלאַטפאָרם און שטיל־אבילות'דיק דערקלערט, אַז מען קען שוין אהיימגיין. אַלע זאָלן גלייך פאַרלאָזן דעם זאַל. נאָר פאַרזיכטיק, ניט געאײַלט זיך, ניט געשטופּט זיך.

דער עולם האָט געפאָלגט. און וועמען וואָלט דען איצט אײַנגעפאַלן צו שטופּן זיך? און וואָס איז איצט דאָ צו יאָגן זיך, אַז אַלץ איז פאַריבער, און ווען בײַ יעדערן איז דאָ דער געפיל, ווי ער וואָלט געשטאַנען בײַם שוועל פון לעבן און טויט, בײַם אויסלאָז פון צייט.

האָבן אַלע פאַרלאָזן דאָס פּראָגרעסיווע הויז נעבוכן, נעבראָכן — אבלים אַלע.

און איבער אַלעמען איז געהאַנגען די שווער־געוויכטיקע, בייז־געמיטיקע פראַזע, ווי אַן עכאָ פון אַ שוואַרצן חרם פון די לאַנג־פאַרגאַנגענע, אָנגעכמורעט־פרומע צייטן:

— אַ הויז פון טומאה! —

קאַפּיטל VI

לויה־טאָג

1.

לויה־טאָג אין וואָטערטאַון.

דאָס גאַנצע אידישע ווינקל פון וואָטערטאַון — פון דער צענטער עוועניו ביז לינקאָלן עוועניו, און פון דער קויטיק־שוואַרצער, פאַררויכערטער אָוק־סטריט, וואו אידישע קינדער שפּילן זיך צוזאַמען מיט נעגערשע און עס איז אָפּטמאָל שווער צו דערקענען דעם אונטערשייד, ביז דעם אַריסטאָקראַטיש־רחבות'דיקן וואודלאַנד־ראָוד, — די ווייטסטע און חשוב'סטע פּאָזיציע, וועלכע אידן מוצלחים האָבן פאַרנומען אָט־דאָ ניט לאַנג, אין די נאָך־מלחמה יאָרן — דאָס גאַנצע אידישע ווינקל פון וואָטערטאַון איז היינט אין אבלות. רעדט מען אַזוי שטיל־האַרציק, סוד'עט מען זיך פאַר'חלומ'ט וועגן דעם שטורעם און זיינע טויט־שרעקן — אַ צאָרן פון גאָט, — וועגן דעם ראַביי און וועגן זיינע הייליקע מידות, וועגן קידוש־השם און וועגן טויט, און וועגן תכלית, און מען פאַרטיפט זיך, און מען זיפצט. דאָס גאַנצע אידישע ווינקל איז היינט אָנגעטאָן אין יום־טוב'דיקע קליידער און אין געלייטערטע, דער־הויבענע, ניט־עולם־הזה'דיקע געמיטער.

לויה־טאָג אין וואָטערטאַון.

און דער טאָג האָט זיך היינט צעפּריליגגט העל־זוניק, אין שטילן שעפּ־טשען, אין קילן ווייען; און דורכזיכטיק אין זיין לויטערקייט, ווי דאָס געלייטערטע האַרץ פון אַן אבל אַ בעל־תשובה, און פריש־גערייניקט, ווי אין טהרה־וואַסער אויסגעוואַשן... באַשיינט ער, דער טאָג, דער לייוונט־ווייסער, דער אבל'דיקער, צעבראָכענע שויבן, אָפּגעריסענע דעכער, חרוב'ע ביימער־אַלייען. ליגן ביימער אויסגעליינגט איבער דער ברייט פון גאַסן מיט גרינע, צעצווייגטע קעפּ פאַרפּלאָנטערט איינע אין די אַנדערע; ביימער איבער־געבראָכענע אין דער העלפט, מיט קעפּ צו דער ערד, ווי קניענדיקע אין אַ

רחמים־געבעט אַן אומזיסטיקן, מיט אכזריות פאַרשטויסענעם; ביימער גלייך אויסגעצויגענע, מיט נאַקעטע, ברודנע וואָרצלען, צוזאַמען מיט דער ערד אויסגעריסענע, אַרויפצו.

גייט פאַרביי פון דאַוונען אַ געמאַרשטשעטער אַלטינקער, ווייס ווי אַ טויב, מיט טלית־און־תפילין־זעקל אונטערן אָרעם. שטעלט ער זיך אָפּ און שאָקלט מיטן קאָפּ:

„אָדם כציץ יבש"... דער מענטש איז ווי אַ פאַרטריקנט בלימל: דער ווינט גיט אַ בלאָז, און ער איז ניטאָ... נאָך גאָר אַ יונגערמאַן געווען דער רב, גאָר אַ יונגערמאַן. איינגאַנצן אַ בן־ששים. ניט מער.

און דער אַלטער גייט אַוועק קרעבצנדיק:

— מי יחיה ומי ימות... מי במים, ומי באש... ומי ברעש... — אוי, גאָטעניו! טאַטעניו, פאָטער! אוי, אוי, אוי!...

לויה־טאָג אין וואָטערטאָון.

האָבן קרעמער פאַרשלאָסן זייערע קראָמען פון צוועלף אַזייגער; געשעפטסלייט האָבן פאַרלאָזן זייערע געשעפטן; אַרבעטער און באַלמעלאָכעס האָבן געוואָרפן די אַרבעט. פעדלער זיינען היינט איינגאַנצן ניט אַרויסגעפאָרן — וואָס קענען זיי אין אַ האַלבן טאָג אויפטאָן? זיינען צו האַלבן טאָג די טראַמווייען, וואָס גייען פון צענטער פון שטאָט, געווען געפּאַקט מיט אידן, אבלים. און די קאָנדוקטאָרן, און די עטלעכע קריסטלעכע פּאַסאַזשירן האָבן געקוקט אויף די פאַרטרויערטע אידישע פּנים'ער מיט סימפּאַטיע: זיי האָבן מיטגעפילט דעם אידישן צער...

.2

אַרום דער פּראָגרעסיווער הויפּט־קוואַרטיר איז אויך לויה'דיק־יום־טוב־דיק. שאַכער האָט אויף דעם פענצטער פון זיין אָפיס אויסגעקלעפּט די פראָנט־זייטן פון די צוויי ענגלישע צייטונגען פון וואָטערטאָון, „דעילי עקאָ" און „דעילי ניוס". ביידע האָבן געדרוקט אין גרויסע קעפּ, איבער דער גאַנצער ברייט פון די זייטן, די נייעס וועגן דעם סענסאַציאָנאַלן טויט פון ראַביי מאַרגאַלים. ביידע האָבן דערציילט, אַז דער ראַביי האָט געהאַט אַ שוואַך האַרץ און אַז די אויפרעגונג צוליב דעם שטורעם און צוליב דעם קאַמף, וואָס די ראַדיקאַלע אַנטי־רעליגיעזע אידן האָבן געפירט קעגן

כּשרות, האָבן גורם געווען זיין טויט. בײדע ציטונגען האָבן פּראָמינענט דער־מאָנט שאַכטער׳ס נאָמען, אַלס פירער פון דעם קאַמף קעגן דעם אַלטן אידישן כשר־ריטואַל און איניציאַטאָר פון דעם נעכטיקן מאַסנמיטינג.

שטייען אידן — פּראָגרעסיווע און ניט־פּראָגרעסיווע, — לייענען און דיסקוסירן דאָס געלייענטע. טענה׳ן די פּראָגרעסיווע, אַז דאָס האָט מען אומישנע אַזוי איבערגעגעבן די נייעס, כדי זיי צו מאַכן אַ שלעכטן נאָמען. הלואי וואָלט שאַכטער די גאַנצע קאַשע ניט פאַרקאָכט. קיין געזונט וועט דאָס דער פּראָגרעסיווער הויפּט־קוואַרטיר זיכער ניט צוגעבן. שאַכטער׳ן הויבט דאָס אָבער ניט אָן צו אַרן. אָט האָט ער אָוועקגעשיקט אַ דעפּעשע אין „ניו יאָרקער קוריער״, וואו ער גיט איבער דעם גאַנצן אמת. קײנער האָט ניט געפירט קיין קאַמף קעגן כּשרות, נאָר קעגן דער פלייש־טאַקסע. די פּראָגרעסיווע האָבן אַלעמאָל רעספּעקטירט דעם פאַרשטאָרבענעם ראַבּיי מאַרגאָליס פאַר זיין ערלעכקייט און געטריישאַפט צו זיינע אידעאַלן, כאָטש זיי זיינען ניט אין אַלץ געווען איינשטימיק מיט אים. איצט טרויערן די פּראָגרעסיווע צוזאַמען מיט אַלע אידן אַפן פּלוצלונגדיקן טויט פון אַזאַ שיינער און אידעאַליסטישער פּערזענלעכקייט. וואָס־זשע איז דאָ וואָס מורא צו האָבן? די דעפּעשע אין „קוריער״ וועט שוין אַלץ גוט מאַכן. ער אַליין האָט אודאי גאָרניט פאַרלוירן. אָט האָבן די ציטונגען אַזוי פּראָמינענט זיין נאָמען געדרוקט. דאָס איז דאָך ערשט־קלאַסיקע פּובליסיטי! דאָס איז דאָך ווערט טויזנטער! אַף דעם האָט ער זיך אַליין ניט גערעכנט — „אָ, באָי!״

פאַרוואָס־זשע זאָל היינט שאַכטער ניט זיין אויפגעלייגט? פאַרוואָס זאָל זיך אים ניט זינגען? איילט ער זיך צו מיט זיין אַרבעט (ער זאָל ניט זיין שפּעט צו דער לויה), ברענגט די פּאַפּירן אין אָרדענונג, לייענט איבער איילנ־דיק די לעצטע פּאָסט, וואָס דער בריוו־טרעגער האָט אים נאָר־וואָס דערלאַנגט, גריסנדיק אים מיט אַ פאַמיליאַרן שמייכל: „גוד דעי, שעיקער.״ לייענט ער און זינגט זיך דערביי אַ דזשעז־לידל: „עי טשענדזש! אי וואָן עי טשענדזש!״ און דערנאָך גייט ער איבער אַף „אַז איך נעם אַ שנאַפּס נאָך אַ שנאַפּס, דערקוויק איך די נשמה״. דערמאָנט ער זיך אָן כאַרט׳ן. שוין אַ וואָך אים ניט געזען. אין טומל האָט ער אים אינגאַנצן פאַרגעסן. אָן עוולה. און ער באַשליסט באַ זיך, אַז גלייך נאָך דער לויה וועט ער צופאָרן צו כאַרט׳ן אין שפּיטאָל אַריין, אים מבקר חולה זיין.

די בריוו זיינען אַלע פון רוטינעם כאַראַקטער. אָבער אָט האָט אים איין בריוו געמאַכט מויל און אויערן אויפצושטעלן. זיין פריינט ביל וואָקער, דער פּאָרזיצער פון דעם שטאָטישן פּראָגרעסיוון קלוב, דענקט, אַז אין זיין,

שאַכער'ס, וואָרד דאַרף מען אַרויסשטעלן אַ אידישן קאַנדידאַט פאַר אָלדער־מאַן. דעריבער איז זיין פּלאַן, אַז ער, שאַכער, זאָל זיין דער קאַנדידאַט.

שאַכער גייט אַ טענצל. אודאי וועט ער אַרויסשטעלן זיין קאַנדידאַטור. ער האָט שוין וועגן דעם לאַנג גע'חלומ'ט. און אין קאָפּ ווערן בא אים שוין געבוירן פּלענער נאָך פּלענער וועגן דעם ווי ער וועט פירן זיין וואַל־קאַמפּאַניע. דאָס וועט שוין זיין איינמאָל אַ קאַמפּאַניע! געלט? זאָל נאָר כאַרט געזונט ווערן, וועט שוין זיין געלט אויך. און ער זעט זיך שוין אין דער פאַנטאַזיע אַן אָלדערמאַן... דער גאַנצער זיבעטער וואָרד, אַלע אידן, קומען צו אים נאָך טובות... ער טוט פאַר אַלעמען וואָס ער קען... אָבער, געוואַלט, ווי צערייסט מען זיך?... וואָס האָבן זיך אַלע צוגעטשעפּעט צו אים?...

דערווייל דאַרף ער זיך צואיילן צו דער לויה. ער מוז פאַרנעמען אַ פּלאַץ אויבנאָן. מען וועט פאָטאָגראַפירן די לויה פאַר דער פּרעסע...

אַפן וועג צו דער לויה האָט אים דאָס לינדע, חניפה'דיק־לאַסטשענדיקע יולי־ווינטל קילנדיק אַרומגענומען און געשושקעט אין אויער אַריין:

— שאַכער, דו וואַקסט! שאַכער, דו וואַקסט! שאַכער, שאַכ־שש...

3.

קאַמעראַס האָבן געקנאַקט, ווען די גרויסע אבלים־מחנה, וואָס האָט אַנגעפילט דעם חרוב־געוואָרענעם, פון שטורעם צעגראָבענעם סקווער פאַר דעם רב'ס הויז, האָט זיך אַ ריר געטאָן.

לאַנגזאַם, לאַנגזאַם, שטיל־שווייגנדיק און מיט טרעריק־גלאַנציקע אויגן האָט זיך די אבלים־מחנה, דאָס גאַנצע וואָטערטאַונער אידנטום, גערירט נאָך דער מיטה, וואָס איז געטראָגן געוואָרן אַף צען באַלעבאַטישע אַקסלען אין שול אַריין. אינגאַנצן האָט מען די מיטה געדאַרפט טראָגן אַ האַלבן סקווער, צו דער שול שערי־צדק, דאָך האָבן זיך די טרעגער דריי מאָל געביטן — עס פעלן ניט קיין שיינע אידן אין וואָטערטאַון, וועלכע זיינען ווערט די זכיה צו טראָגן זייער רב אין זיין לעצטער רו אַריין.

ווידער האָבן קאַמעראַס געקנאַקט, ווען מען האָט די מיטה אַף די הויכע און ברייטע וויס־שטיינערנע טרעפּ פון דער שול געטראָגן. אין איין קורצן מאָמענט איז די שול געפּאַקט געוואָרן און הונדערטער זיינען נאָך געבליבן פונדרויסן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן הספדים. עס האָבן מספיד געווען רבנים פון אַרומיקע שטעטלעך, דער שול־פּרעזידענט. דער לעצטער איז געווען ראַביי קראַוועץ פון היל־סיטי. דער רירנדיקסטער, פּאַטעטישסטער הספד. ניט נאָר

פרויען, אפילו מענער האָבן געבליפּעט, פריי און ניט־צוריקגעהאַלטן, ווי קינדער.

— פּנחס בן אליעזר, בן אהרן הכהן — האָט ער געזאָגט, — האָט מקנא געווען די קנאה פון גאָט, אדוישעם צבאות, אָבער ער איז געבליבן לעבן. דער נפטר איז אַ גרעסערער קדוש פון פּנחס׳ן, וואָרים ער האָט זיין לעבן פאַרלאָרן צוליב זיין קנאה פאַר גאָט, פאַר אידישקייט. ער באַדויערט זייער, וואָס זיין נאָמען איז אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין אַ סכסוך מיט דעם הייליקן נפטר. ער האָפט, אַז איצט, פאַרן כבוד פון גאָט, פון אונזער הייליקער אמונה, און פאַרן כבוד פון דעם גרויסן נפטר, וועלן ביידע צדדים, וועלכע מיינען בלי־ספק ערנסט, שלום מאַכן.

— לאָמיר אַלע באַוויינען אונזער גרויסע אבדה, — האָט דער מספּיד פּאַטעטיש אויסגערופן מיטן ניגון פון קינות. — וואָטערטאָון האָט פאַרלאָרן איר פּראַכט, איר גלאַנץ! וואָטערטאָון זיצט אַף דער ערד און יאָמערט, און אַלע אירע שוועסטער, די אַרומיקע שטעטלעך, וויינען מיט איר מיט אַף איר גרויסן בראָך... זי קען קיין טרייסט ניט געפינען... איידער די זון פון עלי הכהן איז אונטערגעגאַנגען, איז אויפגעגאַנגען די זון פון שמואל הנביא. און איצט, ווער איז געבליבן צו פאַרנעמען דעם ליידיקן אָרט פון אונזער אַלעמענס קרוין, אונזער לערער, אונזער קאָפּ, דער גאון און צדיק, רבי שמואל ברבי צבי מאַרגאַלים, זכרון צדיק לברכה?!...

איצט האָבן איינצלנע מענטשן געקראָגן די געלעגנהייט צו בעטן מחילה אין זייער אייגענעם נאָמען. מענטשן זיינען צוגעגאַנגען, פון דאַנען און פון דאָרטן, איבערגעבויגן זיך איבער דער מיטה און אין שטילער ציטערניש מחילה געבעטן. האָט עס אויסגעקוקט ווי זיי וואָלטן מיט אים איבערגעשיקט עפּעס שרעקלעכע סודות אַף יענער וועלט...

— וואָס טוט ער דאָ? אָט־דער עוכר־ישראל, דער כופר, וואָס האָט פאַרצאַפּט דעם רב׳ס בלוט און געבראַכט אים צו זיין פריצייטיקן טויט! — האָט אַ באַלעבאָס אין איינגעהאַלטענער אויפרעגונג אויסגערופן צום שול־פּרעזידענט, ווען ער האָט באַמערקט שאַכער׳ן שטייענדיק אַף די טרעפּ פון דער בימה.

— שאַ, — האָט דער פּרעזידענט יענעם איינגעשטילט. — מ׳טאָר אַזוי ניט רעדן איצט. אָט זעסטו דאָך — ער איז געקומען... פּאָרט אַ אידיש האַרץ... דער פּונק אידישקייט... אַ גרויסע זאַך... מען קען גאָרניט וויסן, צו וואָס דאָס פּינטעלע איד קען נאָך אַזעלכן ברענגען...

אין אַ מינוט אַרום איז אַלעמען געקומען אַפן זינען דאָס פּינטעלע איד,

ווען מען האָט געזען, ווי גאָלד, דער קצב, איז מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און מיט שווערע, געשלעפּטע טריט, ווי איינער וואָס צווינגט זיך צו גיין אַנטקעגן אַ שטראָם, צוגעגאַנגען צו דער מיטה און איבערגעבויגן זיך איבערן מת, מחילה בעטן...

4.

אין שווערן ערנסט, טיף־שווייגנדיק, פאַר׳מוח׳ט, האָט זיך האַנטפּאַס אומגעקערט אַהיים פון דער לויה. גלייך ער וואָלט געטאַפּט אַ וועג דורך אַ ווילדערניש פון שווערע, אומהיימלעכע און ניט־פאַרשטענדלעכע רעיונות (ער האָט זיך, אייגנטלעך, ניט באַטייליקט אין דער לויה — ער איז בלויז מיט־געפאָרן אַנקוקן).

האָבן זיך ביסלעכווייז פון זיין נעבלדיקן, מער געפילטן ווי געטראַכטן, רעיונות־פּלאָנטער אַרויסגעשיילט קלאָרער, בולט׳ער, ספקות און פראַגן:

— און וואָס? אפשר? און ווער ווייסט? און וואו איז דער גרענעץ צווישן אמת און ניט־אמת? איז דאָך מיין ניט־אמת יענעמס אמת, און פאַר־קערט — טאָ וואו איז די זיכערקייט, אַז מיין אמת איז אמת? איז דאָך יענער פּונקט אַזוי זיכער אין זיין אמת, ווי איך אין מיינעם — אפשר איז גאָר קיין אמת ניטאָ?...

— און צו וואָס? צו וואָס זיך אָפּטיילן פון כלל? וואָס געווינען מיר דערפון? אָט מיינען מיר, אַז מיר, פּראָגרעסיווע, קערן איבער וועלטן, און צום סוף בלייבן מיר אַליין, קיינעם ניט מיטגעריסן... און די אַלטע וועלט, וועלכע מיר הערן ניט אויף צעשטערן און באַגראָבן, האָט איינפלוס און פּרעסטיזש און לעבט איבער אונזערע אַלע כלומרשטע אויפטוען... איז דאָס בלויז אַ צופאַל? ווער ווייסט, אפשר דאַרף אַזוי צו זיין? אפשר איז די וועלט אַזוי געשטעלט געוואָרן?...

— און איז דען דאָס נייע אינגאַנצן גוט און דאָס אַלטע אינגאַנצן שלעכט? בויען זיי, די אָרטאָדאָקסן, דען ניט קיין שיינע אינסטיטוציעס פאַר צדקה, פאַר הילף? איז דען צדקה און הילף פאַר געפאַלענע און דערשלאָגענע ניט קיין גרויסע זאַך? וואָס טוען מיר דען פאַר די אַלע אומגליקלעכע? מיר טרייסטן זיי מיט אונזער גאולה. אָבער איידער זיי וועלן דערלעבן אונזער נחמה, וועלן זיי דאָך פאַרלירן די נשמה!...

ס׳איז אַ שטורעם אין האַנטפּאַס׳עס גייסטיק וועלטל, וואָס שטייט אויף הינער־פיסלעך, — ווער ווייסט, צי עס וועט דעם שטורעם איבערלעבן?

נאָר אָן מורא. דערווייל זיצט ער זיך אין אַן אויסגעווייכטן שטול אַף זיין לינד־באַווינטלטער ווערצנדע און חקירה'ט בלויז. ווייסן מיר, אַז דער אַנט־פּאָס האָט ליב צו חקירה'ן — זאָל ער, און זאָל אים זיין צו געזונט...

און דאָ האָבן זיך אונטערגערוקט די אָוונט־שאָטנס און אָנגעהויבן פאַר־שפּרייטן זייערע טונקעלע, מרה־שחורה'דיקע נעצן. האָט זיך די זון, די וואָטערטאַונער זון, דערשראָקן און, אַ פלאַמענדיקע פון שרעק, גענומען זיך אַפּרוקן און מאַכן פּליטה...

— הערי, קום, סאַפּער איז גרייט, — האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט זיין פרוי'ס שטים.

דער אַנטפּאָס איז מיט געמאָסטענע טריט אַריין אין הויז.

.1926

האַנטפּאַס

א. ניכטער, גלייכגילטיק און אליין

— האַנטפּאַס, דער באַרימטער האַנטפּאַס

אַז מ'רעדט שוין וועגן באַרימטקייט, לאָמיך זיך אויך אַ ביסעלע באַרימען — דאָס האָבן מיר אים אַנטדעקט. מיר איינער אַליין האָבן אים, אַזוי צו זאָגן, אַרויסגעבראַכט פאַר דער וועלט.

פריער — ווער האָט געוואוסט פון האַנטפּאַס'ן? קיינער ניט, אַ חוץ וואַטערטאַון און אַ פּאָר רעדאַקטאָרן און שרייבער (פון די סאַמע גרעסטע, נאַטירלעך) אויסער וואַטערטאַון. היינט — ווער ווייסט ניט פון האַנטפּאַס'ן? קינד און קייט בענטשן זיך דאָך מיט אים, מיט דעם יוסטן אידישן דענקער און גריבלער, און וואָס ניט! וואָס דאַרף מען מער? אָט האָט זיך אים פאַרוואָלט, איז ער געוואָרן אַ ליטעראַט, און טאַקע אָפן גרויסן שטייגער, און צוביסלעך, אַפילו אַ ליטעראַטנער קריטיקער אויך! און מיר זיינען עס געווען דער ערשטער, וואָס האָבן פאַראויסגעזאָגט, אַז ער, האַנטפּאַס, פאַרנעמט זיך אָף גרויסע דרכים. נו, מעגן מיר זיך ניט איבערנעמען?

יאָ, שוין אַוועק יענע צייטן, ווען האַנטפּאַס פלעגט קאָרעספּאָנדירן מיט גרויסע מענטשן און דערנאָך אַוועקשטעלן זיך אין פראָנט פון דער פּראָגרעסיווער הויפּט־קוואַרטיר אָף דער צוועלפטער עוועניו פאַרלייענען זייערע בריוו, און די פּראָגרעסיווע געזעלשאַפט פלעגט שטוינען. היינט קאָרעספּאָנדירט מען מיט אים: וואָס דענקט האַנטפּאַס מכח דער צוקונפט פון דעם אידישן פאָלק? ווי האַלט עס מיט דער אָרעמער אידישער ליטעראַטור, נעבעך? און אַך — וואו נעמט מען שלום און אחדות בא אידן! וכדומה, אַזעלכע וואַזשנע פּראָבלעמען. פון אַלע עקן לאַנד קומען אַזעלכע פראַגעס צו אים. אומעטום וויל מען וויסן, וואָס ער, האַנטפּאַס, דענקט, ראַט, פּלאַנט.

און האַנטפּאַס לאָזט זיך ניט בעטן (ער איז בטבע ניט קיין שלעכטער), און ער זיצט און ענטפערט. כסדר רק ער זיצט און ענטפערט. אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז ער איז מיד געוואָרן. ענטפערט ער שוין איצט ניט פּריוואַט, לאחדים, נאָר דורך דער פּרעסע. איין ענטפער פאַר אַלעמען, פאַר

דער גאַנצער וועלט. ער ענטפערט דורך זיין ציַיטונג, אַ בכבוד׳יקע צייטונג, וואָס פאַר וועמען, פאַר וועמען — פאַר האַנטפּאַס׳ן איז זי תמיד אָפן.

אַזוי הויך שפּאַרט ער שוין אָן, אונזער האַנטפּאַס!

ס׳איז דעריבער געקומען די צייט, זאָגן מיר, צו באַקענען די וועלט מער אָדער ווייניקער מיט האַנטפּאַס׳עס פילאָזאָפיע.

אַזוי זאָגן מיר און מיר טרעטן צו גליַיך אָפן אָרט צו דער מלאכה.

פייער און וואַסער, — אַזוי דערקלערט אייך האַנטפּאַס אליין דעם סאַמע תוך פון זיין פילאָזאָפיע, — זיינען צווישן זיך אַף מעסער־שטעך, צוויי עקסטרעמען — רעכטס און לינקס... און ביידע — טייערע ווערטער, פאַר־צייכנט זיי — זיינען דעם מענטשנס דם־שונאים: היט זיך פאַר זיי! ווי זאָגט די וועלט: „פייער איז אַ גנב", און „שטיל וואַסער גראָבט טיף".

היט מיך, גאָט, — זאָגט האַנטפּאַס, — אי פון די פייער־צינדער, אי פון די פייער־לעשער, וויַיל ביידע וואַרפן אָן אַ שרעק, רייסן אַרויס פון בעט אינמיטן דעם זיסטן שלאָף און טרייבן אייך אַרויס מיט די בעבעבעס פון דער ליבער, איינגעזעסענער היים אַרויס...

ער האָט אַליין געזען, ווי פייערלעשער האָבן מיט אַזאַ התמדה געגאָסן שטראָמען וואַסער אַף אַ ברענענדיק הויז, ביז אַלע אַרומיקע זיינען — שיר ניט — דערטרונקען געוואָרן.

דעריבער — ווען איר זעט אַ ברענענדיק הויז, אַנטלויפט אַ מייל וויַיט דערפון, און דעמאָלט וועט אַף אייך געזאָגט ווערן דער פּסוק: אשרי האיש — אַז וואויל און גוט איז אייך.

— איז דערפון געדרונגען, אַז פייער איז אין עצם שלעכט? אַז וואַסער איז אין עצם שלעכט? — חלילה! וואָס פאַלט אייך איין?!

האַנטפּאַס מעסט אייך אָפּ מיט אַ לאַנגזאַמען, ביטול׳דיקן בליק. איר הויבט ניט אָן צו פאַרשטיין זיין כונה. ס׳איז אים באמת אַ וואונדער אַף אייך: — איר, אַן אינטעליגענטער מענטש! (האַנטפּאַס האָט דרך־ארץ בלויז פאַר אַן אינטעליגענטן מענטשן) — נאָר ער האָט אַ פילאָזאָפיש־געדולדיק געמיט, האַנטפּאַס (אַ גאָלדענער מענטש!), און נאָך אַ קורצער הפסקה פון ביטול׳דיקן שטילשוויַיגן נעמט ער אייך פּעדאַגאָגיש אויפקלערן:

— מיין פריינט! אַ גרויסער שעפערישער כח ליגט אין פייער און אַ גרויסער שעפערישער כח ליגט אין וואַסער, נאָר ווי איז צו דעם, וואָס שפּילט זיך מיט זיי ביידן...

זיין עצה איז: נוצט זיי ביידע צוביסלעך און האַלט אַף זיי אַן אויג —

א פיצל פלעמל, א לעפל וואסער; דער רעזולטאט וועט זיין: לעבלעך וואסער, געלאשענער פייער — דער העכסטער אידעאל פון דעם מענטשן, דעם בעל־דעת...

געקומען צום העכסטן אידעאל, איז האנטפאס אנטשוויגן געווארן. אזוי פירט ער זיך תמיד — ער קומט צום העכסטן פונקט און, שא, קיין ווארט ניט מער. איצט מוז ער זיך פארטיפן אין די שטי—מונ—גען, וועלכע קומען אף אים פונקט צום קלימאקס — אן אפמאך אזא, א שטענדיקער, בא אים מיט זיי, די שטימונגען...

דא איז די מיסעס האנטפאס אריינגעקומען פון קיך, מיט א נעטן וויסן פארטוכל פון דער טאליע ארונטער און מיט דעם וויכן ריח פון צארטן לייב און געמיטלעכקייט, איבער וועלכער עס ציטערט אויף פון צייט צו צייט א לייכטע אומרו, ווי דאס מיגיען זיך פון א האלב־ווינטל, האלב־שאטנדל, איבער א גלאטער אזערע־פלאך.

אריינגעקומען, מיט די שפיץ־פינגער פוןביידע הענט אין די קליינע קעשענקעס פונעם פארטוכל; געשטאנען א ווײַלע, געכאפט א קוק ארום און ארום, ווי זי וואלט געמאסטן די סיטואציע, און פארשטאנען...

— האנטפאס, — האט זי שטיל א פרואוו געטאן.

קיין ענטפער. ווארט זי.

אין א פאר מינוט ארום:

— האסט געוואלט עפעס זאגן, דזשעני?

וויסן מיר, אז שוין, פאריבער — מען מעג שוין.

דער מאטאווער, קאווע־ברוינער פארלאר־צימער איז ווידער בארעדעווודיק געווארן.

ס'איז אנגעקומען דער בין־השמשות. האנטפאס פילט זיך בין־השמשות־צייט אין זיין עלעמענט, און וואס מער טונקלקייט דער פארגייענדיקער דרויסן גיסט אין צימער אריין, אלץ אויפגעלייגטער ווערט ער, אלץ מער אנטפלעקט ער זיך.

ער געדענקט: א בין־השמשות, ווי איצט, באם ברעג ים. פון אימה'דיק־אנגעכמורעטע וווייטן און טיפן יאגן זיך שוימענדיק ווילד־ברומענדיקע כוואליעס און שטורעמען דעם ברעג, און פאלן מיט געפילדער צוריק; שטורעמען און ברעכן זיך און פאלן דונערדיק צוריק, און ווידער דאס אייגענע אן אויפהער. דער אייביקער אימה'דיקער געראנגל צווישן ים און יבשה האט אף

אים אַנגעוואָרפן אַ געפיל פון שווידערלעכער הייליקייט. נאָר דאָרט האָבן זיך מחנות מענטשן, אַזעלכע מגושמ׳דיקע, ווי ווילדע, געוואָרפן אין די כוואַליעס און מיטגעשפּרונגען מיט זיי, מיטגעראַנגלט, מיטגעשריען. פאַרשוועכט זיין הייליקייט.

אפן זאַמדיקן ברעג, ווידער, אַף דער צווייטער זייט פון דעם אָרט, וואו ער איז געשטאַנען, האָט אַן עדה האַלב־נאַקעטע, ווי אַ מחנה פּאַרצייטיקע פּראים, געטאַנצט, געשפּרונגען, זיך געקערט קאָזשלקעס אַרום אַ קנאַקעדיקן, פלאַקערדיקן שייטער־הויפן פון קלעצער, ברעטער, קעסטלעך און אַלץ וואָס ברענט נאָר. און וואָס העכער די פלאַמען, אַלץ מער האָט מען געוואָרפן אַפן שייטער־הויפן; קליין און גרויס האָבן געטראָגן ברען־שטאָף און געשפּייזט די פלאַמען, ווי מען וואָלט זיי געוואָלט אויפהייבן אין די סאַמע הימלען אַריין.

צוויי אָרגיעס — אַ פייער־אָרגיע און אַ וואַסער־אָרגיע, און אינמיטן די אָרגיעס — ער, האַנטפּאַס, אַליין. איינער אַליין אינמיטן — ניכטער, גלייכגילטיק און אַליין...

האָט ער צוגעמאַכט די אויגן, און אין דעם מורא׳דיקן גערויש פון מענטש־נאַטור, וואָס האָט געלעכערט זיינע אויערן, האָט ער זיך געפרעגט: וואו איז גאָט?

— ניין, — האָט אַ שטימע אַרויסגעברומט פון זיין אינגעווייד, ווי דער קול, וואָס האָט געברומט צו אליהו׳ן פון באַרג חורב, — גאָט איז ניט מיט דעם המון, ניט מיט יענעם, נאָר אינמיטן, ווי ער — ניכטער, גלייכגילטיק און אַליין...

ב. רעטראָספּעקציע

ווערטער, ווערטער — וואָס איז העכער פון ווערטער? האַנטפּאַס האָט זיין גאַנצע איצטיקע גרויסקייט דערגרייכט אַף אַ לייטער פון ווערטער...

ווי איינער זאַמלט אָן אַ גרויס עשירות גראָשנווייז, אַזוי זאַמלט האַנט־פּאַס וואָרט צו וואָרט, פון בוך אין נאָטיץ־ביכל, פון נאָטיץ־ביכל אין זכרון; תמיד אין ווערטער־געיעג, מיט נאָטיץ־ביכל און בליישטיפט שטענדיק גרייט...

זיינע זידלערייען האָבן אַ שם. ער וועט אייך ניט זידלען מיט געוויינלעכע זידל־ווערטער, אַף וועלכע איר קאָנט ענטפערן אָדער לכל־הפּחות ברוגז ווערן. ניין. ער נעמט און טוט אייך אַ זאָג: „איר זייט אַ מיזאַנטראָפּ!", צי אַ „היפּאָכאָנדריאַק!", אָדער וואָס נאָך ערגער: „איר זייט אַ וואַלעטודינאַר", צי גאָר אַ „סיבאַריט". גייט ענטפערט אים, אָדער גייט ווערט אַפילו ברוגז, ווען איר זייט נאָך אַפילו ניט זיכער, וואָס עס מיינט...

פון אזעלכע אויסדרוקן, ווי: „די רעזאָנאַנץ האָט זיך געהערט אין דער דיסטאַנץ", איז שוין אָפּגערעדט. די גאַנצע פּראָגרעסיווע הויפּט־קוואַרטיר האָט שוין אָט־דעם מין הויך־שפּראַך אויפגעכאַפּט און מען רעזאָנאַנצעוועט אַף וואָס די וועלט שטייט.

דאָס נייסטע וואָרט, וואָס האַנטפּאַס האָט אָקאָרשט געוואָרפן אין ציר־קולאַציע, איז — רעטראָספּעקציע.

פרעגט שוין ניט, וואָס פאַר אַ טייער וואָרט דאָס איז!

ערשטנס — דו שטייסט און פירסט אַ געשפּרעך מיט אַ פּשוט'ן מענטשן און אָט נעמסטו און ווארפסט זיך אריין, אַזוי מיר־ניט, דיר־ניט, אַזאַ מין וואָרט, ווי רעטראָספּעקציע. ניט פּראָסט רעטראָספּעקציע, נאָר רע־ע־טראָס־פּעק־צי־ע־ע! אינמיטן טאַקע ניט מער, ווי אַ פּראָסטער טראָספּעק, אָבער דו הויבסט עס אָן מיט אַ חנ'עוודיק צעצויגענעם רע־ע, און פאַרענדיקסט מיט אַ צוקערדיקן צי־ע־ע! יענער בלייבט אַ געפּלעפטער. דאָס הייסט אַ וואָרט, טראַכט ער בא זיך, ניט פון יענע, וואָס צוויי פאַר אַ גראָשן...

צווייטנס — ס'איז דאָ אַ גאַנצע פילאָזאָפיע, אַ האַנטפּאַסישע פילאָזאָפיע, הינטער דעם וואָרט, ווי דער לייענער וועט שפּעטער אויסגעפינען.

איז אָט טאַקע אַ ביסל רעטראָספּעקציע — האַנטפּאַס'עם רעטראָספּעקציע.

דער טאַטע זיינער, רב יאַנקל־איטשע האַנטפּאַס — אַ איד אַ חסיד געווען, אַ טיש־זיצער באַם בראָנקאָטאָווער רבי'ן. באַם עק טיש אפילו איז ער געזעסן, אָבער דאָך באַם טיש; אַמאָל פלעגט אָנקומען צו אים אַ ברעקל פון דעם רבינ'ס שיריים, נאָר מערסטנס ניט מער, ווי אַן אויסגעסמאָטשקעט ביינדל, וואָס ער, רב יאַנקל־איטשע, פלעגט באַטראַכטן, באַטראַכטן און אָפּרוקן פון זיך מיט בענקשאַפט:

— אַך, ווען ער קען זיך ארויפדראַפּען כאָטש אינמיטן טיש צו זיצן!...

נאָר בא זיך אין שטעטל, צווישן זיין עדה קרעמער, מעקלער, פלעגט ער גילטן פאַר אַ יחסן: פּס.... אַ קלייניקייט? — אַ טיש־זיצער באַם בראָנקאָ־טאָווער!...

פלעגט רב יאַנקל־איטשע פאַר זיי איבערזאָגן דעם רבינ'ס תורה:

— אי, אי, אי! אַ מענטש! יעדער איינער ווערט געבוירן אַ מענטש, אָבער ניט יעדער איינער מאַכט פון זיך אַ מענטש. מאַכן פון זיך אַ מענטש — ס'אַרא הויכע מדרגה! ס'אַרא געטלעכע בחינה!...

ס'האָט געהייסן, אַז ער, רב יאַנקל־איטשע, האָט שוין דערגרייכט די

הויכע מדרגה, די געטלעכע בחינה: אַ קלייניקייט? — אַ טיש־זיצער באַם בראַנקאַטאַוועך!...

נאָר אין האַרצן באַ זיך פלעגט נאַגן: אַך, ווען ער קען זיך אַרויפדראַפּען כאָטש אינמיטן טיש צו זיצן!...

ערשט שפּעטער, אין דער צייט פון דער גרויסער ירידה, נאָך דער פּטירה פון דעם אַלטן בראַנקאַטאַווער, ווען די דריי זין האָבן צעשפּאָלטן דעם טאַטנס טיש אינדרייען, אַף דריי פיינטלעכע, קריגנדיקע צדדים, איז רב יאַנקל־איטשע דערהויבן געוואָרן כמעט צום סאַמע אויבן־אָן. ער איז ענדלעך געוואָרן פון די ערשטע הענט אַף שיריים... די היפּשע קאַטשקע־ביינער, וואָס דער יונגער רבי פלעגט אָוועקשאַרן פון זיך, פלעגן דאַן אָנקומען צו אים באַדעקט מיט פיינע שטיקער געבראָטן קאַטשקע־פלייש... ס'איז אָבער געווען צו שפּעט — אוי ווי! — רב יאַנקל־איטשע האָט שוין דעמאָלט קיין ציינער נים געהאַט מיט וואָס צו קייען!...

אין מסחר איז עס רב יאַנקל־איטשע'ן געגאַנגען נאָך שלים־מזל'דיקער. דאָרט איז ער ביזן טויט געבליבן באַם סאַמע עק טיש. פּאַרנומען האָט ער זיך מיט תבואה־מסחר. ריכטיקער, מיט פאַרזוכן אַף תבואה־מסחר, וועלכע האָבן זיך געווײנלעך אויסגעלאָזט אָן תבואה און אָן מסחר... אַ גליק, וואָס ער האָט נושא חן געווען באַ אַן עקאָנאָם, וואָס האָט פאַרוואַלטעט מיט אַ האַלבן טויץ אַרומיקע מאַיאָנטקעס פאַר אַ גרויסן פּוילישן כראַביע. דער עקאָ־נאָם פלעגט אים אָפט פרעגן עצות, נאָר ער האָט אים זעלטן געפאָלגט. דער עקאָנאָם, אַליין כמעט אַ פּריץ, פלעגט זיין אידן דערפאַר באַלוינען מיט אַ פינפערל יעדע וואָך. יעדע וואָך אַ פינפערל. אַמאָל, ווען אים איז געווען גוט אַפן האַרצן, פלעגט ער אים אפילו אַ וואָרף טאָן צוויי פינפערלעך, צוויי גאָלדענע פינפערלעך מיטאַמאָל!...

דער עקאָנאָם, אַליין כמעט אַ פּריץ, פלעגט זיך באַרימען פאַר זיינע שטאָטישע קאָלעגן:

— איר האָט געמעגט אָנקוקן מיין אידן, רעב יאַנקל! אַ קוריאָזער אידל, כ'זאָג אייך — מיט אַ ציגן בערדל און ציגענע אויגן, כע־כע־כע!...

דאָס האָט דעם עקאָנאָם צוגעגעבן פּרעסטיזש באַ זיינע קאָלעגן: אַן עקאָנאָם — און האָט זיך אַן אייגענעם אידן, ווי אַ פּריץ...

נאָך מער חשיבות האָט עס צוגעגעבן רב יאַנקל־איטשע'ן אין שטעטל, צווישן זיין עדה קרעמער און מעקלער: אַ קלייניקייט? — אַזאַ חשוב באַ פּאַן פּיאַנטקאָווסקי, דעם עקאָנאָם פון דעם גרויסן כראַביע!...

פלעגן מעקלער, באַלמעלאָכעס קומען צו רב יאַנקל־איטשע'ן בעטן טובות:

— פאַרגעסט ניט, רב יאַנקל־איטשע, אַריינוואַרפן אַ גוט וואָרט פאַר מיר פאַר פאַן פּיאַנטקאָווסקי'ן.

רב יאַנקל־איטשע פלעגט צוזאָגן, און די ווייב, שרה־לאה די מעקלערקע, אַ הויכע, דאַרע אידענע, תמיד אַנגעדרודלט אפן מאַן, אַף די קינדער, אַף דער וועלט מיט אַלע מיטאַנאַנדער, פלעגט זיך בייזערן הלמאי דער גאַנצער וועלט קען ער טאָן טובות, נאָר ניט זיך אַליין. און רב יאַנקל־איטשע פלעגט טאָן אַ שפּיי און אַנטלויפן אין קלויז אַריין, וואו רב מענדל שוחט האָט געהאַלטן אינמיטן אַ שפּאַנענדיקן שמועס וועגן די גרויסע מרידות און וועגן די אידישע שקצים, וואָס מישן זיך אין מלוכה־זאַכן און ברענגען אומגליקן אַף אידן.. פאַסן וואָלט ער פון זיי געשניטן, רב מענדל שוחט, און רב יאַנקל־איטשע איז מיט אים אינגאַנצן מסכים...

אַ טייערער קאָפּ אַף דעם מענדל שוחט. אַלצדינג ווייסט ער. ער ווייסט, למשל, אַז דער דייטש גרייט זיך צו מלחמה אַף „אונזערן", און אַז דעריבער מאַכט איצט פאָניע אַזעלכע גרויסע מאַנעווורעס, אָט־דאָ, ניט ווייט פון טרעלסטין, פיר קאָרפּוסן קעגן פיר קאָרפּוסן. פיר קאָרפּוסן און פיר קאָרפּוסן האָבן מיר אַכט קאָרפּוסן. אַ ווערטל אויסצורעדן — אַכט קאָרפּוסן!

רב מענדל שוחט נעמט זיין קליין, קיילעכדיק בערדל מיט הארטע, גלייכע האָר, וואָס גייען אַלע גלייך פאָראויס, באַלכסון, ווי אַ ריי סאָלדאַטן, וואָס האָבן אויסגעשטעלט די רעכטע פיס פאָראויס און שטייען אַזוי אָנגעשטרענגט און וואַרטן אפן באַפעל פון זייער קאָמאַנדיר — מאַרש! איז נעמט רב מענדל שוחט אָט־דאָס בערדל צווישן די צוויי פעדערשטע פינגער פון זיין לינקער האַנט און בויגט עס געלאַסן אין דער ריכטונג פון זיינע אויגן. די אויגן — כאָטש אַ שוחט'ס, דאָך ניט קיין גזלנים — באַגעגענען דאָס בערדל אינ־דערוועגנס מיט אַ ליבלעך־פאָטערלעכן חוזק־שמייכל, ווי זיי וואָלטן געזאָגט:

וויפיל עס זאָל זיך ניט סטאַרען, אָט־דאָס שקאָציש בערדל אונזערס, וועט עס צו אונז אַלץ ניט דערגרייכן...

מענדל שוחט דערציילט זיינע מעשיות כראָנאָלאָגיש, אַף צוריקוועגס. ער האַלט שוין בא נאַפּאָלעאָנ'ען. אַ האָפענונג, אַז אויב די צוהערער וועלן נאָר האָבן צייט, וועט ער נאָך היינט קומען צו אַלעקסאַנדער מוקדון...

די מעשה מיט נאַפּאָלעאָנ'ען און דעם אידישן וואַסער־טרעגער האָט איר געהערט? ווען נאַפּאָלעאָן איז אַריין קיין רוסלאַנד, האָט ער געלאָזט זיין

ארמיי ניין פּאַראָוס און ער איז אַליין אַוועק אין אַ דערבייאיקן אידישן שטעטל. אפן וועג באַגעגנט ער אַ אידישן וואַסער־טרעגער. . .

אַ גאָלדענע מויל באַ אַט־דעם מענדל שוחט! אַז ער דערציילט פון נאַפּאָלעאָנ׳ען און אַלעקסאַנדער׳ן, צי וועגן בעל־שם, אָדער פון דעם אַלטן בראַנקאַטאָווער און זיינע וואונדערלעכע נסיעות אין די געדיכטע פּוילישע וועלדער אין פינצטערע נעכט, אין שטורעמס און זאַווערוכעס, פאַרגעסטו אַז די טענות פון דער וויב און אַז דיינע האָר זיינען פאַרבאָדן אין חובות און אַז עס איז ניטאָ פון וואַנען צו קריגן אַף אַ מאָלצייט — און דו שטייסט און דו גאַפסט און פאַרגעסט אפילו, אַז דו הערסט...

און נאָך רעטראָספּעקציע:

די הויז — דריי צימערן מיט אַ קיך, ווי עס פּאַסט פאַר אַ אידן אַ באַלעבאָס, אַ מעקלער, מיט פאַרעלטערט־אָפּגעגוצט מעבל, איבערבלייבעכץ פון בעסערע יאָרן — תמיד פאַרוויקלט אין שאָטנס פון נויט און עצבות. תמיד קרעכצן און טענות פון דער מאַמען, וואָס קען ניט פאַרגעסן, אַז די און יענע פון אירע מיידלשע חבר׳טעס האָבן דינסטן און הייזער פול מיט כל־טוב. און דער טאַטע — אָדער ער דאַוונט מאָנאָטאָן־קלאָגעדיק פון פאָרנט, אָדער ער זיצט איבער אַ בוך מיט אַזעלכע אומהיימלעכע, האָפענונגס־לאָז־פאַרדרייטע חשבונות און זינגט זיך אונטער אַ טרויעריק־פאַרבענקט חסידיש ניגונ׳דל, אָדער ער קלאָגט אַף דער וועלט, וואָס עס ווערט פון איר אַ תל — אויס עול, אויס אידישקייט, און די גראָבע יונגען, די סיקאָרסקים, זיי פאַרכאַפּן אַלץ. קומט אַ פויער אין שטאָט אריין מיט אַ פורל תבואה, אָדער היי, וואוהין יאָגט ער זיך? צו סיקאָרסקי׳ן. פּרואוו אים פאַרהאַלטן אפן וועג, זאָג אים צו אַ בעסערן פּרייז — ער שטעלט זיך אפילו ניט אָפּ — ער האָט קיין צייט נים. אַ שמיץ דעם פערדל — וויאָ! צו סיקאָרסקי׳ן! — כאַטש צי זיך אויס אינמיטן גאַס און שטאַרב.

אָדער ער זוכט איינצונעמען די וויב זיינע און פאַרזיכערן זי מיט רייד, וואָס פאַלן ווי קליינע, דראָטענע רינגעלעך:

— וואָס רעדסטו, וואָס?... נו־נו... גיין שוין, גיי!... נו, איז וואָס?... ווי איך בין אַ איד!... נו, אודאי?... וועסט שוין זען!... אַט־אַט!... לאָמיך געמאַך!... הויבט זיך אָן אַ נייע מעשה!... צו אַלדי שווארצע יאָר!... טפו!...

און ווידער אַ קלאַפּ מיט דער טיר און ווידער אין קלויז אריין...

אין בין־השמשות־מאָמענטן, נאָך א פולן און געשמאַקן זומערדיקן אוונט־אָנבייסן, — וואָס קען זיין בעסער, ווי אויסציען זיך אפן העמאַק און אין דער שטיל־שווייגעניש און האלב־שאָטנדיקייט פון דער וועראַנדע פאַרגיין זיך אין זכרונות קינדערשע, פול מיט עצבות און מתיקות...

וואָלט ער געוואָלט זיך אומקערן צוריק צו יענעם לעבן? דאָס ניט. ער וועט זיך דאָך ניט שיידן מיט זיין מאָדערנעם, ווייך־מעבלירטן באַזונטן און גרין־באַשאָטנטן הויז! צי מיט זיין פיינעם אָטאָמאָביל! אָדער מיט זיין ווייב, וואָס ווייעט מיט קילער תאוה, ווי א געדיכט־שאָטנדיקער קאַרשן־בוים, אָנגעגאָגלט מיט שוואַרצע קאַרשן, אין א הייסן זומער־טאָג!...

ער איז א ציוויליזירטער מענטש, האנטפאַס, און ער וועט ניט אויפגעבן די זיסע פרוכט פון ציוויליזאַציע און קולטור, וואָס ער קען זיך פאַרגינען. אָבער די זכרונות פון דער אָרעמקייט, בלאָטיקייט און אָפּגעשטאַנענקייט, וואָס זיינען שוין איצט א פּאָר צענדליק יאָר אָפּגעשיידט פון זיין היינט, זיינען א וואונדערבאַרער שאָטן־מאַטעריאַל, מיט וועלכן מען קען שטילן דאָס נאָגן פון א הונגער, וואָס קומט פון צופיל זאַטקייט...

א הונגער נאָך וואָס? עס איז שווער צו דערקלערן — זאָגט האנטפאַס, — א הונגער נאָך עפּעס, רופט עס פּאָעזיע, שיינקייט, מעלאַנכאָליע...

שיינקייט און מעלאַנכאָליע? געוויס, יעדע אמת'ע שיינקייט איז מעלאַנכאָליש, פאַלט איין האנטפאַס'ן, און ער פאַרנאָטירט עס באַלד אין זיין נאָטיץ־ביכל...

איין געדאַנק ברענגט א צווייטן, — אין אַלץ איז פאַראַן שיינקייט. עס איז דאָ שיינקייט אין אָרעמקייט און שיינקייט אין רייכקייט. אָרעמקייט איז שיין אין דער פאַרגאַנגענהייט, ווי א מעלאַנכאָליש־פּאָעטישע דערינערונג; רייכקייט — אין דער צוקונפט, ווי א סטימולירנדיקע האָפענונג... צווישן די צוויי ליגט דער גאָלדענער מיטן, האנטפאַס'עס גאָלדענער מיטן.

איז האנטפאַס רייך? ניין, דערווייל ניט. וועט ער אמאָל רייך ווערן? ער ווייסט ניט. אָבער די האָפענונג אַף רייכקייט ציט אים, הויבט אים, גיט אים פליגל; און די דערינערונג פון לאַנג־פאַרגאַנגענער אָרעמקייט זינגט אים, קילט אים, וויגט אים... און צווישן ביידע — ס'אַרא וואונדערבאַרע האַרמאָניע!...

ווי ליב עס זיינען האנטפאַס'ן אָט־די אָוונט־שעה'ען אַף דער וועראַנדע, ווען ער וויגט זיך אזוי אפן העמאַק און טוקט זיך אין זיינע בין־השמשות'דיקע, האַלב־פאַרטונקלטע, האַלב־פאַנטאַסטיש־אילומינירטע זכרונות, וואָס טוליען

זיך צו אים, ווי ס'טוליעט זיך אַן אַנגעזעטיקט, דאַנקבאַר ווייב, און קילט, און אַנטשלעפט...

שעה'ען פון רעטראָספּעקציע! ליבע שעה'ען פון רע־ע־טראָספּעקציע־ע!...

ער ווייסט: יונה קאַרש, דער קאָמוניסט, זיין אַמאָליקער חבר אין חדר, וואָלט געזאָגט, אַז דאָס איז ניט רעטראָספּעקציע, נאָר רעאַקציע, בורזשואַזיע... פו! ווי יענע ווערטער עקלען אים, גרילצן אים אין די אויערן!...

פּראָלעטאַריאַט, בורזשואַזיע, רעאַקציע, רעוואָלוציע — אַלץ אַזעלכע האַרטע, טרוקענע ווערטער... שמעקן מיט מאָגן און געדערים, און בלוט... מיט מעסערס און רעוואָלווערן... פו! ווי ווילד, ווי ברוטאַל!... ער שווידערט אויף פון אָט־די ווערטער; ער, האַנטפּאַס, דער מפונק.

קולטור — אָט איז דיר אַ וואָרט צום פאַרצוקערן: עס גיט דיר אַזאַ מחיה'דיקע שטימונג און ס'קעכלט דיין געמיט...

מענטש — אָט איז דיר ווידער אַ פיין וואָרט — ניט אַרבעטער, ניט בורזשוי, נאָר מענטש! ווי האָט געזאָגט דער בראָנקסאָטאָווער צדיק: אי, אי, אי — אַ מענטש!

קומט צוגיין זיין אַמאָליקער חבר יונה קאַרש און זאָגט: דעם אַרבעטער די מאַכט! — ווי וואולגאַר! ווי ווייט פון יושר!... ניין, ניט דעם אַרבעטער די מאַכט און ניט דעם באַלעבאָס, טענה'ט איין האַנטפּאַס מיט די עטלעכע געוועזענע אַרבעטער, וואָס קומען אַמאָל אַ זונטיק אין זיין פיינער געזעלשאַפט צו שטילן זייער קולטור־דורשט, — נאָר די גאַנצע מאַכט — דער קולטור, דער אידייע, דעם וואָרט!...

די גאַנצע מאַכט — דער קולטור, דער אידייע, דעם וואָרט! — אָט זיינען דיר גאָלדענע ווערטער, וואָס בלויז פון אַ האַנטפּאַס'עס מויל קאָנסטו זיי הערן!...

ג. הפקר־מענטשן און מאַרטירער

יונה קאַרש — ווידער קומט האַנטפּאַס'ן אָפּן זינען יונה קאַרש, און ער זעט אים פאַר זיך, — ניט דעם איצטיקן פּייערדיקן פירער, רעדנער, אַגיטאַטאָר, נאָר יונה מענדל סטאָליער'ס, זיין חבר פון חדר און פון די ערשטע נאָך־חדר יאָרן. ער זעט אים, ווי ער קוקט אָן דעם צעקאָכטן רבי'ן צו־להכעיס'דיק גלייך אין די אויגן אריין, בעת יענער האָט אים מיט שוים אָף די ליפּן געשלאָגן איבער די הענט, איבער די קני, ביז די געשלאָגענע

ערטער זיינען פארלאפן מיט בלוט. דער רבי פלעגט ענדלעך ניט קענען אויסהאלטן דעם ברענענדיקן קוק פון יונה׳ס פלאמיקע אויגן און פלעגט זיך באלד מוזן אפקערן אן א זייט. און אט ענדערט זיך שוין יונה׳ס גאנצער אויסזען. זיין פנים ווערט אויסגעצויגן מיט שקאצישן שפאט און ער שטעקט ארויס דעם רבי׳ן הינטער דער פלייצע א לאנגע צונג... דער חדר שיסט אויס מיט א געלעכטער. דער רבי שטויסט זיך אן, וואס דא קומט פאר, אבער ער האט מורא אומצוקוקן זיך — ער האט שוין קיין כח ניט צו שלאגן, — און ער פארלאזט דעם צימער, האצקענדיק זיין שווערן און קיילעכיקן קערפער אף שנעל־שפרייזנדיקע, קורצע, פון צארן ציטערנדיקע פיס. עטלעכע טעג דערנאך פלעגט דער רבי זיין פריקרע־ווייך און בוימלדיק צום גאנצן חדר, נאר אף יונה׳ן פלעגט ער אויסמיידן א קוק צו טאן.

ער וואקסט א הפקר־יונג, האט דער רבי נביאות געזאגט.

איצט טענה׳ט האנטפאס: — וואס טויג מיר די גאנצע מאדערנע פעדאגאגיע, פסיכאלאגיע א. אז. וו., ווען מיין רבי, פייוול דער קילעוואטער, האט געוואוסט מער פסיכאלאגיע פון אלע מאדערנע דיפלאמירטע פעדאגאגן!...

האנטפאס טענה׳ט ווייטער:

— יונה קארש זאגט: ארבעטער! — שוטה וואס ער איז! וואס איז דען אן ארבעטער? גארניט! והראיה — אט היינט איז איינער אן ארבעטער און מארגן א באלעבאס. א איד אבער איז ער געווען נעכטן, און ער וועט בלייבן א איד, צי ער וויל, צי ער וויל ניט...

—פוסטע רייד! — פרואווט זיך אפווענדן שנייד דער דאמסקער שניידער, א געוועזענער ניו יארקער קלאוקמאכער, וואס האט מיט עטלעכע יאר צוריק געעפנט א שאפ פאר זיך אין וואטערטאון. — ווען איינער איז אן ארבעטער, א קבצן, האט אים דאס „אידישע פאלק" אין דער אדמה. ווערט ער אבער א באלעבאס און קען געבן א שיינע נדבה פאר דער שול, אדער פאר ציון, אזוי ווערט ער א גאנצער שמעלקע באם „אידישן פאלק", וואס, ניין?

נאר ווער הערט זיך צו צו דעם וואס שנייד זאגט! די קולטור־דורשטיקע באלעבעסלעך שלינגען די גאלדענע ווערטער פון האנטפאס׳עם מויל און באלעקן זיך...

און דא קומט האנטפאס צום סאמע געדיכטן — צו זיין בארימטער טעאריע וועגן דעם חילוק צווישן הפקר־מענטשן און מארטירער.

— ס׳ארא גרויסער מהלך צווישן די צוויי! — רופט ער אויס מיט גאר

ניט־האַנטפּאַסישן פּאַטאַס און ווערט פּלוצלונג אַנטשוויגן, ווי איינער, וואָס האָט אַ שפּרייז געטאָן אַף אַ סאַמע שפּיץ־פעלז און געמוזט מיטאַמאָל אָפּשטעלן זיך, ער זאָל ניט ברעכן האַלז־און־נאַקן...

— ס׳אַרא גרויסער מהלך! — זאָגט ער ווידער, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעמושטירט זיינע געדאַנקען בא זיך אין קאָפּ אין צוויי גלייכע רייען, איינע קעגן דער אַנדערער, און זיי געלאָזט אין מאַרש, — די ערשטע זיינען גזלנים, די צווייטע — באַ׳גזל׳טע; די ערשטע ליאַרעמען, שרעקן; די צווייטע — שוויגן, באַרואיקן; די ערשטע קומען מיט האַס, די צווייטע — מיט ליבע; די ערשטע — כעס, די צווייטע — רחמנות... ווי ליב האַנטפּאַס האָט די באַ׳גזל׳טע, די שטילע ליידער, די מאַרטירער! ווי ער האַסט די טומלער, די גזלנים אַף זיך און אַף יענע, די הפקר־מענטשן!...

— אָ, מאַרטירער! וואָס קען זיין הערלעכער פון די, וואָס בינדן זיך צו צום עק פון זייער גאָט, און ליגן, און וואַרטן אַפן שונא, און רירן זיך פון אָרט ניט... און ווען דער שונא קומט, שטרעקן זיי אויס דעם האַלז צום חלף און כאָרכלען אויס די נשמה מיט פאַרגלאָצטע אויגן, מיט „קדוש" אַף די ליפּן... אָט־די זיינען די העלדן, די קדושים, וואָס פילן אָן די בלעטלעך פון דער אידישער געשיכטע מיט אַזוי פיל שיינקייט און טראַגיק — שיינקייט און טראַגיק!

— וויי צו די הפקר־מענטשן! וויי צו די, וואָס בלאָזן אַליין פאַנאַנדער אַ פייער און שפּרינגען אין אים אַריין!... וויי צו די, וואָס וואַרטן ניט ביז דער שונא קומט צו זיי, נאָר זיי גייען אים אַנטקעגן, רייצן אים און רעגן אים!... ניטאָ קיין רחמנות אַף פאַרדאַרבער, וואָס פאַראַכטן רחמנות און מאַכן אַליץ הפקר, הפקר!... וויי צו זיי!...

יונה קאַרש! — ווי אַ געשפּענסט פאַרפּלאָגט אים זיין אַמאָליקן חבר׳ס בילד אַף אַלע געדרייטע שטעגן פון זיין געמיט...

ער און יונה. ער — פּערצן, יונה — דרייצן יאָר, נאָר־וואָס נאָך בר־מצוה. יונה לאָזט שוין אויס ווען־ניט־ווען אַ דאַווענען, קלייבט זיך איינגאַנצן פאַרוואַרפן די תפילין און פאָרן קיין וואַרשע.

— עט! ס׳איז סיי ווי קיין גאָט ניטאָ! — טוט ער אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט טאַקע אָט־איצט אָפּגעשאַפט גאָט... קויפּקע, דער סטאָליער־איינגל, האָט אים אַליין געזאָגט. קויפּקע איז געווען אין וואַרשע. ער ווייסט.

אים, הערשל יאַנקל־איטשע׳ס, האָט שוין דעמאָלט אויך געמאַטערט די

פראגע פון גאט. ער האט שוין געהאט איבערגעלייענט א פאר העברייאישע ביכלעך און זיך געראנגלט מיט ספקות. נאר ווען יונה האט זיך קאטבלוטיק א זאג געטאן, אז ס'איז קיין גאט ניטא, איז ער געבליבן א פארציטערטער: ווי קען ער אזעלכע ווערטער ארויסברענגען פון מויל?! טראכטן האט ער פארשטאנען — אבער רעדן?!...

ער, הערשל, פלעגט נאך אפהיטן דאס דאווענען יעדן טאג — טאמער איז דא א גאט און ער שטראפט!... נאך דאווענען איז ער מיטגעגאנגען מיט יונה'ן צום גלח'ס טייך און געקוקט פונדערווייטנס אף די נאקעטע שיקסעס, וואס האבן זיך דארט געבאדן...

—זע, אן דארט, יענע — קוק! — האט אים יונה געשטורכעט אין זייט. האט ער געקוקט און דאס הארץ האט געקלאפט...

דאס דערמאנט אים, ווען יונה האט אים צום ערשטן מאל געוויזן א בונדישע פראקלאמאציע.

— מען דארף אראפווארפן דעם קייסער, — האט ער אים געגעבן צו פארשטיין און ער האט אים פארטרויט א סוד, אז ער פלאנעוועט, ווען ער וועט זיין גרויס, פארן קיין פעטערבורג... דער קייסער וועט שוין בא אים קיין האניק ניט לעקן, די קאפיטאליסטן אויך ניט...

א הפקר־יונג!

הערשל האט זיך יענעם טאג ניט געקענט באדן, כאטש די זון האט גע־שרפ'עט סכנות־נפשות. ער איז שעה'נווייז געלעגן באם ברעג וואסער אונטער א קוסט און דאס הארץ האט ניט אויפגעהערט צו קלאפן... אט־אט, האט ער זיך געשראקן, קומט אנטאן, דער געשטופלטער גאראדאוואי, און געפינט בא יונה'ן די פראקלאמאציע... אנטאן ווערט בייז. די שטופלען אין זיין פנים ווערן טאפלט די גרויס פון רציחה. ער כאפט יונה'ן פארן קאלנער מיט איין האנט, און אים, יונה'ס חבר, מיט דער צווייטער האנט, און מען שלעפט זיי אוועק גלייך צו די קאזאקן אין קאזארמע אריין... מען שמידט זייביידן אין קייטן... אזעלכע בילדער האט ער געזען און דאס הארץ הערט ניט אויף צו קלאפן.

און אט איז נאך אן אינצידענט — דער אינצידענט, וואס האט געמאכט א סוף צו זיין חבר'שאפט מיט יונה'ן און איז ביז היינטיקן טאג געבליבן אין סאמע צענטער פון האנטפאס'עס רעטראספעקציע.

ס'איז געווען אנהויב אב, די „ניין טעג". יונה איז צוגעשטאנען ער

זאָל גיין מיט אים זיך באָדן, און דווקא אין גרויסן טייך, דריי וויאָרסט פון שטעטל. ער האָט זיך געקווײנקלט, געקווײנקלט, און געגאַנגען.

די זון האָט שוין געהאַלטן באַם לעצטן מערב׳דיקן פערטל פון איר מאַרשרוט אַרום הימל. זיי זיינען געגאַנגען צווישן די נידעריקע, אין זאַמד־פאַרזעצטע, שטילע גויאישע הייזלעך באַם עק שטעטל. דאָ און דאָרט האָט אַ הונט געבולן, אַ קליין שייגעצל האָט אַ וואָרף געטאָן אַ שטיינדל, אַזוי זיך, גוטמוטיק, און דערביי געשטשירעט מיט לאַכנדיקע ציינער.

אַט־די שטילע, אין גרינס געטוליעטע גויאישע געסלעך האָבן אַף אים תמיד געוואָרפן אַן אימה און אויך איצט איז אים לייכט געוואָרן דאָס געמיט ערשט ווען זיי זיינען אַרויס פונעם געסל און געלאָזן הינטער זיך די שאָטנס פון סעדער, וואָס האָבן געמאַניעט מיט אַפּעטיט־דרייצנדיקע ריחות פון רייפנדיקע פרוכט און — געשראָקן... ס׳איז גוט, וואָס ער איז ניט קיין שייגעצל, האָט ער, הערשל, געטראַכט, און שפּילט זיך ניט מיט הינטלעך און לאַכט ניט מיט שטשירענדיקע ציינער...

דערנאָך האָבן זיי זיך געדרייט מיט שלענגלדיקע סטעזשקעס, צווישן הויך־זאַנגיקע, גאָלדן־ברוין געבאַקענע קאָרן־פעלדער און אָקאָרשט־געשניטענע לאָנקעס, און זייערע שאָטנס זיינען געוואַקסן, געוואַקסן.

געקומען צום טייך. דער ברעג איז געווען אַ הויכער, אַ שאַרף־משופּע־דיקער, כמעט אַ באַרג. דער טייך האָט זיך אַף דעם אָרט רונד אויסגעבויגן און זיך אַ קירעווע געטאָן לינקס, צו מערב־צו. ציט זיך דאָ געוויינטלעך, צווישן דעם הויכן נאַטירלעכן ברעג און דעם אויסגעבויגענעם טייך־שטראָם, אַ ברייטער און פלאַכער זאַמדיקער באָרטן, וואו חברה טוט זיך אויס, שפּילט נאָכן באָדן, אָדער טריקנט זיך אָפּן זאַמד. איצט איז אָבער דער טייך געווען ברייט־צעפלייצט, פון איין הויכן ברעג ביזן צווייטן. דער גאַנצער זאַמדיקער באָרטן איז געווען פאַרגאָסן מיט פלאַכן וואַסער.

די זון איז שוין געשטאַנען באַם סאַמע ברעג האָריזאָנט, דאָרט וואו דער אויסגעקערעוועטער טייך פליסט אַריין גלייך אין הימל אַריין, אַ גרויסע, אַ רויטע, גרייט אַראָפּצוואַרפן פון זיך איר זיבן־פאַרביקן שלייער, פאַנאַנדער־וואַרפן אירע גאָלדן־ראָז־בורשטינענע האָר און זעצן זיך אַ פייערדיקע אין איר אָוונטלעכער פייערדיקער וואַנע אַריין.

און דאָ, פּונקט קעגנאיבער דער זון, האָבן ער און יונה פון זיך געוואָרפן די קליידער.

— בלויז איין מינוט, — האָט ער אויסגענומען.

— איינס, צוויי דריי! — האָט יונה צוגעשטימט און געלאָזן זיך

באַרג־אַרונטער מיט אַזאַ אימפּעט, אַז ער האָט זיך ניט געקאָנט אָפּשטעלן ביז אינמיטן פון דעם פאַרפּלייצטן באָרטן, וואו דאָס וואַסער האָט שוין דערגרייכט ביז די קני. דאָ איז יונה געבליבן שטיין און געוואַרט אַף זיין חבר.

דאָס וואַסער האָט געפּליוצט קיל און שטראָמיק און לאַשטשענדיק גע־שטופּט, געריסן מיט זיך ווייטער, ווייטער.

— ווייטער גיי איך ניט, — האָט הערשל פעסט דערקלערט, ווען ער איז צוגעקומען צום אָרט, וואו יונה איז געשטאַנען.

— נאָך אַ פּאָר טריט בלויז. מיר וועלן ניט שווימען, נאָר אָפּטוקן זיך, — האָט יונה געבעטן ווייך, גאָרניט ווי זיין שטייגער.

ער, הערשל, איז געבליבן באַ זיינס, און יונה האָט זיך געלאָזט שטופּן אַ ביסל ווייטער פון די לאַשטשענדיק־שלעפנדיקע וואַסער־אָרעמס. געבליבן שטיין ביזן ברוסט אין וואַסער. דער שטראָם רייסט, הויבט. ער פּרואווט גיין צוריק. די פיס זינקען, גראָבן לעבער אין לויזן זאַמד. דער שטראָם טוט אים אַ הויב. אַ געשריי. און יונה פאַרשווינדט אין דער שטראָמיקער פליסיקייט. בלויז עטלעכע קנייטשן זיינען געבליבן אַף דער וואַסער־פלאַך, און דער געלער אָפּשיין פון קריכנדיקע, ראַנגלענדיקע פינגער, — ווי אַ געשפּענסט אַפן וואַסער... און דאָס געשפּענסט אַנטלויפט מיטן שטראָם; אַנטלויפט אַהין, צו מערב, צום גאָלדיק־ראָז־בורשטינענעם אונטערגאַנג...

אַ ווייל איז ער, הערשל, געבליבן שטיין אָן לשון, נאָר באַלד האָט עס פון אים אָנגעהויבן אַרויסצושרייען מיט באַנומענע קולות:

— גוואַלט!... ראַ־טע־וועט! גוו־אַ־אַ־לט! גוואַ־אַ־אַ!

ער איז אַנטלאָפן אין אַ ווילדער פּאַניק. אַנטלאָפן און געשריען. ער איז אַרויף אַפן באַרג, געכאַפּט זיין פּעקל זאַכן אונטערן אָרעם, און געלאָפן אין דער ריכטונג פון שטעטל, און געשריען:

— גוואַ־אַ־לט! גוואַ־אַ־אַ־לט!! ראַ־טעוועט!!!

ס'האָט אים אויסגעפעלט אָטעם און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אומגע־קוקט אין אַלע זייטן: מזרח, צפון, דרום — פאַרן מערב האָט ער מורא — דאָרט איז אונטערגאַנג. — אַ פּוסטקייט, אַ ליידיקייט אַרום. און די ליידיקייט וועט אויך פאַרשלונגען פון די קריכנדיקע שאָטנס. אָט־באַלד און ער וועט אויך איינגעשלונגען ווערן.

— גאָט! ג־אַ־אָט! העלף!! — אָבער קיין גאָט איז ניטאָ. בלויז אַ פּוסטקייט, און זי, די פּוסטקייט, וועט אויך אויפגעפרעסן פון די אימה'דיקע שאָטנס... און ער איז דאָ אַליין, הילפלאָז אַנטקעגן דער אַלמעכטיקער, פרעסנ־דיקער פינצטערניש...

פּלוצלונג, אַ געמיש פון קולות, פריילעכע, יובלדיקע, קומט אָן גראָד פון מערב און לעכערט דורך זיין פאַרצווייפלונג. ער האָט זיך אומגעקוקט. אַ חברה שקאָצים, פאַרשייט־לאַכנדיקע מיט שטשירענדיקע ציין, זיינען אַרויף אפן ברעג. איינער האָט נעטראָגן אַף די הענט יונה'ן, ווי מען טראָגט אַ ציטעריק קינד, און אים געקוקט לאַכנדיק אין די אויגן אַריין. יונה, זיין נאַקעטער קערפּער בלייך און בלוילעך אין דער אָוונט־בלויקייט, האָט געקוקט מיט אַרויסגעשטאַרצטע, שטאַרנדיקע אויגן אַרום זיך, ווי עמיצער וואָס איז פּלוצלונג אַראָפּגעפאַלן פון אַן אַנדער פּלאַנעט אַף דער ערד, און ער זעט, נאָר ער ווייסט ניט וואָס ער זעט.

די שקאָצים, וואָס האָבן געראַטעוועט יונה'ן, זיינען געווען אַרבעטער, יונגע פּוילישע אַרבעטער פון דער ציגעלניע. זיי האָבן זיך געבאָדן ניט ווייט פון זיי אַרויף־שטראָם, נאָר צוליב דער געבויגנקייט פונעם טייך האָבן זיי זיך איינע די אַנדערע ניט געקאָנט זען.

אַף זייערע פּנים'ער איז געווען קענטיק, אַז דער עסק האָט זיי שטאַרק הנאה געטאָן — אי נעהאַט אַ גוטן שווים, אי אַרויסגעראַטעוועט אַ יאַט...

— וואָס זאָגסטו ? ס'איז גוט צו לעבן, האַ ? — האָט איינער, מיט לאַנגע האָריקע פּיס און אַ פאַררויסענעם נעזל, לאַכנדיק אַ פרעג געטאָן.

יונה האָט אַ שמייכל געטאָן. זיין ערשטער שמייכל.

— לאָז מיך אַראָפּ, איך קען אַליין גיין, אַ דאַנק, — האָט ער זיך געבעטן בא זיין טרעגער. יענער האָט אים אַראָפּגעלאָזט און גענומען העלפן אָנטאָן זיך אַף שנעל, ער זאָל זיך ניט פאַרקילן.

האַנטפאַס געדענקט נאָך איצט, ווי ס'האָט אים גענומען מער צייט ווי יונה'ן צו קומען צו זיך. ער האָט זיך געפרייט און אין דער זעלביקער צייט האָט אים פאַרדראָסן, וואָס „יענע שקאָצים" האָבן עס געמוזט זיין די רעטער. ער האָט זיך דעמאָלט געפילט אַזוי נישטיק אין זיין הילפלאָזיקייט אַנטקעגן יענע געזונטע, טומלדיקע חברה־לייט.

— טייערע יאַטן, האַ ? — האָט זיך יונה צו אים געווענדט ווען יענע האָבן זיך צעזעגנט און אַוועק. און ער האָט באַלד צונעגעבן מיט שטאָלץ :

— זיי זיינען רעוואָלוציאָנערן ! מ'קען זען, אַז זיי זיינען רעוואָלוציאָ־נערן, קעמפער !...

— דו ווייסט, — האָט יונה אַ ביסל שפּעטער, אַפן וועג אין שטאָט אַריין, געזאָגט צו אים, צו הערשלען, — איצט בין איך זיכער, אַז ס'איז ניטאָ קיין מלאך־המות... איך האָב געקוקט אַרום־און־אַרום אין וואַסער, געזוכט דעם מלאך מיט די טויזנט אויגן — אַ נעכטיקער טאָג !...

דער יונגער האנטפאס, געוויינלעך גוטמוטיק, איז דאן שטארק אין כעס געווארן. נאך אזא געפאר און אזעלכע צרות, וואס ביידע האבן געהאט צוליב זיין הפקרות, רעדט ער נאך אזוי פריילעך און גלייכגילטיק וועגן טויט...
— הפקר־יונג!...

זיי זיינען אוועק שווייגנדיקע אין שטאט אריין, זיך צעגאנגען און מער ניט צוזאמענגעקומען זיך — זייערע וועגן האבן זיך צעשיידט.

האנטפאס ווארנט דעריבער: — היט זיך פאר טיפע וואסערן; מיידט אויס שטראמען — פליושקעט זיך אין פלאכע וואסערן, און וואס פלאכער אלץ זיכערער...

.1930

זיין פונט פלייש

1.

לעמעשקע!

זי האָט אַף אים אַנגעצילעוועט מיט שטעכיק־קאַלטן גלאַנץ אירע הארטע, לענגלעך־רונדע אויגן, ווי א פּאָר מאטע, געשליפענע שטיינדלעך, און אריינגעשאָסן אַזוי טיף, ווי זי האָט געקענט:

— לעמעשקע!

וועט ער נאָך איצט פּרואוון עפענען א מויל? זאָל ער. זי איז גלייכגילטיק און גרייט — מיט קאַלט־שטיינערנער אַנגעצילעוועטקייט אין אירע געבליאַקעוועט־קארע אייגעלעך, מיט אויסגעקרימטן גרין־שפּאָטישן שמייכל אַף אירע דינע און שמאָלע ליפּעלעך. זאָל ער!

די וואסערדיקייט אין מר. ליעשקאָוו'ס טונקל־פאַרגאָסענע אויגן האָט אָנגעהויבן זידן מיט ווייסן צאָרן און ער האָט צוריקגעשאָסן:

— מכשפה!

זיין שאָס איז אָפּגעשפּרונגען צוריק, גלייך ווי פון אַן אויל־באַפּעטסטן קופּערנעם פּאַנצער. זי האָט אים געוואָלט ווייזן, אַז ס'טוט איר דוקא הנאה, וואָס ער רופט זי מכשפה, און זי האָט זיך טרוקן צעלאַכט. איר געלעכטער האָט געקלונגען ווי א שיסעריי פון א שראָט־ביקס.

— אהאָ! דו ציטערסט פאַר דער מכשפה — לעמעשקע!

— אַזאַ נישטיקע פּאַסקודסטווע... איך ציטער פאַר איר — ניטאָ ווער ס'זאָל לאַכן, כע־כע...

ס'איז אָבער בּאַ אים קיין געלעכטער ניט אַרויסגעקומען, נאָר גיכער עפּעס וואָס צו זאָגן, און איצט איז די צייט, ער זל אַלץ אַרויסזאָגן, אַלץ זיך רחמנות...

איז אַף מרס. ליעשקאָוו אָנגעפאַלן א ספּאַזמע פון געלעכטער, פון בייסנדיקן, שלאַנגיקן געלעכטער. כי־כי־כי... כי־כי... זי האָט געפּרואווט עפּעס זאָגן, האָט דער געלעכטער אירע ווערטער פאַרשלונגען.

צערייצט און פאַרלוירן האָט ער געפילט, ווי ער וואָלט געשטאַנען באַם

ראַנד פון אַן אַפּגרונט. ס'האָט אים אַ שווינדל געטאָן אין קאָפּ און ער האָט דערפילט אַן אימפּולס אַ כאַפּ צו טאָן מיטביידע הענט איר האַרטן, קיילעכדיקן קאָפּ און מיט אַלע כחות שלאָגן אים אָן דעם טשוגונענעם קיך־אויוון, לעבן וועלכן זי איז געשטאַנען, ביז ביידע, דער קאָפּ און דער אויוון, וועלן צעשמעטערט ווערן. אינמיטן האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט נאָך עפּעס וואָס צו זאָגן, און איצט איז די צייט, ער זאָל אַלץ אַרויסזאָגן, אַלץ וואָס בא אים איז אָפן האַרצן.

האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ פּלוצימדיקן קלאַפּ אין טיש, און געענדיקט מיט ביידע הענט אין זיינע שוואַרצע, שיטערע האָר:

— אַ מאַמע! ערגער פון אַ חיה. אַ חיה אין וואַלד היט אירע קינדער מער פון דיר. יאַנקל שאַבשעוויטש אַפילו האָט זיך דאָך מקריב געווען פאַר דער ריינקייט פון זיין טאָכטער... און דאָס מאַכט אַן אייגן קינד פאַר אַ פּראָסטיטוטקע... אַוועקגעשיקט איר מיט עפּעס אַ שאַרלאַטאַן... ס'איז דאָך שווידערלעך!

זי האָט איצט ניט געלאַכט. קיין סימן פון אַ שמייכל ניט געבליבן. בלויז די שלאַנגיקע אויסגעקרימטקייט אויף ליפּן און שטיין־קאַלטע שטעכיקייט אין אויגן, ווי פריער.

— נו, ווייסט דאָך שוין לאַנג, אַז איך בין אַ פּראָסטיטוטקע, פונדעסט־וועגן קריכסטו צו מיר... נישקשה, האָסט גאָר ניט אַזוי מורא פאַר פּראָ־סטיטוטקעס... ווי ער האָט זיך דאָס צעשריען, דער גולם!... זיין טאָכטער איז אַרויסגעפאָרן אויף עטלעכע טעג אין „קאַונטרי" מיט אַן אינטעליגענטן יונגנמאַן, אַ דיכטער, האָט ער זיך צעיאָכמערט — איך שיק איר אויף פּראָ־סטיטוציע!... פון וואַנען ווייסטו, אַז איך האָב איר געשיקט, לעמעשקע? דיין טאָכטער האָט שוין אַליין שכל...

זי האָט זיך אינמיטן אָפּגעשטעלט, אויסגעבויגן איר קאָפּ מיט די אַרומ־געשווירענע, געדיכט־אויפגעבלאָזענע קאַשטאַן־ברוינע, מיט גרוי געמישטע האָר פּאַראָוים; איינגעצויגן און אָנגעשטעלט איר שמאָל מויל־שפּעלטל אַזוי, אַז ס'האָט אויסגעקוקט ווי דאָס רונדע מיילכל פון אַ פּיסטאָלעט, אַ גרייטער צום שיסן; איר רונדער און בולט'ער מענערשער שטערן עטוואָס איינ־געקנייטשט, און אירע פולע מיידליש־רונדע באַקן, וואָס גנב'ענען געוויינלעך אַראָפּ פון איר צען יאָר, האָבן זיך איצט איינגעצויגן און אויסגעהוילט לעבן מויל, צוגעבנדיק פינף צו אירע פערציק יאָר. דאָס האָט זי אָנגענומען אין זיך נייע עמאָציעס פאַר אַ נייער פאַרניכטנדיקער קאָנטר־אַטאַקע.

— זאָל זיין, אַז איך האָב זי געשיקט... וואָס דען האָב איך געקענט

מאָן! צובינדן צו מײַן פאַרטוך וואָלט דאָך ניט געטויגט — אַליין אַ פּראָ־סטיטוטקע!... האָסטו זי געזאָלט צובינדן צו דײַן פאַרטוך... פון מײַנעטוועגן האָסטו געקענט נעמען דײַן טאָכטער און אײַנזאַלצן זי פאַר נאָך אַזאַ קוני־לעמל, ווי דו, כאַ־כאַ־כאַ...

איר קאָנטער־אַטאַקע האָט ליעשקאָוו'ן אַרונטערגעטראָגן פון די פיס און ער איז געבליבן שטיין אַ צעקאָכטער, אָן לשון. אַ פרוי, געמאַכט פון שטיין. זי קען דיר שנײַדן דאָס האַרץ אויף שטיקער, בראָטן זיי לאַנגזאַם אויפן פײַער, און דערבײַ לאַכן אַזוי טרוקן און קאַלטבלוטיק, ווי אַ קאַניבאַל. אַרט אים שוין ניט אַזוי איר נייסטע אַפּערע — אַ מציאה, דער פּאָעט מיט אַ פּנים ווי פון דזשאַנק צוזאַמענגעשטוקעוועט: אַ צעקנייטשט פּאַרמעט־געזיכט, אויגן ווי פון אַן אַלטער קאַץ, און אומגעלומפּערטע, מיט בליאַסקעדיק גאָלד געלאַטעטע ציינער... נאָר אַזוי האַרצלאָז און געוויסנלאָז צו זײַן... ווער ווייסט, אפשר איז שולמאַנ'ס אַרויספּאָר מיט מאַטילדע'ן דער לוין פאַר זײַן „ליבע" צו איר?... אויף איר איז דאָך אַלץ צו גלויבן. טפו, ווי עקל־האַפט!! איז ער געשטאַנען, און די אויפרעגונג, וואָס האָט זיך געהויבן אין אים אין בייזע, שוימענדיקע כוואַליעס, כוואַליע נאָך כוואַליע, האָט פאַר־פּלייצט זײַנע געדאַנקען און געוואָרגן אין האַלז. האָט ער עפּעס גענומען שטאַמלען און גאָרניט געקענט אויסרעדן.

— וואָס שטאַמלסטו? לאָמיך הערן אַ וואָרט, קוני־לעמל!...

מער קען ער שוין ניט פאַרטראָגן. ער פאַלט באַ זיך גאָרניט אַראָפּ פון אירע רייד. ער ווייס, אַז ער געפעלט נאָך פרויען. זיי קוקן אים נאָך, שמייכלען צו אים. אָט האָט אים אַ פרוי, אַן אַמעריקאַנערין, וועמען ער האָט געמאָסטן שיך אין זײַן קראָם, געזאָגט, אַז ער זעט אויס ווי אַ „מואַווי"־העלד. וועט ער איר דערלויבן, אַז זי זאָל אים אַזוי טרעטן מיט די פיס? זאָגט ער איר צוריק מיט אַ שטאָך:

— ווי־זשע קומט עס, וואָס אַזאַ העלדין, ווי דו, ביסט אַמאָל נאָכגעלאָפן נאָך אַ קוני־לעמל, געהאַנגען זיך אים אויפן האַלז?

— דעמאָלט האָב איך דיך געוואָלט, האָב איך דיך געהאַט. אַז איך וויל, האָב איך... איך בין ניט קיין לעמעשקע.

— און ווי לאַנג איז עס, אַז דו ביסט געפאַלן אין חלשות, ווען איך האָב דיך געוואָלט פאַרלאָזן און אַוועק מיט פעני לאַוויטש? דערמאָן זיך...

כאַ־כאַ! חלשות... און דו האָסט זיך טאַקע דערשראָקן. דו גלויבסט טאַקע, אַז איך האָב זיך ניט געקענט באַגיין אָן דיר? האָסט אַזוי פיל שכל, וויפיל מײַן לינקער אָפּצאַס. האָסט מיר דאָן אַ סך אויסגעפעלט, הם... ווי

דען!... נאָר מיך וואַרפט מען ניט אַוועק, ווען איך וויל ניט... איצט פאַר־שטייסטו שוין, לעמעשקע?

— איך האָב דיר דאָן ניט אויסגעפּעלט? דו ליגסט ווי אַ הונט!

— גלויבסט מיר ניט? אָט וועל איך דיר דערציילן... דו געדענקסט זעמעלמאַנ'ען דעם אַגענט? איאָ, אַ שיינער יונגערמאַן?...

— זעמעלמאַנ'ען?!

— אָט דאָס וואָס דו הערסט... און ברעסלער...

— וואָס, ברעסלער?... דו...

— און דיין אייגענער ברודער, מלך, פון האָבאָקען!!

— ???

קען דאָס זיין אמת? ליעשקאָוו האָט מער ניט געקאָנט טראַכטן, נאָר ווי אַ שטייפער, דראָטענער קנויל וואָלט זיך טיף אין אים מיט אַ שאַרפן און דורכלעכערנדיקן צעלאָז אויפגעמאַכט און דורכגעשטאָכן ביז שפּיץ פינגער דורך הענט און דורך פיס, איז ער אויפגעשפּרונגען אַן אָנגע־צויגענער אין זיין גאַנצער לענג, אַן איבערגעבויגענער, מיט אָנגעשטייפטע פויסטן אַנטקעגן איר.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט אים גלייך אַנטקעגן און האָט אים אָנגעקוקט מיט טריאומף אין די אויגן, פעסט און גיפטיק, צו'להכעיס'דיק און שפּאָטיש.

— נו, פּרוואָו שלאָגן... דו מיינסט ס'איז דיר אַמאָל אין ניו יאָרק? אָט נעם איך שרייען, וועלן זיך אַלע שכנים צוזאַמענלויפן אַפן בייז־וואָונדער...

ער האָט די פויסטן אַ ביסל אַראָפּגעלאָזט.

— דו... דו נידעריקע, שמוציקע צווג!! —

— וואָס היצסטו זיך אַזוי? וואָס דען האָסטו געמיינט? איך וועל אויסקוקן אַף אַזאַ גע'פּגר'טער קאַץ, ווי דו... כאַ, כאַ! כאַ, כאַ, כאַ! —

— קורווע!

— צעקוועטשטע וואַנץ!! —

אַ צעדולטער, ווי איינער, וואָס האָט נאָר־וואָס געקראָגן מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ, מיט אַ היסטעריש־קאָנוואולסיווען אויסדרוק אַפן פּנים, איז ליעשקאָוו אַרויס פון קיך. ער איז אַוועק אין מאַטילדע'ס שלאָפצימער און מיט אַ טראַסק פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך.

מרס. ליעשקאָוו האָט געביסן אַ קרום שמייכעלע צווישן אירע קליינע ציין.

— נישקשה, ער וועט זיך באַלד איבערבעטן. ער וועט באַלד קומען צו לויפן נאָך זיין „פונט פלייש"... מ'קען זיי שוין...

מיט דעם „זיי" האָט זי געמיינט ניט בלויז מר. ליעשקאָוו...

2.

זי האָט זיך ניט אומגעקוקט אַף דער אומאָרדענונג אין קיך, אַף דעם אָנגעוואָרפענעם טיש, און איז געלאָסן אריין אין איר שלאָפצימער, זיך אויסגעטאָן לאַנגזאַם און פאַרטראַכט, אַף שנעל געכאַפּט אַף זיך די נאַכט־העמד צו פאַרדעקן דעם שמערצלעכן פאַקט, וואָס דער בויך וואַקסט בא איר און זי פאַרלירט איר טאַליע, און איז אריין אין בעט.

איצט האָט זי צייט בייז צו זיין, פאַנאַנדערצוקלייבן זיך און בייז צו זיין...

אַף וועמען איז זי בייז? ניט אַף בעני'ן, ניין. וואָס האָט זי דען בייז צו זיין אַף אים? ער האָט איר געזאָגט עטלעכע האַרבע ווערטער? נו, נעמט זי זיך צום האַרצן! ער האָט בא איר אַ ווערט! מער ווי אַף רעדן טויג ער דאָך ניט, דער שלימזל... און זי האָט אים דערלאַנגט צוריק — וואָס, ניין? ס'איז אים שוין פאַרגאַנגען אין דער זיבעטער ריפּ. אָ, זי איז זיכער קוויט מיט אים... פאַרלירן אים — האָט זי אוּדאי קיין מורא ניט. ניט וויל זי וואָלט עס וועלן. אדרבה, זי פילט, אַז זי דאַרף אים האָבן, אָט ווי ער וואָלט געוועזן אַ לעבעדיק געשיר, וואָס זי דאַרף האָבן אין הויז, און וואָס ס'וואָלט איר באַנג געטאָן ווען ס'וואָלט ניט געוואָרן... נאָר זי קען אים שוין זייער גוט, איר בעני'ן. מיטן מויל קען ער אַלץ, נאָר אַז ס'קומט צום טאָן, איז ער הילפלאָז אָן איר. יאָ, זי איז מיט אים גאַנץ זיכער, צו זיכער...

בייז איז זי — זי ווייסט אַליין ניט אַף וועמען. אפשר אַף אירע פערציק און נאָך יאָר, וואָס זיינען אַוועק און וועלן זיך שוין מער ניט אומקערן, און אַף דעם כסדר'דיקן, אומאויפהערלעכן גייען פון דער צייט, וואָס וויל זיך ניט אָפּשטעלן, אָדער אַף די גרויע האָר, וואָס קומען און קומען, ווי מצבות פון פאַרשוואונדענע יוגנט־טעג, און פאַרגרויען איר דאָס לעבן...

אָ, ווען זי קען איצט צוריקקריגן אַ העלפט פון אירע יאָרן, כאָטש אַ דריטל! איצט, ווען זי ווייסט שוין ווי צו נעמען פון לעבן; ווען אַלץ איז פאַר איר אַזוי קלאָר, און נאַטירלעך, און אַלציינס. איצט וואָלט זי גענומען די ווירקלעכקייט — קיין אילוזיעס מער... וואָס האָט זי דען ביז איצט געהאַט אין איר לעבן, אויסער אילוזיעס? אירע ליבעס — אילוזיעס; אירע זינד — אילוזיעס...

און איר נייער ראָמאַן מיט שולמאַנ'ען — וואָס איז דאָס געווען — ניט אַן אילוזיע? קען זי דען אין דעם זען די פאַרווירקלעכונג פון אירע חלומות? איז דאָס ניט געווען אַ מין אילוזיע פון פאַרווירקלעכונג פון אירע ביז־איצטיקע אילוזיעס? האָט זי זיך ניט גענאַרט?

גענאַרט?

זי איז אַרוים פון בעט און זיך אויפגעשטעלט אין איר ווייסער, אַרום ברוסט באַשפּיצטער נאַכט־העמד, פירנדיק מיטביידע הענט דורך אירע געדיכט־שטראַמיקע געשווירענע האָר. זי האָט פּלוצלונג, ווי קעגן איר ווילן, אַ קוק געטאָן אין דרעסער־שפּיגל און זיך דערזען ווייס, פאַרעלטערט און עלנט. מיטאַמאָל האָט זיך אַ בייזע רציחה אין איר צעברענט אַף דער נאַכט־העמד, פונקט ווי די העמד וואָלט אין אַלץ שולדיק געווען... האָט זי די העמד שנעל אַראָפּגעוואָרפן פון זיך און געבליבן שטיין איינגאַנצן אַ נאַקעטע, ווי עמיצן אַף צו־להכעיס... איר נאַקעטקייט איז איר איצט געפעלן און אַ לעבלעכע וואַרעמקייט איז דורכגעפלאָסן דורך איר קערפּער. זי האָט זיך דערמאָנט: אַזוי איז זי דאָ געשטאַנען לעבן שולמאַנ׳ען... זי האָט איצט ווי געפילט זיינע ניט־געצערעמאָניעטע הענט אַרום איר קערפּער, און אַ געפיל פון באַליידיקונג, וועלכן זי האָט ביז איצט אונטערדריקט, האָט איר פּלוצלונג אַרומגעכאַפּט.

זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אַפן בעט און אויסגעצויינן זיך אַפן רוקן מיט ביידע הענט אונטערן קאָפּ.

— ווען ניט אירע גרויע האָר, וואָלט זי אויסגעזען צוואַנציק יאָר אַלט — דאָס זיינען געווען שולמאַנ׳ס ווערטער, וואָס האָבן ביז איצט פריידיק געשטראַלט אין איר זכרון. נאָר פאַרוואָס האָט ער איר גראַד אין יענעם מאָמענט דערמאָנט אָן אירע גרויע האָר? איז דאָס ניט געווען כדי איר אַ שטאָך צו טאָן, צו מאַכן איר פילן אַלט און נעפּאַלן באַ זיך? יאָ, דאָס איז זיכער געווען זיין כונה. זי געדענקט נאָך זיין ביטערע שמייכעלע בעת ער האָט די ווערטער געזאָגט. פאַרוואָס איז איר דאָס ביז איצט ניט איינגעפאַלן?

אין דער טונקלקייט פון צימער האָט זי זיך גענומען פאַרצווייפלט ראַנגלען מיט דעם פיינלעכן דין־וחשבון, וועלכן זי האָט זיך געמאַטערט אויסצומיידן, פאַרטרייבן פון זיך. קען זי דען פאַרלירן איר לעצטן פריידגעפיל, איר לעצטן יום־טוב? האָט זי זיך געפּרואווט אָנהאַלטן אָן די רעשט־לעך פון איר פריערדיקן ענטוזיאַזם פאַר שולמאַנ׳ען דעם דיכטער, דעם אַרטיסט, ווי איינער האַלט זיך פעסט אָן די שווימענדיקע טיילן פון זיין זינקענדיקער שיף... זי האָט זיך באַמיט צו טראַכטן פון שולמאַנ׳ס קומענדיקן בוך, אַף וועלכן עס וועלן זיין געדרוקט שוואַרץ אַף ווייס די ווערטער „געווידמעט ראָזע׳ן", ווי ער האָט איר צוגעזאָגט — וועט דאָס ניט זיין אַן אייביקער מאָנומענט פון איר נצחון?...

נאָר ווי אַף צו־להכעיס באַווייזן זיך פאַר איר איצט דווקא זיין צעקרימט

פנים, זיינע אומהיימלעכע, חיה׳שלעכע גרימאסן. און דאָס וואָרט „נצחון״ בלייבט שטיין פאַר איר אַן אויסגעקרימטס, ווי שולמאַנ׳ס פּנים, אַ חוזק׳דיקס, אַ ציניש...

זאַמלט זיך אין איר דער כעס, אַ טיפער און נאָגנדיקער, און פילט אויס די ליידיקייט וואָס איז אין איר געבליבן. שלאָגט זיך דער כעס אָן איר עקשנות, ווי אַ פאַרשפּאַרטער שטורעם ערגעץ אין אַ שטיינערנער הייל, און געפינט ניט קיין אויסוועג. אַף וועמען אין כעס זיין? אַף שולמאַנ׳ען? ניין. האָט זי דען פון אים פאַרלאַנגט מער ווי דאָס וואָס ער האָט איר געגעבן? האָט זי דען ניט געזען, אַז די גאַנצע צייט, וואָס ער איז אין הויז געווען, איבער צוויי וואָכן, האָט ער אין וואָכע שעה׳ען אין איר קיין אינטערעס ניט געהאַט? אין אָוונטן, אין אירע פרייע נאָכמיטאָגן פלעגט ער כסדר זיין פאַרנומען מיט מאַטילדע׳ן, טאַנצן מיט איר, אַרומנעמען זי, האַלטן בא זיך אַפן שויס. איר, ראָזע׳ן, פלעגט ער זעלטן שענקען אַ בליק, און פלעגט ער יאָ אַ קוק טאָן אַף איר, איז זיין אויסדרוק געווען זאַכלעך און ביטול׳דיק, ווי ער וואָלט געזאָגט: „נאַרישקייטן, איך מיט דיר ווייסן דאָך... ניטאָ בא אונז קיין צערעמאָניעס...״

האָט עס איר געאַרט? גאָרניט. פאַרקערט, ס׳האָט איר פאַרשאַפט הנאה און איר געגעבן דעם געפיל פון נצחון איבער איר טאָכטער. זי, די מאַמע, צוויי מאָל אַזוי אַלט, געוווינט איבער דער אויפגעבליטער פרוי אין איר טאָכטער... ס׳האָט איר הנאה געטאָן דער געדאַנק, וואָס איר טאָכטער קריגט בלויז די שאָלעכץ, בעת פאַר איר, דער מאַמען, בלייבט די יאָדרע... וואָס האָט עס איר געאַרט, אַז מאַטילדע׳ס יוגנט רייצט אים און וועקט אים, ווען זי האָט געוואוסט, אַז די פרוכט וועלן זיין אירע?

איצט, אַז ער איז אַוועקגעפאָרן מיט איר מאַטילדע׳ן, לאָזנדיק זי מיט נישטיקע און נאָגנדיקע דערינערונגען, און אַזאַ אומהיימלעכקייט אַפן האַרצן — וואָס איז דאָס? איז דאָס אַ געפיל פון אַ פרוי, אַ באַזיגטע פון אַן אינגערער און שטאַרקערער פון זיך — אייפערזוכט? אָדער איז דאָס אַ דער־וועקטער ציטער פון אַ מוטער, וואָס האָט אין אַ טייוולשן מאָמענט אַ שטויס געטאָן איר אייגן קינד אין אַ טיפן אָפּגרונט אריין און דערנאָך דערפילט, אַז אויס, ניטאָ קיין צוריק, און אין האַרצן שמאַרצט אַ טאָפּלטער ריס — אַף אייגן קינד און אַף אייגענער טאַט?...

שטיקט זיך אין איר באַוואוסטזיין די דערינערונג פון אַן אָוונט פון אויפגעלויכטענער יום־טוב׳דיקייט אין אַ האַלב־טונקעלן פּאַרלאָר־צימער, אין פאַרשלאָגענער וויין־רויטער שאָטנדיקייט באַשימערט אַראָפּצו מיט עלעקטרישן לאָמפּשיין, בא דיקשטיינ׳ען אין הויז. די ערשטע באַגעגעניש מיט שולמאַנ׳ען.

זיין ערשטער אָוונט אין שטעטל. ער האָט פאַרגעליענט — ניין, פאַרגעדיכטעט — זיינע לידער, אזעלכע צאַפּלדיקע ווערטער, טאַנצנדיקע, זיך הוידענדיקע פערזן... פון שטראָמען, וואָס פליצן און שווענקען ראַנדן... פונעם ציטער פון פאַרהוילענע אַקאָרדן... גלוסטונגען, רעגונגען און לעכצונגען, וואָס רייסן זיך און בלייבן ניט געזאָגט... אַ ציען זיך און באַהעפטן פון שטומע קלאַנגען און קאָלירלאָזע שאָטנס... זיצן מענער און פרויען מיט קעפּ פאַרריסענע, פאַרגאַפטע, ניט פאַרשטייענדיקע און פאַרכאַפּטע... מאָדנע־זיסע פאַרבאָרגענע שטראָמען צאַפּלען אויף און צעפּלייצן זיך אין די נשמות, ווי גייסטער־כוואַליעס וואָס פליצן אַרויף פון טיפענישן דורך מיסטעריעזע שוואַרץ־קונצן... זי, ראָזע ליעשקאָוו, האָט נאָך קיינמאָל אַזוי ניט אויפגעציטערט. זי האָט געשלונגען די ווערטער מיט שולמאַנ׳ען צוזאַמען, אַריינגעשלונגען אים אין זיך... יעדער קרים פון זיין ברייט מויל, יעדער קנייטש פון זיין ביינערדיקן פּנים און בליאַסק פון זיינע גרויסע גאָלדענע ציינער האָבן צו איר גע־שטראַלט און זי באַגלאַנצט מיט אַן אויפשיין פון פרעמדע און נייע געפילן, וואָס זיינען איצט אָנגעקומען צו איר, ווי פונדערוויטנס, און זיך אין איר צעקוועלט.. ווען ס׳איז ליכטיק געוואָרן אין צימער, איז זי צו אים צו־געגאַנגען אַן אויפגעשיינטע, אַ צעדאַרשטיקטע אין איר קניענדיקן באַגער... האָט ער איר באַגער פאַרביינגעקוקט. זי האָט אים צו זיך געלאַדן נעכטיקן. ניין, ער בלייבט דאָ, באַ דיקשטיינ׳ען. האָט זי דאַן באַנוצט דעם איינציקן מיטל — צוזאַמענגעבראַכט אים מיט מאַטילדע׳ס יונגנט־רייץ, און ווען ער האָט זיך מיט די אויגן אין מאַטילדע׳ן איינגעגעסן האָט זי געשמייכלט אין זיך, פילנדיק איר זיג... אַ ביסל שפּעטער, ווען ער האָט מאַטילדע׳ן צו זיך אַפן שוים געצויגן, און מאַטילדע האָט צו דער מוטער געקוקט, האָט זי אַוועק־געקוקט אָן אַ זייט... שולמאַן האָט דערנאָך איר איינלאַדונג אָנגענומען...

איצט, ווען די יום־טוב׳דיקייט האָט זיך אויסגעוועפּט און איז פאַר־וואָכעדיקט געוואָרן, און ווען די אַנטוישונג האָט זיך, ווי אַ סאָווע מיט אָפענע און אַלץ־זעענדיקע אויגן, אין איר איינגענעסטיקט, דאַכט זיך איר, אַז די דערינערונג פון יענעם אָוונט איז געקומען פון איר עפּעס מאָגען און זי פאַר־טרייבט זי פון זיך — זי האָט פיינט זאַכן, וואָס מאָגען...

זי האָט איצט מורא צו בלייבן אַליין מיט אַזאַ ליידיקייט אין זיך. צווינגט זי זיך טראַכטן פון איר מאַן, ווי אַ ים־קראַנקער פּרוּווט זיך פאַרטרייבן די אומאַנגענעמע עפעקטן פון אַ שטורעמדיקער ים־רייזע מיט געדאַנקען וועגן אַ זיכערער און מאַנאָטאָנער יבשה, פון וועלכער ער איז ניט לאַנג צוריק

אנטלאָפן... ניין, נים פון דעם איצטיקן בעני ווילט זיך איר טראַכטן, נאָר פון דעם אַמאָליקן באָרים. רופט זי אַרויס אין זיך די זכרונות פון יענע פריידיקע מאָמענטן פון איר ערשטן זיג איבער ליעשקאָוו׳ן, דעם שלאַנקן און ראָמאַנטישן ברונעט מיט די טונקל־פאַר׳חלום׳טע אויגן...

דעמאָלט איז באָרים נאָך געווען אַ פּרעמדער מאַן, מיט אַ פרוי און קינד ערגעץ אין וואָלין. ער איז דאַן געווען פאַר איר — טריאומף... נאָר דאָס איז געווען אַזוי לאַנג צוריק... זי געדענקט אַלץ, נאָר זי קען דאָס מער נים איבער־לעבן. זי קען איצט בשום אופן נים איבערפלאַנצן אין זיך יענעם פריידיקן זינד־ציטער. אַפילו די אילוזיע פון זינד, וואָס זי האָט אין משך פון יאָרן אַנגעהאַלטן אין זיך דורך דעם געדאַנק, אַז זיי לעבן צוזאַמען פריי, אַז וועלכער עס איז פאָרם פון געזעצלעכער חתונה, איז שוין לאַנג אָפּגעריבן געוואָרן און האָט פאַרלאָרן יעדע באַדייטונג. וואָס פאַר אַ חילוק מאַכט עס דען איצט אין איר לעבן, צי זי האָט אַמאָל, מיט צוואַנציק יאָר צוריק, חתונה געהאַט געזעצלעך, אָדער נים? ווערט דען זינד נים געזעצלעך און מאָנאָטאָן נאָך יאָרן פון כסדר׳דיקן איבער׳חזר׳ן זיך? פאַלט איר איין, אַז אויך אַמאָל איז די זינד געווען אַ ליגן — אַ נעץ, אין וועלכן איר ווייטערדיק לעבן איז געפאַנגען געוואָרן. און די נייע זינד — אַ שוואַכער אויפפלאַקער פון דער אַמאָליקער — איז נאָך פאַלשער: אַפילו נאַרן קען זי איר אויך נים...

איז פאַראַן אַן אויסגאַנג? אַך, ווען זי וואָלט געקענט איבערלעבן נאָכאַמאָל אַ העלפט פון אירע יאָרן! איצט איז שוין צו שפּעט. האָט איר נאָך דאָס לעבן וואָס צו געבן?

עך, נאַרישקייטן... זי איז נאָך נים אַזוי אַלט פאַר אַזעלכע אַלטע גע־דאַנקען. און וואָס, נאָך אַלעמען?... וואָס האָט איצט פּאַסירט אַזעלכעס, וואָס זי נעמט זיך אַזוי צום הארצן? האָט זי עפּעס פאַרלוירן? אָפן זינען קומט איר ווידער מאַטילדע. ווי לאַנג איז עס, אַז זי איז אַליין געווען ווי מאַטילדע? ניין, זי איז קיינמאָל נים געווען ווי איר טאָכטער. האָט זי דען געקענט נעמען דאָס לעבן אַזוי פריי און לייכט ווי יענע?

זי דערמאָנט זיך איר יוגנט בא איר טאַטן אין הויז. אַ שטרענגער און בייזער איז ער געווען, איר טאַטע, האָט אַף אַלעמען אַרויפגעצוואונגען אָפּשיי און אַלעמען דאָמינירט. ער האָט זי ליב געהאַט און זי האָט געוואוסט, אַז ער האָט זי זייער ליב, פונדעסטוועגן האָט ער איר ענג געמאַכט דאָס לעבן. ער האָט אויך איר מוטער, זיין דריטע פרוי, ליב געהאַט און אויך איר לעבן ענג געמאַכט ביז צום דערדריקט ווערן. יעדעס ווינקעלע פון זייער הויז איז געווען פול מיט איר פאָטער׳ס „איך״. אַפילו די לופט האָט דאָרטן געאָטעמט

מיט זיין הויך, גלייך ווי ער וואָלט געווען דער אַלמעכטיקער גאָט־יעהאָוואַ איבער דעם הויז. אַלץ איז געטאָן געוואָרן ווי ער האָט געוואָלט, אָדער ווי מען האָט געדענקט, אַז ער וויל. ניט אויס מורא, נאָר נאָך ערגער, ווייל ס'איז בײַ קיינעם קיין אַנדער ווילן ניט געווען אַחוץ זיינעם... אודאי האָט ער זי ליב געהאַט, נאָר זיין ליבשאַפט איז געווען אַזאַ שווערע און דריקנדיקע, און אירע בעסטע יוגנט־יאָרן זיינען צעקוועטשט געוואָרן אונטער דער משא. זי אין מאַטילדע'ס יאָרן איז תמיד אַרומגעגאַנגען פאַרביטערט און מיט אַ סוד אין האַרצן. דער סוד איז געווען דער געהיימער מרידה־געפיל אַנטקעגן דעם טאַטן.

דעמאָלט זיינען געקומען טעג פון וועלט־אויפברויז, ווען ס'האָט גע־שטראָמט מיט נייעם מוט און נייער געוואַגטקייט. ס'איז געווען די צייט פון 1905 און די לופט איז אויך אין זייער ליטווישן שטעטל פול געוואָרן מיט מרידה — מרידה קעגן אַלץ און אַלעמען. אַלץ יאָכן אַראָפּגעוואָרפן — ניטאָ קיין גאָט, קיין קייסער, קיין באַלעבאָס, קיין טאַטע־מאַמע... אויך דעם יאָך פון אייגענער געבונדנקייט אַראָפּגעוואָרפן — אַלץ איז פריי, הפקר! האָט זיך איר אינעווייניקסטער, טיף־אָפּגעשלאָסענער מרידה־געפיל באַגעגנט מיט די מעכטיקע רעוואָלט־שטראָמען פון דרויסן, זיך אין זיי אַריינגעגאָסן און צונויפגעגאָסן. זי איז מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן און זיך דערפילט פריי און שטאַרק. אַלע ניט־אַרויסגערעדטע באַגערן און ליידנשאַפטן, וואָס זיינען פריער אונטערן טאַטנס רשות געווען פאַרשטויסן און פאַרשפאַרט טיף אין איר נשמה, פליענדיק זיך דאַרטן מיט אַ פאַרשטיקטן, רויכיקן פייער, האָבן זיך איצט אַרויסגעריסן אין דרויסן און באַפרייט. ניטאָ קיין צוימען — זי האָט זיי געבראָכן מיט אימפעט, מיט כעס און ליידנשאַפט, ווי זי וואָלט גענומען נקמה פון איר טאַטן דעם וואַלד־סוחר, דעם האַר איבער צענדליקער מענטשן, זיינע געדונגענע, און דעם האַר און גאָט איבער זיין פאַמיליע.

איז מען געקומען און דערציילט איר טאַטן, ר' שלום בערגער, וועגן זיין טאָכטער'ס מעשים, אַז זי איז מחלל שבת בפרהסיא, אַז זי פירט זיך אויף הפקר'דיק; האָט ער זיך אַף דעם דערציילער צעבייזערט — וואָס דערציילט מען אים? וואָס קען ער העלפן — אַ שפּענדל אַנטקעגן אַזאַ שטראָם פון הפקרות. האָט מען געפילט, אַז ר' שלום בערגער'ס מאַכט איז געבראָכן. זי, זיין טאָכטער, האָט אים באַזיגט — זיין ערשטע מפּלה. בלויז אַ פּאָר פּרואוון האָט ער געמאַכט צו ברענגען זי צוריק אונטער זיין רשות, און דערנאָך האָט ער אויפגעהערט רעדן צו איר, זי באַמערקן, נאָר אין זיין טאָן האָט מען געפילט אַ געבראָכנקייט. ער איז מיטאַמאָל פאַרעלטערט געוואָרן.

פאַר איר איז דאָס געווען אַ צייט פון איין לאַנגן, אומאונטערבראָכענעם יום־טוב. זי האָט געטרונקען פון אַלע בעכערס, וואָס איר ניי לעבן האָט איר אונטערגעטראָגן, ניט איבערקלייבנדיק... ס׳איז געוואָרן פריקרע אפילו אין אירע נייע קרייזן, וועמעס ניט־צערעמאָנישע וועגן זי האָט נאָכמאַכנדיק איבערגעטריבן. נאָר פאַר איר איז קיין אָפּשטעל ניט געווען, גלייך ווי אַן אינערלעכער שונא וואָלט אין איר געזעסן און זי געטריבן צו טאָן זיך צו־להכעיס...

זי האָט פאַרמאַכט די אויגן, ווי זי וואָלט דערמיט געוואָלט אָפּשטעלן אירע געדאַנקען. זי האָט זיך גענומען צוהערן צו בעני׳ס צערודערטע טריט הין און צוריק, היין און צוריק, אין מאַטילדע׳ס צימער. איז איר איינגעפאַלן, אַז ס׳איז אַ רחמנות אַף אים, נאָכאַלעמען, נאָר ס׳איז זיין שולד — פאַרוואָס איז ער אַזאַ טויגעניכטס? ווען ער וואָלט זיך מיט עפּעס אויסגעצייכנט, געשאַפן, געזיגט... אפשר וואָלט ער זי באַזיגט, באַזיגט אויך דעם אינערלעכן שונא, וואָס זיצט אין איר...

שפּאַרט זיך אין איר זכרון ווידער אַ דערינערונג... אין די ערשטע חדשים פון זייער באַקאַנטשאַפט, מיט 20 יאָר צוריק... אַן אָוונט בײַ אים אין צימער... באָרים שפּילט פאַר איר פידל (ער האָט נאָך דעמאָלט געהאַט חלומות וועגן שטודירן מוזיק, ווערן אַן אַרטיסט: היינט הענגט די פידל זיינע אַ פאַרשטויבטע, אַ פאַרלאָזטע). אָט אַזוי, מיט פאַרמאַכטע אויגן, זעט זי אים, ווי ער האָט דעמאָלט אויסגעזען (אַך, ווען ער איז היינט אַזעלכער!) — אַ שלאַנקער, אַ הויכער און מחיה׳דיקער, שטייט ער איבערגעבויגן מיטן פידל אונטערן מאָרדע, מיט אַזעלכע פאַר׳דבקה׳טע, האַלב־פאַרווייסטע אויגן אַרויפצו, פירנדיק דעם לאַנגן דינעם סמיטשיק מיט זיין לאַנגער, שלאַנקער האַנט הין און צוריק, אַרויף און אַראָפּ, אויסגעצויגן, אָפּגעהאַקט... האָט ער אויסגעזען אַזוי קאָמיש און אַזוי רעגנדיק... ס׳איז אַף איר, געדענקט זי, אָנגעפאַלן אַ ווילדער באַגער — ער זאָל שוין די פידל אַוועקוואַרפן, שוין!... צעברעכן די פידל, צעטרעטן זי און — אַרויפוואַרפן זיך אַף איר, ווי אַ חיה אַ צעווילדעוועטע... זי זאָל זיך ניט לאָזן און ער זאָל זי פאַר־גוואַלטיקן... דאָס בלוט איז איר דעמאָלט געקומען אין פּנים אַריין און — זי האָט זיך הילכיק און היסטעריש צעלאַכט... ער האָט אָפּגעבראָכן זיין שפּילן אַ דערשראָקענער... עס איז גאָרניש, האָט זי געזאָגט, אויפ־הערנדיק לאַכן און איינציענדיק איר מיילכל פאַרביסן און צו־להכעיס׳דיק. זי לאַכט פון אים, ער איז אַזוי קאָמיש. זי האָט דעמאָלט צום ערשטן מאָל

דערפילט דעם פאַרגעניגן פון ווײ־טאָן אים. איצט ווייס זי: דאָס האָט זיך דער שונא, איר אינערלעכער שונא, אין איר דערוועקט...

זי האָט ווידער געעפנט די אויגן: מיט פאַרמאַכטע אויגן איז נאָך ערגער... אַ מידקייט איז איר באַפאַלן. זי איז מיד פון טראַכטן. זי וויל מער גאָרניט טראַכטן. איצט האָט זי דערפילט דאָס מילד־טויאיקע פרילינג־ווינטל, וואָס בלאָזט גלייך אַף איר דורכן אָפענעם פענצטער מיט שאַרף־ווירציקע ריחות פון דעם פריש־צעבליטן מאָנטראָוז־פּאַרק, וואָס אַף יענער זייט פון דעם זאַמדיקן טאָל הינטערן הויז. ס'דאַכט זיך איר, אַז דאָס ווינטל איז ערשט, נאָר־וואָס, געקומען איר צו הילף. טוט איר הנאה, וואָס דאָס ווינטל איז געקומען, און זי האָט עס אַזוי ליב — עס מאַכט דיר ניט צו טראַכטן. עס גיט דיר, און ס'מאָנט בא דיר גאָרניט, גאָרניט...

3.

אַ גראַגערן פון אַ מאָטאָר האָט פּלוצלונג איבערגעריסן איר מידע אויגן־קלעפּיקייט. זי האָט דערקענט זייער שכנ'ס, מר. ריוועסמאַנ'ס אָטאָמאָביל. אַ ברייטער ליכט־זייל האָט זיך חוצפּה'דיק אַריינגעריסן צו איר אין צימער. דער מאָטאָר האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַ גוט־באַקאַנט סקריפּען פון גאַראַדזש־טירן. ס'איז ווידער פינצטער געוואָרן. פריילעכע יונגע שטימען. רואיקע, נחת'דיקע אַלטע שטימען. אין פענצטער קעגנאיבער האָט זיך אַ שיין באַוויזן. דאָס האָט זיך די פאַמיליע ריוועסמאַן אומגעקערט פון אַן אָטאָמאָביל־רייזע צווישן די בערג, אָדער פונעם ים־ברעג.

טראַכט איצט ראָזע ליעשקאָוו פון מר. ריוועסמאַן, דעם רייכן מיטל־יעריקן און רירעוודיקן „ריעל־עסטייט"־סוחר מיט זיין תמיד זיכערן און פריילעכן גאַנג און מיט זיין תמיד זיכערן און אויפגעלייגטן בליק אין די אויגן. עס קומט איר אַפן זינען אַן אינצידענט פון דער ערשטער באַגעגעניש מיט אים מיט אַ פּאָר יאָר צוריק. ס'געדענקט זיך איר ווי איצט. ס'איז געווען אין אַ זומער־אָוונט נאָך אַ הייסן אויגוסט־טאָג (זי האָט זיך דאַן נאָר־וואָס געהאַט אַריינגעצויגן אין דער דירה) און זי איז געלעגן אינעם העמאַק אַף דער וועראַנדע (זי האָט דעם העמאַק טאַקע יענעם טאָג געקויפט בא „סטראַוס'עס"). זי האָט דאַן געטראָגן אַ לויז העל־בלוי זומער־קליידל (שוין לאַנג דאָס אַרויסגעוואָרפן — מ'דאַרף זיך ווידער קויפן אַזאַ קליידל, העל־בלוי איז איר בעסטער קאָליר). איר איז דאַן געווען גוט אַפן האַרצן און זי האָט געמיטלעך געשמייכלט. באַלד האָט זי באַמערקט, ווי ער, ריוועסמאַן,

קוקט אַף איר עפּעס אַזוי מאָדנע פון זיין ווערענדע קענגאיבער, און ס'איז איר געפעלן. האָט זי אים געענטפערט מיט אַ ברייטן שמייכל. אָך, האָט ער זיך דערמאָלט איינגעגעסן אין איר מיט די אויגן, אַז ס'איז איר דורכגעלאָפן אַ ציטער דורך אַלע אברים... זי טראַכט איצט אויך פון דער פאַרעלטערטער מרס. ריוועסמאַן, די שטענדיק־פאַרהאַוועטע אין הויז און שטענדיק באַזאָרגטע פאַר דער באַקוועמלעכקייט פון איר מאַן, כאָטש די מערסטע הויז־אַרבעט ווערט געטאָן פון דער דינסט. ווי פיינט זי האָט יענע פעטע, תמ'עוואַטע קו!

ס'איז גאָרניט אַזוי שלעכט צו זיין רייך. ווען זי האָט אַזויפיל געלט וואָלט זי גאָר אַנדערש געלעבט. איר לעבן וואָלט גאָר אַן אַנדער טעם געהאַט. יאָ, דאָס איז עס — געלט! דער איינציקער אויסוועג. זי שטעלט זיך פאָר ווי גוט ס'וואָלט געווען: מ'גייט פּשוט און מ'נעמט וואָס מ'וויל. ניטאָ קיין פראַגע, קיין אָפּהאַלט. אַלץ וואָס דו פאַרלאַנגסט נאָר איז דיינס. אפילו בעני וואָלט דאַן פאַר איר אַן אַנדער טעם געהאַט. זי וואָלט אים ליבער געהאַט, רעספּעקטירט. און טאַקע, ווי קען מען דאָס לעבן אָן געלט? ווי האָט זי דאָס געקענט פאַרטראָגן צו לעבן אַזויפיל יאָרן אין דחקות? יאָ, געלט מאַכן — דערצו מוז מען זיך נעמען איינמאָל פאַר אַלע מאָל. געלעגנ־הייטן זיינען דאָ גענוג. קען מען ניט ערלעך — זיינען דאָ אַנדערע וועגן. וואָס מענטשן וועלן זאָגן? נאַרישקייטן! אָט נעמט זי פאַר אַ ביישפּיל ערנבערג'ן, דעם בוי־קאָנטראַקטאָר. צוויי מאָל האָט ער באַנקראָטירט. פאַר־כאַפּט געלט פון די נאָענטסטע. מענטשן האָבן אים פאַרדאַמט, געשאָלטן. ער האָט אַפילו געהאַט אַף זיך אַ קרימינעלן פּראָצעס. און וואָס? איצט איז ער ווערט אַ פערטל מיליאָן און איז אַ בכבוד'יקער מענטש, אַ בעל־צדקה. אַזוי איז דאָס — די וועלט איז צעטיילט אַף שוואַכע און שטאַרקע: די שוואַכע טרעט מען מיט די פיס, און פאַר די שטאַרקע האָט מען רעספּעקט. מ'דאַרף האָבן מוט, זיין שטאַרק. יאָ, זי וועט נאָך מאָרגן דורכרעדן זיך מיט בעני'ן וועגן דעם. ס'וועלן ניט פעלן קיין פּלענער. מ'קען זיך פאַרלאָזן אַף איר. זי וועט נאָך ווייזן דער וועלט ווי מען מאַכט געלט.

אַ פרייִדיקע האָפענונג האָט זיך אין איר צעשטראַלט, צעפינקלט מיט ענערגיע, גלייך ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער אין אַ פינצטערן וואַלד, וועלכער האָט אין זיין פאַרצווייפלונג פּלוצלונג אָנגעטאַפּט דעם ריכטיקן וועג... און אַ צופרידנקייט האָט זיך אין איר באַזעצט, מיט זיך, מיט בעני'ן, מיט אַלץ. יאָ, זי וועט בעני'ן פאַרגיטיקן, באַפרידיקן פאַר אַלץ. ער איז אַ גוטער, ער וועט איר מוחל זיין. זי וועט זען, אַז ער זאָל פאַרגעסן אַלץ, וואָס איז געווען. זי וואָלט וועלן, אַז ער זאָל איצט אַריינקומען צו איר. זי

וואָלט אים אויפגענומען ווי גאָרניט וואָלט פּאַסירט, ווי זי וואָלט אים אַלע־מאָל ליב געהאַט, געטריי געווען... נאָכאַלעמען ווענדט זיך עס דאָך אָן איר אַליין — אַז זי וויל קען זי ליב האָבן אויך...

4.

אַ ווײַלע שפּעטער איז זי אין דער נאַכט־העמד צוגעגאַנגען צו מאַטילדע׳ס צימער און געעפנט די טיר. אָנגעשפּאַרט מיט בײדע הענט אַף דעם דרעסער, אין אַ ווינקל פונעם קלײנעם, מיט פּרוויען־יוגנט און קאָסמעטיק שמעקנדיקן צימער, איז בעני ליעשקאָוו געשטאַנען מיטן קאָפּ נידעריק אַרונטערגעבויגן, ווי ער וואָלט מורא געהאַט ער זאָל אין דרעסער־שפּיגל ניט דערזען עפּעס אַ שרעקלעכן אורטייל קענען זיך אַליין אויסגעקריצט אַף זײַן פּנים... דאָס שמאָלע בעטל קעגנאיבער איז געווען צעקנייטשט און אין אומאָרדענונג, און ראָזע האָט דערקענט, אַז ער האָט זיך אַף דעם שוין ניט אײנמאָל געלייגט און צוריק אויפגעהויבן זיך.

— פאַרוואָס גייסטו ניט שלאָפן, משוגע׳נער?

איר שטים איז נאָך געווען כלומרשט ברוגז, נאָר ס׳האָט געקלונגען מיט עטוואָס צוריקגעהאַלטענעם איבערבעטן זיך.

ער האָט זיך ניט אומגעקוקט.

— זײַ ניט קיין נאַר, בעני, און לייג זיך שלאָפן. דו וועסט מיט דײַן ניט־שלאָפן קײנעם ניט אָפּטאָן, אויסער זיך אַליין.

— איך וואָלט וועלן, אַז דו זאָלסט שוין אײַנשלאָפן אַף אייביק. איך ווינטש עס דיר מיטן גאַנצן האַרצן.

ער האָט זיך איצט אומגעקערט צו איר. זי האָט דערזען פאַר זיך אַ פּאָר קינדעריש־צעווילדעוועטע אויגן.

— נאַרישקייטן, בעני! דײַנע וואונטשן וועלן סײַ־ווי ניט מקוים ווערן און ס׳וועט דיר אויסקומען צו לאַנג צו וואַרטן. זי איז איצט געשטאַנען אין אַ פּאָזע, ווי זי וואָלט געזאָגט: „אָט שטיי איך לעבן דיר, און אָט גיי איך אַוועק — קלייב זיך אויס...״

— הלוואי וואָלט מיך אָן אָטאָמאָביל איבערגעפאָרן, איידער איך האָב דיך דערקענט! — האָט ער פּלוצלונג אַרויסגעזאָגט אין אַ טאָן פון אײנעם, וואָס פילט, אַז ער איז אַ פאַרלוירענער, וואָס ער זאָל ניט טאָן.

— דו מאַכסט זיך לעכערלעך מיט דײַנע משוגענע העוויות. שוין צײַט

זאָלסט אָנהויבן האַנדלען ווי אַ דערוואַקסענער. און ווייטער — טו ווי דו ווילסט. אַ גוטע נאַכט...

זי האָט זיך אָפּגעקערט אַוועקצוגיין, נאָר זי האָט זיך באַלד האַלב צוריק אומגעקערט און צוגעגעבן:

— קום, נעם דיינע פּאַדזשאַמעס און גיי שלאָפן. זיי אַ מענטש!...

און זי איז אַוועק צו זיך אין צימער, צוריק געלייגט זיך אין בעט און געוואַרט מיט פאַרמאַכטע אויגן...

זי האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק ווען בעני איז אַריין אין צימער, ווי אַ ברוגז'ער מחותן, וואָס האָט מורא, אַז ער וועט פאַרשפּעטיקן די גילדערנע יויך, און ער האָט זיך גענומען אויסטאָן...

ער איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין לעבן בעט אין פאַרלעגנהייט. זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן.

— נאָך וואָס ביסטו איצט געקומען צו מיר? — האָט זי געפרעגט כלומרשט פאַרשלאָפן און מיט געמאַכטער איבערראַשונג.

ער האָט גענומען עפּעס אומבאַקוועם שטאַמלען.

— ביסט געקומען נאָך דיין „פונט פלייש", האַ?

זי האָט דאָס געזאָגט נצחונ'דיק, נאָר גוטמוטיק, און זי האָט געקוקט אַזוי פרעך און רייצנדיק...

ער האָט פינצטער געמאַכט אין צימער און, ווי אימיצער וואָלט אים אַ שמיץ געגעבן פון הינטן, זיך אַ וואָרף געטאָן אין בעט אַריין...

1926.

אַ ליכטיקער שאָטן

.1

אַז מאַן און ווייב לעבן אָפּ צוזאַמען אַכצן יאָר, ווי שרה מיט איר מאַן מאָטל קושנער, און קריגן זיך און שעלטן זיך טאָג־איין, טאָג־אויס, זיבעצן יאָר כסדר, ווערט דאָס באַ זיי, ווי יעדע געוואוינהייט, אַ לײדנשאַפט, און זיי קענען שוין קיין הנאה ניט האָבן פון זייער לעבן אָן דעם. די קללות ווערן אַ מין באַשמעלצונג צו זייער טעגלעכן ברויט: אַ מין פּאָעזיע, וואָס פילט אויס די פּוסטקייט פון זייער צוזאַמענלעבן...

פון צייט צו צייט, רעגלמעסיק, מוזן זיי שוין האָבן זייער פּאַרציע קללות, פּונקט ווי דער שיכור זיין שנאַפּס, און דער רויכערער זיין טאַבאַק. ס'אַרבעט זיך באַ זיי אויס אַ ספּעציעל־ראַפינירטער קללה־געשמאַק, אַ קללה־מבינות; און יעדעס מאָל ווען עפּעס אַ נייע שאַרפע קללה גיט זיי אַ ברענענדיקן שטאָך אין האַרצן און רעגט זיי אויף, פילן זיי אַ באַזונדערן תענוג. דאָס סטימולירט זיי און גיט זיי פרישע ענערגיע און אַנטשלאָסנקייט, ווי אַ ניי, ברענענדיק ביסל משקה דעם שיכור...

אָפּגעקריגט און אָפּגעשאָלטן זיך אָף די העכסטע אָקטאַוועס, ווערן זיי מיטאַמאָל שטיל און ערנסט. אַ מין זעלבסטבאַוואוסטזיניקע, שטייפע און רואיקע עקשנות צעגיסט זיך אין זייערע אברים. נעמען זיי זיך יעדערער צו זיין אַרבעט — זי צו דער הויז־אַרבעט, ער צו זיינע חשבונות, אָדער צו פאַרריכטן עפּעס אין דער אייגענער הויז, און אַפילו די קינדער צו זייער שול־אַרבעט — ברענט די אַרבעט אונטער זייערע הענט, ווי זייערע גאַנצע וועזנס וואָלטן זיך קאָנצענטרירט אין זייערע אויפגאַבן.

ביסלעכווייז פאַרשווינדט די אָנגעצויגנקייט און דאָס עקשנות'דיקייט. ביסלעכווייז הויבן זיי אָן צו דערפילן אַ שטילן, נאָגנדיקן פאַרלאַנג צו ווייכקייט און צערטלעכקייט. ער (מערסטנס, אמאָל זי) הויבט דער ערשטער אויף די אויגן אין איר ריכטונג און דריקט אויס סתם אין דער וועלט אריין אַ פאַרלאַנג פאַר אַ שטיקל פרוכט, אָדער אַ גלאָז טיי. זי מאַכט זיך פון אָנהויב ניט ווויסנדיק (זי איז געמאַכט פון האַרטערן שטאָף), אָבער ווען ער הויבט זיך

אויף און גייט אַליין צום שפּייז־אַלמער אָדער אייז־קאַסטן, פאַרכאַפּט זי אים דעם וועג מיט אַ באַמערקונג (אויך גלאַט אין דער וועלט אַריין): „זע נאָר ווי ס׳איז אים אָנגעקומען! ער קאָן קיין מינוט ניט וואַרטן...״

און באַלד שטייט שוין אויפן טיש אַ שיסל מיט פרוכט, גלעזער קלאָרע, שמעקעדיקע טיי און אַ כלי מיט צוקער.

אַלע זיצן באַם טיש. די קינדער צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן. ווייל אַ קינד אַ כאַפּ טאָן צוויי שטיקלעך פרוכט מיט אַמאָל, גיט ער אַ געשריי: „וואָס איז דאָס יאָגן זיך? קיינער וועט באַ דיר ניט אויסכאַפּן!״ און זי העלפט אים אונטער: „אוי, ס׳אַרא חזירים, רבונו של עולם!״ דאָס קינד וועט אין אַזאַ פאַל אונטערטעניק אַרונטערבויגן דאָס קעפּל, וואָרים עס פילט אַז ווען טאַטע־מאַמע האַלטן צוזאַמען זיינען זיינע אויסזיכטן גאַנץ שוואַכע...

אַ ביסל שפּעטער וועט זי (איצט מעג זי שוין) דערציילן וואָס פאַר אַ מציאה זי האָט היינט איינגעהאַנדלט באַם פרוכט־פּעדלער, און אַז ער האָט איר צוגעזאָגט צו ברענגען נאָך. זי וועט מאַכן איינגעמאַכטס, סאָס, צושטעלן וויין. דער מאַן הויבט שוין באַצייטנס אָן זיך באַלעקן... און ער ווערט אויך רעדעוודיק — ער נעמט דערציילן פון זיינע גליקן באַ דער אַרבעט.

אינמיטן וועט זיך אימיצער (ער אָדער זי) דערמאָנען, אַז ס׳איז שוין צייט שלאָפן צו גיין. די ערשטע זאַך וועט מען שיקן די קינדער שלאָפן, און ס׳וועט אָנהאַלטן אַ גן־עדן ביז ס׳וועט מאָרגן קומען די אויסניכטערונג, און דערנאָך אַ פרישער גיהנום מיט קולות און ליאַרעמס, קללות און חרמות.

2.

ניט מיטאַמאָל האָט זיך באַ די קושנערס איינגעשטעלט אַזאַ מין לעבן. דאָס ערשטע יאָר נאָך דער חתונה האָט שרה זיך אַרויסגעכאַפּט בלויז דריי מאָל מיט קללות און נאָך יעדן מאָל האָט עס איר שטאַרק געקרענקט און זי האָט אין האַרצן געשוואָרן, אַז מער ניט... מאָטל איז דעמאָלט נאָך יעדער קללה ברוגז געוואָרן אויף אַ שטיקל צייט. צוריק האָט ער ניט געענטפערט.

אויפן צווייטן יאָר נאָך דער חתונה האָט זי אָנגעהויבן אייַנ׳טענה׳ן מיט אים, וואָרום ער זאָל ניט אַרויספאַרבעטן זיך אויף אַן אייגענער הויז, ווי באַ לייטן, ניט דאַרפן זיין אַן אייביקער שכן באַ יענעם, נע־ונד זיין, און אָנשטאָפּן די גראָבע חזירים, די לענדלאָרדס, אַ שריפה און אַ מיתה־משונה מעג קומען אויף זיי אַלע צוזאַמען און אויף יעדן באַזונדער, רבונו של עולם...

פון די לענדלאָרדס זיינען די קללות אריבער אַף מאָטל׳ס קאָפּ... מאָטל האָט אָנגעהויבן ענטפערן. פריער איינגעהאַלטן — איין קללה אַף צען. שפּעטער האָט ער זי אָנגעהויבן אָניאָגן, — דעריאָגן איז אים קיינמאָל ניט געלונגען...

דערווייל, צווישן קללה און קללה, האָט מען געשפּאָרט געלט און מען האָט אָנגעשפּאָרט גענוג אַף צו קויפן א באַלעבאַטיש הויז אין א שיינעם, באַלעבאַטישן געגנט. קיין אַנדערע האָט שרה ניט געוואָלט.

דאָס איז געווען א גרויס, אַלטמאָדיש־פאַרמעגלעך פאַמיליען־הויז, מיט א גרוי־שטיינערנעם פראָנט, מיט אומגעהויער גרויסע סאַליע־צימערן און א קיך, ווי א פעלד, אַפן ערשטן שטאָק, און קינדערשע שפּיל־צימערן און וועראַנדעס אַפן צווייטן שטאָק. אַפן דריטן שטאָק זיינען געווען א פּאָר שלאָפ־צימערן, וועלכע זיינען קענטיק געבויט געוואָרן פאַר דינסטן. דאָס הויז האָט מען געקויפט פון אַן אַלט קריסטלעך פּאָר־פאָלק, וועלכע האָבן זיך נאָך אַלץ ניט געוואָלט שיידן מיט דעם, און זיי זיינען געבליבן וואוינען אין צוויי אָפּגעזונדערטע צימערן אַפן ערשטן שטאָק. דאָ האָבן זיי זיך אָפּגעשלאָסן פון דער נייער צייט און די נייע מענטשן, און געלעבט דורכאויס אין זיך און אין דער פאַרגאַנגענהייט; די טירן זיינען בא זיי געווען תמיד פאַר־שפּאַרט, די פענצטער פאַרהאַנגען מיט שווערע גאַרדינען, די לופט אַרום — טוכלע־שווער, און ווען מען האָט זיי זעלטן־אַמאָל דערזען האָט מען זיך דערשראָקן, ווי מען וואָלט פּלוצלונג דערזען מענטשן פון אַן אַנדער צייט, פון אַן אַנדער פּלאַנעט...

די גאַס איז געווען איינגעהילט אין שטילע שעפּטשענדיקע שאָטנס פון צוויי געדיכטע בוימער־אַלייען, וועלכע זיינען פאַרבליבן פון די אַמאָליקע אַריסטאָקראַטישע יאָרן. פאַר די הייזער און הינטער די הייזער, דאָ און דאָרטן, זיינען נאָך פאַרבליבן שיין־פאַרפּוצטע בלומען־גערטנדלעך.

שרה׳ס אַמביציע איז געווען צו ווייזן די עטלעכע געבליבענע אַריסטאָ־קראַטישע איינוואוינער פון דער גאַס, און ספּעציעל אירע שכנים, אַז זי קאָן האַלטן א הויז פּונקט ווי זיי. באַלד זיינען די בלומען־גערטנדלעך פאַר שרה׳ס הויז און אין איר הויף געוואָרן פון די שענסטע און רייכסטע אין גאַס. זי האָט ניט געקאַרגט קיין געלט און קיין מי. זי האָט אָנגעפילט דאָס הויז מיט טעפּ פון די קאָסטבאַרסטע אָריענטאַלישע און טראָפּישע בלומען. די רייצנדיקסטע פון זיי האָט זי אויסגעשטעלט פאַר די פענצטער פון דעם אָנגעכמורעטן אַלטן פּאָר־פאָלק, ווי זי וואָלט זיי געוואָלט רייצן און צווינגען

צו עפענען זייערע פענצטער פאַר די שאַרפע און בלענדנדיקע קאָלירן און ריחות.

שרה האָט אין דעם הויז אָפּגעלעבט. זי האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער הויז־אַרבעט מיט ליידנשאַפט. גאַנצע טעג איז זי געווען פאַרנומען מיט רייניקן, וואַשן, רייבן און שייערן. איר גרעסטע אויפמערקזאַמקייט האָט זי געגעבן די בלומען. יעדע בלום איז בײַ איר געווען אַן אויג אין קאָפּ. זי האָט געאַרבעט אומדערמידלעך און אַף איר שטייגער, מיט כעס און ירגזון, אַנטשלאָסן און גרינטלעך. קיין שטויבעלע האָט אין ערגעץ ניט געטאָרט זיין און אַלץ האָט געמוזט זיין ריכטיק אַפּן אָרט.

פערצן, און אַמאָל זעכצן שעה אַ טאָג האָט אַזוי שרה געאַרבעט אין שטוב און אין קיך. טאָג־טעגלעך — פערצן, און אַמאָל זעכצן שעה קאַטאָרזשנע אַרבעט. אָבער שרה האָט זיך ניט באַקלאָגט. פאַרקערט, זי איז געוואָרן לעבעדיקער, בעסער אויפגעלייגט. איר לעבן האָט געפונען אַ צוועק, און איר ענערגיע—אַן אויסגאַנג. די רעזולטאַטן האָבן איר צופרידנגעשטעלט: מ'האָט זיך געקענט שפּיגלען אין איר הויז. אמת, אַ סך נאָענטע פריינט און קרובים האָבן אויפגעהערט קומען — טאָמער וועלן זיי נאָך פאַרשלעפּן צו איר אַ שטויבעלע, חס ושלום... פאַרבייגייער פלעגן זיך אָבער אָפּשטעלן און באַוואונדערן איר גאָרטן. זי פלעגט עס באַמערקן און קוועלן.

3.

מאָטל האָט שוין אָנגעהויבן גלויבן, אַז די ישועה איז געקומען. זייער לעבן איז פּלוצלונג גוט געוואָרן. די קריגערייען, זעלטן און שוואַך. אָבער ס'האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטן. דער שטורעם האָט ווידער אויסגעבראָכן און מיט מער פאַרביטערטקייט, ווי ווען עס איז פריער. און נאָך דעם ערשטן שטורעם — אַ צווייטער, אַ דריטער.

די הויפּט־אורזאַך פון דעם נייעם אויסברוך איז געווען דאָס, וואָס שרה איז טראָגן געוואָרן מיטן צווייטן קינד. ס'האָט איר געקאָסט געזונט. געווען אָפּגעמאַטערט, אַז ניין. געזאָגט מאָטלען, אַז אויב ער וויל זייער שטאַרק — מהיכי־תיתי, קאָן ער זיך געזונטערהייט לייגן אין בעט און גיין צו־קינד... איצט האָט זי געפילט, ווי מאָטל וואָלט איר אָפּגענאַרט, באַזיגט...

מיט זיבן יאָר צוריק, ווען זי האָט געהאַט דאָס ערשטע קינד, אַ מיידל, האָט זי אַנדערש געפילט. דעמאָלט האָט זי געפילט אַ זיסן טעם פון נצחון און טריאומף. זי האָט געפילט, אַז איר צד איז פאַרשטאַרקט געוואָרן...

וואָס מער שרה האָט דאָס קינד — העניעלע האָט זי געהייסן — אַרונטער־גענומען אונטער איר שוץ, געוויזן אַז ס׳איז אירס, אַלץ מער האָט זיך מאָטל פון דעם פאַרפרעמדט. און דאַן האָט בא אים אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען זיך אַ ליידנשאַפטלעכער באַגער פאַר אַ צווייטן קינד, אַ אינגל.

זי האָט גוט געוואוסט, וואָס אים קוועטשט (זיי האָבן זיך אויסגעלערנט צו פאַרשטיין איינער דעם אַנדערן). פאַר איר איז איין קינד געווען גענוג, און זי האָט טאַקע ניט געוואָלט האָבן קיין אינגל, דוקא ווייל ער וויל... זי האָט באַשלאָסן, ניין — אַן אייזערנע וואַנט...

איצט האָט זי פאַרשפּילט... איר ערשטע פאַרלאָרענע מלחמה...

פון ערשטן טאָג האָט זיך מאָטל איינגעגעסן אין דעם קינד און ניט אָפּ־געלאָזן עס פון זיך ווען ער איז נאָר געווען אינדערהיים. צען מאָל אַ נאַכט איז ער אַרונטערגעגאַנגען זען ווי דאָס קינד ליגט, צי עס האָט זיך ניט אָפּ־געדעקט... ס׳איז ניט אַוועק אַ וואָך ער זאָל ניט ברענגען עפּעס פאַרן קינד. ניט איינמאָל האָט ער געקראָגן אויסגע׳בטל׳ט אַלע וויסטע חלומות צו זיין קאָפּ.

— אין דעם מענטשן האָט זיך אַריינגעכאַפּט עפּעס אַ דיבוק! דאָס קינד האָט שוין איבערגענוג העמדעלעך, זעקעלעך, קאָלדרעלעך, און ס׳וועלן נאָך זיין גענוג פּרעזענטן — נעמט דער גולם און וואַרפט אַרויס געלט פאַר נאָך אַ שמאַטקע!

אָבער מאָטל פילט זיך איצט שטאַרקער, תקיפ׳ער — ער איז שוין ניט אַליין... אַף צו להכעיס איר, כאַפּט ער דאָס קינד, דריקט עס שטאַרק צו זיך און קושט, קושט, קושט עס.

— דו וועסט אַוועק׳הרג׳ענען דאָס קינד מיט דיינע אומגעלומפּערטע קושן, — פּראָטעסטירט זי.

— אַ כפּרה דו פאַרן קינדס מינדסטן נאָגל, — ענטפערט ער אין אַ תקיפות׳דיקן טאָן.

פאַרשטייט זיך, אַז זי בלייבט ניט שולדיק און ניט הינטערשטעליק, און דער סוף איז ווי אַלעמאָל — ער ציט זיך צוריק אַ צעקאַליעטשעטער פון שלאַכטפעלד...

אַזוי האָט זיך יאָר נאָך יאָר געצויגן דער פאַרביטערטער, אומגלייכער קאַמף. אין דעם דאָזיקן קאַמף האָט זיך מאָטל׳ס כאַראַקטער אַלץ מער און מער פאַרהאַרטעוועט, אָנגעכמורעט. ער האָט אויסגעפונען, אַז זיין שטאַרקייט ליגט אין אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד. דאָס ערגסטע פאַר שרה׳ן איז געווען

ווען ער פלעגט ברוגז ווערן אַפּן עסן און אַרויפגיין שלאָפן אָן וועטשערע. דאָס פלעגט שרה'ן אויפרעגן, אָבער זי פלעגט זיך מוזן אונטערגעבן, ווייכער ווערן.

דאַ האָט שוין שרה געמוזט אָנקומען צו סטראַטעגיע. כדי ניט צו דער־לאָזן, אַז מאָטל זאָל באַנוצן אַט דעם שאַרפסטן וואָפן זיינעם — דעם הונגער־סטרייק — האָט שרה זיך גענומען קאָנטראָלירן אַ ביסל און וואַרטן ביז ער וועט אָפּעסן וועטשערע. „זאָל ער פריער אָפּעסן צעזעצטערהייט!", פלעגט שרה טראַכטן, ווען אין האַרץ האָט געברענט אַ העליש פייער און דאָס מויל איז פול געווען מיט לאַווע, גרייט אויסצוברעכן אין אַ שטורעם אַף מאָטל'ס קאָפּ. אין אַזעלכע מאָמענטן פלעגט זי גרייטן צום טיש, אָבער אַליין זיך ניט זעצן עסן און ניט ענטפערן אַף מאָטל'ס צעשראָקענעם: „פאַר־וואָס?" ווען לייבעלע, זייער אינגל, איז אונטערגעוואַקסן, האָט זי ליב געהאַט אין אַזאַ מאָמענט צו בייזערן זיך אַף אים, טשעפּען זיך צו דעם קליינעם אומשולדיקן אינגל, בעת מעשה וואַרפנדיק שטעכיקע בליקן אַף מאָטלען. מאָטל פלעגט דאַן אַף צו־להכעיס נעמען לייבעלען אַפּן שויס, צערטלען אים, גלעטן און קושן, און גערעדט צו זיך, אָבער געצילט אין איר: „מיין טייערער זיסער לייבעלע, מיין נחת, מיין האַרציק קינד", א. אַ. וו. אַזאַ נקמה האָט זי לאַנג ניט געקענט אויסהאַלטן און זי פלעגט אויסגיסן כל־חמתה אַף אים...

פונדעסטוועגן איז אין מאָטלס אָנגעכמורעטקייט געווען אַ ליכטיקע זייט. ער האָט שרה'ן ליב געהאַט. איז זי געווען גוט צו אים, האָט זי אים אַמאָל אַרויסגעצייגט עפּעס געטריישאַפט, איז ער געווען אַ גליקלעכער. פלעגט ער ווערן פריילעך, אויפגעלייגט. דערפאַר איז זיין גוטסקייט און געטריישאַפט צו איר אַלעמאָל געווען אַרויסגעוואָרפן. פאַרוואָס? זי האָט אַליין ניט געוואוסט.

זי האָט בלויז געפילט, אַז איר לעבן איז עפּעס ניט דאָס. אַלעמאָל אַרבעט, אַרבעט, אַרבעט; זאָרג, זאָרג, זאָרג. קליינע אַרבעט און קליינע זאָרג, אָבער ס'נעמט אַרויס דעם מאַרך פון די ביינער און ס'גיט גאָרניט צוריק. עפּעס קאָכט זיך אין איר, עפּעס רייסט זיך אַלעמאָל. זי וואָלט וועלן לעבן אַנדערש, עפּעס אויפטאָן, כאָטש זי ווייסט ניט ווי און וואָס. און די אומבאַפרידיקטקייט קלייבט זיך אין איר, ווי פּאַרע אין אַ פאַרמאַכטן קעסל מיט זודיק וואַסער, און שפּאַרט זיך אַרויס. האָט עס געמוזט פון צייט צו צייט אויסברעכן אין אַ שטורעם אַף מאָטלען. אַף וועמען דען?...

4.

דעמאָלט איז עפּעס געקומען אין שרה'ס לעבן און איבערגעריסן די שטענדיקע מאָנאָטאָניקייט פון אַרבעט און געשריי, זאָרג און קללות. מיט־אַמאָל איז עס געקומען — דאָס אומבאַשטימטע, דאָס געזוכטע און געבענקטע, דאָס יום־טוב'דיקע...

שרה קושנער איז שוין דאַן געווען אַרום פערציק, אָבער זי האָט אויסגעזען פיל יינגער, און זי האָט עס געוואוסט. זי איז געווען געזונט, פול און אָנציִענד קערפּערלעך, און זי האָט עס אויך געוואוסט; זי האָט זיך לחלוטין ניט אונטערשאַצט. און זי האָט זיך געשטאַרקט, אַז — די האָפענונג אויף עפּעס בעסערס, אויף דעם וואָס זי איז ווערט, זאָל זיך בא איר ניט אויסוועפּן, ווייל דאָס לעבן וואָלט בא איר דאַן פאַרלוירן יעדן טעם.

דעמאָלט האָט זיך געמאַכט, אַז דאָס אַלט, אָפּגעשלאָסן און פאַרריגלט קריסטלעך פּאָר־פאָלק האָט זיך אַרויסגעצויגן, און די צוויי צימערן, וועלכע זיי האָבן פאַרנומען אויפן ערשטן שטאָק, זיינען געבליבן ליידיק.

שטייען ליידיקע צימערן; און כאָטש דאָס הויז איז אַן אייגנס און קיין פּרנסה פעלט ניט, אָבער קיין גבירים איז מען אויך ניט, און בכלל, ווער וואַרפט עס אַרוים געלט? האָט מען געזוכט עס צו פאַרדינגען.

און דעמאָלט איז ער געקומען. ס'איז געווען אַ שיינער, זוניקער טאָג סוף יולי. זי האָט געהערט אַ קלאַפּ אין דער פראָנט־טיר און ווען זי האָט אויפגעהויבן דעם פאָרהאַנג צו זען ווער ס'קלאַפּט, האָבן זיך אַריינגעריסן אין פראָנט קאָרידאָר, וואו זי איז געשטאַנען, דאָס בלענדנדיקע ליכט פון דער זון און זיין שאָטן, ביידע צוזאַמען אין איין אויגנבליק. און זי איז גלייך צעמישט געוואָרן, ניט געוואוסט ווער ס'איז די זון און ווער דער שאָטן...

— ער דאַרף ניט ביידע צימערן. בלויז דעם הינטערשטן מיטן פענצטער אין הויף, צו די בלומען. ער האָט געזוכט פּונקט אַזאַ צימער, גראָז, ליכטיק, לופטיק, מיט אַ באַזונדער אַריינגאַנג. דערצו די וואונדערבאַרע בלומען, די געשמאַקפולע מענטשן (מיט אַ טאָפּל־רייצנדיקן שמייכל). מיט איין וואָרט, ער געפינט דאָ אַט־מאַט־פּערע! (דאָס וואָרט, אַרויסגערעדט געלאַסן — קיינער יאָגט ניט — און ניט געזשאַלעוועט קיין אויסרוף־צייכנס, האָט עפּעס אַ זעלטענעם כישוף אין זיך, כאָטש ס'איז ניט גאָר פאַרשטענדלעך.) אָבער (אַ הייב מיט די פּלייצעס. פּויזע) — דער פּרייז. ער ווייסט, ס'איז ווערט מער ווי זי פאַרלאַנגט. אָבער מ'שטודירט. אַ ביסל שווערלעך. איבעריקנס, ער וועט נאָך זען. אפשר?

באַ איר האָט דאָס האַרץ געצאַפּלט. זי האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען, אַז אויגן און אַ פּנים זאָלן אַזוי לייכטן און רייצן. ס'דאַכט זיך איר, זי האָט אים אַמאָל געזען. ווען? זי ווייסט נישט. אפשר אין אַ חלום. ניין, ער מוז דאָ בלייבן. דער פּרייז, וואָס זי האָט אים געזאָגט צום ערשטן מאָל, איז אויך געווען גאַנץ נידעריק.

— אָבער? נו, מילא — איז מיט אַ דאָלאַר אַ וואָך ווייניקער. איך וויל קיין גביר'טע פון דעם צימער ניט ווערן. — דער לעצטער זאַץ מער צו זיך אַליין.

און ער האָט גענומען דאָס צימער.

די ערשטע צייט פלעגט זי אים כמעט גאָרניט זען. גאַנץ באַגינען פלעגט זי אויפשטיין אוועקשיקן מאַטלען צו דער אַרבעט. דערנאָך פלעגט זי גיין צוריק שלאָפן. אויפשטייענדיק שפּעטער, איז ער שוין ניט געווען. באַנאַכט איז ער אַלעמאָל געקומען, ווען זיי זיינען שוין געשלאָפן.

און דאָך האָט זי אָנגעהויבן פילן אַן אַנדער טעם אין לעבן. זי האָט געפילט אין איר הויז דעם אָטעם פון אַן אַנדער וועלט, אַן אומגעזעענע, אַ סודות'דיקע, אַ רייצנדיקע... און אין האַרצן האָט כסדר געזונגען אַן אַלט פאַרגעסן ליד... די הויז־אַרבעט איז איר ליב געוואָרן, אָבער צום ליבסטן איז איר געווען דאָס אכטונג געבן אַף זיין צימער, וואו זי האָט אין יעדער זאַך זיינער געפילט דעם ריח פון דער כישוף־וועלט, וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט אין איר הויז. טייערער פון אַלץ זיינען איר געווען זיינע ביכער. אַזוי פיל ביכער! און זי פלעגט זיי שטויבן, שטויבן און שטויבן מיט גרוים הנאה. דערנאָך פלעגט זי אַרויסגיין אין הויף, אויספּליקן די שענסטע בלומען און לאָזן באַ אים אַ בוקעט — אַן אָנדענק פון זיך.

זי האָט זיך אָנגעהויבן אויפכאַפּן באַנאַכט, ווען ער פלעגט אַהיימקומען, און דער אָפּקלאַנג פון זיינע טריט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט האָט געמאַכט איר האַרץ צאַפּלען און קלאַפּן צום טאַקט. זי פלעגט אים לאַנג, לאַנג הערן אַרומשפּרייזנדיק באַ זיך אין צימער און פלעגט חלום'ען, חלום'ען, און חלום'ענדיק איינשלאָפן.

איינמאָל האָט ער פאַרגעסן אַרונטערציען דעם פאָרהאַנג פון זיין פענצטער באַנאַכט. זי האָט דורך איר פענצטער דערזען דעם אָפּשיין פון זיין צימער אַפן הויכן פאַרקן פון הויף. אָט זעט זי זיין שאָטן זיצנדיק אַ ביסל איינגעבויגן איבער זיין טישל. זי זעט ווי דער שאָטן פון זיין האַנט באַוועגט זיך שנעל, נערוועז:

ער שרייבט.

ווי שנעל, ווי רירעוודיק ער שרייבט! און ער ווערט גאָרניט מיד! אזוי שפּעט באַנאַכט!

אָט האָט ער זיך אויפגעהויבן. ער שפּרייזט אַרום לאַנגזאַם, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ א ביסל פאַרוואָרפן אַף צוריק. אָט האָט ער זיך ווידער אַוועקגעזעצט. א מינוט זיצט ער אָן באַוועגונג, און ווידער הויבט אָן דער שאָטן פון זיין האַנט זיך באַוועגן שנעל, שנעל, נערוועז. ס'אַרא זיסער שאָטן! וואָס פאַר א וואונדערלעכע זאַכן אָט די האַנט מוז דאָרטן שרייבן!

און ס'קומען איר אַפן זינען אַלערליי וואונדער־מעשיות, וועלכע זי האָט אַמאָל, אַמאָל, קינדווייז געהערט און וועלכע זי האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסן; מעשיות וועגן וואונדער־מענטשן, וועלכע פלעגן טאָן וואונדער־זאַכן נאָך האַלבער נאַכט. דערנאָך איז איר געקומען אַפן זכרון עפּעס א פאַנ־טאַסטישע מעשה וועגן א הייליקן, וואָס האָט געשריבן מיט פייער, פייערדיקע ווערטער, וועלכע זיינען איינס נאָכן אַנדערן אַרויסגעפלויגן אַפן הימל און אויסגעשטעלט זיך דאָרט שורות'ווייז, שורות'ווייז...

און מיטאַמאָל האָט זיך דער אָפּשיין פון זיין פענצטער אַפן פּאַרקן פאַר־וואַנדלט אין א געדיכטער, רויכיק־פייערדיקער כמאַרע, און זיין שאָטן אינמיטן איז אַזוי העל, אזוי בלענדנדיק ליכטיק, א שטייענדיקער בליץ... מאָדנע... אָט פליט די כמאַרע אַרויף אַפן הימל און ער אינמיטן... א ליכטיקער פלעק... אָט ציט ער זיך אויס זיגזאַגיש, ווי א בליץ, איבער דער גאַנצער לענג פון הימל... ווי זי וואָלט וועלן אַרויספליען צו אים!... אָבער זי קען ניט... זי איז אזוי שווער, אזוי שווער... זי קען זיך פון אָרט ניט רירן... זי וויל אויסציען די הענט צו אים, און זי קען ניט... זי דערפילט, אַז זי איז גע־בונדן... און ס'טוט איר אזוי ווי, אזוי וויי...

דעם קומענדיקן טאָג איז זי אַרומגעגאַנגען פאַר'חלומ'ט. זי האָט ניט געהערט וואָס מען רעדט צו איר. דער חלום איז איר געשטאַנען פאַר די אויגן. א חלום? ס'דאַכט זיך איר, ס'איז געווען א חלום און ניט קיין חלום. ווירקלעכקייט און חלום אויסגעמישט צוזאַמען... עטלעכע מאָל איז זי צוגעגאַנגען צו זיין צימער און געבליבן שטיין, ווי זי וואָלט מורא געהאַט אַריינצוגיין. זי איז ניט ווערט, האָט זי געפילט.

.5

זי איז גאָר אַן אַנדער מענטש געוואָרן. דאָס לעבן, די אַרומיקע מענטשן, אַלץ אַרום איר איז פאַר איר געוואָרן ניט דאָס וואָס פריער. ס'דרייען זיך אַרום איר שאָטנס, דורכזיכטיקע שאָטנס, דורך וועלכע זי זעט זאַכן, פון

וועלכע זי האָט פריער קיין אַנונג ניט געהאַט. און אַזאַ זיסע, פאַרשלאָפענע רואיקייט האָט זיך אין איר אויסגעגאָסן. עפּעס ווי אַ שלעפעריקער, נעבל־האַפטער שלייער וואָלט פאַרצויגן געוואָרן איבער איר פריערדיקן ניכטערן און וואַכעדיקן „איך", און אַ נייער „איך" — אַ חלום׳דיקער און סודות׳דיקער — וואָלט אין איר אויפגעוואַקסן. גאַנצע טעג האָט זי אָנגעהויבן אַרומגיין פאַר׳חלומ׳ט. נאָר באַנאַכט פלעגט זי ליגן וואַך שעה׳נווייז און איינזויגן אין זיך זיין יעדן טריט, זיין יעדן שאָרך...

די דאָזיקע אומפאַרשטענדלעכע און אומנאַטירלעכע ענדערונג אין שרה׳ן האָט מאָטלען אומרואיק געמאַכט. ער האָט ניט געקענט פאַרטראָגן די שטיל־קייט, וועלכע איז פלוצלונג געקומען אין זיין הויז. ער האָט אָנגעהויבן מורמלען, וואָרפן זיך, בייזערן זיך פאַר גאָרניט. ער האָט אָנגעהויבן גלאַט אַזוי אָן אַן אורזאַך אַרויסזייען קללות פון צווישן די ציין, אַוועקוואַרפן דאָס עסן, גיין שלאָפן אָן וועטשערע. זי האָט זיך איצט בלויז פאַרטיידיקט שטיל און ווירדיק. אירע באַמערקונגען זיינען נאָך איצט אויך געווען שאַרף און שטעכיק, אָבער זיי האָבן אַנטהאַלטן מער פאַראַכטונג, ווי כעס.

מאָטל האָט בשום אופן ניט געקענט פאַרשטיין, וואָס מיט שרה׳ן איז געוואָרן. זי איז אים פרעמד געוואָרן. פריער, ווען זי פלעגט שרייען, שעלטן, האָט עס אים ווי געטאָן, אָבער ער האָט געפילט אין דעם אַ היימישקייט, אַ נאָענטקייט. ער האָט זי פאַרשטאַנען. איצט איז זי אים געוואָרן אַזוי ווייט. ער האָט זי אינגאַנצן אויפגעהערט צו פאַרשטיין.

ס׳זיינען אַוועק עטלעכע וואָכן. זי האָט מיט אים זעלטן גערעדט, און דאָס בלויז געציילטע זאַצן. אַפילו ווען ער איז אין דער היים איז ער אַזוי פאַרטאָן. ער האָט אַלעמאָל אַ וועלט מיט אַרבעט. דערצו פלעגט זי צעטומלט ווערן לעבן אים. געוואָלט פאַרהאַלטן אים, פאַרבינדן אַ געשפּרעך, אָבער האָט ניט געוואוסט מיט וואָס, ווי אַזוי. זי איז בּאַ זיך אין די אויגן שטאַרק אַראָפּגעפאַלן.

איינמאָל איז ער צו איר צוגעקומען און מיט זיין ליבלעכן שמייכל גע־פרעגט, אויב זי וואָלט געוואָלט און אויב ס׳וואָלט ניט געווען צו שווער פאַר איר צו מאַכן פאַר אים איין מאָלצייט אַ טאָג, מיטאָג־צייט. אָבער זי זאָל קיין מורא ניט האָבן אָפּצוזאָגן.

איר איז ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. שווער? ס׳וועט איר פאַרשאַפן דעם גרעסטן פאַרגעניגן, אָבער זי ווייסט ניט אויב איר עסן וועט אים געפעלן.

זיין שמייכל האָט זיך פאַרברייטערט. אויב ס'וועט אים געפעלן? א שאלה א ביסל! אין אזא ציכטיקער, געשמאַקפּולער הויז, אין אזא אנגענעמער, עסטעטישער אַטמאָספערע!

זי האָט איצט באַקומען א נייעם אינהאַלט אין איר לעבן. יעדן טאָג האָט זי געהאַט א פּאָר שעה פּאַוזיע — דער מיטאָג, און נאָכמער, דאָס צוגרייטן דעם מיטאָג. בשעת'ן צוגרייטן דעם מיטאָג פאַר איס האָט עפּעס אין איר כסדר געזונגען, געגאַנגען א פרייליכן קאַראַהאָד...

ער איז איר איצט געוואָרן נעענטער, מענטשלעכער. איר ערשטער פאַנטאַסטישער חלום וועגן אים איז איר שוין מער ניט געלעגן אין זכרון, און ער איז איר געוואָרן נאָך ליבער. אירע געדאַנקען, איר פאָרשטעלונג וועגן אים, זיינען איצט געוואָרן קלאָרער, געניויער, בולט'ער, און גאָט — ווי אָטעם־פאַרכאַפּנדיק! און זי האָט אָנגעהויבן צו באַגרייפן איר משוגענעם געפיל צו אים, ווי צו א מאַן... צום ערשטן מאָל האָט זי זיך געכאַפּט בא אזא געפיל דורך א חלום...

נאָכן חלום האָט זי זיך געשעמט אים קוקן גלייך אין די אויגן. ס'האָט זיך איר געדאַכט, אז ער ווייסט אַלץ. זי האָט געפילט, אז זי האָט אים מיט דעם חלום פאַרשוועכט... אָבער דער חלום האָט איר שוין ניט אָפּגעלאָזן, ניט באַנאַכט און ניט באַטאָג. זי האָט זיך געכאַפּט טועניק זאַכן, פון וועלכע זי וואָלט אַמאָל אויפגעשוידערט. אָט האָט זי איינמאָל אין א וואַרעמען סעפּ־טעמבער־טאָג, כמעט ווי אין א באַוואוסטלאָזן צושטאַנד, אויסגעטאָן די בלוזקע און א האַלב־נאַקעטע גענומען טאָן עפּעס א הויז־אַרבעט גראָד ווען זי האָט געוואוסט, אז ער דאַרף קומען עסן מיטאָג. די קינדער זיינען אין דער היים ניט געווען.

ווען ער איז געקומען עסן איז ער געבליבן שטיין בא דער אָפענער קיך־טיר און אָנגעקלאַפּט (ס'איז ניט געווען זיין שטייגער דאָס צו טאָן). זי האָט געוואוסט, אז זי דאַרף אַנטלויפן, באַהאַלטן זיך, אָבער זי האָט זיך ניט גערירט פון אָרט און איז געשטאַנען א צעטומלטע. ער איז אריינגעקומען אין קיך און מיט זיין געוויינלעכן שמייכל געזאָגט פריי און רואיק: „ס'מאַכט ניט אוים. שטערט אייך ניט, מרס. קושנער", און געזעצט זיך צום געגרייטן טיש עסן. ערשט דאַן האָט זי זיך פאַרשעמט, אַנטלאָפן אין א זייטיקן צימער און אַרויפגעכאַפּט אַף זיך א בלוזקע. אָבער איידער זי האָט דאָס געטאָן איז זי א ווײַלע געשטאַנען באַם שפּיגל און געטראַכט מיט הנאה, אז איר לייב איז נאָך אזוי שיין, צאַרט און רייצענד, ווי דאָס לייב פון א מיידל...

ווען זי איז צוריק אריין אין קיך האָט ער געקוקט אַף איר אזוי וואַרעם

און פריי, זי האָט זיך ניט געקענט שעמען. זיין בליק האָט אין איר פאַרגלעט יעדן געפיל פון בושה.

זי האָט געטראַכט: „אָט אזוי וואָלט איך געקוקט אויף מיין העניעלען, ווען זי וואָלט מיר דערציילט, אַז זי האָט געקושט אַזעלכן, ווי ער"... און זי האָט זיך געפילט אַזוי רואיק, אַזוי גוט, אַזוי גוט.

זי איז געווען זיכער, אַז ער זעט די נשמה פון מענטשן און לייענט געפילן. מאָדנע ווי ער טרעפט־צו וואָס בא איר אין הארצן.

ער האָט זיך אָנגערופן:

— איך האָב זונטיק געהערט אייער טאָכטער שפּילן פּיאַנאָ און איך קען ניט פאַרגעסן דעם איינדרוק. זי שפּילט מיט טעמפּעראַמענט, מיט פאַנטאַזיע.

ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען און זי האָט אָנגעהויבן טראַכטן אַ ביסל ניכטערער, איז איר געקומען אויפן געדאַנק, וואָס פאַר אַ משוגעת עס איז פאַר איר צו טראַכטן פון אַזאַ מענטשן, וועלכער איז אַזויפיל יינגער פון איר, און איז פאַרהייראַט, און ער האָט זיין פרוי געוויס ליב. וואָס פאַר אַ משוגעת פון איר!

וואָס פאַר אַ גליקלעכע פרוי זיינע איז! אָ, ווען ער וואָלט ניט געווען פאַרהייראַט! ס'איז איר איינגעפאַלן, אַז זי וואָלט גענומען איר העניעלען און געגעבן אים אין די הענט, כאָטש זי איז אינגאַנצן פופצן יאָר אַלט, און געזאָגט: טו מיט איר וואָס דו ווילסט, וואָס דו ווילסט . . .

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול און געפילט ווי פאַנאַנדערצעווייגען זיך. . .

6.

אַ געוויסן נאָכמיטאָג איז ער, ווי געוויינלעך, געזעסן פאַרשפּאַרט בא זיך אין צימער, פאַרטאָן אין זיינע אַרבעטן. זי איז געווען אַליין אין הויז. עמיצער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער פראָנט־טיר. באַלד איז אַריינגעקומען עפּעס אַן אַגענט, אַ גרויסער, אַ ריז, מיט אַ ווילדן, מגושמ'דיקן און פאַרשיכור'טן פנים און מיט ווילדע חיה'שע אויגן. זי האָט אים צעשראָקן דערקלערט, אַז זי דאַרף קיין זאַך ניט. ער האָט ווילד געקוקט גלייך אין אירע אויגן און זיך ניט גערירט פון אָרט. איר שרעק איז געוואַקסן. זי האָט געפילט, ווי אָנצוהויבן שרייען, אָבער זי האָט זיך געשעמט. זי האָט אים גענומען בעטן מיט גוטן ער זאָל אַרויסגיין. דער אַגענט איז געוואָרן פרעכער

און האָט אָנגעהויבן זידלען איר און פאַראײנװוענס אַלע אידן מיט שרעקלעכע װערטער. פּלוצלונג האָט זיך געעפנט די טיר פון זײן צימער און ער איז אַרויסגעקומען מיט אַזעלכע פעסטע, פײערדיקע אויגן, אַז זי האָט גלײך פאַרגעסן איר שרעק. ער האָט שטאָלץ און באַפעלנדיק געהײסן דעם כוליגאַן זיך אָפּטראָגן װאָס שנעלער. אויף יענעמס פּנים האָט זיך באַװיזן אַ װילדע רציחה און ער האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר שרעקלעכע פויסטן, צילנדיק גלײך אין זײן געזיכט. אַ קאַלטער שווייס איז אַרויס אויף איר פּנים. זי האָט געפילט, אַז מיט איין זעץ צעקוועטשט אים יענער, ווי מ׳צעקוועטשט אַ פליג. זי האָט געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי צו שטעלן זיך צווישן זיי. ער האָט זי מיט אַן אַנטשלאָסענעם מאַך מיט דער האַנט אָפּגעשטעלט און אַ קוק געטאָן אויף דעם כוליגאַן מיט אַזוי פיל פאַראַכטונג, אַז יענער איז אויף אַ ווײלע געבליבן שטיין צעטומלט. ער האָט זיך דאַן געלאָזן אומגעקערט מיטן פּנים אין הויז אַרײַן און אויסגערופן שנעל: „העניע, טעלעפאָניר גלײך נאָך דער פּאָליציי!”

דער כוליגאַן האָט גלײך אַראָפּגעלאָזן די הענט און איז אַ דערשראָקענער אַנטלאָפן.

— ווי שטאָלץ און ווי קלוג ער איז! — האָט שרה אים באַוואונדערט. אַן אײַנפאַל צו רופן העניע׳ן, ווען קיינער איז אין הויז ניטאָ! זי האָט געפילט ווי אַרומצוכאַפּן און קושן אים, ניט ווי אַ פרוי אַ מאַן, נאָר ווי אַ מוטער איר קינד.

זי האָט אים געפרעגט:

— האָט איר קיין מורא ניט געהאַט אָנצוהויבן זיך מיט אַזאַ בויאַן?

ער וואָלט דאָך אײַך געקענט מאַכן פאַר אַ קאַליקע מיט איין קלאַפּ זײַנעם!

— איך וואָלט בעסער פאַרלירן אַן אויג, איידער דערנידעריקן זיך פאַר זײַן חיה׳שער לאַפּע און געבן אים די געלעגנהייט צו שטעלן זיך העכער פון אונז, צו פאַראַכטן אונז פאַר אונזער שוואַכקייט, — האָט ער רואיק דערקלערט.

— אָבער איר האָט געזען ווי שנעל ער האָט געמאַכט פּיס?

אַ לאַנגע צייט האָט זי דעם אינצידענט ניט געקענט פאַרגעסן. שכל איז, ווײַזט אויס, שטאַרקער פון דער פויסט, האָט זי באַוואונדערט איר העלד.

7.

אַ נײַער מענטש איז בײַ איר אין הויז, האָט שרה ביסלעכווײַז אָנגעהויבן צו פילן. אַ וואַנדערער פון אַ נײַער וועלט. געקומען בלויז אויף אַ ווײַלע, דורכגעלויכטן איר נעבל, און אָט באַלד וועט ער פאַרשווינדן. און זי? וועט זיך בײַ איר אַלץ אומקערן צום אַלטן?

אירע באַציאונגען מיט מאָטלען זיינען געוואָרן אַלץ ערגער. זי האָט געפילט, אַז מאָטל ווערט איר אומדערטרעגלעך. מאָטל האָט איצט גענומען טשעפּען זיך צו איר, זוכן מחלוקת איבער יעדער קליינקייט — ער האָט איבערגענומען די אָפּענסיווע. איז ער געווען איפּערזיכטיק? ניין, ניט דאָס. נאָר ער האָט ניט געקענט פאַרטראָגן איר שווייגן, איר פאַראַכטונג, וואָס איז געווען אַזוי אומנאַטירלעך, און האָט אים געקרענקט ביז איןביין. און אפשר האָט ער בכיוון טאַקע געוואָלט אַרויסרופן אַף זיך שרה'ס אַלטע, ביטערע, אָבער היימישע קללות. ווער קען וויסן?

אָבער יעדעס מאָל ווען זי האָט געפילט ווי אָפּצוזאָגן אים, מאַכן אים אויסצודרייען און וויזן ווער עלטער איז, איז איר באַלד איינגעפאַלן ער, און זי האָט זיך קאָנטראָלירט ווי מיט אייזערנע צוואַנגען. צייטנווייז האָט זי געפילט, ווי צו בייסן איר אייגן פלייש, ווי אָט גייט זי אַרונטער פון זינען. האָט זי אים אַריינגעזאָגט, אַ שטאָך געטאָן, געוויזן, אַז זי פאַראַכט אים, אַז ער איז בא איר גאָרנישט, אָבער שעלטן — דאָס ניט...

און ווידער האָט מאָטל פאַרלוירן...

8.

און דאָ איז אָנגעקומען די דאגה, וואָס האָט פינצטער געמאַכט דעם לעצטן שטראַל פרייד אין איר הארצן. ער פאָרט אהיים אין אַ וואָך אַרום. דער געדאַנק, אַז אַלץ וועט זיך בא איר איצט אומקערן צום אַלטן, איז איר געשטאַנען פאַר די אויגן, ווי אַ טיפער, פינצטערער אָפּגרונט. „ס'איז דאָך אוממעגלעך, אוממעגלעך", האָט איר אַ פאַרצווייפלטער געדאַנק געשעפּטשעט אין די אויערן.

זי איז געוואָרן אָפּהענטיק, אָפּגעלאָזן, גאָרניט ווי איר שטייגער. מאָדנע, משוגענע געדאַנקען זיינען איר געקומען אין קאָפּ. זי וועט אַריין צו אים אין צימער, אַרויפפאַלן אַף אים, וויינען פאַר אים, בעטן אים. זי ווייסט, אַז דאָס קאָן ניט העלפן, אַז ער מוז אוועקפאָרן. אָבער זי קאָן ניט דערלאָזן, אַז ער זאָל אוועקפאָרן אַזוי פרעמד און ווייט פון איר, ווי ער איז געקומען. זי האָט זיך געפילט גרייט אוועקצוגעבן איר גאַנץ לעבן פאַר איין גרויסן, ליכטיקן מאָמענט פון גליק מיט אים.

איינמאָל, אין דער פרי, ווען מאָטל איז אוועק צו דער אַרבעט און ער איז נאָך געשלאָפן, האָט זי זיך פאַרכאַפּט בא דער טיר פון זיין צימער. זי האָט זיך דערשראָקן פאַר זיך אַליין. איר האָט שוין ניט געאַרט וואָס ער

וועט וועגן איר דענקען. סיי ווי איז זי אומגליקלעך און פארפאלן, האט זי געטראכט. און דאך האט זי קיין מוט ניט געהאט.

זי איז לאנגזאם אפגעטראטן און א דערשלאגענע און מאכטלאזע איז זי אוועקגעפאלן מיטן פנים אראפ אף א סאפע אין א דערבייאיקן צימער. איר פיבערישער מוח האט זיך געגומען מישן, אירע אויגן קלעפן, און איינ־שלאפנדיק האט זי אים דערזען פאר זיך אינגאנצן א נאקעטן... ווי מאדנע ער שמייכלט.. אט באפאלט ער זי מיט אזעלכע פייערדיקע און באפעלנדיקע אויגן, פונקט ווי דאן ווען ער האט פארטריבן דעם בויאנישן אגענט... אט איז ער אינגאנצן א שטיק פייער... און זי קלאמערט אים, קלאמערט אים איין אין זיך.. און זי לאכט... לאכט... לאכט...

זי האט זיך אויפגעכאפט און איידער זי האט צייט געהאט צו טראכטן וואס זי טוט, האט זי געעפנט די טיר פון זיין צימער. זי האט אזוי פארלוירן געשמייכלט ווען ער האט געעפנט זיינע טונקל־ברוינע פאר'חלומ'טע אויגן. זי איז געשטאנען, זיך געשעמט ווי א יונג מיידל און געמאכט א באוועגונג, ווי צו אנטלויפן.

ער האט זיך אויפגעהויבן פון בעט און זי באגעגנט אזוי פריי, אזוי נאענט, און אזוי אנדערש...

— פארגעסט! — האט ער איר דערנאך געזאגט — גלייך ס'האט גארניט פאסירט. מיר זיינען געווען און מיר בלייבן גוטע פריינט...

און ער האט זי באגלייט פון צימער ארוים מיט פריינטלעכע, אבער ווייטע בליקן.

דער חלום האט זיך בא איר גענומען אויסוועפן. זי האט זיך געפילט ווי איבערגעבערענט, אפגעקילט און פארהארטעוועט. א מאדנער אומעט איז אף איר אנגעקומען. דערנאך איז ער איר מיטאמאל פרעמד געווארן. אן אנדערער. אירע שטארקע לעבנס־כחות האבן אויסגעארבעט זייער רפואה פאר דער מכה...

פלוצלונג האט זי ווידער דערפילט, אז זי קאן זיך שוין מער ניט אפ־האלטן פון אויסלאזן איר ביטער הארץ צום גראבן יונג, צו מאטלען. זי מוז אים אנלערנען, ווייזן אים אז ער איז א גארנישט, אז ער האט בא איר קיין ווערט ניט... דער אלטער גיהנום האט אין איר ווידער דערוואכט און זי האט גענומען אפגעבן פאר דער גאנצער צייט מיט פראצענט...

מאטל האט אויך ניט געשוויגן. אבער אין הארצן האט ער זיך געפילט גליקלעך: ער האט ווידער דערקענט זיין שרה'ן, און זיין לעבן מיט איר האט זיך אומגעקערט צוריק צו נארמאל...

אײן אָוונט איז ער אַהײם געקומען פריער ווי געװײנלעך, סאַמע אין דער צײט ווען שרה האָט דוקא געוואָלט וויסן וואָס מאַטל מײנט מיט זיך, וואָס ער האָט זי פאַרשפאַרט ווי אַ שקלאַף, פאַרפינצטערט צו ווערן אױף אײביקער קאַטאָרגע, אין זײן וויסטער, אומגעלומפּערטער כאַטע, מיט אַזעלכע שטורמאַקעס־צימערן — און ער האָט נאָך אַ העזה צו בורטשען און שעלטן! פאַרוואָס צאַפּט ער פון איר דאָס בלוט — צאַפּן זאָל מען פון אים זײן בלוט אונצעסוויז...

זי איז פּלוצלונג שטיל געוואָרן. זי איז געװען זיכער, אַז ער האָט געהערט די לעצטע פראַזע. אַ, ווען זי קאָן דאָס צוריקכאַפּן! וואָס פאַר אַ מײנונג ער וועט איצט האָבן וועגן איר!

ס'האָט פאַר איר ווידער אַ בלישטש געטאָן אַ שײן פון דעם אַנדערן, נײעם און שײנעם לעבן, וואָס ער האָט מיט עטלעכע מאָנאַטן צוריק צו איר געבראַכט. ס'האָט איצט בלויז אַ שוואַכן בלישטש געטאָן און פאַרשוואונדן...

אױף מאָרגן האָט ער זיך מיט איר געזעגנט. ער האָט לאַנג און וואַרעם נעדריקט איר ציטערנדיקע האַנט און געקוקט אױף איר שווײגנדיק, מעלאַנכאָליש געזיכט אַזוי האַרציק, אַזוי טרײסטנדיק.

די לעצטע שטראַלן פון דער שפּעטער האַרבסט־זון האָבן אַרײנגעשיקט אין צימער זײער אומעטיקן, שאָטנדיק־רויטן „זײ־געזונט".

אַ ווײלע האָט זי נאָכגעקוקט זײן שנעל־פאַרשווינדנדיקן שאָטן. זי האָט זיך אוועקגעזעצט אױף דער זעלבער סאָפע, אױף וועלכער זי האָט גע'חלום'ט איר לעצטן פאַר'שיכור'טן חלום, און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אױפן ברוסט.

זי האָט געטראַכט:

אַ שאָטן בלויז, אָבער וואָס פאַר אַ ליכטיקער שאָטן, ס'האָט דורכגע־שוועבט דורך איר אָרעמען לעבן. זי האָט געפילט, אַז זי איז איצט אַ סך אומגליקלעכער ווי פריער, אָבער דערפאַר אַ סך, אַ סך רײכער...

אין דרויסן זײנען פאַרגאַנגען די לעצטע שטראַלן פון דער שפּעטער האַרבסט־זון. די טונקעלע שאָטנס זײנען שנעל געוואַקסן און זי אײנגאַנצן פאַרשלונגען...

1923

מאַשינען און מענטשן

צווייטער טייל

מאַשינען און מענטשן

קאַפּיטל I

זיגזאַג

1.

דער שמאָלער אויבערשטער שאָסיי צווישן וואַטערטאַון און לייקוויל וויקלט זיך גלאַנציק־שוואַרץ אַרום ווילד־באַוואָקסענע בערגלעך, ווי אַ שוואַרצע זיידענע סטענגע אַרום די צעשויבערטע רויטלעך־ברוינע און אַשיק־געלע קודלעס פון אַ פאַנטאַסטישן הונדערט־קעפּיקן דראַגאָן, וואָס ליגט צעשפּרייט ווי הונדערט געלאָקטע שמשון־הגבורס אין שויס פון איין דלילה — האַרבסט. שטיל און זיס פאַרוויגט זי, די פאַרפירערן־האַרבסט, אַלע אירע געפאַלענע ריזן, צעפאַרבט זיי אין אַלערליי פאַלש־בליענדיקע, בלענדנדיקע קאָלירן, און שערט זיי, שערט זיי די בלעטער־לאָקן פון זייער זומערדיקער גבורה. קומען באַר־וועסע ווינטלעך, כאַפּן אויף די אונטערגעשוירענע בלעטער, טראָגן זיי פאַנאַנדער אַרום און אַרום, און בעטן מיט זיי אויס די אַרומיקע טאָלן און דעם גאַנצן שמאָל־געדרייטן, גלאַנציק־שוואַרצן שאָסיי פון לייקוויל ביז וואַטערטאַון.

ס'איז אַ שטילער, פאַר'חלום'טער וועג, נאָר געניטע און פּראַקטישע אַטאָ־פאָרער מיידן אים אויס. זיי ווייסן — ער איז שיין דער וועג, נאָר פאַרדעטעריש, פול מיט געפערלעכע בויגן און קערן. אין די אָוונטן פאָרן אַף אים דעריבער כמעט דורכאויס פאַרליבטע פּאָרלעך, וועלכע ווערן אייניציק־ווייז פאַרפאַלן אַף זייטיקע, טונקעלע ביי־וועגן, וואו מען לאָזט די גאַנצע דרויסנדיקע וועלט פאַרזינקען אין דעם מבול פון די אייגענע ליידנשאַפטן און מ'בלייבט אַליין געראַטעוועט, ווי אין אַ פּריוואַטער נח'ס תיבה — אַן ער און אַ זי, און מער גאָרנישט . . .

דאָס לאַנד איז דאָ שיטער באַוואוינט. אַפן גאַנצן וועג, פון לייקוויל ביז וואַטערטאַון, זעט מען בלויז אַ הויז דאָ, אַ הויז דאָרט, און זעלטן־וואו אַ גרופּע הייזער צוזאַמען. און צווישן די איינוואוינער באַם וועג הערשט אַ נאָענטקייט, ווי צווישן מיטגלידער פון אַ פּרימיטיוון שבט — כמעט אַלע

זיינען זיי קרובים אָדער מחותנים צווישן זיך. זיי קענען זיך אַזוי, ווי בלויז נאַטור־מענטשן קענען איינער דעם אַנדערן. זיי דערקענען איינער דעם אַנדערנס טריט, יעדן איינעמס אייגנאַרטיק הוסטל, דעם קול פון יעדנס הונט, די טרובע פון יעדנס אָטאָמאָביל, און מען ווייסט באַ וועמען אַ קו האָט זיך געקעלבט, אָדער הינדלעך האָבן זיך אויסגעפּיקט — אפילו מיט פופצן מייל ווייטער. פאַרט איינער אין שטאָט אריין, פאַרט ער זיך געמיטלעך, ווי דורך אייגענער טעריטאָריע, שטעלט זיך אָפּ באַ איין הויז, באַ אַ צווייטער, פרעגט וואָס מען מאַכט, צי מען דאַרף עפּעס אין שטאָט, און פאָרט ווייטער.

בלויז זומער־צייט, באַזונדער אין די סוף־וואָכן, זעט מען דאָ אָפט גאַנץ פרעמדע אָטאָמאָבילן, חוצפּה'דיק־נייע, שפּיגלדיקע, מיט פּאַרריסענע נעזער. און די מענטשן אין די אָטאָמאָבילן זיינען אויך אַזוי. דאָס זיינען געוויינלעך רייכע שטאָט־מענטשן, וואָס האָבן זיך אייגענע אָדער געדונגענע זומער־וואוינונגען באַ די אָזערעס צווישן וואָטערטאַון און לייקוויל.

אַ שיינער, הארבסטיקער זונטיק פאַרנאַכט, סוף סעפּטעמבער, 1929. איינער פון די זומערדיקע אָטאָמאָבילן, אַנגעלאָדן און אַרומגעוויקלט מיט אַלערליי ווייס־לייוונטענע, פּאַלם־געוועבטע און שטרוי־געפלאָכטענע דאַטשע־מטלטלין, צעשפּרייט, ווי אַ משונה'דיקער אַנגעבלאָזענער אינדיק, האָט זיך נעגליטשט שווערלייביק איבערן שוואַרץ־גלאַנציקן שאָסיי אַפן וועג קיין וואָטערטאַון. אַף אַן אַלטער, צעפוילטער, מיט דער ערד גלייכער ווערענדע פון אַ פאַרמערשער הויז האָט אַ פופצן־יאָריקע מיידל, שטרוי־האָריק, מיט קליינע, בלוי־פאַר'חלום'טע אויגן, דערקענט דעם מעוברת'ן „סטודעבייקער", אין וועלכן זי, העלענאַ, און איר עלטערע שוועסטער, גלעדיס, זיינען דעם זומער שוין עטלעכע מאָל געפאָרן אין שטאָט אריין. זי האָט אריינגעשטעקט דעם העלן קאָפּ דורכן אָפענעם פענצטער אין הויז אריין.

— מאַמע, די גראַפּס פון „ווייסן קאַטעדזש" האָבן זיך שוין ארויס־געצויגן. אָט פאָרן זיי אין שטאָט אריין.

מיסעס לונד, הויך, שמאָל־ביינערדיק, מיט אַ דין־געקנייטשטן פאַר־צאָרנטן פּנים, האָט זיך באַוויזן באַם פענצטער.

— שוין, אַלע ארויסגעצויגן! — האָט זי אַ מורמל געטאָן אונטערן נאָז, ווי צו זיך.

אָט דאַרף מען ווידער גיין מעלקן די קי, האָט זי געטראַכט, נאָר וואָס וועט מען טאָן מיט דער מילך? שלעפּן עס אין שטאָט אריין? אָסור אויב ס'לוינט זיך פאַר די פּרייזן וואָס מען קריגט היינט.

— זיי איז גוט זומער אוןווינטער, קיין חילוק ניט, — האָט די פּאַרמערקע פאַרענדיקט אירע ביטערע געדאַנקען אין דער הויך, אַז איר טאָכטער זאָל הערן.

— די אידן, — האָט זי אַ מינוט שפּעטער צוגעגעבן, ווי אַ פּירוש צו דעם וואָס זי האָט פריער געזאָגט.

— מאַמע! — האָט די יונגע מיידל אויסגערופן מיט פאַרוואורף. — ניט אַלע אידן זיינען רייך, ווי די גראַפס! איך ווייס, אַנאַ האָט מיר געזאָגט.

אַנאַ איז איר עלטערער שוועסטער'ס, גלעדיס'עס, אַ חבר'טע. זיי אַרבעטן צוזאַמען אין אַ פאַבריק אין וואָטערטאַון, און זיי קומען אָפּט אַרויס צוזאַמען אַף אַ זונטיק. זי קען אויך אַנאַ'ס מאַן, מאָריס, אַ איד. אַ טייערער בחור, אָט דער מאָריס. זי האָט אים ליב. ער איז אַזוי פריילעך, פלעגט איר לערנען אַזעלכע מאָדנע און שיינע אויסלענדישע טענץ, פלעגט קוקן אַזוי שטאָטיש־קלוג אין די אויגן אַריין, אַז איר פלעגט ווערן וואַרעם אין גאַנצן קערפּער.

העלענאַ האָט נאָכגעפאָלגט מיט די אויגן דעם איבערגעלאָדענעם אָטאָ־מאָביל און זי האָ געטראַכט וועגן מאָרים'ן און אַנאַ'ן. שאַ, די מאַמע טאָר וועגן דעם ניט וויסן. מאָרים איז אין דזשייל. ער איז ניט קיין פאַרברעכער, אַ, ניין. מיסטער גראַף האָט אים אַרעסטירט, ווייל ער, מאָרים, איז געווען אַ סטרייקער. ער האָט געוואָלט אַ יוניאָן און אַז די אַרבעטער זאָלן ניט אַרבעטן אַזוי שווער. אַ שלעכטער מענטש, אָט דער מיסטער גראַף, אַ געלט־גייציקער. ער נעמט און אַרעסטירט מאָרים'ן, אַן אייגענעם קרוב — זיין ווייב'ס פּלימעניק — בלויז דערפאַר, ווייל ער וויל אַ יוניאָן. זי וואָלט אים דערלאַנגט אַ זעץ אין נאָז, אָט דעם לויזיקן באָס, מיסטער גראַף!

דער איבערגעלאָדענער אָטאָמאָביל איז פאַרשוואונדן הינטער אַ באַרג. העלענאַ האָט זיך פאַרבענקט אין שטאָט אַריין. איבעראַיאָר, ווען זי וועט ווערן 16 יאָר אַלט, וועט זי אַרויסנעמען „אַרבעט־פּאַפּירן" און וועט פאָרן קיין וואָטערטאַון אַרבעטן אין אַ פאַבריק, ווי אַנאַ און ווי איר שוועסטער גלעדיס, האָט זי פעסט אָפּגעמאַכט באַ זיך.

.2

אין אָטאָמאָביל. פיר מענטשן — דריי אָפּגעזונדערטע וועלטן. די צוויי פרויען, ווייך און גראָס באַזעצט באַזונדער, אַריבער אַ באַריער פון טשעמאָ־דאַנעס, רענצלעך און בעטגעוואַנט, אַפן ברייטן הינטערשטן דיוואַן, זיינען פאַרטאָן אין עפּעס אַ געשמאַקן געשפּרעך. זיי שענקען ניט קיין אויפמערק־

זאַמקייט דעם וועג אָדער די צוויי מענטשן אין פראַנט. זיי שושקען זיך צווישן זיך מיט שטאַרק־באַוועגלעכע ליפּן און אויגן, ווי זיי וואָלטן זיך פּאַסמאַקעוועט מיט עפּעס אַ זעלטענעם ביסן. פון צייט צו צייט פּלאַצן זיי אויס אין געלעכטער. בא דער עלטערער, מיסעס גראַף, קומט דער געלעכטער ראַשיק, זאַט, אין אַוואַלאַנשן; בא דער אינגערער, פיליפּ גראַפ׳ס שוועסטער גאַסי, פּאַרהיקעט זיך דער געלעכטער כסדר, און עס קלינגט, ווי אימיצער וואָלט געשפּרונגען מיט האַרטע הילצערנע לאַפּטשעס איבער שטיינערנע שטיגן באַרג־אַראָפּ און וואָלט אַלע ווײַלע געבליבן שטיין פּאַרציטערט — אַט פּאַל איך און ברעך האַלז־און־נאַקן! . . .

פיליפּ גראַף זיצט בא דער טרייב־ראָד מעשה באַלעבאָס. ער קען זיין אַטאָ און ער קען יעדן קער און דריי פונעם וועג, און ער האָט דאָ פּאַר גאָרניט קיין מורא. לאָזט ער די הענט אויטאָמאַטיש קערעווען די ראָד און זיין געדאַנק איז פריי צו טראַכטן. ס׳איז אַ טאָג נאָך יום־כיפור און פיליפּ פילט זיך נאָך יום־כיפור׳דיק. אָן אומעט אָזאַ אַ מאָדנער נאָגט אים באַם האַרצן, אין די אויערן קלינגט אים נאָך די כל־נדרי מוזיק, וואָס דער אָרגל האָט אויסגעשפּילט אין טעמפּל „ישורון” אין לייקוויל. ער דערמאָנט זיך ראַביי פאַנעל׳ס בוימלדיק־פּליסנדיקן „סוירמאָן”. „ס׳איז אַ טאָג פון חשבון צווישן דעם מענטשן און זיין גאָט”, האָט דער ראַביי אָנגעהויבן, געדענקט ער.

אַ טאָג פון חשבון! יאָ, פיליפּ וויל טאַקע איצט, אָפּן וועג צוריק קיין וואַטערטאַון, מאַכן אַ נויטיקן חשבון מיט זיך אַליין.

די צוויי פרויען הינטער אים האָבן פּלוצלונג אויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער און איבערגעריסן דעם דינעם פאָדעם פון פיליפּ׳ס יום־כיפור׳דיקע געדאַנקען. ער איז אין כעס געוואָרן.

„וואָס לאַכן זיי דאָרט, די בהמות!” האָט ער געטראַכט מיט פאַר־אַכטונג. „זיי האָבן בלויז איין דאגה — גיב זיי אַ מאַן מיט פעטע טשעקס אַלע וואָך אַף הוצאות, און אַ „גוד־טאַים”; דאָס איבעריקע — זאָל זיך דער מאַן ברעכן דעם קאָפּ.”

יאָ, אַ טאָג פון חשבון . . .

דער אַכט־יאָריקער מילטאָן, פיליפּ גראַפ׳ס מיזיניק, וועלכער זיצט אין פראָנט, לעבן זיין טאַטן, איז פּלוצלונג אויפגעשפּרונגען:

— זע, פּאַפּאַ!

ער האָט אָנגעוויזן אַף אַ גרויסן הילצערנעם פּלאַקאַט דאָרט וואו דער וועג בויגט זיך אויס און נעמט זיך דרייען ווי אַ פּאַליצע ארום אַ באַרג.

אפן פלאקאט איז געווען א צייכענונג פון א שווארצן מלאך־המות מיט א קאסע אין האנט און אונטער אים א ווארענונג אין גרויסע רויטע ווערטער:

„א שארפער קער — געפאר!"

פיליפ גראף האט פארלוירן ס'געדולד.

— הער מיר אויף צו באדערן, זאג איך דיר! — האט ער זיך צעשריען.

— אויב ניט, וועל איך דיר אוועקזעצן פון הינטן, דארט לעבן דיין מאמען.

דער קליינער מילטאן איז שטיל געווארן. ער וויל ניט מען זאל אים אוועקזעצן פון הינטן. ער האט הנאה פון פארן בלויז ווען ער קען זיצן אין סאמע פראנט, קוקן דעם דרויסן גלייך אין די אויגן, און זען ווי דער גאנצער דרויסן לויפט אים אנטקעגן.

לאנג האט זיך מילטאן צום הארצן ניט גענומען, וואס דער טאטע וויל מיט אים ניט רעדן. ער האט דא געטרייע חברים — די הויכע, נידעריקע און מיטל־וויקסיקע וועג־סלופעס. באזונדער האט ער ליב די מייל־סלופעס מיט די ווייסע ברעטלעך, ווי אויסגעשפרייטע ארעמס, פון אויבן. זיי לויפן אים אלע אנטקעגן, איינער נאכן צווייטן, און זאגן אים אן וויפיל מייל ער איז שוין אפגעפארן פון לייקוויל און ווי ווייט ס'איז נאך קיין וואטערטאון. יעדער סלופ זאגט אפ זיינס און אנטלויפט אף צוריקוועגס.

— אנטלויף זיך דיר געזונטערהייט, — זאגט מילטאן אין זיך צו יעדן נייעם סלופ. — איכ'ל באלד האבן אן אנדערן.

און אט איז טאקע נאך א מייל־סלופ מיט צוויי דיקע שווארצע פיילן — איין פייל אף צוריק: „לייקוויל ← 33 מייל"; דער אנדערער אף פאראויס: „וואטערטאון ← 29 מייל."

מילטאן לאכט זיך אויס פון דעם נארישן סלופ. ער מיינט טאקע, אז אן אים וואלט ער ניט געוואוסט. אט וועט ער אים ווייזן, אז ער ווייסט געניו וואס דער נייער סלופ וועט אים זאגן. ער וועט זאגן, ער וועט זאגן: „לייקוויל ← 34 מייל; וואטערטאון ← 28 מייל."

געטראפן צום האר! הא, הא!

מילטאן פילט זיך שוין ווי אן אמת'ער נביא און דער קאפ פארדרייט זיך בא אים פון דערפאלג. ער וויל שוין מער אף די נארישע סלופעס אפילו ניט קוקן. יעדעס מאל ווען א נייער מייל־סלופ באווייזט זיך פונדערווייטנס דרייט שוין מילטאן אוועק דעם קאפ. דערמיט ווייזט ער אים, אז זיי, די סלופעס, זיינען בא אים גארנישט מיט גארנישט — ער זעט זיי אפילו ניט . . .

דער וועג האט זיך ווידער שארף א קערעווע געטאן בארג־ארונטער. א

נייער שוואַרצער מלאך־המות מיט אַ רויטער וואָרענונג האָט אַ גלאָץ געטאָן מילטאָנ׳ען אין די אויגן:

„שאַרפער קער — געפאַר!"

מילטאָן האָט אַ צאַפּל געטאָן, נאָר ער האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם — ער וויל ניט דער טאַטע זאָל אים זעצן דאָרט הינטן, לעבן די „לידיס" . . .

3.

אַ טאָג פון חשבון . . .

יאָ, דאָס וויל ער, פיליפ גראַף, טאַקע טאָן, מאַכן אַ שטיקל חשבון מיט זיך, מיט זיין געוויסן, ווי ראַביי פאַגעל האָט געזאָגט. נאָר זיינע געדאַנקען שפּרינגען היינט, דרייען זיך, ווי דער וועג, און ער קען צו קיין טאָלק ניט קומען. און קומט ער שוין יאָ, דאַכט זיך, צום תוך, קומט אים אַנטקעגן אַ נייע אָנשיקעניש און ער מוז ווידער אָנהויבן פון אָנהויב.

און אָט איז ווידער די וואָרענונג:

— שאַרפער קער, געפאַר!

געפאַר? און ער זיצט אַזוי זיכער, אין פולן קאָנטראָל פון דער מאַשין, זיין האַנט אויף דער טרייב־ראָד טוט ניט קיין ציטער, דער וועג דרייט זיך, אָבער ער זעט אים, און די מאַשין איז בא אים אין די הענט און גייט וואוהין ער פירט זי — ווער מיר געפאַר, וואָס מיר געפאַר!

און אָט האָט ער דאָס יאָר געמאַכט אַ שאַרפן קער אין זיינע ביזנעס און גאָרניט — ס׳האָט אים לחלוטין ניט געשאַדט. געליען פופציק טויזנט דאָלאַר אין באַנק, פאַרגרעסערט די פאַבריק, איינגעפירט אַ נייע „ליין". ווען ברעכן דעם קאָפּ, האָבן אים געוואָרנט מאַנופעקטשורערס; און אָט טוט ער היינט דריי מאָל אַזויפיל ביזנעס ווי פאַראיאָרן, און זיין קרעדיט איז דריי מאָל אַזוי הויך. אָפגעזאָגט אַרבעטער, טראַבל־מאַכער. הויב זיך ניט אָן — די יוניאָן וועט דיך ברעכן, האָט מען אים ווידער געוואָרנט. און אָט — ווער איז באַלעבאָס? ער צי זיי? אמת, ער איז נאָך ניט פּטור. אָבער דערווייל . . .

אַ באַלוואַן, אָט דער מאָרים קליין, זיין ווייב׳ס פּלימעניק. האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַ מאַניע — סטרייק, רעוואָלוציע!... נו, אדרבה, וואָס געווינט ער דערפון? און וועמען טוט ער אָפּ!... בלויז זיך אַליין!...

פיליפ גראַף פאַרשטייט ניט.

אמת, ער פאַרשטייט ניט אַ סך זאַכן, און ס׳הויבט אים ניט אָן צו אַרן. פאַרקערט, ער גרויסט זיך נאָך דערמיט. „איך בין אַ פּראָסטער מענטש",

זאָגט ער, „און מיין קאָפּ פאַרנעמט ניט קיין פילאָזאָפיעס־שמילאָזאָפיעס. פונדעסטוועגן, זאָל קומען דער גרעסטער פילאָזאָף אייערער און פּרוּוון בּאַ מיר עפּעס אויסנאַרן — אַנו, זאָל ער פּרוּוון!...״

נאָר איינס פאַרשטייט ער ניט, און ס'קאָסט אים געזונט — אַז אַ מענטש איז אַ פילאָזאָף, איז וואָס? איז בּאַ אים שוין גאָר קיין מענטשלעכ־קייט ניט פאַראַן?

מענטשלעכקייט מיינט, פאַרשטייט פיליפּ, זיין געטריי צו אייגענע, און אַז אַ מענטש טוט דיר אַ טובה טו אים אָפּ אַ טובה, דאַנק אים אָפּ. און ווי שיין זיין ווייב'ס פלימעניק האָט אָפּגעדאַנקט די אייגענע משפחה!...

אַ טייערער פלימעניק. און ער האָט זיך נאָך די מציאה אַליין איינ־געהאַנדלט, אימפּאָרטירט אַזש פון וואַרשע!...

ער דערמאָנט זיך: מיט דריי יאָר צוריק. זיין ווייב, טילי, האָט זיך דעמאָלט איינגעריסן דעם ספּאָדיק: דער איין־און־איינציקער פלימעניק אירער אין יוראָפּ — אַ יתום! איי, איי, איי!... און וואָס נאָך זי האָט אָנגעבעבעט — ס'וועט זיין אַ גוטער שידוך פאַר גאָסי'ן, זיין שוועסטער, וואָס שטייט אין שידוכים, נאָר די שידוכים שטייען ניט אין איר. . .

כי, כי! ס'איז געווען דער אמת'ער שידוך פאַר דער גאַנצער משפחה, און פאַר אים, פיליפּ'ן, באַזונדער!...

איצט אַרט אים שוין ניט. געפּלאַצט דער געשוויר, אויסגעקוועטשט, און פּטור! אָבער איידער ס'איז געקומען דערצו — פרעגט שוין ניט!...

פיליפּ גראָף איז מיט זיין אָטאָמאָביל אַריינגעפאָרן אין דער זונטיק־אָוונטיקער רו פון איינער פון די הויפּט־גאַסן פון וואָטערטאַון. די גרויסע שוי־פענצטער פאַרטונקלט. נאָר דאָ און דאָרטן האָבּן פון גרויסע עלעקטרישע שילדן אַראָפּגעבליצט רויטע נעאָן־ווערטער.

— בּייט אייער אַלטע קאַר אָף אַ נייעם „פּעקאַרד״! — זאָגט איינער פון די שילדן.

פיליפּ האָט זיך דערמאָנט: זיין „סטודעבייקער״ איז שוין בּאַ אים דריי יאָר, אַזוי לאַנג ווי מאָרים קליין איז אין אַמעריקע, און ס'אַר אַן אונטערשייד צווישן די צוויי! מאָרים האָט זיך באַלד אויסגעגליטשט פון די הענט און איז געוואָרן זיין ערגסטער שונא. די מאַשין אָבער שטייט שטענדיק אונטער זיין קאָנטראָל און זי דינט אים נאָך אויסגעצייכנט ביז היינטיקן טאָג.

אַך! ווען מאַשינען וואָלטן געקענט טאָן אַרבעט אינגאַנצן אָן מענטשן!...

קאפיטל II

א רויטער

.1

מיט דריי יאָר צוריק.

א ווינטער־טאָג, איינער פון יענע טעג, מיט וועלכע וואַטערטאָון איז באַרימט. זון, פראָסט און שניי האָבן צוזאַמען געברענט און געלויכטן. מיט א טאָג פריער האָט א שניי־זאַווערוכע מיט ווירבלענדיקע בעזימער געקערט וועלטן — ווייסע, ווייטע, פראָסטיקע וועלטן — און זיי אַלע פארקערט אהער, קיין וואַטערטאָון... נאָר היינט אינדערפרי האָט זיך געביטן דער סדר: דער צניעות׳דיקער הימל האָט זיך אומפארשעמט אויסגעטאָן מוטער־נאַקעט; די אויסגעלאַסענע ערד האָט זיך אָנגעפּעלצט און זיך קינדיש־צניעות׳דיק צעפלאַמט מיט ווייסער בושה . . .

נאָכמיטאָג. ס׳איז נאָך געווען שווער פאר אַן אָטאָמאָביל צו פאָרן איבערן טיפן, נאָך ניט אומעטום איינגעפּרעסטן שניי. אָבער א פּלימעניק א יתום, האָט זיך אָנגעפלאָגט אין יוראָפּ — זאָל ער זען וואָס אמעריקע איז און הנאה האָבן. האָט פיליפּ גראף ארויסגענומען זיין שפּאָגל־נייעם „סטודעבייקער״ פון גאראדזש און געפאָרן מיט טילי׳ן און גאָסי׳ן צום יוניאָן סטיישאָן, דעם הויפּט־וואָקזאַל פון וואַטערטאָון.

דער צוג איז אָנגעקומען און דער בחור איז אראָפּגעשפּרונגען. „האַלאָו!״ האָט ער זיי באַגריסט מיט לאַכנדיקע אויגן. גאָרניט ווי א גרינער. אָבער דער הילוך זיינער — קיין היטל אָפן קאָפּ, א לאַנגער שאַל עטלעכע מאָל ארום האַלז, און אָף די פּלייצעס אַזאַ גרויער, קורצער בגד מיט קרומע קעשענקעלעך, וואָס האָט, קענטיק, געהערט צו דער פּידזשאַק־משפּחה...

און כאָטש פיליפּ גראף איז ניט קיין סענטימענטאַלער מענטש, וואָלט זיך בא אים פונדעסטוועגן שוין געוועזן א יאָווע געטאָן א שפּראָץ פון רחמנות. אָבער די לאַנגע פיס, וואָס האָבן ארויסגעשטאַרצט פון קורצן פּידזשאַק, האָבן געשפּרייזט ווי בא זיך אין דער היים, און די אויגן האָבן געלאַכט — גיי האָב רחמנות!...

פיליפּ האָט געלאָזן און קאַלט, כמעט בייזלעך, גענעפנט די טיר פון

זיין אָטאָמאָביל, וואָס האָט געבליאַסקעט מיט יום־טוב, און ס'האָט פון אינעווייניק אַ שפּאָר געטאָן אַ ריח פון איבער־זאַטקייט — ווייך, וואַרעם און נחת'דיק.

— נו, גיי אַריין, — האָט פיליפּ זיך געווענדט צום גרינעם מיט אַ טאָן פון אַ באַלעבאָס אַ מכניס־אורח, וואָס ווייסט, אַז מען טאָר פונדעסטוועגן ניט איבערכאַפּן די מאָס פון גאַסטפריינטלעכקייט. דערביי האָט פיליפּ גע־טראַכט, אַז ס'וואָלט גיכער געפּאַסט דעם בחור צו געבן אַ גרויסן רידל אין האַנט און שטעלן אים שאַרן שניי, איידער אים אַוועקזעצן אין אַ נייעם בלויען לימוזין . . .

דער חברה־מאַן איז נאָך אַלץ געשטאַנען, ווי ניט אים מיינט מען. זיין בליק האָט געזאָגט: „ווילט איר, וואַרט; אויב ניט, מאַכט אויך ניט אויס — איך וועל שוין אַליין ערגעץ־וואו טרעפן...״ ער איז געשטאַנען און אַרומגעקוקט זיינע נייע פּערספּעקטיוון.

זיינע אַמעריקאַנער בעלי־טובות: די צוויי אַמעריקאַנערקעס — איינע מיטלוויקסיק, פול, מיט רונדע באַקן און זאַטע אויגן; די צווייטע, דין, אויסגעצויגן, מיט פּיכט־גלאַנציקע אויגן, ווי אַ פּאָר פּאַר־גליווערטע פּראַגע־צייכנס... דער באַלעבאָס, זיין אַמעריקאַנער פעטער, וואָס האַלט זיך פּונקט ווי ער און קאָלאָמבוס וואָלטן עם בשותפות אַנטדעקט אַמעריקע און איצט מוז ער, דער גרינער, דאַנקבאַר זיין זיינע צוויי דערלייזער...

זיין נייע אַמעריקע־שטאָט, וואָס ליגט דאָ צעלייגט פאַר זיינע אויגן פון ביידע זייטן וואָקזאַל: פון איין זייט — הויכע און נאָך העכערע געביידעס, פריילעך־ווייסע, מאַסיוו־ברוינע און סאָליד־רויטע, אַף יום־טוב'דיק פּאַרפּוצטע גאַסן; און אָט דאָרט שטייגט אַ הימל־קראַצער אין דער פּראָסטיק־לויטערער לופט אַריין מיט פענצטער, פענצטער אָן אַ שיר. פון דער צווייטער זייט, איבערן בריק — וויסטע און חרוב'דיקע הייזלעך, וואָס הורבען זיך, הורבען זיך, ווי אָנגעוואָרפענע ברודיקע קאַסטנס קויטיק וועש. און אינמיטן, אונטערן בריק, צווישן די רעלסן פון דער אייזנבאַן־ליניע, באַם ברעג טייך, באַוועגן זיך פאַרוואָרלאָזטע פיגורן, באַוואַלגערטע מיט שמאַטעס און מיט שניי, און זיי אַטאַקירן ריזיקע שניי־בערג מיט גרויסע רידלען, נאָר מיט קליינעם חשק.

און אָט: אַ קאַליקע, ביידע פיס אָפּגעהאַקט הויך איבער די קני, ווי אַ פּיען פון אַ צעצווייגטן בוים איבערגעקערט מיטן שטאַם אַרויף, שאַרט זיך אַף רעדלעך שנעל, שנעל צו זיי; דאָס וויל ער כאַפּן די נגידים איידער זיי זעצן זיך אין זייער קאַר און פאָרן אַוועק. ער שטופּט דעם ברייטן גע־שטופּלטן טראָטואַר מיט זיינע לאַנגע הענט גיך, גיך צוריקוועגס, ווי מען

יאָגט זיך מיט רודערס אפן וואסער. געכאפט אין צייט. דער קריפּל האָט זיך אָפּגעשטעלט אנטקעגן די צוויי פרויען, און זיי געקוקט הינטיש־רחמנות'דיק אין די אויגן אריין. טילי האָט ארייננעוואָרפן א קליינע, ווייסע מטבע דעם קאַליקע אין דער אויסגעשטרעקטער הוט אריין, א קרים געטאָן איר גוטמוטיקן, זאַטן פנים און זיך געזעצט אין אָטאָמאָביל.

— אייך איז גוט! — האָט א זאָג געטאָן דער גרינער ווען דער אָטאָמאָביל האָט זיך א לאָז געטאָן שווימענדיק איבער דער ברייטער, ציכטיקער, יום־טוב'דיק אויסגעפּוצטער לאַפאיעט עוועניו.

האָט עס פיליפּ'ן באלד א ברען געטאָן, ניט אזוי פון די ווערטער, נאָר פונעם טאָן, וואָס האָט ווי געזאָגט: „בורזשוקעס, צום טייוול!"

— מיר זיינען דאָך אין אמעריקע! — האָט פיליפּ צוריקגעזאָגט. דער־מיט האָט ער אזוי גוט ווי געזאָגט: „דרך־ארץ, שייגעץ!"

איז וואָס, אז א פעטער, וואָס לאָזט זיך קאָסטן אף דיר אזויפיל געלט און טרחה, וועט האָבן דאָס לעצטע וואָרט? אָ, ניין! דער בחור האָט באלד געוויזן, אז ער האָט פיינט שולדיק צו בלייבן אן ענטפער. ער האָט געוואָרפן א טראַציקן שמייכל גראַפ'ן אין פנים אריין און געפרעגט:

— און יענע, וואָס שאַרן שניי אונטערן בריק, זיינען ניט אין אמעריקע?

דער געשפּרעך איז אָפּגעהאַקט געוואָרן. ס'איז געוואָרן אומהיימלעך אין דעם פאַרמאַכטן, וואַרעמען אָטאָמאָביל.

— ניין, ס'וועט שוין קיין שידוך מיט גאָסי'ן ניט ארויסקומען, — האָט טילי געטראַכט. — דער בחור איז צו קלוג . . .

2.

דעם צווייטן טאָג האָט מאָרים איבערגעשלאָגן זיין טאַנטע טילי אינמיטן אירע סאַמע האַניקדיקסטע רייד און געזאָגט:

— שוין גענוג געווען אייער גאַסט. מאָרגן וויל איך גיין צו דער ארבעט — „אי וואָנט וואָירק".

מיט דער ענגלישער פראַזע — אויסגעלערנט אפן וועג — האָט מאָרים געוואָלט באַטאָנען, אז ער איז ניט אזא גרינער, ווי זיי מיינען. א סימן, אָט רעדט ער ענגליש; ס'הייסט, ער קען שוין זיין שטעקל אליין באַשטיין.

אויב דער אָנקל האָט פאַר אים ארבעט, האָט ער זיין מומען גאַנץ קאַלטבלוטיק געגעבן צו פאַרשטיין, איז גוט; און אויב ניט, איז אויך ניט קיין אומגליק — וועט ער גיין זוכן אנדערש־וואו.

דער „אויב" האָט טילי'ן שטאַרק באַליידיקט. „ווי אינדעפּענדענט ער איז דאָס בא זיך!" האָט זי געטראַכט מיט פאַרדרוס. זי האָט אים אָבער

געשאַנעוועט — פּאַרט אַ גאַסט און איר געשטאָרבענער שוועסטער'ס אַ זון. האָט זי בלויז געזאָגט:

— רעד נישט קיין נאַרישקייטן. ס'געהערט אַ מעשה — באַ פּרעמדע גאָר זוכן אַרבעט!

מאָריס האָט אַ שמייכל געטאָן.

— ווי קלוג ער שמייכלט, — האָט טילי געטראַכט.

דער פריערדיקער כעס איז שוין באַ איר פאַריבער. אַ געראָטענער בחור, גאָר ניט קיין פוילער. זי'ט נאָך פון אים האָבן נחת, האָט זי באַ זיך אָפּגעמאַכט.

— דו ווייסט, מאָריס, — האָט זי פּלוצלונג געענדערט דעם טאָן און די טעמע פון געשפּרעך. — גאַסי זאָגט, דו ביסט אַ שיינער בחור. זי איז אין דיר פאַרליבט.

זי האָט עס געזאָגט כלומרשט שפּאַסיק.

— גוד באַי! — האָט מאָריס אַ זאָג געטאָן. — איך גיי „פאָר אַ וואָק".

— ווידער אַן ענגלישע פראַזע, צו ווייזן, אַז ער איז ניט אַזאַ גרינער, ווי מען מיינט.

פּיליפּ'ן איז עס גראָד געפעלן, וואָס מאָריס וויל שוין גיין צו דער אַרבעט.

— וואָס, וואָס, קיין פוילענצער איז ער ניט, — האָט ער געזאָגט מיט צופרידנקייט.

אינדערפרי האָט פּיליפּ מיטגענומען מאָריס'ן אין שאַפּ אַריין צו דער אַרבעט. ער איז אַרויסגעפאָרן פון הויז מיט אַ שעה פריער ווי געוויינלעך, געוויזן מאָריס'ן די הויפּט ביזנעס-גאַסן, די גרויסע דעפּאַרטמענט סטאָרס, דעם סיטי האָל — אַ ברייטע און נידעריקע געביידע, ווי אַ ריזיקער קאַסטן פון מאַסיוון גרויען שטיין, וואָס אימיצער האָט אַוועקגעשטעלט אינמיטן צענטראַלן סקווער פון שטאָט און אים דאָרט פאַרגעסן — און דעם מאַסאָניק טעמפּל, דער איינציקער הימל-קראַצער אין וואָטערטאַון, 24 שטאָק די הויך.

אויפן גאַנצן וועג איז פּיליפּ געווען אַזוי ווייך-צוגעלאָזן צו זיין ווייב'ס פּלימעניק, אַזוי אָנקלמעסיק-זאָרגפעלטיק, און באַרעדעווודיקער ווי געוויינלעך. ער האָט אים דערציילט וועגן זיך אַליין, וואָס פאַר אַ צרות ער האָט געהאַט ביז ער האָט זיך אַרויסגעאַרבעט, און אַז מען טאָר אין אַמעריקע קיינעם ניט גלויבן, קיינעם ניט! דאָ איז יעדערער פאַר זיך. „מאַינדזש-יור אָון ביזנעס" הייסט עס אין ענגליש. דער טייטש איז: בעסער זאָל איך יענעם באַגראָבן, איידער יענער זאָל מיך לייגן אין דער ערד אַריין... אַ טייער לאַנד, אַמעריקע — אַז מען האָט נאָר שכל . . .

מאָריס האָט געשוויגן שווער און אומגעדולדיק. ער האָט געטראַכט: „אַ חזיר דרייט זיך אַרום אין הויף און כראָקעט. דערנאָך שרייט ער: פּע! פּאַסקודנע! דער גאַנצער הויף איז דאָ אָנגעכראָקעט!... כראָק, כראָק!...״

דער פּאָליסמאַן אַפּן ראָג פאַר דער פאַבריק האָט גראַפּ׳ן פאַמיליאַר באַגריסט. ער האָט אויפגעהויבן די האַנט מיט צוויי פינגער אויסגעשטרעקט אין דער הויך, ווי אַ מין סיגנאַל צווישן מיטגלידער פון אַ געהיימען קרייז.

— נאָר־וואָס פון יוראָפּ, מיין ווייב׳ס נעפיו, — האָט פיליפּ אינפאָרמירט דעם שטייפן אָרדענונג־היטער. זיין קוק האָט ווי געפרעגט: „ווי געפעלט דיר עפּעס מיין אימפּאָרטירטער פּראָדוקט?״

דער פּאָליסמאַן האָט פּאָרזיכטיק באַטראַכט דעם יונגן מאַן מיט די פריילעכע אויגן בא גראַפּ׳ס זייט, געקליידט אין אַ נייעם וועלור־ראָק און אין אַ נייער וועלור־הוט, און ער האָט פריינטלעך און גוטמוטיק געשמייכלט, ווי געזאָגט:

— נישקשה, ער וועט שוין בא מיסטער גראַף ווערן אַ לייט...

אין שאַפּ. פיליפּ האָט שוין מאָריס׳ן פאָרגעשטעלט פארן בוכהאַלטער, פאַרן הויפּט־סיילסמאַן, פאַר צוויי פּאָרלייט. ענדלעך האָט בא מאָריס׳ן גע־פּלאַצט דאָס געדולד.

— פעטער, איר גיט מיר אַרבעט, — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט איראָניע — פריינט וועל איך זיך שוין אַליין געפינען...

3.

אַ רויטער. גראַף האָט עס באַלד איינגעזען.

— נו, מילא, איז וואָס? — האָט ער זיך געפּרוּוט באַרואיקן. — אָט איז דיקס, דער מאַנופעקטשורער, אויך אַמאָל געווען אַ רויטער.

דער בחור איז גראַפּ׳ן שטאַרק געפעלן. ספּעציעל די הענט זיינע. גאָלדענע הענט — שנעל און גוט, אַ מזיק!

האָט ער זיך אויסגערעדט:

— נישקשה, ער׳ט זיך אויסגרינען.

נאָר בא טילי׳ן זיינען מאָריס׳עס אַקציעס שטאַרק געפאַלן. שייך צו זאָגן געפאַלן? — ווערטלאָז! אַ גרינער איז ניט קיין אומגליק — אַ גרינער מענטשלט זיך אויס. אָבער אַ רויטער איז בא טילי׳ן גאָר קיין מענטש ניט. אָט האָט זי אַ ביישפּיל ווי ער האָט געהאַנדלט מיט גאָסי׳ן. דיר געפעלט ניט גאָסי? נו, איז ניט! קיינער צווינגט דיר דאָך ניט. אָבער אַז ס׳מיידל קומט אַריין און איז צו דיר אדרבה ואדרבה, מיטן שמייכל, ברעכט זיך די צונג צו רעדן פון דיינעט וועגן אידיש. זיי אַ מענטש! רעד כאָטש אויס

מיט איר עטלעכע ווערטער... איז אַף צו־להכעיס, ווי זי קומט אַריין, אַזוי הויבט ער זיך אויף, און ניטאָ!... איין טאָג קומט ער און פאַרנעמט זיינע זאַכן. ער האָט שוין אַ צימער, זאָגט ער, און פאַר די הוצאות וועט ער באַצאָלן... וואו צימער, ווען צימער — ניט קיינעמס דאגה... ערגער ווי אַ פרעמדער. איז דאָך שלעכט געגנוג, האַ? קומט היינט אַ שכנ׳טע און דער־ציילט, אַז זי האָט געזען איר פּלימעניק גיין מיט אַ ניגער אַף דער סאַמע צוועלפטער עוועניו!... נאָך דאָס האָט איר געפעלט — אַ פּלימעניק אַ רויטער און גייט מיט שוואַרצע!...

ווען זי שעמט זיך ניט וואָלט זי אים אָפּגעזוכט און זי וואָלט געזאָגט צו אים פּראָסט און פּשוט: „מאָרים, נאַ דיר געלט אַף הוצאות און פאַר דיר וואוהין דו ווילסט — וואָס ווייטער אַלץ בעסער...״ און אפשר וואָלט זי דאָס געטאָן — וואָס איז דאָ זיך צו שעמען! ווייסט זי אָבער, אַז ס׳איז אַרויסגעוואָרפענע רייד. ער וועט איר הערן ווי ער הערט זיין מאַמען — איר שוועסטער — אַף יענער וועלט.

טענה׳ט זי צו איר מאַן:

— פּיליפּ, דו ביסט דאָך אַ באַלעבאָס. רעד מיט אים. גיב אים צו פאַרשטיין, אַז דאָ איז אַמעריקע, ניט יוראָפּ... אַז אַ דזשאָב דאַרף מען היטן... אַז . . .

קען גראָף ניט פאַרטראָגן די ווייבערשע רייד.

— ס׳איז דאָך דיין טייערער פּלימעניק, — שלאָגט ער איר איבער מיט אַ שטאָך, — איז מען זיך מטריח און מען טענה׳ט זיך אַליין מיט אים אויס...

„אַ אידענע בלייבט אַ אידענע,״ פּטר׳ט ער אין געדאַנק אַוועק זיין ווייב׳ס טענות. וואָס אַרט אים מיט וועמען מאָרים גייט? פון זיינעט וועגן קען ער גיין מיטן קאָפּ אַראָפּ. אַבי אין שאַפּ אַרבעט ער און די אַרבעט איז גוט. (שאַ, מאָרים טאָר דעם סוד ניט וויסן — זיינע סעמפּלס גייען אַפּן מאַרק ווי הייסע קנישעס...) מער דאַרף אַ באַלעבאָס ניט וויסן — עלעהיי אַ פרעמדער אַרבעטער.

אָן אַנדערש מאָל איז גראָפּ׳ן שווער דאָס האַרץ. ער ווייסט, אַז פאַר אַ רויטן דאַרף מען זיך היטן, ווי פאַר פייער. „אַ רויטער אין שאַפּ מיינט טראָבל אין שאַפּ,״ גייט אַרום אַ ווערטל צווישן באַלעבאַטים. האָט גראָף טאַקע באַשלאָסן, אַז ער מוז האַלטן אָן אויג. עס פעלט אים טראָבל?! און נאָך איצט, ווען ער האַלט בא שליסן אַ גרויסן קאָנטראַקט מיט וואָרען ענד ליווי, די ניו יאָרקער דזשאָבערס, וועלכע דריקן אַרונטער ביזן סאַמע לעצטן סענט פּראָפיט!

האָט גראַף געגומען אַרייַנכאַפּן זיך אין סעמפּל־צימער זיבעצן מאָל אַ טאָג. אַט אַ רעד טאָן מיטן פאָרמאַן, אַט אַ טאַפּ טאָן אַ נייַ שטיקל וואָרע אין דער אַרבעט — פעלן זאַכן אין אַ שאַפּ, אַף וועלכע אַ באַלעבאָס דאַרף אַכטונג געבן? און יעדעס מאָל געכאַפּט אַ קוק אַף מאָריס'ן.

ער זעט גאָרניט קיין שלעכטס. פאַרקערט, דאָס וואָס ער זעט פאַרשאַפט אים נחת: גאָלדענע אַרבעט און אין מאַטעריאַל — מזל־ברכה, קיין אינטש גייט ניט אין ניוועץ. נאָר וואָס דען — דאָס זינגען זיינס!... ווי אַף צו־להכעיס קומט אַף דעם בחור אָן אַ וויסט זינגעניש דווקא ווען ער, גראַף, דרייט זיך אַרום סעמפּל־צימער. און איר זאָלט הערן וואָס פאַר אַ לידלעך, און ווי שקאָצעוואַטע ער זינגט!... מ'דאַרף זיין פון אייזן... גראַף וואָלט שווערן, אַז מאָריס טראַכט די לידלעך אַליין אויס פון קאָפּ—אַף אים איז עס צו גלויבן... אַט האָט ער, פיליפּ, געכאַפּט עטלעכע ווערטער פון אַ שפּאָגל־נייַ לידל. ס'הויבט זיך אָן:

גיי איך מיר אַרויס אַף דער ברייטער גאַס,\
קומט מיר אַנטקעגן אַ באַלעבאָס . . .\
און ס'ענדיקט זיך מיט אַ צוזינג:\
בים־באַם, באַלעבאָס!\
בים־באַם, באַלעבאָס —\
אין דר'ערד מיט דער נאָז!...

האָט עס פיליפּ'ן אַ ברען געטאָן. פונדעסטוועגן האָט ער זיך צוריק־געהאַלטן. אָפּרעכענען זיך מיט דעם גראָבן יונג וועט ער נישט איצט, אין שאַפּ, נאָר אָן אַנדערש מאָל. אויג אַף אויג וועט ער אים געבן צו פאַרשטיין, אַז מען מוז זיין אַ מענטש, אויב מען וויל אָנהאַלטן אַ דזשאָב, — אַז נישט אַזוי האַנדלט מען, בפרט נאָך קעגן אַן אייגענעם אָנקל, וואָס מיינט בלויז דיין טובה, רק דיין טובה . . .

נאָר ווען גראַף האָט אַרויסגייענדיק פון צימער געהערט הינטער זיך דעם פאַרשטיקטן געלעכטער פון גאַנצן שאַפּ, איז ער געוואָרן אָנגעצונדענער. ער מוז אַזאַ ממזר אָנלערנען. האָט ער באַשלאָסן, — אָדער זייַ אַ מענטש, אָדער גיי און ברעך אַ פוס!

אָבער אין אָוונט, ווען ער האָט באַטראַכט די פאַרענדיקטע אַרבעט — אַלץ אַזוי פיין, גלאַט און שפּאַרעוודיק — ער האָט נאָך אַזאַ באַלמעלאָכע ניט געהאַט — האָט ער זיך ווידער גענומען אויסרעדן:

— נישקשה, ער'ט זיך אויסגרינען . . .

קאַפּיטל III

אָן אָוונט

.1

אַ שײנער שפּעט־סעפּטעמבערדיקער פאַרנאַכט. קאַרסאָן דער פּאָעט, דער שטאָלץ פון וואָטערטאָון, וועלכער באַשײנט מיט זײנע לידער די פײנסטע ליטעראַרישע זשורנאַלן פון אַמעריקע, פינף דאָלאַר פּער שורה, — שפּאַצירט אין אַזאַ פאַרנאַכט אײנער אַלײן, אײנער אַלײן מיט מאַטווײ׳ען — זײן באַליבטן הונט — איבער די זיגזאַגיקע וואַלדיקע שטעגן אַף די וואודלאַנד־הויכן פון יענער זײט טײך, און ער זעט:

די האַרבסטיקע זון, אַ נאַקעטע, ווי אַ צעלאָזענע מיטליעריקע מעטרעסע, לאָזט זיך תאווה׳דיק אַרונטער צום טײך. זי וועקט דעם פאַרשלאָפענעם טײך און זי רעגט אים: „קוק מיך אָן: אָט בין איך — נאַקעט און פײערדיק!...״ דער טײך נעמט זיך רויטלען, רויטלען . . . מיטאַמאָל צינדט ער זיך אָן מיט קאָסמישער תאווה און שפּרײט אויס צעפלאַמטע אָרעמס איבערן מערב־האָריזאָנט . . . די זון — אַף דעם מאָמענט האָט זי געוואַרט — פאַלט־צו צום טײך מיט איר פלאַקער און וויקלט אים װילד אין אירע פלאַמיק־גאָלדענע, ווינטיק־צעברויזטע לאָקן . . . און דער הימל קוקט־צו און קוועלט, און די פאַרבן אַף אים בײטן זיך, בײטן זיך, און פאַלן אַף טורעמס, ווענט און גאַסן...

איז גוט דעם הימל, וואָס ניט ער האָט אַ שאַפּ אַף זיך, ניט אַ באָס איבער זיך, ניט ער ווײסט פון אַ טאָג האָרעוואַניע — וואָס דען זאָל אַ הימל טאָן, אויב ניט שפּיגלען קאָסמישע לײדנשאַפטן און מיניען זײ אין פאַרבן און אין פערזן פאַר קאַרסאָן דעם פּאָעט, פינף דאָלאַר פּער שורה? וואָס נאָך קען אַ הימל טאָן?

וואָס זאָלן אָבער טאָן מענטשן־קינדער, בײַ וועמען צײט און רוים זײנען צוגעשמידט צו די רעדער פון קאַלטע און פײנטלעכע מאַשינען, וואָס זויגן דעם זויערן שווײס פון זײערע לײבער, און דער הימל צוזאַמען מיט קאַרסאָנ׳ס פערזן זײנען פאַר זײ אַזוי הויך, און פרעמד, און נישטיק? וואָס זאָל טאָן אין אַזאַ שײנעם סוף־סעפּטעמבערדיקן פאַרנאַכט אַ מענטש־שקלאַף,

ווען דער האַר־באַס טוט אַ זאָג: „היינט מוזסטו אַרבעטן איבער־שטונדן, ביז אין שפּעטן אָוונט אַריין!"?

— טוט—טר־ר־ר—רר! טוט—טר־ר־ר—רר! — קלאַפּן־דרילעווען נאָך די שטעפּ־מאַשינען בײַ פּיליפּ גראַף אין פאַבריק. — טס—ס־ס—טס־ס־ס, — גליטשן זיך נאָך די לעדערנע פּאַסן אַרום מאָטאָר־רעדער. טאָג צי נאַכט — די מאַשינען אַרט עס ניט; זיי קענען אַזוי אָנגיין אייביק. נאָר די מענטשן, וואָס טרייבן און ווערן געטריבן פון די טומלדיקע מאַשינען, שווייגן שווער, אומהיימלעך. פון אַלע מענטשלעכע תּאוות איז בײַ זיי איצט געבליבן בלויז איינע:

— אהיים, אהיים! וואָס ווייטער פון דעם מאַרך־בויערנדיקן שטאָל־גערויש, און אויסציִען ערגעץ די אָפּגעטעמפּטע גלידער!

דער פאַרנאַכט ווייסט פון דעם אַלץ גאָרנישט. ער שפּילט זיך מיט דער קוואַדראַטנער פיר־שטאָקיקער פאַבריק־געביידע, וואָס שטייט אָפּגעזונדערט, גלייך און שלאַנק, אין אַ קליינעם נידעריקן געסל אונטן בײַם טײַך, ווי זי וואָלט דאָ אַוועקגעשטעלט געוואָרן בלויז פאַר זײַנעט וועגן, אַז ער זאָל זיך קענען שפּילן מיט איר. האָט ער, דער פאַרנאַכט, פון איין זייט אָנגעצונדן רויטע און פּורפּורנע פײַערן אין אַלע פענצטער פון די אויבערשטע עטאַזשן, ביז די געביידע האָט דאָרט אויסגעזען ווי אַ מין מאָדערנער, מעכאַנישער סנה, וואָס ברענט, און ברענט, און ווערט ניט פאַרברענט. פון דער צווייטער זייט געביידע האָט דער פאַרנאַכט אָנגעוואָרפן מער פאַרטושטע און מעלאַנכאָלישע קאָלירן און די פענצטער האָבן זיך דאָ צעגלאַנצט מיט אַלערליי פאַרבן, ווי געבראָכענע שפּיגלען — געל־גרין, אַשיק־ראָז און ווײַן־קאָליר, בלוי און פיאָלעט.

אינעווייניק האָבן די מידע שווער־שווײַגנדיקע פּנים'ער אין דעם אויס־טערלישן פאַרנאַכטיקן שײַן געגומען אויסזען קרענקלעך־פאַררוויטיקט, געל־זיכטיק, ניט־דאַאיק, פאַטעטיש, ווי פאַרוויאַנעטע בלעטער, וואָס אָט, אָט פאַלן זיי אַרונטער פון בוים.

מאָריס קליין האָט געכאַפּט אַ קוק אויף דעם פאַרנאַכטיקן פאַרבן־שפּיל אינדרויסן, באַטראַכט די פאַטעטיש־אילומינירטע פּנים'ער אַנטקעגן אים, און עס זײַנען אים געקומען אין קאָפּ די פערזן פון קאַרסאָנ'ס אַ ליד, וואָס ער האָט אויסגעלערנט פון אויסנווייניק פאַר דער אָוונט־שול:

פון גלאַנציק, גליטשיק־גלאַט גאָלד
האָט מיר דער שפּעטער האַרבסט
געשמאָלצן אַ פאַלשן זומער־טאָג.

האָב איך באַפוילן דער זון:
— אַראָפּ!
און כ'האָב דעם טאָג
פון שפּיץ פון באַרג,
ווי משה די לוחות פון שטיין,
אַרונטערגעשליידערט, —
צום נאַכטיקן תהום.

ברעקלט זיך דער טאָג,
און קייקלט זיך,
אַראָפּ, אַראָפּ.

ברעקלט זיך דער טאָג, אַראָפּ, —
און איך
קלייב רגע'ס פאַרביקע,
בלוטיקע,
פון אָוונט־וויין באַזויפּענע,
און וועב פון זיי מיין ליד.

א גליקלעכער מענטש, דער פּאָעט קאַרסאָן, — האָט מאָרים געקלערט: דער טאָג, די זון, די גאַנצע וועלט זיינען פאַר אים שפּילכלעך בלויז, זאַכן פון שיינקייט, ניט מער; זיי געפעלן אים ניט, צעברעכט ער זיי — וואָס האָט ער צו פאַרלירן? די שערבלעך זיינען פאַר אים ווערט דאָס געלט...

א שאָד, וואָס ער קען היינט ניט גיין אין אָוונט־שול, האָט מאָרים געקלערט. ס'וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו דיסקוסירן אין קלאַס אַזאַ ליד. ער האָט אָבער היינט א וויכטיקערע אויפגאַבע. יאָ, ער מוז באַלד לאָזן וויסן אַנאַ'ן. ער דאַרף זיך מיט איר טרעפן באַלד נאָך דער אַרבעט.

.2

דער זיג פון דער מאַשין איבערן מענטשן איז שפּעט אין אָוונט געווען פולשטענדיק. א גאַנצן טאָג איז אין דער פאַבריק אָנגעגאַנגען א פאַרמעסט צווישן די מענטשלעכע און מעכאַנישע קולות אין איר. דער מענטש האָט זיך באַ דער אַרבעט געוועבט זיין אייגן געוועב פון געזאַנג און גלייכווערטל און אָנגעפילט דעם שאַפּ מיט א לעבעדיקער און אימפּעטיקער מענטשלעכער

דינאַמיק, וואָס האָט ווייך געמאַכט און באַהערשט די בלינדע באַוועגונג פון שטאָלענע רעדער און לעדערנע פּאַסן. צום סוף האָט זיך דער מענטש פאַרמאַטערט און איז שטיל געוואָרן. אפילו דער אומרואיקער און אומדערמידלעכער מאָרים קליין פירט איצט קוים מיטן מעסער איבערן לעדער, און ער שווייגט. דער אומאויפהערלעכער, שטענדיק דער זעלביקער מאַשינאָווער געטראַסק שטרייכט אונטער און מאַכט שווערער די מענטשלעכע שטילשווייגעניש. מען זעט: די שטאָלענע ראָד האָט איצט די פולע שליטה, און דער מענטש גיט זיך אונטער — ער שווייגט, און די הענט שטייען בא אים אָפּ; זיי קענען קוים מיטהאַלטן מיטן מעכאַנישן געיעג, און זיי שלעפּן זיך, ווי מידע פערד אין אַ ליימענער בלאָטע.

בלויז מיסטער גראַף איז אַן אויסנאַם. ער איז איצט דער איינציקער זשוואַווער מענטש אין דער גאַנצער פאַבריק. זיינע חושים זיינען איצט בא אים שאַרפער ווי תמיד, און ער רוט ניט. ער זעט און הערט, דאַכט זיך, אַלץ מיטאַמאָל. ער איז אומעטום מיטאַמאָל — אָט אין איין שאַפּ־צימער, אָט אין צווייטן; אָט אויף איין שטאָק, אָט אויף אַן אַנדערן; אין אָפיס, און ווידער אין שאַפּ — וואו נעמט זיך דאָס אַזויפיל גבורה צו אַ מענטשן! און כאָטש יעדער קוק און יעדער ריר זיינער זאָגט: גיכער! „האָרי־אַפּ”!, איז גראַף איצט פונדעסטוועגן אַזוי ווייך, אַזוי גוטמוטיק און פריינטלעך — אַן אמת'ער גוטער ברודער. אָט העלפט ער ארוים איינעם, אַ צווייטן. ער העלפט אפילו דזשאָו דעם שיק־אינגל שטופּן אַ האַנט־טראַק מיט שיך צום עלעוויטאָר, פאַרן פּאַק־צימער אויף אַן אויבערשטן שטאָק. גראַף וויצלט זיך מיט זיין שיק־אינגל, ווי מיט זיינס גלייכן. „דזשאָו”, זאָגט ער צו אים, „עפּעס זאָמסטו מיר זיך צו לאַנג אין פּאַק־צימער, לעבן אַנאַ'ס טיש.” זעט ניט דזשאָו די שמייכלענדיקע קנייטשן פון ביידע זייטן פון מיסטער גראַפ'ס נאָז און ער פאַרענטפערט זיך:

— איך האָב בלויז אַ קוק געטאָן דורכן פענצטער. די זון פאַרגייט אַזוי שיין איבערן טייך.

גראַף פּלאַצט פון געלעכטער:

— כי, כי, כי! כע, כע! איר הערט וואָס דזשאָו זאָגט? — רופט ער אוים איבערן גאַנצן צושנייד־צימער. — ער קוקט ניט אויף אַנאַ'ן, נאָר אַפן זון־אונטערגאַנג... זאָל איך אים גלויבן?

דער אַלטער בעל־מלאכה און גוטער ברודער האָט זיך איצט דערוועקט אין גראַפ'ן. קענטיק, ער איז אונטערן איינפלוס פון עפּעס אַ שטאַרקער און פריידיקער עמאָציע.

— ס'איז די פרייד פון באזיץ, פון מיינס, וואָס וואַקסט פאַר די אויגן, — טראַכט מאַרים.

ווען גראַף איז אוועק האָט מאַרים אַף שנעל אָנגעשריבן עטלעכע ווערטער אַף אַ שטיקל פּאַפּיר און אַ וואונק געטאָן צו דזשאָו'ן.

— דזשאָו, — האָט ער אים געזאָגט שטיל, ווי אין אויער אַריין, — גיב דאָס אַנאַ'ן, אָבער ש—ש !...

בא דזשאָו'ן האָבן די אויגן אויפגעלויכטן. ער האָלט שטאַרק פון מאַרים'ן און ס'טוט אים הנאה וואָס מאַרים פאַרטרויט אים אַזאַ וואַזשנע און אינטערעסאַנטע שליחות. האָט ער געענטפערט מיט אַ וואונק און אַוועק־געלייגט די שפּיץ פינגער פון דער לינקער האַנט אַף דער רעכטער ברוסט. דאָס האָט געהייסן: „קענסט זיך אַף מיר פאַרלאָזן." דאָס געהיימע צעטעלע איז אויגנבליקלעך פאַרשוואונדן בא דזשאָו'ן אין אַ קליינער הויזן־קעשענקע.

ער האָט ניט געוואַרט אַפן עלעוויטאָר, דזשאָו, נאָר ער איז געלאָפן מיט די שטיגן. אַפן וועג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט כאַפּן אַ קוק.

„עס מאַכט נים", האָט ער זיך אויסגערעדט, „קיינער וועט ניט וויסן, אַז איך ווייס עפּעס. און סיי־ווי — אַן אָפן צעטעלע מעג מען לייענען..."

ער האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי אַ קאָנספּיראַטאָר, אַרויסגענומען דאָס שטיקל פּאַפּיר פון דער הויזן־קעשענקע און זיך אָנגעשטרענגט צו לייענען.

„דעם איט!" — האָט ער אויסגערופן אַן אַנטוישטער — „ס'איז אין אַ פרעמדער שפּראַך! אין פּויליש, מסתמא..."

3.

אַנאַ קאָוואַלסקי, שלאַנק, קאַשטאַן־ברוינע האָר, מיט פריילעכע, עטוואָס לענגלעכע, ליכטיק־ברוינע אויגן, איז געשטאַנען בא אַ לאַנגן טיש אין פּאַק־צימער און מיט שנעלע, מעכאַנישע באַוועגונגען אַרויסגענומען די שיך פון איין טראַק, פּאַרפּאַקט זיי אין פּודלען, און געלייגט די פּודלען אין אָרדענונג אין אַ צווייטן טראַק אַריין. אַף יעדן פּודל האָט זי אָנגעקלעפּט אַ צעטעלע מיט דעם נומער, קאָליר און גרויס פון די שיך, און אונטן די ווערטער: „געפּאַקט פון נומער 14" — אַנאַ'ס נומער.

ווען אַנאַ איז אָנגעקומען אין דער פאַבריק איז איר נומער געווען מיט איינס ווייניקער — דרייצן. האָט בא איר דאָס האַרץ אַ גאַנצן טאָג געקלאַפּט און די קני האָבן זיך געזעצט. די נומערן האָבן איר געשטאָכן די אויגן פון די צעטעלעך אַראָפּ און איר געסטראַשעט מיט אומגליק. עטלעכע שעה אַזוי.

ביז ס'האָבן זיך איר געשטעלט טרערן אין די אויגן און זי האָט זיך צעוויינט: ניין, זי קען מער ניט! האָט איר די פּאַרליידי געשיקט אין אָפּיס, צו מיסטער גראָף. דער באַלעבאָס האָט אַ קוק געטאָן אויף דער יונגער, פּאַרוויינטער „שיקסל", אַ שמייכל געטאָן, און געהייסן העכערן איר דעם נומער אויף פּערצן. איר געהאַלט איז געווען פּונקט גוט — צוועלף דאָלאַר אַ וואָך, ניט דרייצן... און אָוונט האָט זי דערציילט איר ברודער טאָני, צו וועמען זי איז דעמאָלט נאָר־וואָס אָנגעקומען פון דער היים אין לייקוויל, אַז זי האָט געפונען אַרבעט. אַ טייערער פּלאַץ און גרינגע אַרבעט, האָט זי זיך באַרימט, און דער באַלעבאָס, אַ איד, איז אַ טייערער מענטש...

אויסגעליידיקט אַ טראָק, דאַרף מען זיך נעמען צו נאָך איינעם. דערוויילע האָט זי געפּרואווט אַ כאַפּ טאָן דעם אָטעם און אויסגלייכן דעם רוקן, וואָס האָט שוין דווקא געוואָלט בלייבן געבויגן נאָך אַזויפיל בויגן זיך איבער די טראָקס. זי האָט אויף אַ מינוט געכאַפּט אַ קוק אין פענצטער, פון וואַנען מען זעט אַ שטיקל טייך, און פונדערווייטנס דעם הויכן ברעג פון לאַראַבי היל, די מיליאָנערישע פּאַרשטאָט פון יענער זייט טייך. אַ רויטער אָפּשיין פון זון־פּאַרגאַנג האָט זיך אַ שפּיל געטאָן מיט אירע האָר און מיט איינער פון אירע באַקן און זי דערמאָנט פריער אָן לייקוויל, דערנאָך אָן מאַרים'ן, און ווי נאַריש זי איז אַמאָל געווען. געמיינט, אַז אַ באַלעבאָס שמייכלט און העכערט דיר דעם נומער, איז עס אַ גאַנצער גליק. איצט ווייסט זי שוין — מער ווי אַ נומער וועט דיר דער באַלעבאָס מיט גוטן ניט העכערן...

וויפיל זאַכן זי האָט אין עטלעכע חדשים געלערנט! פריער האָט זי ניט אָנגעהויבן צו וויסן וואָס ס'טוט זיך אויף דער וועלט. זי האָט געמיינט, די וועלט איז צעטיילט אויף אָן אַ שיר מינים מענטשן — אַמעריקאַנער, פּאָליאַקן, איירישע, שוועדן, און איטאַליענער, און אידן, און קאַטאָליקן, און פּראָטעסטאַנטן, און ווער ווייסט וויפיל נאָך. איצט ווייסט זי, די וועלט איז צעטיילט אויף בלויז צוויי מינים: אַרבעטער און פּאַראַזיטן, וואָס לעבן פון יענעמס פּראַצע. זי ווייסט שוין פון יוניאָנס, און פון סטרייקס, און אַז אַרבעטער מוזן קעמפן צוזאַמען פאַר אַ בעסער לעבן, און אַז ס'וועט אַמאָל מוזן קומען אַ רעוואָלוציע, וואָס וועט אויסראָטן די פּאַראַזיטן, ווי פּאַרמערס ראָטן אויס פעלד־פּאַראַזיטן מיט גיפטיקע גאַזן... ס'איז נאָר שלעכט, וואָס איר פאַרהייראַטער ברודער, טאָני, וויל ניט איינשטימען מיט איר. „ס'איז אַ אידישע אידייע", זאָגט ער. וווערט זי אויפגערעגט: איז לענין געווען אַ איד? און אָט איז זי געווען בא אַ מיטינג, האָבן גערעדט אמת'ע אַמעריקאַנער, און ווי גוט זיי האָבן גערעדט! ער, טאָני, וואָלט דאָרט געמעגט זיין.

ער וואָלט עפּעס געלערנט. „אידן און רויטע", מאכט עס טאָני שוין אַ ביסל ברייטער. טוט עס אנאַ'ן אַ ביסל אַ טיאַבקע אין האַרץ. נאָך פאַרבליבן אַ מורא פאַרן וואָרט „רויטע". אָבער זי שטאַרקט זיך : „און אַז אידן איז וואָס ? קענען אידן ניט זיין גערעכט ? און רויטע זיינען די זעלבע מענטשן ווי אַלע, נאָר קליגערע." זי ווערט אַ ביסל תקיפ'ער באַ זיך פון אירע אייגענע רייד און זי גיט־צו : „אָט בין איך אַ רויטע — נו, בין איך ניט די זעלבע ווי געוועזן ?"

— צום טייוול ! מען דאַרף שוין אָנהויבן אַ נייעם טראָק !

שנעל, שנעל, מיט כעס, האָט זי גענומען וואַרפן די שיך פון אַ נייעם טראָק אין די פּודלען אַריין, און טראַכטן. נאָר גיי טראַכט, אַז דו קענסט פאַרבייטן די שיך, פאַרמישן די צעטעלעך און מאָרגן וועט מען דיר רופן אין אָפּיס, געבן דיר די עטלעכע דאָלאַר, וואָס דיר קומט, אין אַ פאַרמאַכטן קאָנווערטל, און זאָגן „סאָרי, באָט" . . . ווי ס'האָט דאָ ניט לאַנג פּאַסירט מיט דער נעגער־מיידל לינאַ.

— אנאַ !

דזשאָו'ס קול האָט זי פּלוצלונג אויפגעוועקט. זי האָט אַ שמייכל געטאָן ווען זי האָט באַמערקט ווי סודות'דיק־קאָנספּיראַטיוו דער זיבעצן־יאָריקער אינגל קוקט אויף איר. ער האָט אַ וואונק געטאָן מיט איין אויגל און איר דער־לאַנגט דאָס צעטעלע.

— פון מאָרים'ן, — האָט ער איר אַ שושקע געטאָן אין אויער אַריין, און איז פאַרשוואונדן.

מיטאַמאָל האָט זיך דער מעכאַנישער געטראַסק אָפּגעשטעלט. די שטאָלענע ראָד איז פּלוצלונג פּאַראַליזירט געוואָרן און דער מענטש איז סוף־כל־סוף אַרויס דער זיגער. אַ לעבעדיקער, אימפּעטיקער מענטשלעכער גע־רודער האָט זיך פּאַנאַנדערגעשפּרייט איבער דער גאַנצער פאַבריק. אַ געלאַף, אַ געטופּעריי פון פיס, אַ הו־האַ פון רייד. ווי אַ שטראָם אַ פאַרשפּאַרטער וואָלט זיך אומגעריכט דורכגעבראָכן דורך אַלע ווענט און זיך צעפּלייצט ווילד, כאַאָטיש אַרום און אַרום. ווער ס'איז געלאָפן אין וואַש־צימער זיך אויף שנעל אַרומוואַשן און ווער ס'האָט אַ ברום געטאָן : „אין דר'ערד מיטן וואַשן !" און איז געלאָפן מיט לעצטן אימפּעט אַהיים.

אין רעסטאָראַן אויף לאַפּאַיעט עוועניו האָט שוין מאָרים געוואַרט אויף אנאַ'ן. זי האָט אים דערלאַנגט אַ וואַרעמע און ציטערנדיקע האַנט. דער היינטיקער טאָג איז פאַר איר נאָך ניט אינגאַנצן פאַרלאָרן, האָט זי געטראַכט. אָט איז אַ שטיקל פון דעם טאָג געראַטעוועט.

.4

אין רעסטאָראַן — אַ ווייך־פֿאַרשאָטנטער עס־זאַל פֿאַר מיטלקלאַס־מענטשן, וואו מ׳קריגט מער פֿאָרם ווי סובסטאַנץ, און מ׳צאָלט פֿאַר אַלץ, אַפֿילו פֿאַר דעם פֿערטל שמייכל פֿון דער אָנגעקראָכמאַליעטער קעלנערן — איז געווען שטיל און שלעפֿעריק. ס׳איז געווען שוין לאַנג נאָך דער געוויינלעכער צייט פֿון אָוונט־מאָל און אין רעסטאָראַן איז געווען ליידיקלעך. די מערסטע געסט זיינען געווען מיטליעריקע מענער און פֿרויען — די מענער געקליידט קאָנסערוואַטיוו, די פֿרויען אויסגעפּוצט אין שרייענדיק־מאָדישע קליידער; מ׳איז געזעסן מיט שטאָט באַ ווייס־געדעקטע טישלעך, מאַניפּולירט גאָפּל־מעסער און אַנדערע עס־מכשירים, ווי עקספּערטן, און מ׳האָט געגעסן לאַנגזאַם און פֿייערלעך, אַלץ לויטן לעצטן וואָרט פֿון עמילי פּאָסט׳ס נייסטן בוך פֿון עטיקעטן. באַם עסן האָט מען גערעדט זייער קאַרג — אַ ביס, און אַ שלונג, און אַ וואָרט, און נאָך אַ ביס, נאָך אַ שלונג און נאָך אַ וואָרט; און אַזוי שטיל, אַז מען האָט קוים געקענט זען ווי די ליפּן באַוועגן זיך. מ׳האָט געזען, די מענטשן קענען זייער מאַנירן־תורה פֿון אויסנווייניק.

מאָרים איז אַהער אַריינגעפֿאַלן ווי אַ קאָזאַק אין אַ סוכה. ער איז אָבער געווען צופֿרידן: מען וועט זיך באַם עסן אַ ביסל אָפּרוען. און ווען אַנאַ איז געקומען האָבן זיי זיך אָפּגעזוכט אַן אָפּגעזונדערט ווינקל, וואו אַנאַ איז אַוועקגעפֿאַלן אַפֿן שטול און געבליבן זיצן, ווי זי וואָלט נאָר־וואָס אַרויס פֿון אַ טשאַד. מאָרים האָט גענומען נישטערן אין דער שפּייז־קאַרטע און קנייטשן דעם שטערן. זיינע אויגן האָבן געקוקט ניט ווי אויף אַ ליסט פֿון פֿאַרשפּייזן, געטראַנקען און מאכלים, נאָר ווי ער וואָלט געזוכט אַ שפּור פֿון אַ שטערן פֿון דער פּופּצנטער גרויס צווישן טויזנטער גרעסערע שטערן אויף אַן אַסטראָנאָמישער קאַרטע...

אַנאַ איז געזעסן מיט ביידע עלנבויגנס אָנגעשפּאַרט אַפֿן טישל (פֿאַרברעכן נומער איינס קעגן דעם עטיקעטן־קאָדעקס) און אַ לייכטע איראָניע האָט זיך געשפּילט איבער דער מידער פֿאַרוואָלקנטקייט פֿון איר קינדיש־ליבן פּנים צוקוקנדיק ווי פֿלייסיק און גרינטלעך מאָרים האָט שטודירט די שפּייז־קאַרטע.

— איך בין מיד, איך וויל שלאָפֿן, — האָט זי געזאָגט און האָט אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף אירע הענט, וועלכע זי האָט אויסגעשפּרייט איבערן טישל, ווי זי וואָלט זיך געקליבן כאַפּן אַ דרימל. (פֿאַרברעכן נומער צוויי.)

מאָריס האָט אַנטוישט אַוועקגעוואָרפן די קאַרטע פון זיך מיט אַן אויס־דרוק, ווי: „וויים איך וואָס! אומזיסט מיין זוכן!"

דערזען אַנאַ׳ס קאָפּ אַפן טישל און דערפילט דעם ריח און דעם רייץ פון אירע רייכע קאַשטאַן־ברוינע האָר, האָט זיך מאָריס ווי אויפגעכאַפּט. ער האָט אונטערגעהויבן איר קאָפּ מיט ביידע הענט (נאָך אַ פאַרברעכן!) און זי אַ קוש געטאָן אין שטערן (קרימינעל!), אין ביידע פאַרמאַכטע אויגן (שווידערלעך!), און אַפּגעלאָזט.

די הויכע, שלאַנקע אויבער־קעלנערן אין אַ גרינעם מיט ווייס געפּוצטן אוניפאָרם, וועלכע איז גראד אין דעם מאָמענט צוגעקומען מיט אַ גרייטן שמייכל (מוסטער עף־53), איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע אין אַ נייטראַלער פּאָזיציע, דער שמייכל פאַרגליווערט אַף איר אָפיציעלן געזיכט, און איז אוועקגעגאַנגען מיט אַ מינע, ווי: „מיר מישן זיך ניט — ווען איר וועט פאַרטיק ווערן, לאָזט אונז וויסן..."

אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אויפגעעפנט אַ פּאָר שמייכלענדיקע ליכטיק־ברוינע אויגן, ווי זי וואָלט גאָר קיינמאָל ניט מיד געווען, האָט אַנאַ איראָניש־אָפּלאַכנדיק אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם:

— נו, שוין, דאַנקען גאָט! קענסט שוין דעם מעניו פון אויסנווייניק?

מאָריס האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איינער וואָס האָט שוין אויפגעגעבן די לעצטע האָפענונג.

— שיינע רעסטאָראַנען באַ אייך אין אַמעריקע, — האָט ער פאָרגעוואָרפן אַנאַ׳ן, ווי זי וואָלט שולדיק געווען. — מען דערלאַנגט דיר אַ מעניו, אַ גאַנצע מגילה, און קיין סימן פון הערינג, ווי ס׳וואָלט גאָר קיין הערינג אַף דער וועלט ניט געווען...

— אָ! אַזוי?! — האָט אויסגערופן אַנאַ שטיפעריש, מיט געמאַכטער סימפּאַטיע.

— זאָג מיר צו, אַז דו׳סט מיר קאָרמענען מיט הערינג, און איך גיי שוין מיט דיר חתונה מאַכן. אָפּגעמאַכט? — האָט מאָריס אין דעם זעלביקן שטיפערישן טאָן פאָרגעשלאָגן.

— פע! איך האָב פיינט דעם ריח פון הערינג, — האָט אַנאַ אַ קרים געטאָן די נאָז. — פאָלג מיך, האָב חתונה מיט גאָסי׳ן. באַ איר וועסטו זיין באַזאָרגט מיט הערינג אַפן גאַנצן לעבן...

— גיי שוין, גיי! — האָט זיך מאָריס אָפּגעטרייסלט. — ס׳וועט זיין שוין צופיל הערינג!...

— אויב אַזוי, וועסטו זיך מוזן פאַרלאָזן אַף מיר, — האָט אַנאַ דער־

קלערט מעשה אַטאַריטעט, און באַלד גענומען די סיטואַציע אין די הענט. זי האָט צוגערופן אַ קעלנערן און מיט איר הילף איז די עס־פּראָבלעם שנעל געלייזט געוואָרן.

אָנגעהויבן עסן, זיינען ביידע ערשט רעכט הונגעריק געוואָרן. מאָריס האָט אפילו קיין פאַרזוך ניט געמאַכט צו צאַמען זיין אַפּעטיט. פאַרקערט, ער האָט אָפּגעלאָזן די לייצעס און געלאָזן דעם ווילדן אינסטינקט לויפן אַ מייל אַ מינוט. ער האָט, ווי אַ וואַנדאַל, געבראָכן גאַנצע סעקציעס פון דעם עטיקעטן־בוך מיטאַמאָל און געטראָטן מיט די פיס עמילי פּאָסט׳ס גאַנצע תורה. די פאַרשיידענע צוגעפּוצטע געריכטן, וואָס מען האָט דערלאַנגט — אין פינגער־הוטן, פאַר ליאַלקעס, האָט מאָריס געקלערט — זיינען פאַרשוואונדן אַזוי שנעל ווי זיי זיינען נאָר געקומען אונטער דער ספּערע פון זיינע גאָפּל־לעפל. באַלד איז ער געבליבן אָן אַ שטאָך אַרבעט. ער איז געזעסן און מעלאַנכאָליש באַטראַכט דאָס מאַסיווע מאַהאָגאַני־טישל, ווי ער וואָלט שטודירט די שפּייז־מעגלעכקייטן דערפון...

— האַלט איין די לייצעס, — האָט זיך אַנאַ באַ אים געבעטן. זי האָט אים געפּרואווט ווייזן ווי מען דאַרף זיך האַלטן אין אַזאַ פּלאַץ. דאָס האָט אָבער נאָך ערגער געמאַכט — ער האָט גענומען אַרגומענטירן מיט איר און באַווייזן, אַז די אַמעריקאַנער עס־מעטאָדן זיינען גאָרניט „עפּישענט". פאַר־קערט, אין זיי ליגט אַ גוואַלדאָוונע פאַרשווענדונג פון ענערגיע און מיטלען. ער האָט עס גענומען באַווייזן דורך דעמאָנסטראַציעס מיט לעפל־גאָפּל־מעסער אַף די ליידיקע טעלער. ס׳איז געווען זייער קאָמיש און אַנאַ האָט זיך צעלאַכט הויך, אַף אַ קול.

אַלע אין רעסטאָראַן האָבן זיך אומגעקוקט שרעקלעך שאָקירט:

— באַרבאַרן!

פון דאַנען און פון דאָרטן האָט אַ מיד פאַרעלטערט אויג געכאַפּט אַ זייטיקן קוק פול מיט קנאה אַף דעם יונגן ניט־געצאַמטן פּאָרל.

.5

אַנאַ האָט געוואַרט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז מאָריס האָט עפּעס וויכטיקס איר צו זאָגן. פרעגן האָט זי אָבער פיינט. ער וועט פאַרטיק ווערן, וועט ער איר אַליין זאָגן.

אָפּגעגעסן, פאַררויכערט פּאַפּיראָסן און געשוויגן אַ ווײַלע. און פלוצלונג:

— דו ווייסט, אַנאַ? ראָבערט לומיס, דער וועסטערן אָרגאַנייזער פון

דער שיך־ארבעטער יוניאָן, איז דאָ אין וואָטערטאַון. ער וויל דיך זען.

— מיר ? !

— ניט דיר אליין. ער וויל זען עטלעכע ארבעטער פון אונזער פאבריק, וועמען מען קען געטרויען. בעסער וואָלט געווען צו רופן איינעם פון יעדער סעקשאָן. אָפּ דעם איז אָבער ניטאָ קיין צייט — מיר מוזן עס נאָך היינט אָוונט מאכן. וועלן מיר זיך מוזן באנוגענען מיט איינעם פון יעדן פלאָר. דו וועסט פארטרעטן דעם גאנצן דריטן פלאָר. ווי געפעלט עס דיר ?

— היינט אָוונט ! וואו ?

— אין האָטעל „פּאַדוקא". בא ראָבערט לומיס אין צימער.

אנא האָט זיך דערפרייט. זי האָט שוין לאנג געוואָרט מען זאָל עפּעס נעמען טאָן און איינשטעלן א טאָלק צווישן די ארבעטער. אָט האָט מען „געפייערט" לינא'ן, די נעגער־מיידל, פאר א קליינינקייט, און גאָרניט. די מיידלעך האָבן געקוועטשט מיט די פּלייצעס און באדויערט, א טאָג, צוויי טעג, און פארגעסן. אין אנדערע סעקשאָנס האָט מען גאָרניט געוואוסט דערפון. און מאָרגן וועט מען דאָס זעלביקע טאָן מיט איר, צי מיט אימיצן אנדערש. וואָס פאר א ווערט האָט אן איינצלנער ארבעטער אָן א יוניאָן ? רעדט מען מיט די ארבעטער, גיבן זיי צו, אז ס'איז אזוי, און מען בלייבט באַם רעדן. איצט וועט מען טאָן. גוט !

אנא האָט איצט גערעדט שנעל, ענערגיש, און אויפגעלייגט. יעדער שפּור פון מידקייט און אויסגעשעפּטקייט נאָך דעם לאנגן און שווערן טאָג ארבעט איז בא איר פארשוואונדן. זי האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעקעמט אירע פולע, כוואליעדיקע האָר, צורעכט געמאכט אָפּ זיך איר טונקל־בלוי מיט ווייס געפּוצט לייוונטן קליידל, אָנגעטאָן אָפּ זיך איר שמאָל־ראנדיק ווייס מיט בלוי געפּוצט היטעלע, איר העל־רויטן מאנטל — אלץ געקויפט מציאות, און שוין א יאָר ארויס פון דער מאָדע, אָבער א מיידל ווי אנא איז שיין גענוג אָן א מאָדע — און גענומען מאָרים'ן פארן אָרעם, און געגאנגען פאר א שפּאציר ביז דער באשטימטער צייט צו טרעפן זיך מיט ראָבערט לומיס, דעם יוניאָן־אָרגאניזער.

.6

אינדרויסן. לאפאיעט עוועניו איז שוין געווען באלויכטן, אויסגעפּוצט און גרייט פאר איר נאכט־לעבן — וואָטערטאַון אימיטירט אין אלץ ניו יאָרק און שיקאגאָ, נאָר אָפּ א פּיל קלענערן מאסשטאב. די פּאָר גרויסע מואווי־וואָדעוויל טעאטערס, און דער בורלעסק־טעאטער אָפּ א זייטיקער גאס לעבן לאפאיעט עוועניו, האָבן שוין מיט זייערע גרויסע עלעקטרישע שילדן געפלייצט

ליכט ארום זיך און געמאניעט צו זיך. פון א נאכט־קלוב איז ארויסגעקומען די ערשטע נאכט־שוואלב, א שיכור פון דעם העכערן סארט. ער האט זיך געוואקלט עטלעכע טריט, זיך אפגעשטעלט מורמלענדיק צו זיך, אוועקגעלייגט איין האנט אפן הארצן און מיט דער צווייטער האנט אפגעשטעלט א טעקסי און געהייסן זיך פירן צו נאך ערגעץ א „ספּיקיזי״, וואו ער וועט פראווען דעם צווייטן „סדר״, און דערנאך וועט מסתמא נאך קומען א דריטער „סדר״ — די נאכט איז גרויס.

גוט וואס א פריש צפון־מערב׳דיק ווינטל האט גראד אין דער צייט, פונקט ווי מאריס און אנא, ארומגעבלאנדזשעט פרעמד אף דער ברייטער, מיט פוסטער גאוה אנגעפּושטער עווניו, אף דער גאס פון נודנע, נאכטיקע פאר־געניגנס. דאס ווינטל האט געבראכט א ווייטן קילן גרוס פונעם ווינטער, וואס האט זיך שוין דעמאלט געשמאק געקליבן צווישן די אייזיקע בערג פון אלאסקא און אף יענער זייט פונעם יוקאן־טאל. שטיל און פלייסיק האט דאס ווינטל געקנייפּט די לופט און זי געמאכט פריש, טרוקן און שארף, כמעט פראסטיק, כאטש די טעמפּעראטור איז נאך געווען שיינע עטלעכע גראד העכער פונעם פריר־פונקט.

אט אזא ווינטל איז עס געווען, און ס׳האט זיך שנעל גענומען חבר׳ן מיט דעם פּארל, וואס האט געשפּאצירט אף לאפאיעט עווניו, זיך געהאלטן אזוי שקאציש, אן מאניערן, געשמועסט, געוויצלט זיך און פון צייט צו צייט זיך צעלאכט; ס׳האט זיי אפגעפרישט, געשטייפט די נערוון, געגלעט, געקילט, און זיי געבראכט אפן זינען אלערליי אנגענעמע געדאנקען און דערינערונגען. מיטאמאל איז דאס פּארל אנטשוויגן געווארן —ביידע האבן זיך פארטיפט אין זייערע אייגענע אינטימע געדאנקען.

מאריס׳ן האבן זיך אין געדאנק געפלאנטערט אלערליי זכרונות און אימפּרעסיעס פון זיין לעבן, זינט ער איז אויפגעוואקסן און ביז זיין באַ־ נעגעניש מיט אנא׳ן בא זיין פעטער אין דער פאבריק: די שפּאצירן אין די אוונטן און שבת באטאג אף דעם גוסיעווער וועג הינטער זיין געבורט־שטעטל, די ערשטע באגעגענישן מיט שטעטלשע באלעבאטישע מיידלעך, מיט וועלכע ער האט שוין דעמאלט ליב געהאט צו רייצן זיך; די נארישע דיסקוסיעס וועגן ציוניזם — ער איז נאך דעמאלט געווען א ציוניסט, אבער ער האט שוין ניט געקענט פארטראגן די קעלבערנע התפעלות פון די קליינשטעטלדיקע ציוניסטישע בטלנים; זיין אנקומען קיין ווארשע; די פריילן בערנשטיין, א פוסטע אנשטעלערקע און בעל־גאוה׳ניצע, מיט דעמאקראטישע פּרעטענציעס, אבער האט שטענדיק געמאכט צו פילן: „איך בין פריילן בערנשטיין, די

טאָכטער פון יאָזעף בערנשטיין, דעם רייכן מעל־סקלאַדניק, ציוניסט און בעל־צדקה" — ווי פיינט ער האָט זי געהאַט! — ער דערמאָנט זיך ווי ער האָט אמאָל, אַף איר זיס־שמייכלדיקער איינלאַדונג צו באַזוכן זי אין דער היים, אַ זאָג געטאָן: „איך האָב ניט קיין אינטערעס אין מעל־מסחר", און ווי זי איז אָפּגעשפּרונגען פון אים, ווי אַן אָפּגעבריטע; זיין שטעלן זיך אַרבעטן אין אַ וואַרשעווער שוך־פאַבריק, און ווי גרינטלעך דאָס האָט געענדערט זיין גאַנצן אויסקוק אַפן לעבן; ווי ער האָט ביסלעכווייז אויסגעפונען, אַז די וואַנט צווישן אידן און פּאַליאַקן איז אַ קינסטלעכע, און ווי ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער איינציקער וועג צו באַפרייען איין פאָלק איז צו באַפרייען אַלע פעלקער; זיין אָפּפאָר קיין אַמעריקע, און ווי האַרציק די אַרבעטער פון דער פאַבריק, אויך עטלעכע פּוילישע, האָבן זיך מיט אים געזעגנט; גאָסי, פּיליפּ גראַפּ'ס שוועסטער, ווי ער פאַראַכט זי (ער פילט צו איר ניט קיין שנאה, ווי ער האָט געפילט צו פריילן בערנשטיין אין וואַרשע, נאָר פאַראַכטונג); און איצט אַנאַ — ס'אַרא זיסע, עכטע מיידל, און ס'אַרא טייערע חבר'טע! זי דערמאָנט אים זיין קוזינע פייגל, וועלכע איז געשטאָרבן ווען ער איז אַלט געווען פופצן יאָר. זי איז געווען שיין, און שטיל און באַשיידן. אַ שטילע חכמה, פלעגט מען זאָגן אַף איר.

אַנאַ האָט געטראַכט וועגן אַ תכלית: חתונה האָבן. זי מיינט ניט קיין קירך־חתונה. זי וויל ניט קיין צערעמאָניעס, קיין גלח. זי וויל אָבער קענען פאָרשטעלן מאָרים'ן פאַר אירע עלטערן און זאָגן: אָט דאָס איז מיין חתן. איך האָב אים ליב ווי דאָס לעבן, און ער מיך, און מאָרגן אָדער קומענדיקע וואָך וועלן מיר חתונה האָבן. זי ווייסט: די מאַמע וועט וויינען: „מיט אַ אידן? ווייי איז צו מיינע יאָרן!... און וואָס וועט זאָגן דער גלח?" דער טאַטע וועט זאָגן: „אַ איד? האָט ער כאָטש אַ סך געלט?" איז מילא, מיט דער מאַמען וועט זי שוין דורכקומען. זי וועט זי אַרומנעמען, קושן, דערציילן מאָרים'עס מעלות, באַרואיקן מיט עפּעס אַ פּסוק פון דער ביבל, וואָס זי וועט פריער צוגרייטן. (זי וועט בעטן מאָרים'ן ער זאָל געפינען פאַר איר עפּעס אַזאַ פּסוק.) אָבער מיטן טאַטן וועט זי האָנדלען אַנדערש. זי וועט זיך אָן אים נוקם זיין. זי וועט אים זאָגן: „האָסט אַ טעות, טאַטע; מאָרים האָט גאָר קיין געלט ניט. ער איז אָרעמער פון דיר." ער וועט ענטפערן ביטערע: „אַ איד און האָט קיין געלט ניט? גיי שוין, גיי — דערצייל עס דער באָבען." וועט זי אים אַ שטאָך טאָן: „ער שיכור'ט ניט, און פונדעסטוועגן האָט ער קיין געלט ניט. ער זוכט ניט קיין געלט, נאָר פרייהייט און האָנאָר." דער טאַטע וועט זיך פאַרקרימען: „אַ איד זוכט האָנאָר?!

אַ! אודאי אַ רויטער!" און ער וועט זיך צעבייזערן. וועט זי זיך אוועקשטעלן גלייך אַנטקעגן אים, קוקן אים גלייך אין די אויגן אַריין און זאָגן: „טאַטע, אומזיסט דיין בייזערן זיך! איך בין שוין געוואָרן איין־און־צוואַנציק יאָר און איך קען טאָן וואָס איך וויל! גוד־באַי, פּאַפּאַ, ענד גוד־לאַק!"

זי האָט זיך ברייט צעשמייכלט, אַנאַ, און האָט זיך גענומען טוליען נעענטער צו מאָרים'ן, ווי זי וואָלט געוואָלט דעמאָנסטרירן פאַר איר פאָטער, אַז זי מיינט וואָס זי זאָגט. מאָרים האָט אַ קוק געטאָן אין אַנאַ'ס שמייכלענדיקע אויגן און ער האָט זי לייכט אַרומגענומען בא דער טאַליע. ער האָט געפילט ווי איר בלוט קוועלט־אויף פון זיין באַריר, און טאַנצט אים אַנטקעגן מיט באַגער.

— מיין אַנאַ! דו ביסט מיין גאַנץ לעבן! — האָט ער איר אַריינגעשעפּטשעט אין אויער אַריין.

— שוין צייט צו גיין אין האָטעל צו ראָבערט לומיס, — האָט אַנאַ אַ זאָג געטאָן, ווי זי וואָלט זיך נאַר־וואָס אויסגעטשוכעט פון אַן אנגענעמען חלום. זי האָט אָנגעוויזן אַפן גרויסן עלעקטרישן ציפערבלאַט, וואָס האָט אַראָפּגעשיינט צו זיי מיט זיינע צוויי וויזערס פונעם טורעם פון דעם מאַסאָניק טעמפּל, די העכסטע געביידע אין וואַטערטאָון.

קאַפּיטל IV

באַם טײַך

1.

אָקטאָבער. די זון, פאַרטראָגן אין חלומות פון איר לאַנג־פאַרשוואונ־דענער מאַיאָוועך יוגנט, בראַדזשעט קוים איבערן לײַמיקן הימל און בריה'ט זיך צו באַהאַלטן איר מידקייט. פון צײַט צו צײַט פּרואווט זי נאָך אַ ברען טאָן, אָבער ס'נעמט ניט. זי קלעטערט און קלעטערט, ביז זי שלאָגט זיך אַרויס פון די כחות און זי נעמט זיך שנעל אַראָפּלאָזן צום ראַנד פון האָריזאָנט.

פאַרנאַכט. די זון פּוצט זיך און פאַרבט זיך אַנטקעגן דעם הימל־שפּיגל און פּרואווט נאָך אָנצינדן דעם גרויסן טײַך מיטן פלאַקער פון איר נאַקעטקייט. אָבער דער פליסיקער ריז איז איצטער פאַרטאָן אין זיך. ער גייט זיך זײַן וועג מיד, פויל, און ער שווענקט זיך אין זײַנע אייגענע כוואַליעס, ווי אַ גבור אין דער זיכערקייט פון זײַן גבורה. נעמט די פאַרגייענדיקע זון זיך וויקלען אין אומעט און זי רוקט ביסלעכווײַז איר נאַכטיק געלעגער ווײַטער פון דעם טײַכ'ס צוקאָפּנס. אָט איז זי שטיין געבליבן הונדערט קלאַפטער פון אים, באַם ראַנד פון די באַוועלדערטע וואודלאַנד־בערגלעך, און זי פלירטעוועט דאָרט מיט די נאַקעטע ביימער. ער איז נאָך שיין, דער זונ'ס פלאַמיקער קערפּער, האַלב באַהאַלטן און האַלב אַנטפּלעקט צווישן די קאַלטבלוטיקע האַרבסט־ביימער. שפּילט זיך די זון אַזוי אַ ווײַלע אין דער פאַרנאַכטיקער מעלאַנכאָליע, און נעמט פאַרשווינדן. ציגדן זיך די גלייכגילטיקע ביימער פּלוצים אָן מיט דער שײַנקייט פון אייביקייט און שווײַגן אויס אַ בראַנדיק־גאָלדיקן רוף פון ליבע צו דעם אין גבורה דערוויטערטן טײַך...

אומזיסט. דער טײַך האָט שוין לאַנג די הויכן פאַרלאָזן און ער איז טויב צו זייער רוף... ער גייט צו דער נידער, צו דער נידער...

לאַנגזאַם און פאַרשאָטנט, ווי ברוגז, שפּאַרט זיך דער פּאַדוקאַ ריווער, וואָטערטאַונ'ס גרויסער טײַך, צווישן די וואודלאַנד־בערגלעך, וועלכע שטעלן אים אַלע ווײַלע אונטער אַ נײַ הינטער־פיסל און אַרבעטן מעשים צו פאַר־צאַמען זײַן גאַנג. אַרויסגעוואָרפן זייער טרחה — דער טײַך בויגט זיך אָט

אהער, אַט אהין,— ער באַלאַנסירט זיך קונציק, ווי אַן אַקראָבאַט אַף אַ שטריק, און ער זעצט פאַר זיין וועג ארונטער, אין שטאָט אריין.

און אַט איז דער טייך, אינעם קופער פון דעם זון־פאַרגאַנג, — דאָס גאָלד איז פאַרבליבן אַף די הויכן — אריבער דעם לעצטן באַריער און ער גיסט זיך פאַנאַנדער אזוי ברייט, און רייך, און שטיל און פאַרטראַכט. פון וואָס טראַכט ער, דער טייך, אזוי טיף און פאַרטראָגן? אפשר פון די וואַסער־ווילדערנישן אין דעם הויכן צפון־לאַנד, פון וואַנען ער שטאַמט אַפ? דער גרויסער טייך הויבט זיך דאָרט אָן ווי אַ קליין, אומבאַדייטנדיק שטראָמעלע, וואָס קוועלט ארויס פון ערגעץ אַן אומבאַקאַנטער זומפּיקער אָזערע, איינע פון הונדערטער, וועלכע וויקן די וועלדער און פאַרזומפּן די טאָלן באַ די ווייטע צפון־מערב גרענעצן פון די פאַראייניקטע שטאַטן. ווער קען זיי דען ציילן, די נאָמענלאָזע שטראָמעלעך, וואָס גיסן זיך אין יענע מקומות אריבער די ברעגן פון אָזערעס און ווערן, דאַכט זיך, פאַרלוירן אין דער זומפּיקער ווילדערניש? און ווער קען דאָרט דערקענען צווישן איין שטראָמעלע און זיין שוועסטער?

אזאַ אָנהויב האָט ער, וואָטערטאָון׳ס גרויסער פּאַדוקאַ ריווער — אָן יחוס, אָן באַזונדערער חשיבות, און דאַכט זיך, אָן אינדיווידואַליטעט; אַ מאַסאָווע זאַך, געבוירן אין דער טונקל און וועט, מיינט מען, אויך פאַרשווינדן אין דער טונקל, אָן אַ שפּור.

אַ טעות. דעם אָבסקוראַנטן שטראָמעבל איז באַשערט אַ העלע צוקונפט. דאָס קליינע, לויפנדיקע שנעקל, אַף וועלכן ווייניק קוקן זיך אום, פאַרנעמט זיך באַלד פון אָנהויב אַף גרויסע דרכים. שטילערהייט, אין געדיכט־שאָטנדיקע און אונטערערדישע באַהעלטענישן, זאַמלט עס כחות און ס׳גרייט זיך. עס שלאָפט ניט, און ס׳לויפט ניט פאַר זיך, נאָר עס קלייבט ביסלעכווייז צוזאַמען גאַנצע חברה׳ס אַנדערע, בלאָנדזשענדיקע, פאַרלוירענע שטראָמעלעך, ווי עס איז אַליין, און מ׳לאָזט זיך אוועק צוזאַמען איבער דער וועלט. אָט איז שוין דערפון אויסגעוואַקסן אַ פליינצדיק, שטראָמענדיק און שפּרינגענדיק טייכל, וואָס לויפט זיך אַף אַן אייגענעם וועג, לאַכט פון דער וועלט און שפּילט זיך מיט איר אין באַהעלטעניש — אָט פאַרשווינדט עס פלוצים פון די אויגן, און אוים; מיטאַמאָל: פליו... פליו.... ש־ור־ש... פליו, פליו... ש־ור־ש... ברוך־הבא — דאָס טייכל איז דאָ! און גרעסער און ווילדער ווי געוועזן. עס נעמט באַווייזן קונצן. אָט קלעטערט עס ארויף אַף אַ טוצן שטיינער מיטאַמאָל און — שפּר... שפּררר... שפּררררר... ס׳שפּרינגט ארונטער, און ס׳קערט זיך קאָזשעלקעס אין דער לופטן, און שוימט, און שפּריצט מיט ווייסער פּיענע,

און — ארונטער פון אלע שטיינער, לאזט זיך עם אוועק ווילד, ווי א משערערע ווילדע לאשעקלעך אף א פרעירי, — ארונטער, ארונטער.

עס ווערט אלץ ברייטער, טיפער, וואגיקער און באזאכטער אונטער דער שווערער משא פון וואסערן, וואס קלייבן זיך אין דעם. דאס טייכל איז געווארן א טייך. און וועגן ציען זיך שוין צו אים פון אלע זייטן, און אלערליי בריקן, הילצערנע, שטיינערנע און אייזערנע, שפאנען אים אריבער. און אט הויבט זיך אן דער ברייטער סצענישער אספאלט־שאסיי, וואס פאלגט פאר'עקשנ'ט נאך דעם יונגן טייך אף זיין קרומען וועג ביז וואטערטאון. דער וועג שטייגט ארויף אף בערגלעך, שניידט זיך איין אין פעלזנרונקס, לאזט זיך ארונטער אין טאלן, און שטייגט ווידער ארויף — נאר פון טייך טרעט ער ניט אפ.

ענדלעך פארלירט דער טייך דעם געדולד. ער כאפט נאך א לעצטן ברוגז'ן קוק אף דעם סצענישן אספאלט־וועג, וואס האט זיך צו אים צוגע־טשעפעט, און ער טוט זיך שארף א קער־אפ פון אים, לאזנדיק איינעם פון די העכסטע בערגלעך צווישן זיך און אים.

— אדער מיר, אדער דעם שאסיי! — אזוי שטעלט דער טייך שארף דעם אויסוואל פאר פארבייפארער. די מערסטע קלייבן אוים דעם גלייכן וועג קיין וואטערטאון, און זיי פארלירן באלד דעם טייך פון זייערע אויגן. בלויז געציילטע אטאס קערן זיך אפ פונעם ברייטן שאסיי און פארן ארונטער מיטן שמאלן זאמדיקן וועג באם ברעג פונעם טייך ביז דעם אריינפאר־הויז „וואטערוועי־נוק", וואס שטייט אף יענער זייט פונעם בערגל, באם סאמע טייך.

2.

אין יענעם פארנאכט אין אקטאבער — ס'איז געווען זונטיק — איז קארסאן דער פאעט אנגעקומען אין זיין אפענעם „האדסאן" — ער פארט שטענדיק אין אן אפענעם אטאמאביל, אפילו ווינטער־צייט — צו דעם פונקט וואו דער טייך שיידט זיך אפ פונעם שאסיי. נאך שעה'ען לאנג פארן פון די וואלדיקע און פול־באוואסערטע צפון־הויכן, איז ער געווען מיד און אויס־געהונגערט. האט ער פארלאזן דעם גלייכן, גלאטן וועג און איז צוגעפארן צום „וואטערוועי נוק", זיך אפצופרישן מיט א טרונק, שפייז און א ביסל רו. און אגב, קומען אין באריר מיטן פשוט'ן קאנטרי־פאלק, נאך וועלכן ער האט לעצטנס באזונדער געגומען בענקען.

אראפ פון אטאמאביל, מיט זיין רויטלעך־ברוינעם יאגד־הונט בא דער

זייט, האָט דער הויכער, קופּער־הויטיקער, דראָטענער קאַרסאָן—גלאַט ראַזירט, מיט אַ לאַנגער אָנטשלאָסענער רוימישער נאָז, און שיטערע, נאָר ווירדיקע גרויע האָר אויפן קאָפּ, און מיטן גלאַנץ פון וואַלד און וואַסער און דעם בלויען פאַרנאַכטיקן הימל אין די אויגן, — אויסגעזען ווי דער האַר פון אַ מיטל־אַלטערלעכן שלאָס ערגעץ צווישן די פעלזן פון אַ וויסטן ים־ברעג.

ער האָט זיך געפילט גרינג אונטער דער פּולער, נאָר לייכטער משא פון זיינע וואַקאַציע־דערינערונגען. האָט ער געלאָזן די פרישע, פול־בלוטיקע איבערלעבונגען און דערפאַרונגען זיך באַקן אין זיין זון־געוואַרעמטן זכרון, ווי מ'לאָזט רויע און גרין־זאַפטיקע פרוכטן זיך צייטיקן אין אַ געלעגער פון וואַרעם היי, און ער איז אַרויף אויף דער אָפענער וועראַנדע פון דעם אַריינפאָר־הויז, וואו דער פליכעוואַטער, מיטלוויקסיקער באַלעבאָס, מר. אָלסאָן, האָט זיך געאיילט אים צו באַגריסן מיט הכנעה'דיק־העפלעכער גוט־ברודערשאַפט און אים פאָרשלאָגן זיינע דינסטן.

קאַרסאָנ'ס וואַקאַציע: יאַגד אָדער פיש־פאַנגעריי אין די פרימאָרגנס, אַמאָל מיט איינעם אָדער עטלעכע פון זיינע רייכע פריינט, אַמאָל אַליין, אַליין מיט זיין אומצעשיידבאַרן חבר, זיין יאַגד־הונט מאַטוויי; שווימען שעה'ען לאַנג געלאַסן, אָן איבעריקער אָנשטרענגונג, מערסטנס אויפן רוקן; אַ פּאָר שעה שלאָף באַטאָג (קאַרסאָן פלעגט איינטיילן זיין שלאָף אויף צוויי חלקים — עטלעכע שעה באַנאַכט און אַ פּאָר שעה נאָכמיטאָג); דערנאָך אַ שפּאַציר מיט מאַטווייען, און אין די אָוונטן פלעגט ער מערסטנס זיצן אין דער ליטאַנקע פון זיין זומער־הויז (וועלכע איינער פון זיינע רייכע פריינט האָט אים געשאָנקען) און דיכטן זיינע לידער.

נאָך דעם ערשטן שנאַפּס, צוגעשטעלט מיט זאָדע־וואַסער, ווי ער האָט ליב, האָט אַ ווינט גענומען בלאָזן קיל און גלעטנדיק דורך דער אָפענער, מיט גרינסן און בלומען באַפּוצטער וועראַנדע. דער ווינט איז געקומען אין גוט־אָרגאַניזירטע, דיסציפּלינירטע כוואַליעס: אַ כוואַליע האָט אַ בלאָז געטאָן און איז אַוועק, דערנאָך אַ צווייטע, אַ דריטע, מיט אַלץ קירצערע איבעררייסן צווישן זיי. די ווינט־כוואַליעס האָבן זיך געיאָגט אַנטקעגן דעם שטראָם פון טייך, ווי גוט־מושטירטע רייטער־בריגאַדעס וואָלטן זיך פאַנאַנדערגעיאָגט אַלץ שנעלער און שנעלער אַנטקעגן דעם מיט בלוט פאַרגאָסענעם מערב־האָריזאָנט דאָרט צו באַגלייטן די פאַרגייענדיקע זון.

מיטאַמאָל האָבן די ווינט־כוואַליעס גענומען טראָגן אין קאַרסאָנ'ס אויערן אַריין אַקאָרדן פון אַ וווייטן געזאַנג. ער האָט זיך צוגעהערט צו די פון ווינט צעצויגענע טענער. ס'האָבן געזונגען, האָט ער דערקענט, אַ צאָל שטאַרקע

מענערשע שטימען, אויך פרויען, און דאָס זינגען איז באַגלייט געוואָרן פון א קאָנטשערטינע. ער האָט דערקענט א מעלאָדיע פון אן אלטן אמעריקאַנעם פאָלקס־ליד, וואָס ער האָט ניט געהערט שוין אפשר דרייסיק יאָר. דאָס האָט אויפגעוועקט אין אים דערינערונגען פון זיינע וואַנדערונגען איבערן לאַנד אין דער יוגנט. דעמאָלט פלעגט ער אָפט פאַרברענגען אָוונטן מיט בערג־לייט, נעגערס, פאַרם־אַרבעטער, באַן־אַרבעטער און „קאַובאָיס", וועלכע פלעגן זינגען פאָלקס־לידער, אמאָל פריילעכע, אמאָל אומעטיקע, און באַגלייט דאָס געזאַנג מיט פרימיטיווע אינסטרומענטן — פייפלעך, קעמלעך און מויל־האַרמאָשקעס — און אָפט מיט פרימיטיווע פאָלקס־טענץ.

ער האָט זיך איצט דערמאָנט א פאָר פערזן פון א פאָלקס־באַלאַדע, וואָס האָט אמאָל געמאַכט א טיפן איינדרוק אױף אים מיט דער טיפקייט, לירישקייט און פעסטקייט פון אירע ווערטער און איר מעלאָדיע. ער האָט גענומען מורמלען אין זיך:

On a summer's day while the waves were rippling, with a
quiet and gentle breeze;
A ship set sail with a cargo laden for a port beyond the seas.

(אין א זומער־טאָג, ווען דער ים ט'זיך געפּאַליעט, מיט א ווינטל שטיל
און צאַרט;
ט' א שיף פאַרזעגלט מיט פראַכט געלאָדן פאַר א ווייטן, ווייטן פאָרט.)

„האָט די שיף זיך אומגעקערט צוריק?" פרעגט זיך ווייטער אין יענער באַלאַדע, און דער ענטפער איז: ניין, זי האָט זיך קיינמאָל ניט אומגעקערט און איר גורל איז געבליבן אומבאַוואוסט.

האָט זיך קאַרסאָנ'ען געדאַכט, אז ער הערט איצט דאָס ווייטע, פאַר־געסענע געזאַנג פון יענער לאַנג־פאַרלוירענער שיף, פון זיין יוגנט. האָט זי זיך אומגעקערט צו אים? ניין, ס'איז א שיף אזא, וואָס ווייסט איין וועג — אהין, און קיינמאָל ניט צוריק! זי קערט זיך אום בלויז ווי א נעבלהאַפטער אָפּקלאַנג אין א פאַנטאַסטישן פאַרנאַכט, ווי היינט, ווען די גרענעצן צווישן ווירקלעכקייט און חלום ווערן פאַרווישט אין דעם פאַרביקן ליכט־און־שאָטן־שפּיל פון דעם זון־פאַרגאַנג. אָט הערט ער, דאַכט זיך אים, ווי די שיף קנעפט שטיל און ווייך מיט אירע טיפע רודערס דעם לייכט־צעכוואַליעטן ים פון זיין פאַרגאַנגענהייט:

„אין אַ זומער־טאָג ווען דער ים ט'זיך געפּאַליעט,
מיט אַ ווינטל שטיל און צאַרט . . ."

און איצט איז נישט קיין העלער זומער־טאָג, נאָר אַ טונקעלער האַרבסטיקער אָוונט, און דער ים, וועלכער פּאַליעט זיך פאַר אים אַזוי שטיל און צאַרט, פירט בלויז צו איין פּאָרט, צום לעצטן פּאָרט — צום טויט.

און אַט ברענגט אים דער ווינט צו טראָגן אַן אַקאָרד פון אַן אַנדער מעלאָדיע, אַ פריילעכע, אַ האַפּערדיקע, ווידער אַ באַקאַנטע פאָלקס־ליד. ער האָט זי אַמאָל געהערט אין מאָנטאַנאַ, צווישן באַן־אַרבעטער:

There is a red light on the track for Bolsum Brown,
For Bolsum Brown,
Bolsum Brown.

אַ רויט ליכט שטייט אויף די רעלסן און וואַרט—אויף וועמען? אויף באָלסום בראַון. ווער איז באָלסום בראַון? קאַרסאָן שטעלט זיך אים פאָר ווי אַ באַן־אַרבעטער אין אַ שווערן, טונקל־גרויען אוניפאָרם, מיט דעם הויכן היטל פון באַן־אַרבעטער אויפן קאָפּ. ער גייט פעסט און לאַנגזאַם, מיט אַ רויטער לאַמטערן אין דער האַנט — וואָס האָט ער זיך וואָס צו יאָגן? ער ווייסט, מ'וואַרט אויף אים — אַ רויט ליכט שטייט אויף די רעלסן און וואַרט. אויף וועמען? אויף אים, אויף באָלסום בראַון!

וועט דאָס רויטע ליכט אויך וואַרטן אויף אים, עמערי לענאַרד קאַרסאָן, דעם פּאָעט פון שטימונגען, אַמאָל שוואַרצע, יאָוש'דיקע, אַמאָל העלע און לייכטע, ווי עלפנביין, און שטענדיק דין און צאַרט? וועט עס וואַרטן? ער האָט זיך דערמאָנט די צווייטע סטראָפע פון דעם ליד:

Hop along, sister Mary,
Hop along.
(כאַפּ זיך אַרויף, שוועסטער מערי, כאַפּ זיך אַרויף!)

זאָל ער זיך אויך אַרויפכאַפּן? איז דאָרט פאַראַן פּלאַץ אויך פאַר אים?
קאַרסאָן האָט אַרויסגענומען זיין פעלד־שפּאַקטיוו פון רענצל און געקוקט אין דער ריכטונג פון וואַנען דאָס געזאַנג איז געקומען. אין אָנהויב האָט ער גאָרנישט געזען, אַ חוץ די שיינע רויט־געפאַרבטע פאַרנאַכטיקע לאַנדשאַפט, מיט דעם פּאַדוקאַ ריווער, וואָס שניידט זיך דורך אַ טיפן וועג צווישן בערגיקע

ברעגן. דאָס רויטע איז מיטאַמאָל פאַרשוואונדן פון דעם האָריזאָנט. בלויז א פּאָר שאַרפע פּאַסן רויט זיינען פאַרבליבן אפן ברעג הימל, וואו די זון האָט זיך געזעצט, און זיי האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אינעם טייך ווי רויטע רעלסן — א וועג פאַר אימיצנס א פייערדיקן צוג.

— פאַר וועמען א וועג? אפשר איז דאָס טאַקע דער וועג פאַר באָלסום בראַון? — האָט קאַרסאָן זיך געוואונדערט.

מיטאַמאָל האָט ער דערזען:

א מיידל מיט א בחור זיינען אַרויסגעקומען פון הינטערן בערגל און האָבן זיך אָפּגעשטעלט באַם ברעג טייך, פּונקט אַנטקעגן די צוויי רויטע רעלסן, וואָס האָבן דורכגעשניטן די גאַנצע ברייט פונעם טייך.

די מיידל, געקליידט אין ווייסן, מיט א לייכטן, רויטן מאַנטל, האָט אַנטקעגן דעם רויטן שיין פונעם ברעג הימל פון אויבן און דעם רויטן אָפּשיין פון דעם טייך פון אונטן אויסגעזען אינגאַנצן רויט, ווי אָפּגעטונקען אין פלאַמען, און ס׳האָט זיך געדאַכט — אָט שפּרינגט זי אין טייך אַריין און צינדט אים אינגאַנצן אָן.

דער פּאָעט איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם בילד. אָט, האָט ער געקלערט, זעט ער פאַר זיך זיין נייסטע סימבאָליסטישע פּאָעמע לעבעדיק פאַרקערפּערט, נאָר מיט א נייעם פּירוש, וואָס איז אים ביז איצט גאָרניט איינגעפאַלן.

און ער איז אַוועק מיט מאַטווייען פאַר א שפּאַציר באַם ברעג טייך.

3.

קאַרסאָנ׳ס נייסטע סימבאָליסטישע פּאָעמע מיטן נאָמען „מיר רייטערס די זיבן" איז אין יענעם מאָמענט דיסקוטירט געוואָרן אין ליטעראַרישע קרייזן איבערן גאַנצן לאַנד.

די פּאָעמע הויבט זיך אָן אַזוי:

ס׳איז דאָס לאַנד פאַרפלייצט פון ליכט,
ס׳איז דאָס לאַנד געטונקט אין שאָטן, —
ס׳איז א לאַנד, וואו גאָרנישט איז פליכט
און מוזן איז פאַרבאָטן;
וואו די בערגלעך אין דער זון
שטייען שוואַרץ, און שטאַר, און שטום,
און בענקען נאָך א שאָטן;

וואו די וועגן זיינען טונקל און קרום,
שטעכעדיק און גרין־באַלאַדן,
און האָפענונגלאָז פאַרלוירן;
וואו יעדער ערגעץ פאַרגייט אין טראָגן
א נייעם ערגעץ־נישט צו געבוירן;

אין יענעם לאַנד פון גאָר און גאָרנישט
האָבן מיר געריטן שווער,
מיר אַלע זאַלבע־זיבן:
איך און זי, און אונזער באַגער,
און צוויי מאָל צוויי —
אונזער ביידנס פליענדיקע פרייד
און פאַרגליווערטער קומער.
און ס׳האָט אונז שטילשווייגנדיק באַגלייט
מאַטוויי,
מיין פריינט דער שטומער.

האָבן מיר אַזוי געריטן,
מיר אַלע זאַלבע־זיבן:
איך מיט זיך, און זי פירפאַך אַליין,
און אונזער קומער אינדערמיטן.

האָבן מיר אַלע זאַלבע־זיבן
לאַנג געריטן, און שטיין געבליבן,
געבליבן שטיין און געקליבן
פולע, רונדע שעה׳ען, ווי קאַרעלן,
און ווי קאַרעלן זיי אָנגעצויגן
אפן טאָג׳ס פולן פיילנבויגן,
אַף דעם זונבויגן אפן העלן . . .

דאָס איז דער אריינפיר צו דער פּאָעמע. דערנאָך קומט די פּראָצעסיע פון נעקליבענע שעה׳ען: שעה׳ען פון פריען פרימאָרגן — זון־אויפגאַנג, פרייד; שעה׳ען פון יאַגד־נעיעג, רוי, פּרימיטיוו, ווילד; שעה׳ען פון בענקשאַפט און חרטה; שעה צו שעה איז ניט גליך — אמאָל זיינען זיי שווער, וואָגיק, אמאָל

לייכט, טאנצנדיק. און אזוי אנטוויקלט זיך די פּאָעמע: אַט אָטעמט זי שווער, בראָדזשעט און בראָדזשעט אין אַ וועגלאָזן פּלאָנטער, און אַט צעזינגט זי זיך קלינגענדיק, ווי אַ שטראָמענדיקער קוואַל, וואָס האָט זיך פּלוצלונג ארויס־געריסן פון אונטער דער ערד און צעטאַנצט זיך און צעשפּריצט זיך פריילעך אנטקעגן דער זון. נאָר ס'ענדיקט זיך, ווי אַלץ אין לאַנד פון גאָר און גאָר־נישט, זייער טראַגיש — מיט טויט און מיט גאָרנישט. בקיצור און פריי איבערגעגעבן איז דער סוף פון קארסאָנ'ס פּאָעמע אזוי:

דער מאַרש פון די שעה'ען האָט זיך געענדיקט און ס'איז געקומען אַ שעה ווי אַ שווארצער פלעק אַף אַ פּורפּור קלייד.
— אַף פּורפּור אַ שווארצער פלעק?
— ש־ש־ש, אַ פלעק פון שוואַרץ אַף טיף פּורפּור.
— טויט און אונטערגאַנג?
— יאָ, — האָט דער שאָטן־וואָרזאָגער געענטפערט די רייטערס די זיבן — טויט און אונטערגאַנג . . .
האָט דער דיכטער אין יאוש געריסן שטיקער פון זיין האַרץ און געוואָרפן פאַרן שאָטן־וואָרזאָגער, און די בלוט־שטראָמען פון דעם פאַר־וואונדעטן האַרץ האָבן געפארבט רויט דעם שוואַרצן פלעק אָפן הינטער־גרונט פון פּורפּור. און זי, וואָס האָט אים געוויקלט אין שעה'ען — פולע, רונדע מיידל־ברוסטן — שטייט, אַ רויט־שווייגנדיקער פלעק באַם ברעג פון דעם שוואַרץ־פּורפּורנעם אָפּגרונט . . . זי שפּרינגט, שפּרינגט, געשפּרונגען . . . פאַרשלונגען . . .
שטיל — טויט . . .
טויט — גאָרנישט . . .

„ווי שיין!“ האָט אויסגערופן באַגייסטערט דער שעף־רעדאַקטאָר פון דעם פּאָפּולערן ליטעראַרישן זשורנאַל, וואָס באַרימט זיך מיט אַ צירקולאַציע פון 537 טויזנט, ווען ער האָט איבערגעלייענט קארסאָנ'ס מאַנוסקריפּט.

„אַ מייסטערווערק!“ האָט זיך פּאָסמאַקעוועט דער געהילף־רעדאַקטאָר.

„אַ זעלטענע פּאָעטישע מאָזאַאיק — אַ סימפּאָניע אין ווערטער!“ האָט זיך פאַרכלינעט דער אָפיציעלער קריטיקער פון דעם פּאָפּולערן ליטעראַרישן זשורנאַל.

האָט זיך דער שעף־רעדאַקטאָר געזעגנט מיטן ארויסגעבער און דער ארויס־געבער האָט זיך באַראַטן מיט זיין אַנאָנסן־דעפּאַרטמענט און ס'איז באַשלאָסן

געוואָרן צו איבערראַשן קאַרסאָנ'ען מיט אַ ספּעציעלן באָנוס פאַר זיין נייער פּאָעמע.

אין אַ קורצער צייט אַרום זיינען אין אַלע גרויסע טעגלעכע ציטונגען פון לאַנד דערשינען פול־זייטיקע אָנאָנסן מיט אילוסטרירטע ציטאַטן פון קאַרסאָנ'ס נייסטער פּאָעמע, וועלכע איז באַצייכנט געוואָרן אַלס „דאָס מייסטערווערק פון דור" אין דער אַמעריקאַנער פּאָעזיע — קויפט דעם און דעם נומער פון „מעשה און פּאָעמע", דער גרעסטער און פּאָפּולערסטער ליטעראַרישער זשורנאַל אין דער וועלט. קאַרסאָן האָט שפּעטער געקראָגן אַ ספּעציעלן טשעק אויף 1000 דאָלאַר אַלס באָנוס (דער ארויסגעבער האָט דעם באָנוס צוגערעכנט צו זיינע אָנאָנסן־אויסגאַבן), אַ חוץ דעם געוויינלעכן האָנאָראַר, פינף דאָלאַר פּער שורה.

און אין אַ וואָך אַרום האָט זיך שוין פון איין עק לאַנד צום צווייטן, אין אַלע ליטעראַטור־ און טיי־סאַלאָנען פון אַטלאַנטיק ביזן פּאַסיפיק, פון איין ליטעראַריש־פּאַרפומירטער ליידי צו דער אַנדערער (צו די מענער האָט עס דערגרייכט אַ ביסל שפּעטער — נאָך אַ באַווייז פון דער אָפּגעשטאַנענקייט פון מענערשן געשלעכט אין אונזער העכסט־מאָדערנער צייט) געטראָגן ווי אַ ווירבער די פראַגע: „האָסט געלייענט קאַרסאָנ'ס „מיר רייטערס די זיבן"?" און: „אַך, ווי פּרעכטיק!" „אַ נייע איליאַדע!" און אין שאָפּענהאָוער־געשטימטע קרייזן: „די שיינקייט פון טראַגיק — די פרייד פון פּאַטעטיק — די ליידנשאַפט פון טויט!" . . .

.4

אין די העכערע קרייזן פון וואַטערטאָון האָט זיך געטאָן מעשים: אַ קליינינקייט — וואַטערטאָונ'ס איינענער דיכטער! אַזאַ כבוד פאַר דער שטאָט! אידן זיינען נאַטירלעך ניט אָפּגעשטאַנען. די „היברו ליטערערי סאָסייעטי" האָט אַראַנזשירט אַ ספּעציעלע פייערונג אין האָטעל „פּאַדוקאַ". מיס זיידמאַן, ערן־סטודענטקע פון דראַמאַטישער קונסט אין דעם אַרטיקן אוניווערזיטעט, האָט די פּאָעמע פאָרגעלייענט, און דר. אַרקין, אַ ציוניסטישער טוער און רעדאַקטאָר פון דעם „היברו סענטינעל", האָט געהאַלטן אַ לעקציע וועגן דעם ביבלישן איינפלוס אויף קאַרסאָנ'ען. ער האָט געצויגן אַ פּאַראַלעל צווישן „מיר רייטערס די זיבן" און „איוב".... דער סטודענט גראָס, פּרעזידענט פון דער „מענאָראַ סאָסייעטי", אַ זון פון דעם רייכסטן אידישן ריעל־עסטייט־מאַן אין שטאָט, האָט גערעדט וועגן דעם קלימאַט און דער נאַטור־שיינקייט פון

דער וואַטערטאָונער סביבה און זייער אַפּשפּיגלונג אין קאַרסאַנ׳ס שאַפונגען...

ארום הונדערט און פופציק פּערזאָן פון דעם סאַמע וואַטערטאָונער פּני איז דאַ געווען פאַרזאַמלט. מער ווי א העלפט האָבן געהערט צו דער יוגנט, סטודענטן און סטודענטקעס. און —

וואונדער איבער וואונדער! וואָס טוען פיליפּ גראַף, דער שיך־מאַנו־פעקטשורער, מיט זיין פרוי טילי און זיין שוועסטער גאַסי, בא אזא הויך־אינטעליגענטישן, ליטעראַרישן צוזאַמענקונפט? דער ענטפער איז: קלאַרענס גראַף, פיליפּ׳ס עלטסטער זון, דער סטודענט, א מיטגליד פון „מענאָרא״ און פון דער „היברו ליטערערי סאָסייעטי״. און קלאַרענס, א סטודענט פון עקאָ־נאָמיק און געשעפט־פאַרוואַלטונג, וואָס גרייט זיך צו איין ציל — איבערנעמען די פאַרוואַלטונג פון זיין טאַטנ׳ס פאַבריק און פירן זי אף א פולשטענדיק מאָדערנעם אופן — ווי קומט ער צו ווערן א מיטגליד פון דער „היברו ליטערערי סאָסייעטי״? אויך אף דער האַרבער פראַגע איז פאַראַן א פול־שטענדיק צופרידנשטעלנדיקער ענטפער — איירין אַרקין, די שיינע טאָכטער פון דר. היימאַן אַרקין, אַנגעזעענער ציוניסטישער טוער, לעקטאָר און רעדאַקטאָר פון „היברו סענטינעל״, גרינדער און גייסטיקער אַפּיטרופּוס פון דער ה. ל. ס. („היברו ליטערערי סאָסייעטי״). איירינ׳ס געביט איז קונסט. וועלכע קונסט ווייסט זי אליין ניט—זי שפּילט זיך צוביסלעך מיט ליטעראַטור, שוישפּילעריי, מוזיק, טאַנץ, אויך מאַלעריי און סקולפּטור. איר ספּעציאַליטעט איז — ניט ספּעציאַליזירן זיך; און צו וואָס זיך ספּעציאַליזירן, אז א שיינע מיידל איז זי (זי האָט מיט א יאָר צוריק געוואונען א פּרייז אלס „די שענסטע מיידל אַפן אוניווערזיטעט־קאַמפּוס״ און איר פאָטאָגראַפיע איז דאַן דערשינען אין אלע טעגלעכע ציטונגען) און די רייכסטע אידישע בחורים אין שטאָט דרייען זיך ארום איר, ווי פייער־פליגן ארום א הייסן בליץ־לאָמפּ אין א קילער זומער־נאַכט... דערוויל האָט זי שוין אלע אירע בחורים ארייננגעשלעפּט אין איר פאָטער׳ס „היברו ליטערערי סאָסייעטי״, וועלכע וואַקסט ווי אף הייוון.

נאָכדעם ווי מיס זיידמאַן, א מיידל מיט א ברייטן ווייסן פּנים, ווי א מילכיקע בלינצע מיט פענסנע אינמיטן, האָט געענדיקט איר אַפעקטירט־דראַמאַטישע פאַרלייענונג, האָט פיליפּ גראַף אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, ווי א שווערע משא וואָלט אים אַרונטער פון די פּלייצעס, און ער האָט איינגערוימט טילי׳ן אין אויער אריין:

— שוין, גענוג! יוצא געווען. רוף גאַסי׳ן און מיר וועלן זיך א ביסל דורכפאָרן.

טילי האָט זיך אויפגעהויבן, איבערגעגעבן דעם סוד גאַסי׳ן אין אויער

אריין, און גענומען זוכן מיט די אויגן איבערן זאַל. זי האָט געזוכט קלאַרענס'ן.

— טשעפּע אים ניט, — האָט פיליפּ געזאָגט. — ער איז דאָ באַלעבאָס, זאָל ער זיך לאָזן וואוילגיין...

לאַפּאיעט עווענױ און די אַנדערע דאַון־טאַון גאַסן זיינען געלעגן אויס־געצויגן שטיל, פויל, זונטיק־אָוונטיק, און האָבן זיך, קענטיק, גאַנץ ווינציק גענומען צום האַרצן וואָס די שוואַכע האַרבסטיקע זון האָט זיי פאַרלאָזן און האָט זיך שנעל אַרונטערגעלאָזט צום ברעג האָריזאָנט. וואָס איז היינט פאַר זיי די נפקא־מינה, טאָג צי נאַכט, אַז ס'איז זונטיק?

פיליפּ גראַף איז שנעל אַריבערגעפאָרן די בריק און האָט זיך אַוועקגעלאָזט מיט זיין אָטאָ אויף לאַראַבי בולוואַרד און דערנאָך איבער דעם גלאַטן און ברייטן וואַטערוועי־שאָסיי אין דער ריכטונג פון די וואודלאַנד־הויכן.

טילי איז געווען צופרידן פון דער געלעגנהייט. ווען מיט זיידמאַן האָט פאַרגעלייענט איז איר איינגעפאַלן אַ גלענצנדער געדאַנק: אויב ס'האַלט באַ אַ שידוך צווישן איר זון און דר. אַרקין'ס טאָכטער, פאַרוואָס ניט פּרוּוון מאַכן אַ שידוך צווישן דר. אַרקין גופא, וועלכער איז ניט לאַנג צוריק געוואָרן אַן אַלמן, מיט גאָסי'ן? איצט קען זי אַ טאַפּ טאָן דעם דופק באַ גאָסי'ן...

די זון האָט שוין געהאַלטן באַם סוף פון איר פייערדיקן פאַרגאַנג־שפּיל ווען גראַפ'ס אָטאָמאָביל איז אָנגעקומען צום שייד־פּונקט צווישן דעם פּאַדוקאַ ריווער און דעם וואַטערוועי־שאָסיי. באַ דעם פּונקט האָט גראַף געזען די גרויסע שילד מיט אַ האַנט, וואָס ווייזט אָן אָפּן שמאָלן זאַמדיקן וועג באַם ברעג טייך, און מיט אַן אויפשריפט: „צו וואַטערוועי נוק — 2 מייל — עסן, דערפרישנדיקע געטראַנקען, טאַנצן — יעדן אָוונט."

— לאָמיר אַרונטערפאָרן און עפּעס נעמען אין מויל אַריין, — האָט פיליפּ פאָרגעשלאָגן.

געזאָגט און געטאָן.

.5

אַרום אַ האַלבן מייל פון דעם אַריינפאָר־הויז „וואַטערוועי נוק", אויף ווילקע'ס פאַרם, האָט יענעם טאָג די ערשטע אָרגאַניזירטע גרופּע אין דער יונגער וואַטערטאַונער שיך־אינדוסטריע געהאַט אַן אַרויספאָר. עס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען קנאַפּע פערציק שיך־אַרבעטער, אייניקע מיט זייערע פרויען און קינדער. די ציילונג האָט געוויזן דריי און צוואַנציק אַרבעטער פון גראַפ'ס

פאבריק, די גרעסטע שיך־פאבריק אין וואטערטאון, און פופצן ארבעטער פון דריי קלענערע פאבריקן.

עד בוירק, סעקרעטאר פון דעם נייעם און דערוויי̆ל געהיימען ארגאניזיר־קאמיטעט, וואס ראבערט לומיס, דער וועסטערן ארגאנייזער פון דער פאר־אייניקטער שיך־ארבעטער יוניאן, האט צוזאמענגעשטעלט, האט געעפנט די פראגראם פון דעם ארויספאר מיט עטלעכע פשוט'ע און זאכלעכע ווערטער. דער צוועק פון דעם היינטיקן ארויספאר איז קודם כל צו האבן א „גוד־טאים" צוזאמען, האט ער געזאגט, און מען וועט דעריבער קיינעם ניט לאזן האלטן קיין לאנגע רעדעס, אפילו ניט דעם גאסט ראבערט לומיס אליין. דער ארויס־פאר וואלט געקענט זיין פינף מאל אזוי גרויס, האט ער געזאגט, ווען מען וואלט נאר געוואלט. פארוואס מען האט ניט געוואלט קען מען זיך אנשטויסן — מען מוז זיך היטן די באסעס זאלן ניט אויסגעפינען וועגן דער יוניאן־טעטיקייט פאר דער צייט. לאמיר היינט פארברענגען, האט ער אויסגערופן, באקאנען זיך, ווערן נאענט צווישן זיך און אוועקלייגן דערוויי̆ל א קליינעם, אבער פעסטן פונדאמענט פאר א גרויסער יוניאן פון אלע שיך־ארבעטער אין וואטערטאון.

ראבערט לומיס האט אנגעהויבן דערמיט, אז אין א יוניאן מוז זיין דיסציפלין. מען מוז פאלגן די פירער, וועלכע מען האט אליין דערוויילט, אזוי לאנג ווי זיי זיינען געטריי דער יוניאן. ער וועט דעריבער ווייזן א גוטן ביישפיל — ער וועט פאלגן דעם פירער, עד בוירק, און רעדן זייער קורץ. ער האט אנגעוויזן אף דעם נידעריקן לוין אין דער וואטערטאונער שיך־אינדוסטריע, אף דער גרויסער צאל ארבעט־שטונדן און איבער־שטונדן, פאר וועלכע מען צאלט אין וואטערטאון ווי פאר געוויינלעכע ארבעט־שטונדן. און ווייטער: א יוניאן איז נויטיק און וואס שנעלער, אבער אלע אנהויבן זיינען שווער, און מען טאר ניט געבן די באסעס די געלעגנהייט צו ברעכן די ארגאני־זאציע איידער זי שטעלט זיך אף די פיס. פארזאמלט זיך דערוויי̆ל אין פריוואטע הייזער, און זאל יעדער איינער ווערן נאענט מיט אלע ארבעטער אין זיין שאפ. האט אימיצער אין שאפ חתונה, אדער א קינד ווערט בא אימיצן געבוירן, אדער א געבורטסטאג — זאל זיך דער שאפ צוזאמענקליינגן און פראוונען א שאפ־שמחה. און מען מוז אויסנוצן יעדע געלעגנהייט — אז ארבעטער ווערט אפגעזאגט, דער פארמאן באליידיקט אימיצן, אדער אז אנדער עוולה ווערט באגאנגען קעגן איינעם אדער קעגן אלעמען — מוז מען באלד זען צו געווינען די מערהייט אין שאפ פאר ארגאניזירטער זעלבסט־שוץ, נאר אלץ מיט טאקט. און געדענקט — די באסעס האבן שפיאנען און הינט, פאר

וועלכע מען מוז זיך היטן און וועלכע מען מוז קענען אויסכיטרעווען, זיין קליגער פון זיי.

ס'איז געווען א פריילעכער טאג. מ'האט געטאנצט, געזונגען, געשפילט באל. און ראבערט לומיס איז געווען דער אנפירער אין אלץ — אין באל־שפילן, אין זינגען, אין דערציילן אנעקדאטן, אין דראמאטיזירן אינטערע־סאנטע עפיזאדן פון זיין דערפארונג אלס א יוניאן־ארגאנייזער. באזונדער האבן אויסגענומען די אמעריקאנער פאלקס־לידער, וועלכע ראבערט לומיס האט געזונגען מיט כמעט פאכמאנישער טעכניק, כאטש ניט מיט קיין פאכ־מאנישער שטימע. ער האט געזונגען „קאובאי" לידער ווי א „קאובאי", נעגערשע לידער ווי א נעגער פון אלאבאמא, לידער פון די בערג ווי א גע־בירטיקער צווישן די בערג פון קענטאקי און וועסט ווירדזשיניע. ער האט די לידער אויסגעלערנט אלעמען און אין א שעה צייט האט ער געהאט א כאר. מארים קליין איז דערביי שטארק צונויף געקומען — ער איז ניט נאר געווען דער בעסטער זינגער אין דעם כאר, נאר ער איז אויך באלד געווארן געהילף־דירינגענט און סאלאאיסט.

שטארק אויסגענומען האט אויך טאני קאוואלסקי, אנא'ס ברודער. טאני איז ניט קיין שיך־ארבעטער, נאר א פאנטש־פרעס אפערייטאר אין א פאבריק פון בלעכווארג. אין זיין פאבריק האט מען דעם זומער איינגעפירט נייע מאשינען און מען האט אפגעזאגט ארבעטער — ער, טאני, אליין מאכט היינט צוויי מאל אזויפיל ארבעט ווי פריער. אנדערע מאכן דריי און פיר מאל אזויפיל. האט מען גענומען רעדן וועגן ארגאניזירן א יוניאן, אבער יעדער איינער האט מורא צו זיין דער ערשטער. געפעלן שוין טאני'ן בעסער מארים און זיין שוועסטער אנא — זיי האבן קיין מורא ניט. האט ער דעריבער אנ־גענומען די איינלאדונג צום ארויספאר. פאר רויטע האט ער נאך אלץ מורא, טאני, נאר א יוניאן איז אן אנדער זאך, זאגט ער — דאס מוז מען האבן.

אפיציעל איז טאני געקומען צום ארויספאר ניט ווי אן ארבעטער, נאר ווי א קינסטלער—ער האט מיטגעבראכט מיט זיך זיין באליבטע קאנטשערטינע און ער האט מיט איר באשיינט די שמחה. ער האט שנעל געכאפט די מעלאדיעס פון די פאלקס־לידער און אקאמפאנירט דעם כאר. שפעטער האט ער, אף דעם אלגעמיינעם פארלאנג, געשפילט עטלעכע סאלאס, און צום סוף האט ער גערינט ווי א טאנץ־ארקעסטער אין איין פערזאן מיט איין אינסטרו־מענט אין דעם טאנץ־זאל — אן אלטע, צעפוילטע ליטאנקע, וואו דער פארמער האט אויסגעשפרייט אן אלטע, אפגעריבענע צעראטע אפן דיל מען זאל קענען טאנצן.

אין אונט, ווען די מערסטע פון דעם עולם זיינען שוין געווען צעפּאָרן, האָט מען זיך געכאַפּט: ס'איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר אַלעמען אַף דעם איינציקן אַטאָמאָביל, וואָס איז פאַרבליבן.

— פאָרט אָן אונז, — האָט מאָרים פאָרגעשלאָגן, נאָכדעם ווי ער האָט זיך באראַטן מיט אַנאַ'ן. — מיר וועלן „היטש־הייקן" אין שטאָט אריין.

אַזוי איז געבליבן, און מאָרים און אַנאַ האָבן ענדלעך געקראָגן די געלעגנהייט, וואָס זיי האָבן געזוכט דעם גאַנצן טאָג — בלייבן אַליין.

.6

אַליין — מאָרים און אַנאַ האָבן זיך נאָך קיינמאָל ניט געפילט אַזוי אַליין צוזאַמען, ווי דאָ, צווישן בערגלעך, און הימל, און וואַסער, נאָכדעם ווי דער לעצטער אַטאָמאָביל איז אַוועק.

זיי זיינען געשטאַנען באַם ברעג טייך, פּונקט דאָרט וואו די געשפּאָל־טענע פייערדיקע צונג, וואָס די זון האָט ארויסגעשטעקט פון אַ פּורפּורנעם וואָלקן, ווי אַ רויך־באַרג באַם האָריזאָנט, האָט אָנגעצונדן אַ וועג פון פייער איבער דער גאַנצער ברייט פון טייך.

אַנאַ האָט אויסגעשטרעקט אירע הענט איבערן טייך, ווי צום שפּרינגען.

— לאָמיר אַריבער דעם טייך אַף אָט דעם וועג פון פייער, — האָט זי פאָרגעשלאָגן.

— לאָמיר, — האָט מאָרים געזאָגט און ער האָט זי גענומען באַ אַ האַנט.

— מיט דעם רעכטן פוס פאָראויס, — האָט ער קאָמאַנדעוועט אַפן מיליטערישן שטייגער.

זיי האָבן ביידע גלייך אויפגעהויבן די פיס, ווי צום שפּרייזן, זיי געהאַלטן אַ ווייַלע אינדערלופטן, אַראָפּגעלאָזט, און זיך ארומגענומען.

ס'האָט גענומען ווערן טונקל. דער פייערדיקער וועג איז מיטאַמאָל ווי אָפּגעווישט געוואָרן פון וואַסער.

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אַף אַ ברייטן שטיין באַם ברעג. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט איר ווייכן און שאַרשקעגדיקן קאָפּ האָר אָן זיין אַקסל און פאַרמאַכט די אויגן. ער האָט זי גענומען קושן אין קאָפּ, אין האַלז.

— ניין, — האָט זי געזאָגט ווייך און האָט אַוועקגעשאַרט מיט איין האַנט זיינע ליפּן.

ער האָט געפאָלגט. ער איז געבליבן זיצן מיט איין האַנט אַרום איר טאַליע און ער האָט איין זיך אַריינגעשעפּט די שיינקייט און די רו פון דעם

אָוונט. ווי שטאַרק ער און אַנאַ האָבן זיך איצט געגויטיקט אין רו — רו אינעווייניק און פונדרויסן!

ער האָט איצט אין דער אָוונט־שטילקייט איבערגעלעבט דעם פאַרגאַנגע־נעם אָוונט. אַנאַ איז געזעסן באַ אים אין צימער און אים געהאָלפן איבער־שרייבן לידער פאַר דעם היינטיקן ארויספאָר. ס'איז געוואָרן שפּעט. „שלאָף דאָ," האָט ער פאַרגעשלאָגן. „ניין", האָט זי געענטפערט. „איך וועל דיך ניט אָנרירן," האָט ער זי געפּרואווט פאַרזיכערן. זי האָט אים ממזר'יש אַ קוק געטאָן אין די אויגן אריין, אים צאַרט ארומגענומען מיט אַ האַנט ארום האַלז און אַ קוש געטאָן. „ניין", האָט זי ווידער געזאָגט, „איך מוז אַהיימגיין." זי האָט געמיינט: „איך ווייס ניט צי איך קען דיר געטרויען; זיך אַליין געוויס ניט." אַנאַ האָט שוין ניט איינמאָל דערקלערט: זי האָט צוגעזאָגט דער מאַמען און זי מוז האַלטן וואָרט — זי קען מיט אים ניט זיין ביז זיי וועלן חתונה האָבן, כאָטש אין געריכט בלויז. די אויגן האָבן זיך דערוויילן געגומען קלעפּן באַ איר און זי איז איינגעגאַנגען אַף אַ פּשרה — זי וועט זיך צולייגן אין די קליידער ביז ער וועט פאַרטיק ווערן מיט דער ארבעט. דערנאָך זאָל ער זי אויפוועקן און אָפּפירן אַהיים. „גוט", האָט מאָריס צו־געשטימט, און ער האָט שפּעטער געהאַלטן וואָרט. ער האָט אוועקגעלייגט זיין קאָפּ אַף אירן, זי אויפצוואוועקן. זי האָט געפּרואווט אויפהויבן דעם קאָפּ און איז אוועקגעפאַלן צוריק. „איך האָב קיין כח ניט, העלף מיר אויפשטיין," האָט זי זיך פאַרשלאָפן געבעטן. ער האָט זי ארומגענומען מיט ביידע הענט און געפּרואווט אויפהויבן. האָט זי זיך מיט ביידע הענט לײדנשאַפטלעך איינגעקלאַמערט אין אים. וואָס האָט מאָריס געקענט טאָן? האָט ער זי גענומען קושן אין די אַקסלען, אין פּלייצע. „שלאָף שוין דאָ, זיסקייט, און איכ'ל דיר אויסטאָן", האָט ער איר אריינגעשושקעט אין אויער אריין און גענומען אויפבינדן אירע שיך. „זאָג מיר צו, אַז דו'סט מאָרגן גיין מיט מיר אין געריכט און חתונה האָבן", האָט זי ווייך געפּאָדערט. „מאָרגן איז זונטיק, דאָס געריכט איז געשלאָסן", האָט ער געזאָגט און ארונטערגעצויגן די זאָקן פון אירע פיס. „נו, וועסטו גיין מיט מיר מאָנטיק", האָט זי שוין פאַר אים באַשלאָסן. „גוט, מאָנטיק — איך זאָג דיר צו", האָט ער איר איינ־גערוימט אַ לײדנשאַפטלעכן סוד אין אירע ברוסטן, וועלכע האָבן זיך געצאַפּלט דאָרשטיק אַנטקעגן זייער לאַנג־געוואַרטן חתן...

און זיי זיינען אויפגעשטאַנען מאַן און ווייב.

דער לעצטער רויט פון דער פייערדיק־געזעצטער זון איז פאַרשוואונדן אין עק מערב. אַ שמאָלער האָריזאָנטאַלער פּאַס ליכט איז געוועזן אַלץ וואָס איז

נאָך פאַרבליבן פון טאָג. דער הימל האָט זיך גענומען פוצן מיט אַן אַ שיר בליאַסקעדיקע שטערן־שפּילקעס, ווי ער וואָלט זיך געזוכט אויסצופּיינען מיט זיין גאַנצן ביסל צירונג צו געפעלן דעם יונגן פאַרליבטן פּאָרל באַם ברעג פון טייך פּאַדוקאַ, צוואַנציק מייל פון וואָטערטאַון.

אַנאַ האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעהויבן, ווי דערשראָקן:

— קום, מאָריס, ס'איז שפּעט, און מאָרגן דאַרף מען גיין צו דער אַרבעט!

— און אין קאָורט אַריין, — האָט מאָריס איר דערמאָנט.

— יאָ, אין קאָורט, — האָט זי געזאָגט מיט אַ פאַר'חלומ'טן שמייכל אויף די ליפּן, ווי זי וואָלט וועגן דעם געהאַט אינגאַנצן פאַרגעסן.

זיי האָבן באַשלאָסן צוגיין צום נאָענטן אַריינפאָר־הויז. אפשר וועלן זיי דאָרט געפינען עמיצן, וואָס וועט זיי מיטנעמען אין שטאָט אַריין.

אַנאַ איז געגאַנגען טיף פאַרקלערט און געשוויגן. מיטאַמאָל איז זי פריילעך געוואָרן:

— דו ווייסט וואָס, מאָריס? מיר וועלן ניט גיין אין קאָורט מאָרגן.

— פאַרוואָס ניט? — האָט זיך מאָריס געוואונדערט.

— מיר וועלן בעסער צוגרייטן אַן אמת'ע חתונה און דער גאַנצער שאַפּ וועט פּראַוועןאונזער חתונה! אמת, אַ גוטער פּלאַן, מאָריס?

— אַלץ הייסט אַ גוטער פּלאַן! ס'איז געניאַל — מיט אונזער חתונה וועלן מיר בויען די יוניאָן! אַזאַ מיידל האָב איך ליב!

ער האָט זי אַרומגעכאַפּט און געקושט. די יוניאָן וועט זיין דאָס ערשטע קינד פון אונזער חתונה, האָט מאָריס געטראַכט. ער האָט נאָך קיינמאָל אַנאַ'ן מיט אַזאַ פרייד ניט געקושט...

7.

קאַרסאָן האָט שפּאַצירט מיט זיין הונט מאַטוויי באַם ברעג טייך. די לבנה, אַ גרויסע, כמעט אַ רונדע, האָט זיך באַוויזן איבערן שפּיץ בערגל און באַלויכטן די גאַנצע לאַנדשאַפט מיט איר אייביק־פאַרחלומ'טן בלאַסן שיין. בלויז אַ שמאָלער ראַנד האָט געפעלט אין דער רונדקייט פון דער לבנה און ס'האָט אויסגעקוקט, ווי זי וואָלט זיך קלעטערנדיק אָפּגעריבן אַ שטיקל פון איר רונדן געזיכט אָן דעם שאַרפן שפּיץ פון דעם הויכן בערגל, וואָס שטייט דאָ צווישן דעם טייך און דעם גרויסן שאָסיי.

און אין בלאַסן שיין פון צוויי לבנות, איינע אויבן אויפן הימל און איינע אונטן אין טייך, האָבן זיך באַגעגנט צוויי פּאָרלעך — דער דיכטער מיטן

הונט, אַ סימבאָלישע פּאָר, באַ וועמען ווירקלעכקייט ווערט פאַרוואַנדלט אין דיכטונג, אין חלומות־סימבאָלן, און די געליבטע אַרבעטער־פּאָר, וועלכע וועבן איין זייערע שענסטע חלומות אין דער ווירקלעכקייט אריין און וועבן פון זיי אויס אַ נייע ווירקלעכקייט.

מאָרים'ן האָט פאַראינטערעסירט די ענלעכקייט אין די פיגורן און אין דער שטאָלצער און איינזאַמער האַלטונג פון דעם מענטש און זיין הונט, וועלכע האָבן זיך ביידע געהאַלטן אַזוי, ווי די גאַנצע וועלט אַרום זיי וואָלט זיי ווייניק אָנגעגאַנגען, אַזוי לאַנג ווי זיי האָבן זיך איינער דעם אַנדערן. אַנאַ האָט שנעל געכאַפּט דעם שאַרפן קאָנטראַסט צווישן די גרויע האָר און דער אייז־קאַלטער ווירדע אָפן פּנים פון דעם מענטשן און דעם יוגנטלעך־פרישן פייער אין זיינע אויגן.

דער „אייביקער וואַנדערער" — איז מאָרים'ן און אַנאַ'ן גלייכצייטיק איינגעפאַלן און זיי האָבן ניט געקענט אָפּרייסן די אויגן פון דעם הויכן, שלאַנקן מענטשן, וואָס איז זיי אַנטקעגנגעגאַנגען מיט דעם הויכן, שלאַנקן הונט באַ דער זייט.

דער „וואַנדערער" האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— אַנטשולדיקט מיך פאַר אַ פּערזענלעכער פראַגע, — האָט ער זיך געווענדט מיט אַ לייכטן, סימפּאַטישן שמייכל צו דער יונגער פּאָר, — האָט איר דאָס געזונגען דאָרטן?

— יאָ, מיר האָבן געזונגען, — האָט מאָרים האַלב־פרעגנדיק געענטפערט.

— עס זיינען געווען נאָך זינגער אַ חוץ אייך, ניט אמת?

— יאָ, עס זיינען געווען נאָך זינגער; זיי זיינען שוין אַוועק אין שטאָט אריין, — האָט מאָרים דערקלערט, ווי איינער רעדט: „דו מוזסט איצט אָנקומען צו אונז נאָך אינפאָרמאַציע, און וואָס מיר'ן דיר ניט דערציילן וועסטו ניט וויסן."

— איר'ט מיר מוחל זיין מיין קוריאָזיטעט, יאָ? און איר זייט ניט קיין שטאָטישע? — ווידער אַ שמייכל, און דער טאָן נאָך ווייכער. ס'האָט געמיינט: „איר האָט ניט וואָס צו היטן זיך — איך מיין גאָרניט קיין שלעכטס."

— יאָ, מיר זיינען פון שטאָט, און מיר זוכן אַ „היטש־הייק", — האָט אַנאַ זיך אריינגעמישט און זי האָט דערביי געגעבן אַ ממזר'ישן קוק אויף מאָרים'ן. דער קוק האָט געמיינט: „דעם סוד דאַרפן מיר ניט באַהאַלטן; פאַרקערט, ס'איז בעסער די וועלט זאָל אים וויסן..."

— אָ! — האָט דער „וואַנדערער" אויסגערופן. — וועגן דעם האָט איר זיך גאָרניט וואָס צו דאגה'ן: איך וועל אייך שוין ברענגען אַהיים.

— א שיינעם דאנק! — האבן זיך ביידע יונגע מענטשן דערפרייט.

קארסאן האט געשמייכלט אין זיך, ווי איינער רעדט: „דאס האב איך דאך באלד אין אנהויב פארשטאנען."

די יונגע פאר איז דעם דיכטער, קענטיס, געפעלן געווארן.

זיי זיינען איצט זאלבעדריט געגאנגען צום אריינפאר־הויז, ווי אלטע פריינט.

דער הונט האט די צוויי פרעמדע ארומגעשמעקט, פריער ברוגז׳לעך, מיט חשד; דערנאך איז ער געווארן פריינטלעך — די פרעמדע האבן בא אים אויסגעהאלטן דעם עקזאמען. באזונדער האט בא אים אויסגענומען אנא, וועמען ער האט גענומען נאכפאלגן. ער האט זיך צו איר געשארט, אט פון איין זייט, אט פון דער צווייטער זייט, און זיך געריבן אן איר העל־רויטן מאנטל.

— מאטוויי! — האט קארסאן שארף א רוף געטאן זיין הונט.

דער הונט האט א לויף געטאן אין א האלבן קרייז ארום די שפאצירנדיקע, זיך געשטעלט א רגע אין פראנט פון זיין באלעבאס, אים א קוק געטאן אין די אויגן אריין און א דריי געטאן מיטן עק, ווי געזאגט:

— זיי געפעלן דיר, מעגן זיי מיר אויך געפעלן; און אויב איך געטרוי דיר, מעגסטו מיר אודאי געטרויען!....

באם אריינפאר־הויז האט זיך קארסאן אפגעשטעלט און ווי א באלעבאס, א מכניס־אורח, געזאגט:

— קומט אריין: איר זייט מיינע געסט. מיר׳ן נעמען א טרונק, עפעס עסן. מיר האבן נאך צייט, ניט אמת? נאר פריער לאמיר זיך פארשטעלן: מיין נאמען איז קארסאן, עמערי לענארד קארסאן, דער פאעט; איר האט אפשר געהערט פון מיר. און ווי הייסט איר?

— מארים קליין.

— אנא קאוואלסקי.

— א איד, ניט אמת? — האט זיך קארסאן געווענדט צו מארים׳ן.

— געוויס.

— און איר זייט פויליש, ניט וואר?

— געטראפן, — האט אנא געלאכט.

— און איר זייט ביידע ארבעטער, — האט קארסאן ווייטער געפרעגט, קוקנדיק אף ביידנס הענט און באשיידענע קליידער.

— מיר ארבעטן ביידע אין איין פאבריק, — האט מארים דערקלערט.

קינדער פון א נייער צייט, האט קארסאן געטראכט, ניט אן קנאה. ער

האָט מקנא געווען ניט אַזוי זייער יוגנט און דעם גליק, וואָס בלויז יונגע פאַרליבטע קענען פילן איינער אין אַנדערן, ווי די פּשוט׳קייט און לאָגישע גאַנצקייט פון זייער אויסקוק אַפן לעבן — זיי אַרבעטן אין איין פאַבריק, דעריבער געהערן זיי זיך איינער דעם צווייטן. אַלע באַריערן, וואָס הונדערטער פינצטערע יאָרן האָבן אָנגעוואַליעט צווישן זיי — רעליגיע, ראַסע, נאַציע, שפּראַך, אפשר אויך שטאַנדן־יחוס — עקזיסטירן פאַר זיי ניט; די מאַשין האָט דאָס אַלץ אָפּגעראַמט, ווי אַזויפיל מיסט פון דער פאַרגאַנגענהייט, און זיי, די מענטשן פון דער מאַשין, באַפרייט און פאַראייניקט. אויב אַזוי האָט ער, קאַרסאָן, ביז איצט געלעבט אין טעות. ער האָט אַלץ מורא געהאַט פאַר דער מאַשין און איר מעכאַניזאַציע, און אַנטלויפנדיק פון איר איז ער אַנטלאָפן פון דעם ווירקלעכן לעבן, פונעם ווירקלעכן מענטשן. איצט זעט ער: די נייע מעכאַנישע צייט שאַפט נייע און פרייע מענטשן, וועלכע זיינען פּטור פון דעם גאַנצן הויקער, וואָס דער עבר האָט אָוועקגעליינט אַף די מענטשלעכע פּלייצעס.

ער וועט זיך מוזן מער אַריינטראַכטן אין דער פראַגע, האָט קאַרסאָן בא זיך באַשלאָסן.

און באַם טישל, באַ גלעזער ביר, האָט זיך קאַרסאָן, נאָך אַן אינטערעסאַנטן שמועס וועגן אַרבעט און קאַפּיטאַל, יוניאָנס, קלאַסנקאַמף, אָנגערופן:

— מאָדנע. פריער האָט איר, פרעמדע, מיט אייער גוזאַנג מיך צוריקגעטראָגן צו מיין אַמעריקאַנער פאַרגאַנגענהייט און צו מיין אַמעריקאַנעם פאָלק, צום האַרעפּאַשנעם פאָלק, וועמען איך האָב אַמאָל געהערט זינגען יענע לידער. איצט ווייזט איר מיר אַ בילד פון אַ נייער מענטשהייט געבוירן פון דער מאַשין און אַ נייער צוקונפט געבויט אַף דער מאַשין, דער באַפרייערין.

די מאַשין די באַפרייערין — אַ נייע פּאָעמע מיט אַ נייער סימבאָליק, וואָס קומט פון דער ווירקלעכקייט און קערט זיך אום צו איר, האָט שוין אָנגעהויבן צו פּאַכן מיט אירע נאָך ניט געבוירענע פליגל אין קאַרסאָן׳ס פרוכטבאַרער פאַנטאַזיע.

8.

ווען די דריי נייע פריינט, עטוואָס שיכור׳לעך — מער פון געשפּרעך, ווי פון וויין — זיינען אַרויס פון טיר, זיינען זיי אַנטקעגן אָנגעקומען פיליפּ גראַף מיט טילי׳ן און גאָסי׳ן.

פיליפּ האָט דערשטוינט אַ קרים געטאָן דאָס פּנים און ער האָט ניט

ווילנדיק מפיל געווען פון זיינע ליפן א פארזעעניש, א „העלא", האלב צו מאַרים׳ן, האלב צו אנא׳ן. נאָר טילי און גאָסי זיינען געשטאנען, ווי פאַר־שטיינערטע.

— ווער איז זי, די באַמערקטע? — האט טילי שטיל אריינגעברומט פיליפ׳ן אין אויער אריין. מאַרים האט געהערט.

— קומט, לאָמיר גיין! — האט ער בייז געזאָגט און אלע פיר, דער הונט אריינגערעכנט, האבן זיך אומגעקערט מיט די רוקנס צו די ניי־אָנגעקומענע.

— באַמס! — האט זיך טילי דערנאָך געקאָכט. איר פסק איז געווען: ביידן אָפּזאָגן פון דער ארבעט, ארויסוואַרפן ווי די הינט!...

פיליפ האט געשוויגן. וואס ווייסט א אידינע? וואָס איז ער — א רב, צי א משגיח איבער מאַראל, צי וואָס? ער וואָלט זיך אליין אויך ניט גע׳סמ׳ט מיט אנא׳ן ווען ער וואָלט נאָר געהאט די געלעגנהייט, האט ער אין זיך געלאכט.

גאָסי האט זיך פּלוצלונג א הויב געטאָן פון איר שטול און א געשריי געטאָן:

— אָ!

פיליפ און טילי האבן זיך דערשראָקן. זיי האבן נאָך קיינמאָל ניט געזען, אז גאָסי זאָל אזוי גערירט ווערן פון עפּעס.

— איר ווייסט ווער דער אלטער מאַן, וואָס איז געגאנגען מיט מאַרים׳ן און אנא׳ן, איז? — האט גאָסי אויסגערופן. — דאָס איז דאָך קאַרסאָן, דער פּאָעט! איר האט דאָך היינט געזען זיין בילד אין „פּאַדוקא" האָטעל!

— קאַרסאָן! קאַרסאָן! — האט פיליפ גראף אויפגערעגט איבער־גע׳חזר׳ט דעם נאָמען.—וואָס האט מאַרים צו טאָן מיט קאַרסאָן דעם פּאָעט?!

— מסתמא א רויטער! — האט ער זיך אליין געענטפערט אין געדאַנק.

— און ער איז נאָך היינט געגאַנגען הערן ווי א נאַרישע מויד נודיעט דאָרטן וועגן א רויטן!... און זיין קלאַרענס אויך?! ער מוז זיך נאָך היינט אָפּן דורכרעדן מיט אים. קלאַרענס וועט מוזן ארויס פון דער „היברו ליטערערי סאָסייעטי", אומבאַדינגט!... בא זיך אין הויז איז ער נאָך באַלעבאָס!...

אין דער הויך האט ער געזאָגט צו טילי׳ן:

— ביסט גערעכט. מ׳עט מוזן עפּעס טאָן.

קאַפּיטל V

באַרבאַרן!

.1

דער חודש נאָוועמבער איז פאַריבער אין וואַטערטאַון אָן רעגנס און אָן דעם מינדסטן סימן פון שניי. דער וועטער איז געווען נייטראַל — ניט מיאוס, און ניט איבעריק שיין. די זון האָט יעדן טאָג צוביסלעך געשיינט, און די נעכט זיינען געווען קלאָרע און קאַלטע. און אין די פאַרטאָגן פלעגן וויים־פּראָסטיקע ראָסעס זיך קנוילן אַף די בערגלעך אַרום שטאָט און שפּרייטן ציכטיק־ווייסע טישטעכער אַף די טאָלן און אַף די הויכע גראָזיקע לאַנען פאַר די הייזער אין דער שיטער־באַוואוינטער רייכער וואודלאַנד־פאָרשטאָט, וואו יעדע הויז שטייט זיך ביחידות, ברייט־צעפּליגלט און ווייט־אָפּגעשיידט פון אַנדערע — אַ הויז (מיט אַ גאַראַדזש) פאַר אַ פאַמיליע, און יעדע פאַמיליע פאַר זיך.

און דאָך — האַרבסט איז האַרבסט. די זון פלעגט זיך באַווייזן יעדן אינדערפרי, אָבער גאַנץ שפּעטלעך, און דער פאַרשלאָפענער הימל פלעגט זי אויפנעמען מיט אַ גרויסן, ברייטן גענעץ, וואָס האָט געמיינט: „שוין ווידער! מ׳קען גאָרניט פּטור ווערן פון דער אַלטער נודניצע!”... און באַלד פלעגט זיך דער הימל נעמען כמורען און אָנפּעלצן מיט אָן אַ שיר וואַטע־שפּענצערס, און זיך אומגעקערט מיטן הינטן צו דער שטאָט און איינגעדרעמלט אַף אַ פּאָר שעה מיט דער זון באַהאַלטן באַ זיך אין פאַזעכע, ווי אַן אַלטע, אָנגעבלאָזענע מאַדאַם, וואָס דרעמלט פויל מיט אַ געלער קאַץ אין די פאַרוויאַנעטע אָרעמס...

— ס׳קלייבט זיך ווינטער, — האָט געזאָגט צו זיך פיליפּ גראַף, ווען ער האָט אין אַ זונטיק אינדערפרי אין אָנהויב דעצעמבער געכאַפּט אַ קוק דורכן פענצטער אַפן געדיכט־אָנגעכמורעטן הימל און דערפילט דורך דער עטוואָס אָפּענער אויבערשטער פירטקע דעם אָנקום פון דעם ערשטן קאַלטן צפון־מערב ווינט, וואָס ברענגט געווייניגלעך ווינטער אין וואָטערטאַון.

אין הויז האָט געשמעקט אַ ליבע וואַרעמקייט. ווילי, דער נעגער, וועלכער דינט שוין דאָס דריטע יאָר באַ די גראַפס אַלס דזשעניטאָר, שאָפער,

אַלגעמיינער מעכאַניקער, גערטנער און שומר איבער דער נחלה (אַלץ פֿאַר פֿינף און פֿופֿציק דאָלאַר אַ חודש), האָט נאָך פֿאַרטאָג צורעכט געמאַכט דעם מאָדערנעם הייץ־אויוון אין קעלער, וואָס ברענט אויל און טרייבט פֿייכטע היץ אין די ראַדיאַטאָרס אַריין, וועלכע שפּרייטן אַ מילדע, ווייכע און גלעטנדיקע וואַרעמקייט איבער אַלע ווינקעלעך פֿון הויז. די טאָפּלטע פֿענצטער און טירן זײַנען שוין אַרײַנגעשטעלט אומעטום. ניין, פֿיליפּ גראַף האָט קנאַפּ־וואָס מורא פֿאַרן ווינטער. דאָך איז זײַן אינטערעס אין דעם קומענדיקן ווינטער געווען מער ווי פּלאַטאָניש — ער האָט אָנגעקוואָלן פֿון זיך, וואָס ער איז קיינמאָל ניט פֿאַרשלאָפֿן און ער באַוואָרנט אַלץ אין צײַט. אָט הערט ער ווי ווילי אַרבעט געשמאַק אין גאַראַדזש אַף די אָטאָמאָבילן, זײַנע צוויי און קלאַרענס'עס. דאָס האָט ער נעכטן אין זינען געהאַט צו הייסן ווילי'ן צוגרייטן די קאַרס פֿאַרן ווינטער, רייניקן זיי, אויסשמירן מיט אויל און אָנגרייטן אַנטי־פֿריר שטאָף צו באַוואָרענען די מאָטאָרן פֿאַרן ווינטערדיקן געברויך. פּונקט אין צײַט, האָט ער געטראַכט.

אין הויז איז געווען שטיל. אַלע זײַנען נאָך געשמאַק געשלאָפֿן. בלויז ער, פֿיליפּ, האָט שוין באַלעבאַטעוועט אין הויז און די דינסט האָט זיך געפּאָרעט אין קיך. און איצט, ווען ער האָט פֿאַרענדיקט זײַן אינספּעקציע איבער דער הויז, האָט פֿיליפּ באַטראַכט דעם דרויסן און הנאה געהאַט פֿון זיך. ער האָט געטראַכט מיט אַ געפֿיל פֿון שטאָלץ און תּקיפֿות וועגן זײַן וואַקסנדיקער מלוכה — די פֿירמע און די פֿאַמיליע גראַף, און ווי לואי דער 14טער האָט פֿיליפּ געקלערט: „די מלוכה — דאָס בין איך!" אמת, סײַ אין דער פֿירמע, סײַ אין דער פֿאַמיליע זײַנער האָבן זיך גענומען באַווײַזן וואָלקנס פֿון רעוואָלט קעגן זײַן אָטאָריטעט. אין דער פֿאַבריק קלײַבט זיך אַ סטרײַק־כמאַרע און אין דער פֿאַמיליע האָט זיך זײַן עלטסטער זון, קלאַרענס, אויך געשטעלט קעגן אים — ער וויל בשום אופֿן ניט פֿאַרלאָזן די „היבּרו ליטערערי סאָסייעטי", און די מאַמע האַלט מיטן זון. ער פֿאַרשטייט, טײַלי מיינט ניט די „סאָסייעטי", נאָר דעם שידוך מיט איירין אַרקין, דר. אַרקינ'ס טאָכטער. ער, פֿיליפּ, האָט אויך גאָרניט קעגן דעם שידוך. פֿאַרקערט, עס וואָלט געווען גאָר אַ וואוילער שידוך — כּבֿוד, און איירין וואָלט אפֿשר פֿאַר קלאַרענס'ן געווען ניט קיין שלעכטע ווײַב און שותּפֿ'טע. נאָר די „סאָסייעטי" געטרויט ער ניט. זי דאַכט זיך אים צײַטנווײַז אויס ווי אַ מין פֿאַסטקע, וואָס אימיצער, אַ באַהאַלטענער שונא, האָט אומישנע אונטערגעשטעלט צו פֿאַקן אים דורך זײַן קלאַרענס'ן...

דאָך פֿילט זיך פֿיליפּ היינט זיכער און באַרואיקט נאָך דעם געשפּרעך,

וואס ער האט נעכטן גערעדט מיט דר. פענוועל וואולסי, סעקרעטאר פון דער וואטערטאונער מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן. דר. וואולסי האט אים פארזיכערט, אז די אסאסיאיישאן וועט בשום אופן ניט דערלאזן, אז די יוניאן זאל אריינשטעלן א פוס אין דער וואטערטאונער שיך־אינדוסטריע. זאל ער זיך גארניט זארגן, האט ער אים געזאגט, מ'וועט שוין טאן אלץ וואס נויטיק צו העלפן אים קעגן די טראבל־מאכער. און מכוח דער „היברו ליטערערי סאסייעטי" האט אים דר. וואולסי געהייסן רואיק זיין — מ'האט שוין אונטערגעזוכט דעם פולן ליסט פון אירע מיטגלידער און אלץ איז דארט „א־קעי". וואס איז שייך דעם פאעט קארסאן, האט ער, מיסטער גראף, א גרויסן טעות, האט אים דער דאקטער דערקלערט מיט א שמייכל. ער קען אים: אן אמת'ער אמעריקאנער, דער שטאלץ פון וואטערטאון, א פריינט פון אייניקע פון די פראמינענטסטע באנקירן און מאנופעקטשורערס אין לאנד, כע, כע! נאר פונדעסטוועגן, אויב ער, מר. גראף, באשטייט דוקא, וועט מען אים א ביסעלע טאן אן אונטערזוך, עס קען ניט שאדן...

ער האט א קלוגן קאפ אף זיך, דער דר. וואולסי, און ס'איז א פארגעניגן מיט אים צו רעדן, האט פיליפ געטראכט. איצט הויבט פיליפ אן צו פארשטיין פארוואס מען רופט אים דאקטער. אמת, ער היילט ניט קיין קראנקע; נאר אט האט ער אים, פיליפ'ן, געהיילט דאס הארץ...

א פייפעריי פון א פריילעך דזשעז־לידל האט זיך אריינגעריסן פונדרויסן און דורכגעלעכערט פיליפ'ס געדאנקען. דאס האט זיין מענטש, ווילי וואוד־ראף, דער נעגער, זיך געפייפט בא דער ארבעט אף זיינע קארס. די געפייפטע מעלאדיע האט זיך איצט פונקט אריינגעפאסט אין פיליפ'ס האפערדיקער שטימונג אריין. איז ער ארויסגעגאנגען פון הויז און איז אריין אין גאראדזש כאפן א שמועס מיט דעם פריילעכן נעגער, וואס א חוץ אלע מלאכות איז ער אויך פיליפ'ס אפיציעלער אמוזירער און אנעקדאטן־דערציילער.

— גוד מאהנינג, באס! — האט ווילי באגריסט זיין באלעבאס אויס־שטשירענדיק אף אים א פאר רייען געזונטע און פריילעכע בליאסקעדיק־ווייסע ציין און א פאר שיינענדיקע שווארצע אויגן.

פיליפ האט ארויסגענומען פון א לעדערנעם טאש א גרויסן ברוינעם ציגאר און מכבד געווען ווילי'ן.

— נא, רויכער, — האט ער אים געזאגט האלב גוט־ברודעריש, האלב שטרענג־באסיש, ווי איינער רעדט: דו דארפסט טאקע וויסן, אז מען מוז

ארבעטן געטריי און פּלייסיק, נאָר פונדעסטוועגן, מיט מיין דערלויבעניש, קענסטו זיך איצט אָפּרוען א ווײַלע...

ווידער האָבן ווייסע ציין און שוואַרצע אויגן גלייכצייטיק אַריינגעלאַכט דעם באַלעבאָס אין פּנים אַריין:

— טהענקס, באָס!

ווילי האָט מיט גרויס אָנשטעל, ווי א קינד, וואָס טוט זיך אָן ווי א גרויסער, פאַררויכערט דעם גרויסן ציגאַר און זיך אוועקגעזעצט אַפן אָטאָ־פּענדער.

— דערציילן א נייעם וויץ, באָס?

— גוט, לאָמיך הערן.

— ס׳איז וועגן פּרעזידענט קולידזש, — האָט ווילי דערקלערט און ער האָט גענומען דערציילן אַף זיין לוסטיקן, לאַכנדיקן שטייגער:

דזשאָן ד. ראָקעפעלער, הענרי פאָרד און פּרעזידענט קולידזש זיינען צוזאַמען אַרויסגעפאָרן אין אַן אָטאָמאָביל זען די וועלט. אַפן וועג האָט זיך דער אָטאָמאָביל איבערגעקערט און אַלע דריי זיינען אַריינגעפאַלן אין א טיפן גרוב אַריין. דער גרוב האָט ניט געהאַט קיין גרונט און די דריי מאַגנאַטן זיינען געפאַלן און געפאַלן אַזוי לאַנג ביז זיי זיינען געבליבן ליגן מיט פאַר־פלויגענע נשמות באַם טויער פון גיהנום. ביסלעכווייז זיינען זיי געקומען צו זיך און דערזען וואו זיי געפינען זיך.

— די העזה! מיר אין גיהנום אַריין?! — האָט געדונערט דער אַלטער דזשאָן די.

— מיר אין גיהנום אַריין?! — האָט געברומט הענרי פאָרד.

— מיר אין גיהנום אַריין, — האָט נאָכגעפּישטשעט פּרעזידענט קולידזש.

— פיר אונז אַפּ גלייך אין גן־עדן אַריין! — האָט באַפוילן דער אַלטער דזשאָן די. דעם וועכטער פון גיהנום, א נעגער.

— פיר אונז אַפּ גלייך אין גן־עדן אַריין! — האָט באַפוילן הענרי פאָרד.

— פיר אונז אַפּ גלייך אין גן־עדן אַריין, — האָט נאָכגעפּישטשעט פּרעזידענט קולידזש.

— ווער זייט איר דאָס פאַר א יחסנים? — האָט דער גיהנום־וועכטער געפרעגט מיט א קאַלטבלוטיקן שמייכל.

— איך בין דזשאָן די. ראָקעפעלער, — האָט א דונער געטאָן דער ערשטער.

— איך בין הענרי פאָרד, — האָט א ברום געטאָן דער צווייטער.

דער וועכטער האָט אויסגעפּלאַצט אין אַ געלעכטער.

— און אָט דער אידיאָט, — האָט ער אָנגעוויזן אַף קולידזש׳ן, — איז אודאי דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, כע, כע, כע... אין גיהנום אַריין, באַמס וואָס איר זייט!...

דער שמייכל אַף פיליפּ׳ס פּנים איז ביסלעכווייז דערשטיקט געוואָרן און איז געבליבן הענגען, ווי אַ געקוילעטער עוף, אַף פיליפּ׳ס געפּלעפטע ליפּן.

— קולידזש איז אַ גרויסער פּרעזידענט! אַ שאָד נאָר וואָס ער האָט ניט געוואָלט לויפן פאַר נאָך אַ טערמין, — האָט ער פּראָטעסטירט.

— געפעלט אייך ניט דער אַנעקדאָט, באָס? — האָט דער נעגער געפרעגט אַ ביסל דערשראָקן.

— ס׳איז אַ רויטער אַנעקדאָט, ווילי... וואו האָסטו אים געהערט?

ווילי האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און זיך צוריק גענומען צו דער אַרבעט.

„די רויטע מגפה קומט שוין אָן אויך צו ווילי׳ן", האָט פיליפּ געטראַכט. „מען מוז האַלטן אַף אויג אַף אים..."

.2

נאָך פרישטיק האָט פיליפּ געהאַט אַ לאַנגן און ערנסטן געשפּרעך מיט קלאַרענס׳ן.

— ביז איצט, — האָט דער פאָטער איינגע׳טענה׳ט מיטן זון, — האָב איך זיך אַליין געבראָכן דעם קאָפּ איבער מיינע געשעפטן. איצט איז שוין צייט דו זאָלסט אויך צולייגן דיין קאָפּ. דיין מאַמע ווייסט איין זאַך — איך גיב איר ניט גענוג. און וואָס מיינסטו וואָלט געווען ווען איך גיב איר צוויי מאָל אַזויפיל? זי וואָלט מסתמא אַריינגענומען נאָך אַ פאָר דינסטן און זי וואָלט ווידער ניט געהאַט גענוג...

קלאַרענס האָט זיך גענומען הויבן פון אָרט אומגעדולדיק:

— לאָמיך שוין הערן וואָס דו ווילסט פון מיר, פּאַפּאַ.

— דו ביסט, ווי איך זע, אַ שטאַרק פאַרנומענער מענטש, מיין זון, — האָט פיליפּ געענטפערט בייסנדיק. — פונדעסטוועגן וואָלט דיר גאָרניט געשאַדט אַ ביסל ווייניקער לויפן נאָך איירינ׳ען. נישקשה, זי מעג אַמאָל וואַרטן אַ שעה אַף דיר.

— פּאַפּאַ! — האָט קלאַרענס אויסגערופן באַליידיקט, מיט פאָרוואורף.

דאס האט פיליפ'ן געגעבן דעם געפיל פון נצחון איבער זיין געלערנטן זון, און ער האט זיך געפילט פולשטענדיק באפרידיקט — זיין פאטערלעכער פרעסטיזש איז געראטעוועט.

— דו ביסט שוין א דערוואקסענער מענטש, — האט ער ווייטער פאר־געזעצט מיט דעם זעלביקן געלאסן־צעצויגענעם פאטערלעכן טאן. — נאך א האלב יאר און דו וועסט ארויס פון קאלעדזש און אריין אין דער פאבריק, און אויב דיר וועלן אלע ליגן אין קאפ מיידלעך און „ליטערעטשור" וועט זיין אך און ווי צו די ביזנעס.

— איך האב עס שוין געהערט פון דיר טויזנט מאל, פאפא! — האט קלארענס ווידער ניט געקענט אויסהאלטן. ער האט זיך איצט אבער שוין געסטארעט צו באהאלטן זיין אומגעדולד.

בעסלעכווייז האט דער פאטער געגומען פאנאנדערוויקלען פאר זון זיינע פאבריק־פראבלעמען און פלענער. די געשעפטן וואקסן. די הכנסה איז דאס יאר אפשר מיט פופציק טויזנט דאלאר גרעסער ווי פאראיארן. אבער די הוצאה ווערט צו גרויס און באלד וועט מען מער ניט קענען קאנקורירן מיט דער איסט. און אט איז א נייע צרה — די יוניאן. עטלעכע טראבל־מאכער, און זיין קוזין, מארים קליין, צווישן זיי, האבן זיך ארייגגענומען אין קאפ איין זאך — א יוניאן, און זיי פארדרייען די קעפ בא אלע ארבעטער, וועלכע גייען שוין ארום מיט פליגן אין דער נאז, און נאר מען מורמלט — באטש גיב זיי דאס טעלערל פון הימל... זיי ווילן אים אומברענגען. אבער ווי לאנג קרענקען זיי ווי לאנג זיי וועלן ניט אויספירן. די מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן איז גרייט אף אלץ. און אט איז זיין נייסטער פלאן: ער וועטווארטן ביז דער איצטיקער סעזאן וועט אריבער, און דערנאך וועט ער צושליסן די פאבריק און טאן דאס וואס ער, קלארענס, האט שוין לאנג געוואלט — ער וועט איבערבויען און מאדערניזירן די פעקטארי, איינפירן נייע מאשינעריע, א קאנווייער־סיסטעם. ער וועט דערנאך צוריקרופן די אר־בעטער, ניט אלע מיטאמאל, נאר טיילנווייז, גרופנווייז. דאס וועט אים געבן די געלעגנהייט פטור צו ווערן פון די מורמלער און יוניאן־קרענקס. א שלעכ־טער פלאן אפשר, הא? איין זאך פארדריסט אים בלויז — מארים קליין. ערשטנס, פארט אן אייגענער, און צווייטנס — א גאלדענער באלמעלאכע! נאר וואס טויג די גאלדענע פעל, אז ס'איז א שלאנג, וואס בייסט... א שאד!...

— פארוואס ניט דורכרעדן זיך מיט מארים'ן אויג אף אויג, מיט גוטן? — האט קלארענס געפרעגט.

פיליפ'ן איז שטארק געפעלן זיין זונ'ס באמערקונג. דר. וואולסי האט

אים געפרעגט די זעלביקע פראגע. נאָר ער, פיליפ, גלויבט, אז ס'וועט ניט העלפן. ס'קען נאָך ערגער מאַכן.

— פּאַפּאַ, לאָז עס צו מיר! — האָט קלאַרענס אויסגערופן מיט דעם ענטוזיאזם און דער זיכערקייט אין זיך, וואָס איז כאראַקטעריסטיש פאַר אַן אומדערפאַרענעם 21־יאָריקן סטודענט.

אזוי איז געבליבן, און קלאַרענס האָט זיך געזעצט אין זיין נייעם „דאדזש"־קופּעי און איז אוועקגעפאָרן זוכן מאַרים'ן אַף די אדרעסן, וואָס זיין פאָטער האָט אים געגעבן.

3.

דער קאַלטער ווינט, וואָס האָט זיך כסדר געשטאַרקט, האָט געשטופּט קלאַרענס'עס אָטאָ פון הינטן און די גוט־געאוילטע מאַשין האָט זיך געגליטשט שטיל און פלינק איבער די אין רו פאַרזונקענע, זונטיקדיקע גאַסן פון וואָטער־טאָון.

קלאַרענס האָט זיך געפילט שטאַרק צופרידן מיט זיך. וואָס ווייסן זיי דען, די אַלטע, ווי צו האַנדלען מיט מענטשן? אָט וועט ער ווייזן זיין טאַטן, וואָס האַלט זיך פאַר אַ גרויסן ביזנעסמאַן, אַ ביישפּיל. ער וועט רעדן מיט מאַרים'ן גוט־ברודעריש, ווי קוזין צו קוזין, ווי אַ יונגער מענטש צו אַ יונגן מענטשן, ווי אַ פּראָגרעסיווער מענטש מיט פאַרגעשריטענע אידייען צו אַ פּראָגרעסיוון מענטשן מיט פאַרגעשריטענע אידייען. אָ, ער איז זיכער, אַז מאַרים וועט פאַרשטיין וואָס פאַר אים איז גוט. וואָס איז ער, אַ נאַר? יאָ, ער וועט אים ארויסנעמען אַף אַן אָטאָ־שפּאַציר, זיי וועלן עסן צוזאַמען מיטאָג אין אַ רעסטאָראַן. מ'וועט שמועסן וועגן פאַמיליע־זאַכן, וועגן וועלט־זאַכן. ביסלעכוויז וועט מען קומען צום תוך...

פאַרלאָזט זיך אַף קלאַרענס'ן. ער ווייסט שוין ווי צוצוטרעטן צו אַזאַ ווי מאַרים קליין...

נאָר ווען קלאַרענס איז ארויף אַף די טרעפּ פון דער אַלטער דריי־שטאָקיקער באָרדינג־הויז, וואו מאַרים האָט געוואוינט אין אַ צימער מיט אַ באַזונדערן אריינגאַנג אַפן העכסטן שטאָק, און אָנגעקלאַפּט אין טיר, האָט קיינער ניט געענטפערט. די באַלעבאָסטע, אַן אַלטע, פריילעכע אירישע פרוי, האָט מיט די אויגן אָפּגעמאָסטן דעם רייך־געקליידטן יונגנמאַן פון אויבן ביז אראָפּ, ווי איינער רעדט: „ווי קומט דאָס צו מאַרים'ן?"

— א קוזין! — האָט זי זיך געוואונדערט — און ווייסט ניט, אז מאָרים האָט געכטן חתונה געהאַט?

— חתונה געהאַט? מיט וועמען?

— מיט א מיידל, פאַרשטייט זיך, ניט מיט קיין בחור, כע, כע, כע!

— א דאַנק! — האָט קלאַרענס געזאָגט צעטומלט און ער איז ארויס פון הויז זיך פילנדיק גארישעוואַטע און אנטוישט. ער איז אָבער שנעל געקומען צו זיך און באַשלאָסן ניט אויפצוגעבן דעם פאַרזוך צו זען זיך מיט מאָרים'ן. ער איז אוועקגעפאָרן אַף אנאַ'ס אדרעס. דאָס איז געווען דער אדרעס פון איר ברודער טאָני.

.4

די גאַס, וואו טאָני האָט געוואוינט, ליגט לעבן דעם סאַמע אָרעמסטן קווארטאַל פון וואַטערטאַון. די „פלאָטס" (פליטעס) הייסט יענער קווארטאַל באַם פאָלק. אנדערע רופן אים „דעלודזשטאַון" (מבול־שטאָט). דער דאָזיקער קווארטאַל ליגט זייער נידעריק באַם ברעג טייך, אונטערן גרויסן בריק, דאָרט וואו דער טייך מאַכט א שאַרפן אָפּקער פון זיין געוויינלעכן גאַנג פון צפון צו דרום און נעמט זיך צו מערב־צו. יעדן פרילינג, כמעט רעגלמעסיק, ווען די שנייען צעגייען און דער געפרוירענער טייך לאָזט אָפּ, ווערט דער גאַנצער געגנט פאַרפלייצט און די איינוואוינער אנטלויפן פון זייערע אַזוי־גערופענע היימען. דעמאָלט זעט מען דאָרט שווימענדיק מיטן שטראָם אָן א שיר צעפוילטע ברעטער, דעכער, טירן, קוימענס און אַלערליי הויז־חפצים. אָפט הויבן זיך דאָרט אויף גאַנצע הייזלעך און שווימען אַוועק מיטן שטראָם, ווי זיי וואָלטן זיך אַוועקגעלאָזט זוכן פאַר זיך א מער זיכערן באָדן... די איינוואוינער טרעטן אָבער ניט אָפּ. זיי ווייסן — ניטאָ פאַר זיי קיין זיכערער באָדן, אין ערגעץ נישט. וואָס איז שייך זייערע „נחלות" איז אויך ניט קיין אומגליק — עס פעלן ניט קיין צעפוילטע ברעטלעך, קאַסטנס און פאַרזשאַווערט געשיר אַף די שכנ'ישע מיסטבערג... לעבנס ווערן דערביי זעלטן פאַרלוירן, ווייל אַלע זיינען דאָרט עקספּערטן אַף אנטלויפן פון געוויסערן...

בלויז אין א פּאָר העכערע גאַסן, באַם ראַנד פון די „פלאָטס", זיינען פאַראַן הייזער מיט וואַסער־רערן און גאַז פאַר קאָכן און באַלייכטונג. אין עטלעכע געציילטע הייזער האָט מען דאָרט די לעצטע יאָרן אפילו ארייגעפירט עלעקטריציטעט אויך, און אין איינער פון אָט די מאָדערניזירטע הייזער האָט געוואוינט אנאַ'ס ברודער, טאָני קאָוואַלסקי.

קלאַרענס האָט ביז איצט געקענט דעם דאָזיקן אויסטערלישן קווארטאַל

פונדערוויטנס. ער פלעגט זען זיינע קריכנדיקע, קרעציקע געסלעך פאַרביי־פאָרנדיק, פון דער גרויסער בריק פון שטאָל און בעטאָן, וואָס לויפט הויך איבערן טייך. ביז איצט האָט אים אָט דער שמוציק־ווילגאָטנער, ווערימדיק־פאַרשימלטער געגנט אויסגעזען ווי דער קעלער־קוואַרטאַל פון וואָטערטאָון. ער איז פאַר אים געווען בלויז אַ מין קוריאָזיטעט, אַן אויסטערלישקייט, וואָס גיט־צו פאַרב זיין שיינער שטאָט. איצט איז ער צום ערשטן מאָל אַרונטער־געפאָרן אין קעלער אריין. ער האָט אַ שטיקל צייט אַרומגעבלאָנדזשעט איבער די מיזעראַבעלע געסלעך און צום ערשטן מאָל באַמערקט די קרענקלעכע, הונגער־ און מגפה־געצייכנטע פּנימער פון די מענער און פרויען פון דעם קוואַרטאַל, די געאָלאָגישע שיכטן — ערד, בלאָטע און וואָס ניט — אויף די פּנימער און אַנדערע נאַקעטע קערפּער־טיילן פון די קינדער. סובאָטישע פרויען, צווישן זיבן און זיבעציק יאָר אַלט, האָבן געטראָגן צעבראָכענע קעסטלעך און אַלערליי מינים צעפוילטע האַלצוואַרג אויף צו באַוואָרענען זייערע פאַרקלעפּטע און פאַרלאַטעטע וואוינונגען קעגן דער אָנקומענדיקער קעלט. אויגן געצונדן פון הונגער און האַס האָבן פון אַלע ווינקעלעך געקוקט אויף דעם זאַטן און זעלבסט־צופרידענעם יונגן מענטשן, וואָס זיצט זיך אַזוי באַקוועם און זיכער בא דער ראָד אין דעם נייעם פינקלענדיקן אָטאָמאָביל. קלאַרענס האָט צום ערשטן מאָל אַריינגעאָטעמט אין זיך דעם שרעקלעכן ריח און געזען פאַר זיך דעם גראַם פון נויט, קויט און טויט. אַ געפיל פון שווידער האָט אים באַהערשט.

ענדלעך האָט ער געפונען די הויז, וואָס ער האָט געזוכט. אַן אַלטע, דריי־שטאָקיקע ציגלנע הויז מיט אַ פראָנט, וואָס איז אַמאָל געווען רויט, נאָר איצט איז ער געווען גרוי און גרין און פּאָפּוליאַטע פון אָנגעזאַמלטער בלאָטע און שימל. די פענצטער זיינען דאָ און דאָרט געווען פאַרקלאַפּט מיט שטיקלעך בלעך אָנשטאָט שויבן. אָט די הויז האָט דאָ אָבער אויסגעזען ווי אַ פּאַלאַץ פון זיכערקייט און באַקוועמלעכקייט, אין פאַרגלייך מיט די הייזער, וועלכע קלאַרענס איז נאָר וואָס פאַרבייגעפאָרן.

אין דעם ברייטן פינצטערן קאָרידאָר האָבן קלאַרענס'ן אַטאַקירט שאַרפע, ניט־היימלעכע ריחות פון קרויט־געקעכצן און פרעגלעכצן מיט ביליק פעטס און מאַרגאַרין. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. אַ געמיש פון קולות האָט זיך געהערט פון הויז ווען די טיר האָט זיך געעפנט. אַ פרוי מיט אַ בלאַס געזיכט און מיט אַ פּיצל קינד אויף די הענט האָט אים געבעטן וואַרטן. באַלד איז מאָרים אַרויסגעקומען. ער איז געווען שטאַרק איבעראַשט ווען ער האָט דערזען זיין אומגעריכטן גאַסט.

— מזל־טוב! — האָט קלאַרענס געזאָגט מיט אַ שמייכל ווען ער איז ענדלעך געקומען צו זיך פון דעם פיינטלעכן ריחות־בּאַראַזש. ער האָט געוואָלט פרעגן, פון העפלעכקייט וועגן, פאַרוואָס מאָרים האָט קיינעם פון זיין פאַמיליע ניט גערופן צו דער חתונה, נאָר ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן.

— אַ דאַנק, — האָט זיך מאָרים געוואונדערט. — פון וואַנען ווייסט איר, און נאָך וואָס ביסטו געקומען?

מאָרים האָט געטראַכט: ווייסן זיי, אַז דאָ קומט איצט פאָר אַ יוניאָן־מיטינג, און איז קלאַרענס געקומען שפּיאָנירן? אויב אַפילו יאָ, וועט עס זיי גאָרניט העלפן. שוין צו שפּעט.

— קלאַרענס איז געשטאַנען אַ ווײַלע און געוואַרט, אַז מאָרים זאָל אים איינלאַדן אין שטוב אַריין. ווען ער האָט געזען, אַז זיין וואַרטן איז אומזיסט, האָט ער, ווי ער האָט פריער אָפּגעמאַכט בײַ זיך, זיך ניט באַליידיקט, נאָר פאַרקערט, ער האָט איינגעלאַדן מאָרים׳ן מיט זיין יונג ווייבל פאָר אַן אָטאָמאָביל־שפּאַציר. מאָרים האָט זיך העפלעך אָפּגעזאָגט.

— אַנאַ האָט איצט געסט, איר משפּחה, — האָט ער זיך פאַרענטפערט.

— אַן אַנדערש מאָל, קלאַרענס. אַנטשולדיק...

„ס׳אַראַ תכיף ער איז דאָס בּאַ זיך!" — האָט קלאַרענס געטראַכט בייז. אַן אַנדערש מאָל! וואָס דען? ער, קלאַרענס, האָט גאָר קיין אַנדער אַרבעט ניט, נאָר צו זיצן און וואַרטן ביז וואַנען מאָרים און זיין שיקסע וועלן אים אַמאָל אָנטאָן דעם גרויסן כבוד און לאָזן אים פירן זיי אויף אַן אָטאָמאָביל־שפּאַציר.

קלאַרענס האָט אָבער ניט געזאָגט וואָס ער האָט געטראַכט.

— נו, פאַרפאַלן, — האָט ער געזאָגט, דערלאַנגענדיק מאָרים׳ן די האַנט.

— איך האָב געמיינט גוט. זאָל זיין אַן אַנדערש מאָל.

צוגעקומען צו זיין אָטאָמאָביל — אַן אומגליק! די גומענע רעזערוו־שינע, וואָס איז געהאַנגען צוגעשמידט פון הינטן צו זיין קאַר, האָט געפעלט, און איינער פון די מעטאַלענע „פענדערס" איז געווען צעבויגן איבער דער ראָד. ער איז געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער און גענומען זוכן דעם שולדיקן. ער האָט אָבער קיינעם ניט געזען. אַ פּאָר קליינע אינגלעך זיינען זיך צעלאָפן ווען ער איז אַרויסגעקומען און די גאַס איז געבליבן ליידיק. שלעכט. ניטאָ קיין סימן פון קיין פּאָליציאַנט אַרום און אַרום — וואָס האָט דאָ אַ פּאָליציאַנט צו טאָן? ווער ועמעס אייגנטום וועט ער דאָ היטן? אַפילו טעלעפאָנירן קען מען דאָ ניט — ניטאָ קיין עפנטלעכער טעלעפאָן־פּלאַץ אויף בּלאָקס אַרום.

— „דע־עם איט!" — האָט קלאַרענס אויסגערופן אין כעס אויף דער

גאַנצער וועלט און אַף זיך, פאַרוואָס ער האָט זיך אַליין פאַרפירט אין אַזאַ זומפּ אַריין. ער האָט זיך אַ פאַרביטערטער געזעצט אין זיין אָטאָ און אים געלאָזן לויפן וואָס שנעלער אַרויס פון אָט דעם גיהנום.

אָפּגעפאָרן עטלעכע בלאָקס. מיטאַמאָל :

— טר־רר־ראַך ! — איינע פון די גומענע שינעס אַף די רעדער האָט געפּלאַצט. אַ גליק וואָס ס׳איז געווען לעבן אַן אָטאָ־סטאַנציע.

— יענע חברה־לייט זיינען עקספּערטן אַף צעשניידן „טיירס", — האָט אים דער גאַראַדזש־מעכאַניק דערקלערט. — זיי שניידן און דערשניידן ניט, און פּלוצלונג פּלאַצט בא דיר אַ „טייר" און דו ווייסט ניט פון וואַנען ס׳איז געקומען.

אַהיימפאָרנדיק האָט קלאַרענס זיך דערמאָנט אָן די לודיסטן, וועלכע פלעגן אין אָנהויב פון 19טן יאָרהונדערט אַרומגיין און ברעכן מאַשינען.

— באַרבאַרן ! — האָט ער אין זיך אויסגערופן. דאָס האָט ער געזידלט ניט די פּאַרציייטיקע לודיסטן, נאָר די היינטיקע „באָמס", ד. ה. אַלע איינוואוינער פון „דעלודזשטאַון" און זייערע פריינט, זיין קוזין מאָרים אַריינגערעכנט.

.5

אין פיליפּ גראַפּ׳ס שיך־פעקטאָרי האָט אין די קומענדיקע טעג געהערשט די שטילקייט פאַר אַ שטורעם.ביידע צדדים האָבן זיך געגרייט אין דער שטיל. די מענטשן האָבן זיך געפּאָרעט אַרום די מאַשינען, ווי געוויינלעך, נאָר ס׳איז געווען קענטיק, אַז זיי פּלאַנעווען עפּעס אין דער שטיל, אַז זיי גרייטן זיך צו צאַמען די מאַשינען און זייער באַלעבאָס. און די מאַשינען זיינען אָנגעגאַנגען מיט זייער שטענדיקן געקלאַפּ און גערויש, נאָר הינטער זיי, האָט מען געפילט, לויערט עפּעס אַ מיאוס׳ע פאַרשווערונג קעגן די מענטשן, זייערע באַטרייבער און באַצווינגער. פון איין זייט האָבן די מענטשן אינמיטן זייער מאַשינאָווער פאַרהאַוועטקייט זיך אַזוי מענטשלעך געשושקעט איינער דעם אַנדערן אין אויער אַריין : „אַ מיטינג — וואו ? ווען ?" פון דער צווייטער זייט האָבן זיך פרעמדע מענטשן, אינזשענערן, געדרייט אַרום די מאַשינען, זיי געמאָסטן און געוואויגן, און געצייכנט מיט קאָלירטע בליישטיפטן אַף גרויסע פּאַפּירן. און אַנדערע פרעמדע, פאַרשוינען מיט פאַרדעכטיקע שאַרפע נעזער און חוצפּה׳דיקע שטערנס, האָבן זיך געדרייט צווישן דעם אָפּיס און די פאַרשיידענע אַרבעט־צימערן, און געזייט מורא און פאַרדאַכט.

און איין אָוונט, באַלד נאָך דער ארבעט, ווען פיליפּ גראַף, דער באַלעבאָס פון די מאַשינען, איז געזעסן באַ זיך אין אָפּיס און געטראַכט וואָס ער זאָל טאָן מיט מאָרים קליין נאָך דער רעאָרגאַניזאַציע — ער האַלט דאָך אַזוי שטאַרק פון פּראָגרעס, מאָרים, און דאָ וועט ער אים ווייזן נייע מאַשינען, נייע וואונדער פון פּראָגרעס; אפשר וועט ער פאַרט איינזען, אז ער קען זיך קעגן דעם פּראָגרעס ניט שטעלן, אז ער וועט קענען אים גאָרניט אויספירן — וואָס איז דען העכער פון פּראָגרעס? — ער איז דעמאָלט גראָד געווען גוטמוטיק געשטימט, פיליפּ גראַף, און ער האָט געוואָלט גלויבן אין יעדן איינציקן מענטשן, אפילו אין מאָרים'ן — האָט זיך גראָד דעמאָלט געעפנט די טיר פון אָפּיס און עס זיינען אריינגעקומען מיט פעסטע און ערנסטע טריט און פּנים'ער מאָרים, דזשים באַרקלי, דער שטעפּער, גלעדיס לונד, די טיש־מיידל, און פּיט בראַון, דער טרימער, א נעגער.

מיטאַמאָל האָט זיך דאָס גוטמוטיקע געזאַנג אין פיליפּ גראַף אָפּגעשטעלט און ס'איז פאַרשוואונדן באַ אים דער גאַנצער גלויבן אין פּראָגרעס און אין מענטשן.

— זיצט! — האָט ער זיך מיט שטייפער העפלעכקייט געווענדט צו זיינע אומגעבעטענע „געסט".

— טהענקס, מיר קענען שטיין אַף אונזערע פיס, — האָט געענטפערט פּיט, דער נעגער.

— ווי איר ווילט.

גראַף האָט גענומען א גלייכגילטיקע פּאָזע, ווי דאָס וואָס זיי זיינען אים איצט געקומען זאָגן איז פאַר אים גאָרניט וויכטיק און ס'קימערט אים גאַנץ ווינציק. ער האָט זיך געווענדט צו מאָרים'ן אינדיווידועל, פאַמיליאַר, ווי צו אַן איינעם:

— דו ווייסט, מאָרים, מיר וועלן דאָס יאָר האָבן זייער א גוטן סעזאָן. היינט געשלאָסן א נייעם קאָנטראַקט מיט א גרויסן ניו יאָרקער דזשאָבער.

גראַף האָט ביטערע א קוועטש געטאָן דעם „מיר". ווי איינער רעדט: „ביסט דאָך פאָרט א קרוב, אז מען וויל זאָגן, א שטיקל „פּאַרטנער" אפשר אויך — וואָס גלייכסטו זיך מיט יענע?..."

— מיר, — האָט מאָרים געענטפערט. ער האָט אויך א קוועטש געטאָן דעם „מיר" און א קוק געטאָן אַף זיינע דריי חברים. ווי איינער רעדט: אָט ווער ס'זיינען מיין „מיר"! זיי זיינען מיינע אייגענע!

— מיר — האָט ער איבערגע'חזר'ט דאָס וואָרט נאָך א פּויזע — זיינען געקומען צו אייך ווענן א וויכטיקן ענין. מיר פאָרטרעטן אַלע ארבעטער פון

דער פאַבריק און די שיך-אַרבעטער יוניאַן. דזשים וועט אייך פאַרלייענען די פאָדערונגען.

דזשים האָט געלייענט: 44 שעה אַרבעט אַ וואָך, אַ 10־פּראָצענטיקע הוספה אויף די שכירות, 50 פּראָצענט מער פאַר איבער־שטונדן, אָנערקענונג פון דער יוניאָן.

ס'האָט גראַפּ'ן געהויבן פון אָרט. וואָס וועט ער דאָ זיצן און הערן! אומזין! ער איז פונדעסטוועגן געבליבן זיצן אויסערלעך רואיק, געקוקט שטייף אויף דעם אַפּריס-קאַלענדאַר, וואָס איז געשטאַנען אויפן שרייב־טיש, און זיך געסטאַרעט צו קאָנטראָלירן זיין כעס.

— ווער האָט אייך געגעבן דאָס רעכט צו רעדן אין נאָמען פון אַלע אַרבעטער? — האָט ער ענדלעך אַ פרעג געטאָן, כלומרשט קאַלטבלוטיק.

— צוויי הונדערט אַרבעטער, וועלכע זיינען שוין אָרגאַניזירט אין אונזער יוניאָן. די איבעריקע וועלן אויך צושטיין, — האָט פעסט דערקלערט מאָריס.

— צוויי הונדערט אַרבעטער? ! המ... מיר וועלן זען. דערווייל גיט מיר צייט. איך וועל זיך מישב זיין, — האָט פיליפּ גראַף זיך געווענדט צו דזשים'ען און די אַנדערע מיטגלידער פון דער קאָמיטע, אומישנע אויס־מיידנדיק צו קוקן אין מאָריס'עס ריכטונג. נאָר איידער די קאָמיטע האָט צייט געהאַט צו ענטפערן האָט זיך גראַף שאַרף אויסגעדרייט מיטן פּנים צו מאָריס'ן און אויסגעשאָסן:

— און דו, און דו, — צוויי בינטלעך דינע קנייטשן פון ביידע זייטן נאָז האָבן עדות געזאָגט אויפן שטורעם הינטער דער רואיקער פּאָזע, — און דו — אָנגעהויבן שטאַמלענדיק און פאַרענדיקט פעסט:

— האָסט מאָרגן ניט וואָס צו קומען צו דער אַרבעט! איך וויל מער דיין צורה ניט אָנקוקן!

שוין. די פּראָבלעם איז פאַר גראַפּ'ן געלייזט. ער איז מיט מאָריס'ן פאַרטיק. און איצט קען ער שוין קוקן ווייטער, כמעט בעטנדיק די אַנדערע מיטגלידער פון דער קאָמיטע אין די אויגן אַריין. נאָכאַלעמען, וואָס פאַר אַ שייכות האָבן זיי דען מיט זיין מאָריס'ן? ער איז דאָך ניט זייערער, נאָר זיינער, גראַפּ'ס, אַ קרוב. ער האָט אים געבראַכט קיין אַמעריקע און ער קען מיט אים טאָן וואָס ער וויל — וואָס, ניין?

באַזונדער ליבלעך האָט זיך גראַף געסטאַרעט קוקן אין דער ריכטונג פון גלעדיס'ן. ער איז געווען זיכער, אַז זי, גלעדיס לונד, די טאָכטער פון אַ פאַרמער אויפן וועג צווישן וואָטערטאַון און לייקוויל, באַ וועמען ער, גראַף, איז אַ גוטער קאַסטאָמער זומער־צייט, דאַרף מיט אים סימפּאַטיזירן. אָט

האָט ער זי זומערצייט אַ פּאָר מאָל געפירט אין זיין אָטאָ פונדערהיים אין שטאָט אריין. האָט ער ניט אַ רעכט אַף איר סימפּאַטיע?

גלעדיס האָט די ערשטע איבערגעשלאָגן גראַפּ׳ס ציטערנדיקע געדאַנקען.

— מיר וועלן אַלע ניט קומען! — האָט זי אויסגערופן און האָט גענומען גיין צו דער טיר.

— מיר וועלן אַלע ניט קומען! — האָבן אויסגערופן פּיט און דזשים און האָבן נאָכגעפאָלגט גלעדיס׳ן און מאָריס׳ן צו דער טיר.

6.

ס׳איז אויסגעבראָכן דער קריג צווישן דעם מענטשן און דער מאַשין. די מענטשן האָבן געקעמפט פונדרויסן, ווי מענטשן, און האָבן געפּרואווט איינקלעמען די גאַנצע פאַבריק צווישן זייערע פעסטע רייען. און די מאַשינען אינעווייניק האָבן נאָך עטלעכע טעג שטומעניש ווידער אָנגעהויבן קלאַפּן און רוישן מיט דער הילף פון מענטשן, אין ווען די מאַשינען האָבן צע־קוועטשט אַלע אָדערן פון מענטשלעכקייט און זיי פאַרוואַנדלט אין בלינדע געצייג — סקעבס.

און מיטאַמאָל האָט די גרויסע אַמעריקאַנער מלוכה אויסגעפונען, אַז צווישן אַלע אירע טויזנטער בירגער אין דער שטאָט וואָטערטאַון געפינט זיך אַ געוויסער מיסטער פיליפּ גראַף, אַ געבירטיקער ערגעץ אין אַ דאָרף אין פּאָדאָליע, נאָר איצט דער אייגנטימער פון דער „פיליפּ גראַף שו קאָמפּאַני", אַ גוטער אַמעריקאַנער, און אָט דער איינער איז בא דער גרויסער מלוכה פּלוצלונג זייער טייער געוואָרן, אַ סכנה ווי טייער!...

און זי, די מלוכה, האָט זיך אײנגאַנצן, מיט אַלע אירע צווייגן און אינסטרומענטן, געשטעלט צום דינסט פון אָט דעם מיטאַמאָל טייער גע־וואָרענעם בירגער, מיסטער פיליפּ גראַף. זי האָט זיין אינדוסטריעלן שלאָס, די פאַבריק, אַרומגערינגלט מיט אַ וואַך פון אירע געקליבנסטע לאָקאַלע שומרים, פוס־גייער און אַף פערד; זי האָט געשטעלט צו זיין דינסט איר לאָקאַלע יוסטיץ, וועלכע האָט אים באַזאָרגט מיט אַנטשיידונגען און געריכט־באַפעלן קעגן רו־שטערער און פאַרלעצער פון די רעכט פון זיין אייגנטום, זיינע מאַשינען. און די גרויסע טעגלעכע צייטונגען, אויך אַ צווייג פון דער מלוכה, כאָטש ניט אָפיציעל, האָבן געדינט געטריי פיליפּ גראַפּ׳ס אינטערעסן.

זיי האָבן געליאַרעמט קעגן דער יוניאָן, געסטראַשעט מיט דער „רויטער געפאַר" און געפאָדערט די שטרענגסטע „גערעכטיקייט" קעגן די „שונאים פון רו און אָרדענונג".

איז דאָס נאָך ווייניק געווען, האָט די סטייט־לעדזשיסלייטשור פאַר אים צוגעגרייט אַ ספּעציעלן געזעץ, אַן אומ׳ברחמנות׳דיקן, קעגן „קרימינעלע סינדיקאַליסטן", שונאים פון דער מלוכה — אַזוי ווייט האַלט ער שוין, פיליפּ גראַף, אַז ווער ס׳איז אים אַ שונא איז אַ שונא פון דער מלוכה.

און דאָס אַליין איז נאָך ווייניק געווען. האָט די פעדעראַלע רעגירונג אויסגעבאָרגט פיליפּ גראַפ׳ן איר אימיגראַציע־דעפּאַרטמענט און אירע אימי־גראַציע־געזעצן, און יעדער איינגעוואַנדערטער אַרבעטער, וואָס שעדיקט די פּראָדוקציע אין פיליפּ גראַפ׳ס פאַבריק, דער איז אַ ניט־געוואונטשטער פרעמ־דער, דעם נעמט מען פאַרן קאָלנער מיט אַן אייזערנער לאַפּע און מען שמייסט אים אַרויס פון לאַנד...

און אָט האָט מען אַ כאַפּ געטאָן דעם „טראָבל־מאַכער", מאָריס קליין, און ס׳האַלט, אַז מען זאָל אים דעפּאָרטירן צוריק קיין פּוילן, וואו זיין לעבן וועט ניט ווערט זיין קיין שמעק טאַבאַק. אָבער פאַרוואָס זאָל ער, גראַף, זיך נעמען צום האַרצן? האָט עס דער הפקר־יונג דען אַליין ניט גענומען אויף זיך? ער האָט געוואָלט קאַמף, נו, זאָל ער פאַרזוכן דעם טעם פון קאַמף; זאָל ער וויסן, אַז מיט קיין מלוכה הויבט מען זיך ניט אָן...

פונדעסטוועגן איז ער, פיליפּ גראַף, דאָך פאָרט, ווי זאָגט מען, אַ מענטש מיט אַ האַרץ, און ווי זאָגט זיין טילי — אייגן בלוט איז פאָרט ניט קיין וואַסער. האָט זיך פיליפּ דורכגערעדט מיט זיין לאָיער, מיסטער מילער פון דער לאָ־פירמע מילער ענד סאַליוואַן, אַז ער זאָל זען עפּעס טאָן פאַר מאָריס׳ן, אַז מען זאָל אים ניט צוריקשיקן קיין פּוילן, כאָטש ער איז ניט ווערט מען זאָל פאַר אים עפּעס טאָן.

מען קען איצט גאָרניט טאָן פאַר אים, האָט אים דער לאָיער גענעבן צו פאַרשטיין. מאָריס איז איצט אין די הענט פון דער „גאָווערנמענט", ניט אין אונזערע הענט. זי. די „גאָווערנמענט", וויל אים ניט האָבן אין לאַנד און קיין בקשות וועלן ניט העלפן.

האָט דאָס גראַף ניט געקענט פאַרשטיין. וואָס הייסט זיין בקשה וועט ניט העלפן? פאַר וועמען האָט זיך דען די „גאָווערנמענט" אָנגענומען, אויב ניט פאַר אים? און אויב פאַר אים, פאַרוואָס בלויז מיט אַרעסטירן און ניט מיט אָפּלאָזן?

גיי דערציי̆ל א מענטש ווי פיליפ גראף, אז די מלוכה האָט זיך גאָר אין דער אמת ניט אָנגענומען פאר אים, נאָר פאר זיינע מאשינען, וועלכע זיינען עם די יחסנים, ניט ער; אז ער איז בלויז א שרייפל אין א גרעסערער מאשין, וואָס קען אים מיט דער צייט צעקוועטשן, פונקט ווי ער צעקוועטשט זיינע ארבעטער; אז זיין גאנץ פארמעגן, זיין פאבריק, זיין קאפיטאל, ער אינ־גאנצן, איז בלויז אן אומפערזענלעכער ציפער אין דער מאשין איבער אלע מאשינען, אין דער קאָלאָסאלער פינאנץ־מאשין, וואָס האלט אים, גראפ'ן, אין איר נעץ ווי א גרויסע שפין, וואָס האלט א קליינע פליג אין איר שפינוועב, און שפילט זיך מיט איר אזוי לאנג ביז וואנען זי פרעסט זי אויף?...

קאפיטל VI

האָ, האָ!

1.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן אין חודש מאַי פונעם יאָר 1929 האָט דר. וואולסי, דער סעקרעטאַר און פירער פון דער מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן פון וואָטערטאַון, זיך רואיק און געמיטלעך, ווי זיין שטייגער, געבלעטערט זיין מאָרגן־צייטונג. מיטאמאָל איז ער אויפגעשפרונגען:

— איז עס מעגלעך? דער עכט־אַמעריקאַנער פּאָעט, דער שטאָלץ פון וואָטערטאַון, זיין פריינט און דער פריינט פון איינציקע פון די רייכסטע בירגער פון לאַנד, עמערי לענאַרד קאַרסאָן — ער אַליין אַפּעלירט אין אַ בריוו צום לייבאָר דעפּאַרטמענט און צום פּרעזידענט פון לאַנד מען זאָל באַפרייען דעם רויטן אויסלענדער, מאָריס קליין? ! אומגלויבלעך! און דאָך, אָט איז עס — שוואַרץ אויף ווייס...

דר. וואולסי האָט זיך געריבן די אויגן, אויסגעווישט זיינע פּענסנע און זיי בעסער אָנגעזעצט אויפן נאָז, און גענומען לייענען.

— איך — שרייבט דער באַרימטער פּאָעט — קען פּערזענלעך דעם יונגן אויסלענדער, מאָריס קליין, און איך ווייס, אַז אויב ער איז אַ געפאַר פאַרן לאַנד איז יעדער ערלעכער און מוטיקער מענטש, וואָס זוכט אַ בעסער לעבן פאַר זיך און זיינע מיטמענטשן, פּונקט אַזאַ געפאַר.

— האָ, האָ! — איז דר. וואולסי אויפגעשפרונגען, ווי ער וואָלט פּלוצים געפּאַקט אַ גנב אונטער דער קאַנאַפּע אויף וועלכער ער אַליין זיצט — אַ רויטער!!

ביסלעכווייז איז דער געטרייער שומר פון געזעץ און אָרדענונג געקומען צו זיך פון זיין איבעראַשונג.

— הייסט עס, אַז דער אומוויסנדיקער און אַנאַלפאַבעטישער רוסישער איד, פיליפ גראָף, איז געווען גערעכט — ער האָט זיך פאַרשטאַנען אויף קאַרסאָן׳ען בעסער ווי איך, דר. פּענוועל וואולסי, דער סעקרעטאַר און הויפּט־ראַטגעבער פון דער מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן פון וואָטערטאַון — וואונדער איבער וואונדער!

און דר. וואולסי האָט זיך אוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אַ בריוו צו זיין מאָרגן־צייטונג מיטן צוועק אָרונטערצורייסן די מאַסקע פון דעם פּאָעט קאַרסאָן, וועלכער איז אַריין אין אַ פאַרשווערונג אונטערצוגראָבן דאָס לאַנד, זיין — דר. וואולסי׳ס — לאַנד.

.2

איבערן גאַנצן לאַנד האָבן זיך געגרינדעט קאָמיטעטן פון אַרבעטער און ליבעראַלן מיטן צוועק צו ראַטעווען דעם יונגן אויסלענדישן אַרבעטער־קעמפער און אידעאַליסט, מאָרים קליין, פון דער פּאָלישער רעאַקציע און איר טעראָר. מיטינגען, דעמאָנסטראַציעס זיינען פאָרגעקומען אומעטום. טעלע־גראַמעס און בריוו האָבן געשטראָמט צום אימיגראַציע־דעפּאַרטמענט פון אַלע זייטן. אין וואַשינגטאָן האָט מען כמעט יעדן טאָג דעמאָנסטרירט פאַר פּיליפּ גראַפּ׳ס הויז מיט אַזעלכע פּלאַקאַטן, ווי: „קינ׳ס צייכן אַפן מערדער פון זיין ברודער!", „מיר׳ן אַרויסרייסן אייער קרבן, וואָס איר האָט געוואָרפן אין דעם לייבן־גרוב", און „מיר וועלן האָבן אַ הונדערט־פּראָצענטיקע יוניאָן בא דער פּיליפּ גראַף שו קאָמפּאַני."

האָט פּיליפּ געמוזט זיין פאַמיליע אוועקשיקן קיין לייקוויל, צו טילי׳ס עלטערן, און אַליין האָט ער זיך ציטווייליק באַזעצט אין אַ האָטעל. ניין, ניט אים וועט מען ברעכן מיט דעמאָנסטראַציעס!

און אין סוף סעפּטעמבער, ווען פּיליפּ האָט זיך נאָר־וואָס אומגעקערט צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע פון לייקוויל, איז אָנגעקומען די נייעס, אַז זיי, די רויטע, האָבן אויסגעפירט דאָס וואָס ער, פּיליפּ גראַף, האָט ניט געקענט — מאָרים קליין איז באַפרייט געוואָרן.

— דאַנקען גאָט! — האָט טילי פרום אויסגערופן. — זאָל ער גיין אַף אַנדערע הענט...

נאָר ווען פּיליפּ האָט איר געוויזן די צייטונג מיט דעם בילד פון איר פּלימעניק, ווי ער צעקושט זיך מיט זיין געליבטער פּוילישער שיקסע, אַנאַ, וועלכע האָט אים אָפּגעוואַרט בא די טויערן פון עלים איילאַנד, האָט זי די צייטונג אוועקגעוואָרפן פון זיך און אַ זאָג געטאָן מיט כעס:

— ער איז מער ניט מיין פּלימעניק! עלעהיי ער איז געשטאָרבן...

.3

אין צוויי וואָכן אַרום איז איינער פון די גרעסטע זאַלן אין וואַשינגטאָן אָנגעפּאַקט געוואָרן מיט טויזנטער אַרבעטער, וועלכע זיינען געקומען באַגריסן

זייער באַפרייטן ברודער און מוטיקן קעמפער פאַר אַ יוניאָן אין דער נייער, ניט־אָרגאַניזירטער שיך־אינדוסטריע פון וואָטערטאַון, מאָרים קליין.

הוראַס און „טשירס" און פלאַטערנדיקע טיכלעך האָבן געשטורעמט און געפלאַטערט איבערן מענטשן־ים, וואָס האָט פאַרפליצט דעם זאַל, ווען מאָרים איז אַרויסגעטראָטן אויף דער פלאַטפאָרם.

— פיליפ גראַפס קומען און פיליפ גראַפס וועלן אַוועק און אָפּגעווישט ווערן פון דער ערד, און אונזער יוניאָן וועט פאַרבלייבן פעסט ווי דער פעלז פון גיבראַלטאַר און פאַרזיכערן אַ בעסער לעבן פאַר אַלע וואָס אַרבעטן, — האָט מאָרים אויסגערופן אונטער אַ דונער פון אַפּלאָדיסמענטן און „טשירס".

מאָרים האָט פאַרענדיקט:

— מיר, די מענטשן פון אַרבעט, מוזן צאַמען און באַהערשן די מאַשינען, וואָס מיר אַליין האָבן געשאַפן, כדי זיי זאָלן אונז ניט צעקוועטשן, נאָר דינען. מיר זאָגן: ניט דער מענטש פאַר דער מאַשין, נאָר די מאַשין פאַרן מענטשן, וואָס אַרבעט און שאַפט!

און מיט נאָך צוויי וואָכן שפּעטער איז מאָרים'ס נביאות מקוים געוואָרן: דער גרעסטער און ווילדסטער עקאָנאָמישער ציקלאָן אין דער געשיכטע האָט זיך אָנגעהויבן פון וואָל סטריט און זיך שנעל פאַנאַנדערגעטראָגן איבערן לאַנד. פיליפ גראַפ'ס פירמע האָט באַנקראָטירט, זיין פאַבריק האָט זיך געשלאָסן אויף אַ צייט און איז באַלד איבערגעגאַנגען אין אַנדערע, גרעסערע הענט.

אַ שרייפל האָט געפּלאַצט אין דער מאַשין איבער מאַשינען, וואָס הערשט איבערן לאַנד. האָט מען עס אַוועקגעוואָרפן אין בראַק, צווישן טויזנטער אַנדערע געפּלאַצטע און בראַקירטע שרייפלעך, און די קאָלאָסאַלע מאַשין בלאָזט זיך און בלאָזט זיך נאָך — אויף ווי לאַנג?

איבערנאַכט

I. אַ נאַכט אַ גאַנצע

1.

אַן ערנסטער, געוויסנהאַפטיקער מענטש איז ער, מאַלין, און ס'טוט אים וויי.

אַ נאַכט אַ גאַנצע געמאַטערט זיך אין צאַפּלדיקער אומרו. שאַרפשפּיציקע פּראַגעס, ווי צעבראָקלטע פּיצלעך גלאָז, האָבן מיט שטעכיקער עקשנות געביסן ערגעץ אין אַ וויַיטן ווינקל פון זיין געוויסן. וואָס-זשע זאָל ער טאָן? וואָס קען ער טאָן? איז דאָס זיין שולד? קען ער זיך גלייכן צו אַנדערע? קען מען דען פאַרלאַנגען ער זאָל אַרויס אין סטרייק? דער געדאַנק אַליין איז דאָך אומזיניק, לעכערלעך.

לעכערלעך היינט, לעכערלעך מאָרגן — נאָר דער שלאָף וויל אַלץ ניט קומען. און אָט ווערט שוין באַלד טאָג, באַלד וועט מען דאַרפן אויפשטיין, טאָן זאַכן, וויכטיקע פאַראַנטוואָרטלעכע זאַכן, — קומען אַזעלכע זאַבאַבאָנעס, איינרעדענישן, קינדערשע לבנה-גלאָצעניש — אַפן הימל אַ יריד — און לאָזן ניט שלאָפן. און אַז ניט זאַבאַבאָנעס און אַז ניט אַפן הימל אַ יריד, איז וואָס? מוז ער דאָס שוין איצט, אַפן גלעגער, אַלץ אויסגלייכן, פאַרגלעטיקן? ער וועט נאָך צייט האָבן צו טראַכטן. וואָס איז דער געיעג?

אפשר וועט זיך מאָרגן אַלץ אַליין אויסגלייכן? אפשר וועלן זיי זיך מאָרגן פּאַרט אַרומזען, קליגער ווערן? איינגאַנצן איז עס דאָך אַן אומזין. און ער מיינט דאָך גוט, און ער וואָלט אודאי וועלן אַז אַלץ זאָל זיין גוט, פאַר אַלעמען גוט. וואָס איז ער שולדיק? נאָר דאָרטן, אין יענעם וויַיטן ווינקל פון זיין געוויסן, האָבן זיך צעפּיקעט צאַפּלעניש, ווי מחנות שווערלבעלעך, און זיי סוויסטשען מיט דינע, דורכלעכערנדיקע קול'עכלעך, און פּיקן מיט דינינקע, גלעזערנע שנאָבעלעך...

וואונדערט זיך דזשעני: וואָס איז מיט אים, מיט מאַלינ'ען, היינט? וואָס האָט ער זיך אַזוי צום האַרצן גענומען? אַ מענטש קריגט אַ הוספה פון צוואַנציק דאָלאַר אַ וואָך אומגעבעטן, און אָט דערוואַרט אים אַ דיווידענד

פון עטלעכע הונדערט דאָלאַר אויף זיינע שערס, און... עסט זיך אויף דאָס האַרץ. צוליב וואָס? פרעגט אים. וואָס האָט ער זיך צו דאגה'ן פאַר יענעם? היינטיקע צייטן מוז יעדער איינער זיך אַליין פאַרזאָרגן. אָבער מאַלין פילט איצט ניט ווי אויסצו'טענה'ן זיך.

„איך בעט דיך, לאָז מיך צורו." דאָס איז אַלץ, וואָס זי האָט פון אים געקענט אַרויסקריגן.

וואָס־זשע קען זי טאָן? זי זוכט צו העלפן מיט וואָס זי קען. האָט זי אויף זיין האַרצן אַ ווייכע האַנט אַרויפגעלייגט און גענומען גלעטן, גלעטן, ווי זי וואָלט געזוכט די אָנגעווייטיקטע ערטער, ווי זי וואָלט זיי געוואָלט פאַר־גלעטן, פאַרהיילן. האָט זי אים דען ניט ליב מיטן גאַנצן האַרצן? איז זי דען ניט אינגאַנצן זיינע? יאָ, אינגאַנצן. און ער טוליעט זיך צו איר, טוליעט זיך צו איר, ווי ער וואָלט געזוכט צו דערטרינקען אַלע זיינע דאגות אין איר ווייכן לייב...

וואו־זשע איז מאַלינ'ס פון יאָרן געקעכלטע רואיקייט? די רואיקייט, וואָס ער האָט מיט אַזויפיל אָנשטרענגונג קולטיווירט אין זיך, און וועלכע האָט שוין געהאַט געזעסן אין אים בהרחבה'דיק און געוואָרעמט זיין געמיט, אַט ווי אַ הון וואָס זיצט זיך געמיטלעך צעשפּרייט און וואַרעמט אויס אירע הינדעלעך, — וואו איז זיין שווער־דערגרייכטע רואיקייט איצט אַהינגעקומען?

איז גוט וואָס זי, דזשעני, איז לעבן אים, איז מיט אים, וואָס זי לאַסטשעט אים און פאַרגלעט זיין געמיט, פאַרגעסט ער אַ ווײַלע אָן אַלץ. דאָס איז דאָס בעסטע, וואָס ער קען איצט טאָן — פאַרגעסן. אָבער ניט מער ווי אויף אַ ווײַלע. באַלד קומט עס ווידער צו אים צוריק, דאָס אַלטע געוויסן פון אַמאָל, דאָס ערגעץ־פאַררוקטע, דאָס אומגעבעטענע, און דערמאָנט... מאָנט... שטיקלעך־ברעקלעכווייז קומט עס צו אים, דאָס אַלטע געוויסן, ווי רעשטלעך פון אַ צעפאַלענעם, חרוב־געוואָרענעם עבר, און זיי דערמאָנען... מאָנען, מאָנען...

שטיקלעך פון לאַנג, לאַנג פאַרגאַנגענעם אַמאָל... אפשר פון אַן אַנדער עולם, אַן אַנדער גלגול... יוגנט — יאָ, זיין אייגענע יוגנט — אויפגעלויכטענע נעכט, בלענדנדיק צעשטראַלטע טעג... זיסער אויפברויז פון ערשטע ליידנ־שאַפטן... ערשטע ליבע... פרישער, אויפגעפלאַקערטער ענטוזיאַזם. זוניקע, זינגענדיקע אידעאַלן. בווידעם־קרייזלעך. אויפגעפלאַקערטע אויגן און קלאַפּנ־דיקע הערצער. קלאַפּנדיקע פערדישע קאָפּיטעס... שמיץ פון נאַגייקעס... זיסער פּחד... העלדישקייט, האָפענונג, גלויבן...

דינע און שאַרשקענדיקע פּאַפּיראָס־פּאַפּירענע פּראָקלאַמאַציעס מיט רויט־פּלאַקערנדיקע, מיט בלוי־טרייסטנדיקע, מיט שוואַרץ־רופנדיקע ווערטער... סטרייקס... דעמאָנסטראַציעס... רעוואָלוציע... סאָציאַליזם און קאַפּיטאַליזם... „עס לעבע" און „נידער".

געסטרייקט... געבראָכן שויבן, מאַשינען... צעשלאָגן סטרייק־ברעכער... אָט ליגט איינער, אַ לאַנגער, אַ צעשראָקענער און אַ צעבלוטיקטער אַפּן טראָטואַר. דאָס האָט ער, מאַלין, יענעם אָפּגעשטעלט פון פאָרנט, אים גע־פּרעגט עפּעס, און פון הינטן האָט מען אים, דעם סטרייק־ברעכער, דערלאַנגט מיט שטעקנס איבערן קאָפּ, איבער דער פּלייצע, די זייטן.

האָט ער דאָס געהאָלפן יענעם שלאָגן? ער אַליין, מאַלין? ניין, ס'קען ניט זיין. דאָס איז געווען אַן אַנדערער, דער אַמאָליקער הערשל מאַלין... און אפשר איז יענער געשלאָגענער געווען טאַקע ער אַליין, דער איצטיקער מאַלין? און אפשר זוכט איצט דער שאָטן פון דעם אַמאָליקן הערשל מאַלין אין דער פינצטערניש נקמה צו נעמען אָן אים, דעם איצטיקן מאַלין?...

ניין, מען טאָר זיי ניט צולאָזן איינער צום אַנדערן. מען מוז זיי צעשיידן, דעם אַמאָליקן מאַלין פון דעם איצטיקן, וווייט צעשיידן...

— דזשעני, דו שלאָפסט?

— וואָס איז מיט דיר, הערי? אפשר ביסטו ניט געזונט? נו, שלאָף שוין, הערי, שלאָף מיין ליבער, שלאָף... שלאָף... — און אירע לאַסטשענדיקע הענט זוכן, זוכן דעם קראַנקן אָנגעווייטיקטן אָרט אין אים, זוכן אים אויס־גלעטיקן, פאַרווישן...

„... אַזוי איז גוט, פייגעלע... מיין פייגעלע..."

פייגעלע? יאָ, דאָס איז זי. פייגעלע די זאָקן־מאַכערקע, מיט איר ליכטיקן שמייכל און די צוויי חן־גריבעלעך אין אירע ווייסע, רונדע באַקן. די אייגענע פייגעלע... און ער האָט זי נאָך ליב... און זי אים... זי זיצט בא אים אַפּן שויס... זי קלאַמערט אים אַרום... ווער טומלט עס? ווער וויל זיי שטערן?... ס'איז אַ וואַלד. אַ פאַרזאַמלונג. „חברים און חבר'טעס!" — אַ באַקאַנטע שטימע. דאָס רעדט קופּער און ער קוקט אים אין די אויגן אַריין אַזוי שאַרף... אָ, ווי קומט קופּער אַהער? שלעכט. ער וועט אַלץ דערציילן... יאָ, ער דערציילט: „חברים און חבר'טעס! איר האָט דאָ אַ שונא צווישן זיך... אַ „סקעב"! אַ הונט! אַ בורזשוי!" און ער וויזט גלייך אַף אים. אַלע קוקן אַף אים מיט שנאה. ווער האָט אים אַ שטופּ געטאָן? דאָס האָט פייגעלע אים אַ שטויס געטאָן פון זיך מיט האַס — „פע, בורזשוי!" און

זי האָט אים אַ שפּיי געטאָן אין פּנים... מען דאַרף אַנטלויפן, אָבער ער קען ניט. די פיס זיינען ווי צוגעוואַקסן צו דער ערד... „אוי, אוי, אוי!" — וואָס איז דאָס געווען? אַ ביס? ניין, אַ שטאָך. עמיצער האָט אים אַריינגעשטאָכן אַ קליין מעסערל אין זייט — אוי, אוי, אוי! — דאָס האָט פייגעלע אַליין געטאָן — פע, בורזשוי! — איצט מוז ער לויפן, אַנטלויפן... ער לויפט... קוים וואָס ער שלעפּט די פיס... אַלע יאָגן זיך נאָך אים. פּריער פון אַלע — קופּער... און ער לויפט און שטייט אַף איין אָרט... אָט איז ער אומגעפאַלן... שלעכט — און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט.

עט! חלומות, זאַבאַבאָנעס, אַפן הימל אַ יאַריד... אַן אַנדער לאַנד. אַנדערע יאָרן. מ'איז יונג געווען, נאַאיוו און נאַריש. און אַמעריקע איז ניט רוסלאַנד — אַן אַנדער לעבן. יוניאָן־פירער אַליין פאַרקויפן סטרייקס און ווערן רייך. און מ'קען זיי ניט באַשולדיקן. אַזוי איז דאָ דאָס לעבן... יעדערער פאַר זיך... אָפּזאָגן זיך פון 120 דאָלאַר אַ וואָך, אַ חוץ 600 דאָלאַר אַ יאָר דיווידענד? סיידן ער וואָלט פון זינען אַראָפּ. וואָלט ווער פון די סטרייקער דאָס געטאָן אַף זיין פּלאַץ? וואָלט קופּער אַליין דאָס געטאָן? אַ נעכטיקער טאָג!... אַף יענעם איז יעדערער אַ בעלן...

ווידער זכרונות. אין אַמעריקע... יאָרן פון פּלאָגעניש, פון וואָגלעניש, פון שאַפּ צו שאַפּ, פון שטאָט צו שטאָט. געצוואונגען געווען אַראָפּצושלינגען באַליידיקונגען, דערנידעריקונגען... נעכט אין פּאַרקס... טעג פון אַנטוישונגען, פון אַנגסטיקע בלאָנדזשענישן, צוועקלאָזע אַרבעט־זוכענישן, פאַרביסן מיט ברויט מיט ביר, מיט ברויט אָן ביר... אַוועק אין דער ווייטער מיטל־וועסט, באַ די ברעגן פון מיסיסיפּי. געקומען אין היל־סיטי. ענדלעך געקראָגן אַרבעט באַ דער „יונייטעד סוט־קעיס מאַנופעקטשורינג קאָמפּאַניע". שווערע אַרבעט, קליין געהאַלט, אָבער אַ מקום־מנוחה, האָפענונג אַף זיכער־קייט... אַ סך גערודלד. באַוואונדערט און מקנא געווען די האַלטונג פון די אַמעריקאַנער ביזנעסלייט, פון די באַלעבאַטים, זייער רואיקייט און זאַכלעכ־קייט, און זיך געלערנט פון זיי... וועג פון דערפאָלג... פאָרמאַן, סופּער־אינטענדענט. אַ שווערער וועג, אַ לאַנגער, אָבער אַזיכערער. דערגרייכט. חתונה געהאַט מיט דזשעני'ן, אַ שיינע און שטילע אָרעמע מיידל, 12 יאָר אינגער פון אים. ניט געזוכט קיין רייכקייט, קיין יחוס...

אַ צערטלעכער אימפּולס צו דזשעני'ן האָט אים דורך געפּליצט, און אפשר איז דאָס געווען צו זיך אַליין פאַר זיין אייגענער איידלקייט און גוטס־קייט, פאַר זיין ניט־יאָגן זיך נאָך רייכקייט און יחוס... ער האָט זי אַרומ־

גענומען און א קוש געטאָן. אפשר איז דער קוש אויך געמיינט געווען פאר זיך אליין, דורך איר... איז זי דאָך זיין אייגענע דזשעני, א טייל פון אים...

— וואָס איז, הערי, וואָס איז ווייטער? — האָט זיך דזשעני פארשלאָפן געוואונדערט, אויפבאַפנדיק זיך פונעם פּלוצימדיקן קוש.

— גאָרניט, מיין דזשענעלע. שלאָף, שלאָף. זיי רואיק, טייערע.

וואָס אמת איז אמת. ער יאָגט זיך ניט נאָך יחוס, מאלין, און נאָך כבוד. אזא מענטש איז ער — סיידן מ'שטייט־צו צו אים, מ'לאָזט אים ניט אָפּ. און ער איז נאָך ביז היינטיקן טאָג געבליבן א ראדיקאלער מענטש, אן ארבעטער־פריינט. ער איז אפילו אמאָל געווען א מיטגליד פון דער סאָציאליס־טישער פארטיי. נאָר אין די מלחמה־יאָרן, ווען ס'איז געווען געפערלעך, האָט ער זי פארלאָזן. ער וועט דאָך ניט ריזיקירן מיט זיין לעבן און זיין קאריערע. אָבער ער סימפּאַטיזירט נאָך ביז היינט און ער וועט זיך קיינמאָל ניט אָפּזאָגן צו געבן א דאָלאר פאר סטרייקער, און פאר ארבעטער אינסטי־טוציעס. און דער לייבאָר־לייסעאום אין היל־סיטי — ווער ווייס, צי ער וואָלט גאָר אויפגעבוים געוואָרן אָן מאלינ'ען, אָן זיין געלט, זיין מי און זיין איינפלוס! א שיינע אינסטיטוציע דער לייבאָר־לייסעאום. מיט א גרויסן אָדיטאָריום — א זאַל, וואָס נעמט אריין אכט הונדערט מענטשן, און מיט א שיינער בינע, וואו ס'שפּילט דער היל־סיטי'ער דראמאטיק קלוב, און אָפטמאָל אן אָנגעזעענע אידישע טרופּע, — און מיט קלוב־צימערן פאר גרויסע און מיט א ראדיקאלער אידישער קינדער־שול, און א ביבליאָטעק־צימער, און א קליניק־צימער, וואו דאָקטוירים באהאנדלען א פּאָר מאָל א וואָך פריי אָרעמע קינדער, און מיט א פרייען באָד־צימער מיט שפּריץ־וואַנעס — א שיינע אינסטיטוציע מיט שיינע איינריכטונגען. און דאָס אלץ איז געווען, מער ווי אלעמענס, מאלינ'ס אויפטו. לערנען זיך פון די רייכע און נאָכטאָן זייער ביישפּיל — דאָס איז אלעמאָל געווען מאלינ'ס מאָטאָ. יאָ, א גרויסן חלק האָט ער, מאלין, אין דעם אויפבוי און דערפאָלג פון דעם שיינעם לייבאָר־לייסעאום פון היל־סיטי, און אלע ווייסן דאָס און שאצן דאָס אָפּ.

איז ער א וויכטיקער און זייער אן אָנגעלייגטער מענטש אין די ראדיקאלע קרייזן פון היל־סיטי. הערט מען זיך אלעמאָל צו מיט גרויס אויפמערק־זאַמקייט צו זיינע מיינונגען און פּלענער, און ס'איז דאָ צו וואָס זיך צוצוהערן. די ראדיקאלע באוועגונג נויטיקט זיך דאָך אין אזעלכע מענטשן, ווי מאלין — פּראַקטישע, קאלטבלוטיקע און געשעפטסמעסיקע מענטשן. מענטשן זיכערע

אין זיך, וועלכע ווייסן ווי אויפצוטאָן זאַכן. דאַרף מען אַ פּרעזידענט פאַרן ליבאָר־ליגעאום — איז דען דאָ אַ פּאַסיקערע פּערזאָן פון אים, פון מאַלינ׳ען? אָבער ער זאָגט זיך אָפּ. ער יאָגט זיך ניט נאָך כבוד. סיידן, אַז מ׳וועט אים דערוויילן איינשטימיק. זיינען אָבער געווען אַ פּאָר קעגנער — האָט ער דעם כבוד אינגאַנצן מוחל געווען. ס׳האָט קיין זאַך ניט געהאָלפן. אַז מאַלין זאָגט ניין, איז ניין. ער יאָגט זיך ניט נאָך כבוד — ס׳פעלט אים ניט אויס.

דאָס איז געווען ביז איצט. און איצט? איצט איז דאָס אַלץ מיטאַמאָל איבערגעריסן געוואָרן. ער וועט שוין מער זיינע באַציאונגען מיט די ראַדיקאַלע קרייזן ניט קענען אָנהאַלטן. אוממעגלעך. אויס. טוט עס אים וויי, זייער וויי. אָבער וואָס האָט ער געקענט טאָן? ס׳איז דאָך געווען אַזוי אוממ־פאַרמיידלעך. האָט ער דאָך טיף אין הארצן שוין לאַנג געפילט, אַז דער רים קומט, אַז ער מוז קומען. שוין לאַנג ווי ער פילט, אַז טיף אין אים וואַקסט עפּעס וואָס איז ניי, פרעמד און פיינטלעך צו זיין גאַנצן אַמאָל און צו אַלע אידייען, באַגריפן, סימפּאַטיעס און סאָציאַלע שייכות׳ן, וואָס איז אים געבליבן בירושה פונעם אַמאָל. און דאָס נייע און פרעמדע, וואָס איז בסדר געוואַקסן און געשפּרייט זיך אין אים, האָט אים, דעם אַמאָל זיינעם, אַלץ הוילער און הוילער געמאַכט. ביז פון דעם אַמאָל, פון דעם גאַנצן אַלטן מאַלינ׳ען, איז געבליבן ניט מער ווי אַ שאָלעכץ אַרום דעם נייעם מאַלינ׳ען, וואָס וואָרעמט זיך אינעווייניק און האַלט אין געבאָרן ווערן. און די שאָלעכץ האָט דאָך געמוזט פּלאַצן. האָט עס איצט געפּלאַצט, און עס טוט וויי...

אַ „סקעב"? איז ער אַ „סקעב"? אַמאָל איז דאָס געווען אַ שרעקלעך וואָרט פאַר אים, אַן עקלדיקס. איצט איז אים עפּעס ניט קלאָר געוואָרן וואָס דאָס מיינט. וואָס הייסט אַ „סקעב"? ער פאַרשטייט, אַז אַ פּראָפעסיאָנעלער סטרייק־ברעכער, וועמעס איינציקע עובדא ס׳איז צו ברעכן סטרייקס, איז אַ ניט־סימפּאַטישער מענטש, אַ „סקעב". אָבער וואָס האָט עס צו טאָן מיט אים? יאָ, די אַרבעטער אין זייער פאַבריק האָבן אַ רעכט צו זיין אומ־צופרידן — די שכירות מאָגערע, די באַהאַנדלונג ניט איבעריק גוט. אָבער וואו איז בעסער? די צייט איז אַ שלעכטע. אַזויפיל אַרבעטער גייען אַרום ליידיק און קוקן אויס אויף זייערע „דזשאָבס". ער האָט גאָרניט קעגן אַ סטרייק. ער האָט גאָרניט קעגן אַ יוניאָן. אָבער וואָס קענען זיי איצט געווינען דורך אַ סטרייק? און וואָס קען די יוניאָן איצט טאָן פאַר זיי? ס׳איז דאָך איצט אַן אומזין. האָט ער זיי דאָס געזאָגט. געוואָרנט זיי, ווי אַ פריינט.

איז ער א „סקעב״? נאָכאַלעמען, האָט ער דאָך קיין פּליכטן ניט צו זיי — ער איז דאָך ניט קיין אַרבעטער. בלויז סימפּאַטיעס. האָט ער געטאָן דאָס בעסטע, וואָס ער האָט געקענט. גערעדט מיט די באַלעבאַטים, זיך משתדל געווען. גערעדט מיט די אַרבעטער. קלאָר געמאַכט די סיטואַציע, ווי אַ פריינט, ווי אַן אייגענער. מער האָט ער ניט געקענט טאָן. ווייטער איז ניט זיין שולד. וועלן זיי זיך איצט מוזן גיין זייער וועג, און ער וועט זיך גיין זיינעם. וואָס האָבן זיי דען געטאָן פאַר אים? זאָל ער זיין קאַריערע אויפגעבן, זיין לעבן רואינירן צוליב זיי? ניין, ניט ער. ער איז נאָך פון זינען ניט אַראָפּ... פאַר'מיאוס'ן זיך אין די ראַדיקאַלע קרייזן? צערייסן אַלטע פריינטשאַפטן? נו, מילא... גענוג פיינע מענטשן, אינטערעסאַנטע, אינטעליגענטע, אויסער די ראַדיקאַלע קרייזן. וואָס, ניין?...

מאַלין האָט פאַרמאַכט די אויגן און אין דער געדיכטער פינצטערניש האָט זיך זיין אומרואיקער, מיט זיך אַליין קעמפנדיקער באַוואוסטזיין אויפגעלייזט אין אַ לויזער, פאַרמלאָזער, קאַשמאַר־צעשוואומענער מאַסע. ער האָט געפילט, ווי ער אינגאַנצן ווערט צעלאָזט אין דעם שוואַרצן און שווערן תהו־ובהו אַרום אים, גלייך ווי זיינע פיס, הענט, קאָפּ, אַלע אבֿרים, הויבן זיך, שפּרייטן זיך, ווערן שווער, קריכן פון דער הויט אַרויס און לייזן זיך אויף אין דער חשכות, אין וועלכער אַלץ וואָס איז געבליבן פון דעם אַמאָליקן מאַלין איז איצט פאַרזונקען... געקומען צו אַן ענד... מאָרגן אַן אַנדער מאַלין, אַ ניי־געבוירענער...

.2

מאָרגן. אויפגעשטאַנען אַרום זעקס מיט נייער אַנטשלאָסנקייט. גלייך אַראָפּ פון בעט. אַפילו זיין דזשעני'ן קיין קוש ניט געטאָן — זאָל זי שלאָפן אַ ביסל לענגער. זיך געמאַכט אַ קאַלטע וואַנע (כאָטש ס'איז אָנהויב האַרבסט געווען — אַ קילער פרימאָרגן), און יעדער קאַלטער וואַסער־פליוסק האָט אַריינגעגאָסן ניי שטאָל אין זיינע גלידער, אין זיין געמיט. גענומען זיך ראַזירן מיט פלייס. נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל געגלעט דאָס שוין גלאַטע פּנים מיט קילנדיקן בריטוועשטאָל, און בשעת מעשה געטראַכט, אַז בלויז נאַראָנים, פוילענצער און שלומיאלס גייען אַרום און באַקלאָגן די איינאָרדענונגען פון דער וועלט, און טרייסטן זיך מיט אוממעגלעכע חלומות, בעת דאָס לעבן, דאָס איצטיקע, האָט אַזוי פיל גליקן פאַר דיר — גיי און נעם זיי. יאָ, ער איז אויך אַמאָל געווען איינער פון יענע נאַראָנים. דער געדאַנק רופט בא אים אַרויס אַ ברייטן און זעלבסט־צופרידענעם שמייכל, פונקט ווי איינער

וואָס דערמאָנט זיך, אַז ער איז אַמאָל פרום געווען און געהאַפּט אַף מאַרינירטן לויתן און שור־הבר קאָטלעטן אַף יענער וועלט... אָדער ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט, אַז ער איז אַמאָל אַ קינד געווען און נאַאיוו געגלויבט, אַז אַ מלאך טראָגט אַרונטער דאָס געבוירענע קינד פון הימל... איצט איז ער שוין אַ דערוואַקסענער, אַ קלוגער, און ער ווייסט אַלצדינג, אַלצדינג... איצט ווייסט ער, אַז ס'וועט אַלעמאָל זיין אָרעמקייט און אומגערעכטיקייט, און אַז ס'קען אַנדערש ניט זיין, און אַפילו אויב עס וועט אַמאָל, מיט הונדערטער יאָרן שפּעטער, ווערן אַנדערש, וואָס האָט עס מיט אים איצט צו טאָן? זאָל ער דערפאַר היינט פון זיין לעבן קיין הנאה ניט האָבן? ניין, ער וויל שוין, היינט, געניסן פון לעבן. זאָלן אַנדערע טאָן וואָס פאַר זיי איז גוט און ער וועט טאָן וואָס פאַר אים איז גוט — יעדערער פאַר זיך. ער וויל קיינעם ניט שטערן; זאָל אים קיינער ניט שטערן.

ער איז איצט דורכאויס רואיקייט, מאַלין; דורכאויס פעסטקייט, שטאָל. און אַלץ אין אים און אַרום אים איז אַזוי קלאָר און קיילעכדיק ווי אַ ריינער זומערדיקער האָריזאָנט איבער אַ פלאַכער סטעפּ, אָן אַ סימן פון שאָטן... זיינען אַלע וועגן פאַר אים איצט גלאַטע, זיכערע, פריילעכע, און אַלע פירן ווייטער, פאָראויס; קיינער ניט צוריק... באַפרייט זיך פון אַן איבעריקן און שווערן באַלאַסט אַף דער נשמה. איצט פילט ער זיך אַזוי לייכט און פריי, און גאַנץ, דורך און דורך גאַנץ...

.3

ווען ער איז אַ גלאַטער, אַ פאַרפומירטער און אַן אויפגעלייגטער, אין זיין געשטריקטן זומערדיקן שטרוי־ברוינעם שלאָפראָק, צוריק אין שלאָף־צימער אַריין, האָט ער געפונען דזשעני'ן אין איר רויט־געבלומטער זיידענער קימאָנע, זיצנדיק אַ פאַר'חלומ'טע אַף דער געפלאָכטענער ווינדזאָר וויג־שטול, אַרויפציענדיק אַ זאָק.

ער איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע און זי געשלונגען מיט די אויגן, ווי זי וואָלט ערשט געווען זיין כלה. זי האָט אים ווי ניט געזען. זי איז געווען פאַרטאָן אין אַרויפציען דעם צווייטן זאָק. העכער, העכער האָט זי אים געצויגן, הויך איבער דער קני. זי האָט געפּרואווט נאָך העכער, נאָר ס'איז ניט געגאַנגען... האָט זי אים, דעם זאָק, מיט בײדע הענט אַ גלעט געטאָן ביז אַרויף... מיט־אַמאָל האָט זי דערזען מאַלינ'ען און האָט, נאָך אַלץ פאַר'חלומ'ט, לאַנגזאַם פאַרדעקט איר נאַקעטע ליטקע מיט דער קימאָנע...

זי האָט זיך אויפגעשטעלט, אויסגעגלייכט, ווי אַ גרייטע אַף עפּעס

וואָס קומט איר, וואָס זי ווייס, אַז זי וועט קריגן... האָט ער זי אַרומגענומען און געקושט אין שטערן, אין ביידע אויגן. דער ריח פון זיין פּאַרפיום האָט זי אויסגעטשוכעט, אויפגעמונטערט.

— ביסט היינט גאָרנישט געשלאָפן, הערי. ווי פילסטו איצט?

— איך פיל אויסגעצייכנט. שנעל, דזשעני, לאָמיר זיך אָנטאָן און אַרויספאָרן אויף אַן אָטאָמאָביל־שפּאַציר. לאָמיר דאָ בלויז טרינקען צו גלעזער מאַראַנצן־זאַפט. פרישטיק וועלן מיר עסן אין אַ רעסטאָראַן דאַון־טאַון. ווי געפעלט עס דיר פאַר אַ גאַווינע?

— אַ גרויסאַרטיקע אידייע. אָבער וואָס וועלן מיר טאָן מיט די קינדער? זיי שלאָפן דאָך נאָך.

די קינדער? אַ מאָדנע זאַך. אַ גאַנצע נאַכט און היינט אינדערפרי זיינען אים אין אַלע זיינע מחשבות די קינדער אַפן זינען ניט געקומען. פאַרגעסן, ווי ער וואָלט גאָר קיין קינדער ניט געהאַט.

— ווייסט וואָס, דזשעני? לאָמיר זיי איבערלאָזן שלאָפנדיקע, לאָז עפּעס איבער פאַר זיי אין זייער צימער איבערצוביסן. דו וועסט נאָך זיכער צוריקקומען איידער זיי וועלן אויפשטיין.

אַרויספאָרנדיק שטיל און וויך אין זיין עלעגאַנט־נייעם „פּלימוט" און קערעווענדיק זיך שנעל און זיכער איבער אַספאַלט־ברוקירטע, שטילע און ציכטיק־גרינע געסלעך־אַלייען און סקווערן, האָט מאַלין פאַרפירט מיט דזשעני'ן אַ געשפּרעך וועגן אַריינגעמען אַ דינסט אין הויז. דזשעני האָט וועגן דעם ביז איצט גאָרנישט געטראַכט. און פאַרוואָס ניט? זיי קענען זיך דאָס איצט דערלויבן. גוט, ער וועט נאָך היינט טעלעפאָנירן אין אַן עמפּלאָי־מענט־ביוראָ פאַר אַ דינסט. אַך, ווי גוט! ס'אַראַ טייערער מאַלין איז היינט! זיי וועלן זיין פרייע מענטשן, אין די אָוונטן וועט מען קענען לאָזן די קינדער אינדערהיים און פאַרברענגען וויפיל מ'וועט וועלן. זי וועט איצט אַריינטרעטן אין דעם הדסה־קלוב. די מרס. וואָלק האָט איר שוין עטלעכע מאָל איינגעלאַדן. אַ גאָלדענער מאַן, איר הערי. זי וואָלט אים איצט אַרומ־געכאַפּט קושן, ווען ער וואָלט ניט געווען פאַרנומען מיט טרייבן דעם אָטאָמאָביל.

זיי זיינען אַרויס הינטערן שטאָט מיט סידער ראָוד. דער אָטאָמאָביל האָט לייכט און פלינק דורכגעשניטן די קילע און שמעקעדיקע מאָרגן־לופט, וועלכע האָט זיך געגליטשט שנעל אויף צוריקוועגס, קילנדיק זייערע פּנים'ער און געמיטער. האָבן זיך געשפּרייט און אויף צוריקוועגס שנעל פאַרשאָרט

ברוינע, געשניטענע האַרבסט־פּעלדער; האָבן זיך שאָטנדיק און סודות׳דיק צוזאַמענגעקוטשקעט רויטלעך־ברוין־גרינע האַרבסט־װעלדלעך און באַלד פאַר־שוואונדן. און אָט האָט זיך באַם האָריזאָנט די ערד אויסגעהוילט, ווי דער באָדן וואָלט דאָרט פּלוצלונג פאַרשוואונדן, און פון דעם באָדן־חלל האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט פאַר די אויגן אַ דין־געבראָכענער וואַסער־שפּיגל, זיך גע־קאָרטשעט און געשפּילט מיט אַן אַ שיר בלויע און זילבערנע קאַפּריזן־חנ׳דלעך אַנטקעגן דער גוטמוטיק־שמייכלענדיקער זון. מיטאַמאָל האָט זיך אַ גרין־באַרגיקער ברעג טיף אַריינגעשניטן, אַן רחמנות, אין די וואַסערדיקע געדערים אַריין. אָט וועט ער אים, דעם ליגנדיקן וואַסער־ריז, איבערשניידן אינמיטן, אָן דער העלפּט צעשניידן. אָן סכנה. דער גרינער ברעג האָט זיך צוריקגעצויגן. האָט זיך דער וואַסער־ריז ווידער צעשפּרייט רחבות׳דיק, און שפּילנדיק, און אויגן־פאַרכאַפּנדיק מיט זיינע אָנצאָליקע זילבער־בלויע חנ׳דלעך און שמייכלען, זיך געקנייטשט, געוויקלט שנעל אָף צוריקוועגס, און פאַר־שוואונדן.

האָט מאַלין געשוויגן און אין זיך געשעפּט דעם נחת און די רואיקייט פון דעם אַרום און אַרום. און שווייגנדיק האָט ער זיך אומגעקערט מיט דעם אַריסטאָקראַטיש־פּאַרפּוצטן לאָורעל בולוואַרד און דורך דעם שיינעם לאָורעל פּאַרק אין שטאָט אַריין, אין האַרץ פון דער שטאָט, „דאַון־טאַון״.

אין רעסטאָראַן באַם עסן, צווישן זופּ און ביס, און וויש מיט דער ווייסער סערוועטקע איבער די ליפּן, האָט מאַלין געלאָסן און מיט ווירדיקן אָפּזאָץ דערציילט, אַז מר. מילשטיין האָט נעכטן מיט אים גערעדט וועגן אַ ביי־שטייערונג צום פאָנד פאַר דעם „קאָמיוניטי סאָשעל סענטער״ און „טאַלמוד טאָראַה״, וואָס מ׳גייט בויען אין זייער געגנט. ער האַלט זיך מיט דזשעני׳ן אַן עצה: זאָל ער געבן פופציק, אָדער פינף־און־צוואַנציק וועט אויך זיין גענוג? דזשעני דענקט, אַז 25 איז גענוג, אָבער זי לאָזט עס צו אים, זאָל ער טאָן ווי ער פאַרשטייט, ווי ס׳פּאַסט בעסער.

בלייבט עס, אַז ער גיט פופציק. און אַז ער ווערט אויך אַ מיטגליד פון דעם „קאָמיוניטי סאָשעל סענטער״. מר. מילשטיין האָט שוין לאַנג מיט אים איינגע׳טענה׳ט וועגן דעם, און ער האָט אַלץ אָפּגעלייגט. איצט וועט ער עס טאָן. דזשעני וויל בלויז וויסן, אויב מרס. מילשטיין איז אַ מיטגליד פון דעם „הדסה־קלוב״. מאַלין דענקט, אַז יאָ, אָבער ניט אָף זיכער. פון וואַנען זאָל ער וויסן? ער וועט שוין זען אויסגעפינען. זיינען זיי ביידע צופרידן. און פאַרוואָס ניט? אַזעלכע פריינט ווי מר. און מרס. מילשטיין זיינען ניט „צוויי פאַר אַ גראָשן״...

II. אַ שאַרלאַך־פּרימאָרגן

ווען די ערשטע שאַרלאַך־פלאַמען פון דער אויפגייענדיקער זון האָבן אויסגעבערנגט העלע פליאַמעס צווישן די מרה־שחורה׳דיקע שאָטנס פון די פאַבריק־געביידעס אַף סלאָקום סטריט, זיינען זיי באַגריסט געוואָרן פון עטלעכע צענדליק ערנסט־אָנגעשטרענגטע באַקאַנטע פּנים׳ער. די זון האָט פאַוואָליע פאַנאַנדערגעשפּרייט אירע רויטע ברעמען און זיך געוואונדערט:

— זינט איך לעב! זינט איך שיין אַף די רויך־ברודנע פאַבריק־דעכער פון סלאָקום סטריט! וואָס קענען דאָ יענע פאַרהאָרעוועטע פאַרשווינען טאָן אַזוי פרי?! און זייערע גענג זיינען עפּעס אַזוי מאָדנע! מ׳זעט ניט זיי זאָלן זיך איילן איינציקווייז צום טויער פון זייער פאַבריק, ווי געוויינלעך. עפּעס האַלטן זיי זיך אַזוי שקאָצעוואַטע היינט, שמועסן צווישן זיך פאַר־טייעט, ווארפן אויגן אין אַלע זייטן, ווי פאַרשווערער. און זיי טראָגן אין די הענט אַזעלכע מאָדנע שטעקנס — פּלאַקאַטן? אָט ווערן זייערע רייען גרעסער. וואָס זאָל עס באַטייטן? דאַכט זיך, ס׳איז נישט קיין יום־טוב היינט — אַ סימן, זיי טראָגן די געוויינלעכע אַרבעט־קליידער — און דאָך גייען זיי ניט אַרבעטן!

אָט איז לואי קופּער, דער צושניידער. ער איז דאָ, אַף סלאָקום סטריט, יעדן וואָכעדיקן טאָג. אַ נידעריקער, ברייט־פּלייצעדיקער, שטענדיק־פריילעכער בחור. היינט איז ער אַן אַנדער מענטש — וויכטיקער, אומרואיקער, אַנט־שלאָסענער. ער קאָמאַנדעוועט:

— פרידע, הענרי, מאָריס, לילי — אַהער! מערי, ראָוז, דיק סטיווענס, פּיטער הרודעק — אַהין! לאָזט ניט דורך! גייט ווער צו דער אַרבעט — שטעלט אָפּ, רעדט, אַפּעלירט, וואָרנט — לאָזט ניט דורך!

— אַן אמת׳ער קאָמאַנדיר! — האָט די זון געטראַכט און איז אַרויפ־געשטיגן העכער, בעסער צו באַטראַכטן די סצענע. די פּלאַקאַטן און די פּנים׳ער פון זייערע טרעגער זיינען אויפגעלויכטן געוואָרן. די ווערטער האָבן גענומען גלאַנצן אַנטקעגן דער זון:

—אַ סטרייק באַ דער „יוניטעד סוט־קעים“. — מיר סטרייקן פאַר

אַ חיונה־לוין. — אַרבעטער! אונזער זיג איז אייער זיג; אונזער מפּלה איז אייער מפּלה — צוזאַמען וועלן מיר זיגן!

פּלוצלונג האָט זיך פון צוויי זייטן מיטאַמאָל אָנגעטראָגן אַ גרילצנדיקע, דראָענדיקע פּיפּעריי. די פּיפּעריי איז געוואָרן נעענטער, שטאַרקער, מוראדיקער.

— פּאָליציי! פּאָליציי!

— האַלט זיך פעסט! — האָט אויסגערופן קופּער.

די פּנים׳ער האָבן זיך אָנגעשטייפט, אָנגעכמורעט. ס׳איז געוואָרן מוראדיק שטיל. אַלע זיינען געבליבן ווי צוגעשמידט צו די ערטער, גרייט צו באַגעגענען דעם שונא.

צוויי פּאָליציי־טראָקס, געפּאַקט מיט מאַסיווע, האַרט־פּנים׳דיקע „בלויע רעק", זיינען אָנגעפאָרן אין פולן געיעג פון ביידע זייטן גלייכצייטיק. די פּאָליציאַנטן, מיט קלאָבס אין די הענט, רעוואָלווערן אויף די היפטן, און ברוטאַלע רציחה אויף די פּנים׳ער, זיינען פלינק און מושטירט, אויפן מיליטערישן שטייגער, אַרונטערגעשפּרונגען פון די טראָקס און זיך געלאָזט לויפן, אין צוויי אָנגרייפנדיקע קאָלאָנעס, אויף די פּיקעטס, וועלכע זיינען געשטאַנען צעטיילט אין גרופּעס אַרום דער פאַבריק.

— אויף דער צווייטער זייט גאַס! — האָט לואי קופּער אויסגערופן.

די פּאָליציאַנטן האָבן זיך מיט די קלאָבס אין די הענט געיאָגט נאָך די אָפּטרעטנדיקע פּיקעטס.

— צוריק! אויף יענער זייט! — האָט לואי געשריען הויך.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַץ־און־מויז־שפּיל. איז איין גרופּע פּיקעטס אַנטלאָפן פון דעם פּאָליצייאישן אָנגריף, האָט אַ צווייטע מאַרשירט פּאַראויס, נעענטער צו דער פאַבריק; ווען די פּאָליציאַנטן האָבן זיך געלאָזט קעגן דער צווייטער גרופּע, האָט זיך אַן אַנדערע פּלוצלונג באַוויזן פון דער צווייטער זייט און זיך צוגעכאַפּט אַזוי נאָענט צו דער פאַבריק, ווי מעגלעך.

פון די פענצטער פון די אַרומיקע געביידעס האָבן אַרבעטער און אָפיס־אָנגעשטעלטע באַוואונדערט די סצענע. פון צייט צו צייט, ווען די סטרייקערס האָבן געמאַכט עפּעס אַ קונציקע מאַנעוורע, האָבן זיך געהערט אַפּלאָדיסמענטן.

אפילו די זון איז, קענטיק, פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער סצענע אויף סלאָקום סטריט. אַ סימן, זי האָט ניט באַמערקט ווי אַ שטיק געדיכטע כמאַרע האָט זיך אויף איר אָנגערוקט און זי ביסלעכווייז איינגאַנצן איינגעשלונגען. ווען די זון האָט זיך ענדלעך אַרויסגעקאַראַבקעט און ווידער באַלויכטן די סצענע, האָט זיך די יאָגעניש שוין געהאַט אָפּגעשטעלט. אַ יוניאָן־לאָיער איז אין

דער צייט אָנגעקומען און איינגעשטעלט באַשטימטע גרענעצן ווי ווייט די סטרייקערס מעגן פּיקעטן. די „קאַפּס" האָבן זיך אויסגעשטעלט אין א קייט אין סאַמע פאָרנט פון דער פאַבריק און געהיט דאָס „פאַרבאָטענע אָרט" מיט אויגן גרייטע אָט־אָט אַף עמיצן אַרויפוואַרפן זיך און דורס זיין...

לילי, א קליינוויקסיקע, דירעוודיקע סטרייקערין, האָט איינע־אַליין געפּרואווט דורכ׳גנב׳ענען די „גרענעץ" צו באַגעגענען א סטרייק־ברעכערין, וועלכע איז געגאַנגען צו דער אַרבעט אונטער א פּאָליציי־וואַך. האָט זי א פּאָליציאַנט באַגעגנט מיט אַנגעשאַרפטע בליקן, האָט זיך א „קלאָב" געהויבן אין דער לופטן, האָט א ברום געטאָן א בייזער באַפעל:

— „מואוו אָן! מואוו אָן!"

די קליינע סטרייקערין האָט זיך געמוזט צוריקציען: קענען זיך הונדערט פונט הויט־און־ביינער פאַרמעסטן קעגן צוויי הונדערט און פופציק פונט שטאָל און מוסקול?

א טראַק איז אָנגעקומען, באַוואַכט פון צוויי בייזע בלוי־רעקיקע ריזן, איינער פון פאָרנט, איינער פון הינטן, און אָנגעפילט מיט אָרעם־געקליידעטע, דערשלאָגן־מוטיקע אַרבעטער — מענער מיט גרין־אויסגעצויגענע פּנים׳ער, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, ווי זיי וואָלטן זיך וועלן באַהאַלטן אין זיך, און פרויען פאַרעלטערטע, מיט בייזע, בלאַנק־פאַר׳עקשנ׳טע פּנים׳ער. האָט עס א קאָך געטאָן אין די סטרייקערשע הערצער, זיי א הויב געטאָן פון די ערטער, האָבן זיי זיך פון אַלע זייטן געגומען באַוועגן נעענטער צו דעם פאַרבאָטענעם פּלאַץ, צו די פאַבריק־אַריינגאַנגען, האָבן זיי באַגעגנט א וואַנט פון „קלאָבס", און גראָבע, רציחה׳דיקע זידלערייען און קללות:

— „מואוו אָן! מואוו אָן!"

— „סקעבס"! — האָט איינער פּלוצלונג אויסגעשריען.

דאָס איז א פאַרברעכן. די סטרייקער טאָרן דאָ קיינע אויסגעשרייען ניט מאַכן. בפירוש פאַרבאָטן פונעם ריכטער.

האָבן זיך די פּאָליציאַנטן צערייצטע א לאָז געטאָן זוכן דעם פאַרברעכער, דעם שרייער. אינמיטן איז די קליינע און דירעוודיקע סטרייקערין אויס־געוואַקסן צווישן די פּאָליציאַנטן און די אַרבעטער, וועלכע זיי האָבן באַגלייט אין פאַבריק אַריין.

— זייט ניט קיין „סקעבס"! — האָט זי ענערגיש, מיט א פּאָר פריילעך־צעפלאַמטע אויגן אויסגעשריען. — קומט אַרונטער! מיט אונז! מיט דער יוניאָן!

צוויי שטאַרקע הענט פון צוויי פּאָליציאַנטן האָבן זיך שווער און רציחה־דיק אַרויפגעלייגט אַף אירע צוויי דינע, ביינערדיקע אַקסלען.

— זייט בראַוו! האָט ניט קיין מורא! — האָט די קליינע העלדין פאַר־ענדיקט איר רוף אין קלעם פון די פּאָליצייאישע לאַפּעס.

די שטאָלענע לאַפּעס האָבן זי באַ די אַקסלען אַ הויב געטאָן אין דער לופטן און מיט כעס אַ זעץ געטאָן אין טראָטואַר, ווי זיי וואָלטן זי געוואָלט אין דר'ערד אַריינזעצן. די קליינע סטרייקערין האָט בלאַס און נערוועז געשמייכלט. איצט קען זי זיין רואיק. זי האָט געטאָן איר פליכט.

אינמיטן דעם טומל איז מאַלין צוגעפאָרן צום אָפּיס־אַריינגאַנג.

צווישן די פּיקעטס איז געוואָרן אַ מורמלעריי:

— מאַלין! מאַלין!

מאַלין איז געגאַנגען צווישן די צוויי רייען פּאָליציאַנטן גלייך צו דער טיר, ווי ער וואָלט גאָרניט געזען און גאָרניט געהערט אַרום זיך.

— קענט איר אים? — האָט זיך פּלוצלונג געהערט קופּער'ס פעסטע שטימע.

— מיר קענען אים! מיר קענען אים! — האָבן די סטרייקער הויך געענטפערט.

— זייער גוט, — האָט איינער פאַרענדיקט.

— טאָ זאָגט: ווער איז ער? — האָט קופּער נאָך העכער אויסגערופן.

— אַ סקעב! אַ סקעב! — האָט עס אַ דונער געטאָן פון אַלע זייטן.

די פּאָליציאַנטן האָבן זיך איצט מיט פריש־צעשפּילטער רציחה אַ לאָז געטאָן אַף די סטרייקערס, ברומענדיק בייזע קללות.

— קעפּטען! — האָט פּלוצלונג מאַלין הויך און באַפעלנדיק אַ רוף געטאָן.

די פּאָליציאַנטן האָבן זיך, ווי צעווילדעוועטע פערד, וואָס האָבן פּלוצלונג דערפילט אַן אייזערן ציימל אין די מיילער, מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט און גע־וואַרט אַף ווייטערדיקע באַפעלן.

— לאָזט זיי אָפּ! — האָט ער באַפעלנדיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

די פּאָליציאַנטן האָבן זיך אומצופרידן, אָבער געהאָרכזאַם, אומגעקערט אַף זייערע פריערדיקע ערטער.

— נאָכאַמאָל — ווער איז ער? — האָט קופּער ווידער אויסגערופן, ווי גאָרניט וואָלט געשען.

— אַ סקעב! אַ סקעב!

די פּאָליציאַנטן האָבן געקוקט אַף מאַלינ׳ען. וואָס וועט ער איצט זאָגן ?

— קיינעם ניט טשעפּען ! — האָט ער אַ געשריי געטאָן. די פּאָליציאַנטן האָבן געשטילטע אַרונטערגעלאָזט די „קלאָבס״. מאַלין איז אַריין אין אָפּיס אַריין.

— ווידעראַמאָל — ווער איז מאַלין ?

— אַ סקעב ! אַ סקעב ! — האָט עס מאַלינ׳ען נאָכגעשריען מיט פאַר־ביטערטקייט און האַס ביז ער איז אַ שווייגנדיקער און אַ צונויפגעקלעמטער אַריין אין זיין פּריוואַטן אָפּיס־צימער און אויפגערעגט פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך.

.1926

געשפּילט מיט פייער

סאָלאָמאָן דיקס, דער שוך־פאַבריקאַנט, אַ וואַכעדיקער מענטש, וואָס הערט זיך געוויינלעך צו צו יעדן נייעם קלאַפּ אין הארצן, צו יעדן נייעם בלאָז אינדרויסן, האָט די טעג געקוקט און ניט געזען, ווי סעפּטעמבער־גרין האָט זיך שטיל און זוניק פאַרוואַנדלט אין פאַרברייך־האַרבסט — געל־קאַשטאַן, רויט און פּורפּור, ראָסט און ווייַן... פּונקט אַזוי האָט ער פאַרזען, אַז אין די שלייפן האָט זיך באַ אים לעצטנס באַוויזן אַ נייע גרויע האָר, און באַלד נאָך איר אַ צווייטע, און אַ דריטע...

נאָר די נאַכט איז ער ניט געשלאָפן און זיך צוגעהערט, ווי דער ערשטער האַרבסט־רעגן האָט זיך שטיל און מעלאַנכאָליש גע׳סוד׳עט, גע׳סוד׳עט מיט די שויבן פון זיינע פענצטער, מיט די ביימער און קוסטעס אַרום הויז. אינ־דערפרי איז ער אויפגעשטאַנען און דערזען אַן איבער־רייפן האַרבסט, ווי אַ פוילע באַר, געפאַלן פון בוים: גרוי, און נאַקעט, און נאַס. די וועראַנדע און דער מיט קוסטן באַצוימטער לאָן און דער אַספאַלט פון גאַס אינדרויסן האָבן געגלאַנצט מיט פוילער פייכטקייט אין דער מוטנע־גרויער אַטמאָספערע אַריין דורך די ברודיק־געלע דורכגעווייקטע טויטע בלעטער, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט געדיכט אומעטום.

און איצט האָט ער דערזען אַ זשמעניע נייע גרויע האָר באַם סאַמע שטערן און ער האָט אָפּגעמאַכט באַ זיך:

— ס׳איז גוט אַזוי. אַ קריזיס האָט געמוזט קומען. איז ער געקומען און איז פאַריבער, און — ס׳איז גוט אַזוי.

ער רעדט זיך דורך מיט זיך אַליין — מיט וועמען דען קען ער זיך אַזוי גוט דורכרעדן, ווי מיט זיך אַליין? — און ער זאָגט זיך אַזוי:

— שפּילט מען זיך מיט פייער, איז ניטאָ וואָס נתפּעל צו ווערן, אַז מען סמאַליעט זיך אָפּ די פינגער. איז וואָס־זשע ווער איך אַזוי נתפּעל — כ׳האָב זיך אָפּגעשפּילט און — כאַפּט זיי דער טייוול! — ס׳איז ניט געפּער־לעך — כ׳וועל, דאַנקען גאָט, אַרויס גאַנץ...

וואָס?! דאַנקען גאָט האָט ער געזאָגט? ער, סאָלאָמאָן דיקס! עט, ער האָט עס זיכער ניט געמיינט. וואָס, וואָס — אַ ראַדיקאַלער מענטש איז ער נאָך פאַרבליבן און רעליגיע ליגט אים אַפילו אין דער פּיאַטע ניט... כאָטש

ער מוז צוגעבן: מען שטעקט זיך אָן, ווילנדיק, ניט־ווילנדיק, פון דער ווייב, פונעם שותף — מ'איז דאָך ניט מער ווי א לעבעדיקער מענטש...

אָ, געוויס, ער וועט ארויס גאַנץ. און אז ער טראַכט זיך אריין, האָט עס אים גאָרניט געשאַדט, לחלוטין ניט. פאַרקערט, ס'איז אים נאָך ארויסגעקומען א גרויסע טובה — ער האָט זיך באַפרייט פון אן אַלטן האַרב, די פאַרגאַנגענ־הייט זיינע, וואָס איז אים אַכצן יאָר צייט געלעגן אַף די פּלייצעס און געדריקט...

אַכצן יאָר! ער האָט א זיפץ געטאָן, כאָטש ער איז גאָרניט קיין סענ־טימענטאַלער מענטש, כאַלאַמאַן דיקס. ער האָט פיינט פּוסטע סענטימענטן, טרערן, זיפצן, בתכלית השנאה. אַף אזוי פיל איז ער נאָך פאַרבליבן א מאַרקסיסט...

וואָס זאָגט ער „פאַרבליבן"? און איצט? טוט ער דען נישט אַלץ, ווי מאַרקס האָט געבאָטן? אדרבה, זאָגט אַליין: מאַרקס האָט געהייסן אָפּ־טרייסלען זיך פון דער פאַרגאַנגענהייט — נו, האָט ער זיך אָפּגעטרייסלט. מאַרקס האָט געהאַלטן פון קלאַסנקאַמף — און אָט פירט ער אן אמת'ן קלאַסנ־קאַמף — כע, כע, כע — וואָס, ניין? יאָ, ער איז איצט א פולשטענדיקער מאַרקסיסט — פון דער פאַרקערטער זייט...

אזוי איז ער שוין, כאַלאַמאַן דיקס. תמיד מיט זיינע וויצן. איז אים פריילעך אַפן האַרצן, וויצלט ער זיך; טוט אים ווי — וויצלט ער זיך. איצט איז אים ביידע זאַכן מיטאַמאָל — אי ס'איז אים פריילעך, אי ס'טוט ווי...

ווי זאָל אים ניט ווי טאָן?! גלויבט אים, אז ס'איז ניט קיין תענוג צו־צוקוקן די פאַרביטערטע פּיקעט־רייען ארום דער פאַבריק, די באַקאַנטע, אמאָל נאָענט־געוועזענע, פּנים'ער; די סטענעס, ווי פּאָליציאַנטן — זיינע באַשיצער — טרייבן, יאָגן, שפּאַלטן קעפּ, פירן אַפּ וועגענער מיט ארעסטירטע. צע־בלוטיקטע, אויסגעבלייכטע, זינגענדיקע. ער טראַכט זיך אריין: א שטייגער, למשל, ער זאָל געוועזן זיין אַף יענער זייט פון די פּאָליצייאישע קלאָבס?

נאָר דאָ קומען זיי, די פּאָליציאַנטן, אריין צו אים אין אָפיס — טראַנס־פאָרמירטע, מיט ליבע שמייכלען אַף די ליפּן — און ער, וואָס האָט זיך אזוי פיל יאָרן געצאַצקעט מיט זיין רעוואָלוציאָנערן אמאָל און זיך גע'חנ'דלט מיט חלומות פון סאָציאַלער רעוואָלוציע, גיט זיי די הענט, איז זיי מכבד מיט ציגאַרן...

— העי, קעפּטן, — האָט ער זיך געווענדט צום עלטסטן פון סקוואַד, — א שטייגער ווען איך וואָלט געווען אַף יענער זייט, מיט יענע דאָרט, וואָלט געווען ניט פריילעך, האַ?

דיקס האָט פרעגנדיק אָפּגעמאָסטן מיט די אויגן דעם הארטן און גלאַנציקן קלאָב, וואָס איז איצט אַזוי אומשולדיק געהאַנגען באַם פּאָליציאַנט׳ס זייט, און צוויי בינטלעך לאַקאַניש־שמייכלענדיקע קנייטשן האָבן זיך דערביי צע־שפּרייט באַ אים פון ביידע זייטן נאָז ביז צו די עטוואָס־אויסגעקרימטע, האַלב־אָפענע ליפּן.

דער פּאָליציאַנט, אַ מאַסיווער אירישמאַן מיט אַ ביטערן שמייכל־גלאַנץ אין די קליינע אייגעלעך, האָט אים באַטראַכט מיט אַ קוק, וואָס האָט געמיינט: „עי מאַיטי נאַיס פעלאָו!”

— „יו דאָנט בילאָנג טו דהעט מאַב!” — האָט ער אים גוטברודעריש געענטפערט.

דיקס שותף, מיסטער באָלניק, אַן עלטערער מענטש, וואָס פאַרשטייט ניט, ווי אימיצן קען ליגן אינזינען זאַכן, וואָס האָבן ניט קיין שייכות מיט ביזנעס, איז געווען פאַרנומען אין צווייטן זייט פון גרויסן אָפּיס־צימער מיטן שטעפער־פאָרמאַן, וועלכער האָט אים דערקלערט עפּעס אַ קאָמפּליצירטן און ערנסטן שאַפּ־ענין. זיי זיינען געשטאַנען לעבן אַ גרויסן, ווייסן טיש, אַף וועלכן עס זיינען געלעגן אָנגעוואַלגערט אַלערליי קאָלירטע שטיקלעך לעדער — מוסטערן, וואָס רייזנדיקע לעדער־פאַרקויפער האָבן איבערגעלאָזט. מיסטער באָלניק האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צום פאָרמאַן און דערביי גענומען אין האַנט און באַטראַכט איין שטיקל לעדער נאָכן צווייטן. און כאָטש דער ענין, וואָס דער פאָרמאַן האָט אים דערקלערט, איז געווען זייער אַן ערנסטער, פונדעסטוועגן האָט מיסטער באָלניק ניט געקענט צוריקהאַלטן זיך פון וואַרפן פון צייט צו צייט אַ זייטיקן קוק, אָנגעפילט מיט שטילער הנאה, אין דער ריכטונג פון זיין אינגערן שותף, ווי ער ספּראַוועט זיך מיט די „קאַפּס”. מיסטער באָלניק ווייסט, אַז סאָלאָמאָן קען ווען ער וויל — דער קאָפּ האָט באַ אים נישט אויסגעדאַרט...

— נו, מיסטער באָלניק, — האָט זיך דיקס איצט געווענדט צו זיין שותף, ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט די „בלויע רעק”, — איר האָט איצט נחת פון אייער שותף, האַ?

— כ׳האָב אַלעמאָל געוואוסט, אַז דו ביזט אָלראַיט, סאָלאָמאָן, — האָט יענער אים פאַרזיכערט.

— ס׳רעדט זיך אַזוי: איר האָט אַלעמאָל געוואוסט! זאָגט בעסער אויס דעם אמת, מיסטער באָלניק, אַז איר האָט געהאַט גענוג חרפּות און בושות פון אייער שותף, און אַז ס׳זיינען געווען צייטן ווען איר וואָלט אים אַף

צוויי שפּענדלעך אַרויסגעוואָרפן ווען איר וואָלט געקענט אויסקומען אָן אים. זאָגט אוים, שעמט זיך ניט...

ס'איז געווען שווער צו דערקענען פון דיקס' טאָן, צי ער רעדט ערנסט, אָדער ער וויצלט זיך בלויז.

— גיין שוין גיי, סאַל! האָסט זיך שוין גענומען פון מיר חוזק מאַכן?

ביידע שותפים זיינען איצט, אַפּנים, געווען אין אַ גוטער שטימונג.

פונדרויסן האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט אַ ווילדער אויסגעשריי און באַלד נאָך אים אַ געמיש פון ליידנשאַפטלעכע קולות:

— קאָזאַקן! בעסטיעס! נידער!

— „געט דהעט וואַן! געט'ים!"

אַ געטומפּעריי פון פיס. אַ געלאַף. און ווידער אַ געמיש פון וויי־אויסגעשרייען.

דער אַלטער באַלניק האָט ניט־ווילנדיק געכאַפּט אַ קוק דורכן פענצטער און דערזען אָן אַפּטע סצענע זינט דעם סטרייק — דערזעלביקער פּאָליציי־עלטסטער, וואָס האָט זיך נאַר־וואָס אַזוי גוטמוטיק געוויצלט דאָ אין אָפיס, שטייט אַפן ראָג קעגנאיבער, די אויגן אָנגעגאָסן מיט ווילדער רציחה, און האַלט פעסט אַ הויכן און דאַרן בחור מיט רויטע האָר און דורכאויס באַגאָסן מיט בלוט. אַרום און אַרום יאָגן זיך פּאָליציילייט נאָך עטלעכע צענדליק „רו־שטערער" און „אינדזשאָנקשאָן־ברעכער" מיטאַמאָל, וועלכע דרייען זיך אַרום פון זייערע הענט, מישן זיך אוים מיט דעם אַרומיקן עולם. אָט ווערט נאָך איינער געכאַפּט און נאָך איינער, און מ'איז יעדן פון זיי מכבד אָט מיט אַ קלאַב איבערן קאָפּ, אָט מיט אַ שטורך אין זייט.

„גוט אַזוי!" טראַכט דער אַלטער באַלעבאָס און קערט זיך אָפּ פון פענצטער צאָרנדיק און מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. „גוט אַזוי", חזר'ט ער איבער אין געדאַנק און פאַרלאָזט דעם אָפיס.

מאָדנע. ער קען זיך ניט דערמאָנען, וואָס ער האָט איצטער געדאַרפט טאָן. ס'איז עפּעס אַ דרינגלעכער ענין, וואָס מוז שוין געטאָן ווערן, ווייסט ער; אָבער וואָס? שפּאַצירט ער פון איין פאַבריק־צימער אין צווייטן, געלאַסן, מיט די הענט אין די הויזן־קעשענעס און מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, גאָרניט ווי זיין שטייגער, און ווייסט נאָך אַלץ ניט, וואָס ער האָט מיט אַ וויילע צוריק אָפּגעמאַכט באַ זיך גלייך צו דערליידיקן. אין דער פאַבריק הערשט איצט אויך אַ מאָדנע שטילקייט, אַ געדריקטע, אָן אומעטיקע. די אַרבעטער, מערסטנס נייע, סטרייקברעכער, קוקן ניט אַף אים, זיצן שטיל מיט אַראָפּגע־

לאָזטע אויגן. בלויז די מאַשינען גייען אָן מיט זייער געוויינלעכער דרילנדיקער קלאַפּערײַ־שטעפּערײַ. אָבער אין דער שטילקייט, ווי אין אַ באַלאַנגערטער פּעסטונג, וואָס דערוואַרט אָט־אָט אַן אַטאַקע פון אַן אומגעזעענעם אָבער נאָענטן שונא, האָט זיך אויסגעדרוקט, אַז אַפילו די מאַשינען אײַלן זיך איצט אומנאַטירלעך, זוכן צו פאַרקלאַפּן עפּעס אַ פאַרבאָרגענע נערוועזיטעט. „ווי צו כל־נדרי״, פאַלט אײַן דעם אַלטן און ער דערמאָנט זיך, אַז ס׳איז טאַקע ערב ימים־נוראים.

אין צושנײַד־צימער, אין צווייטן עק פון דער געבײַדע, האָט ער געפונען דיקס׳ן זיך בײַזערנדיק אויף דעם צושנײַדער־פאָרמאַן, פאַרוואָס מען פאַר־שווענדט דאָרט באַ אים אַזוי פיל איבעריקע לעדער.

— ס׳איז ניט קיין קרויט־בלעטער — ס׳איז לעדער, לעדער, לעדער! און אינטש דאָ, און אינטש דאָרט, און אַ פּאָר גוטע שיך גייען פאַרלוירן...

ניין, ער האָט דאָ גאָרניט וואָס צו טאָן, האָט זיך מר. באַלניק פלוצלונג געכאַפּט און ער איז צוריק אַרויס פון צימער. יאָ, ער האָט זיך איצט דער־מאָנט, אַז ער מוז שוין רעדן מיט דעם אַלטן פּאַקער, מיט דיק׳ן, אַז ער זאָל האַלטן אַן אויג אויף די נײַע פּוילישע שיקסעס, אויף וועלכע ער האָט אַ חשד, אַז זיי גנב׳ענען קליינע קינדערשע שיכעלעך. עטלעכע פּאָר זײַנען לעצטנס פאַרשוואונדן, און ער דענקט, אַז זיי פּאַקן זיי מסתמא אין זייערע האַנט־טאַשן אַרײַן. „מען מוז אײַנפירן אַ באַזוך־סיסטעם באַם אַרויסגיין פון שאַפּ״, האָט ער באַשלאָסן.

— דומקעפּ! — האָט זיך דיקס ערשט רעכט צעשריען ווען דער אַלטער איז אַוועק. — איך וואָלט ניט אויסגעביטן איין רעכט שטיקל לעדער פאַר דעם גאַנצן מאַרק, וואָס מען קען געפינען אין אַלע אײַערע קעפּ צוזאַמען!

מען זעט, בײדע שותפים זײַנען אין כעס.

מאַטילדאַ, דיקס׳עס יענקישע פרוי (זײַן שותפ׳ס פּלימעניצע), שיין, הויך, סאָציאַל־שטומפּיק און שטאָלץ מיט איר אַמעריקאַנישקייט אין אַ משפּחה פון „פאַרײַנערס״, האָט לעצטנס אָנגעהויבן צו ווערן וואָרעמער, אויפמערק־זאַמער צו איר מאַן מיטן פרעמדן ענגלישן אַקצענט — צי דערפאַר וואָס זי האָט אָנגעהויבן פילן, אַז זי ווערט עלטער, אָדער דערפאַר, וואָס ער איז איצט אַזוי דערפאָלגרײַך אין ביזנעס; אפשר צוליב בײדע אורזאַכן צוזאַמען. איצט, זינט דער סטרײַק איז אויסגעבראָכן, ווען ער האָט אָנגעהויבן אַרומגיין צערודערט און פאַרקלערט, איז זי געוואָרן נאָך צוגעלאָזענער און נעענטער.

— סאַל, — האָט זי צו אים געזאָגט. זי איז געוואָרן באַרעדעוודיקער

און גערעדט האָט זי מיט מער ווייכקייט און מיטגעפיל, ווי ווען־ניט־איז אין משך פון די פערצן יאָר זינט זייער חתונה.

— סאַל, — זאָגט זי, — זאָג איצט אַליין. נו, אָט זעסטו, אַז איך בין גערעכט געווען. האָט זיך דיר געלוינט אַוועקגעבן זיי אַזוי פיל פון דיינע יאָרן? זיי האָבן דיר געקאָסט אַזויפיל צייט און געלט. האָסט זייערע טראָבל־מאַכער אַריינגענומען צו זיך אין פאַבריק. איצט דינען זיי דיר אָפּ. זאָג איצט אַליין: ווען זיי וואָלטן געהאַט איין פונק מענטשלעכקייט, איין פונק בלויז, וואָלטן זיי באַ דיר קיין סטרייק ניט גערופן. פאַרוואָס רופן זיי ניט קיין סטרייקס באַ דער „ראָיאַל", באַ דער „עמפּייר"? ווייל דאָרט לאָזט מען זיי ניט איבערן שוועל — מען היט זיך פאַר זיי, ווי פאַר פייער. אָבער דיר האָט זיך דוקא געוואָלט שפּילן מיט פייער...

— אָט האָסטו דיר — פייער, שמייער... פּליז, לאָז מיך געמאַך! איך קאָן שוין דיינע מעשיות פון אויסנווייניק!...

ער האָט מער ניט געקענט פאַרטראָגן. ניט ווייל ער איז מיט איר ניט איינשטימיק, נאָר גראָד, ווייל ער איז יאָ איינשטימיק, ווייל זי האָט אויס־געדריקט אַלץ, וואָס ער האָט לעצטנס גע'טענה'ט צו זיך אַליין. אַפילו דער געדאַנק פון שפּילן זיך מיט פייער — זיין געדאַנק... הייסט עס, אַז ער האָט מיט זיין גאַנצן עסק'ן זיך מיט סאָציאַלע און פּאָליטישע אידייען און אידעאַלן, מיט אַלע זיינע ווייטע עקסקורסיעס אין די הויכע ספערן פון מענטשהייט־פּראָבלעמען, גאָרניט אויפגעטאָן. ענדלעך איז ער, הייסט עס, געקומען צוריק צום פּשוט'ן, פּראַקטישן פונקט, אויף וועלכן זיין ווייב און איר אָנקל, אייב באָלניק, זיינען געשטאַנען פעסט פון אָנהויב אָן... און ער האָט זיך געהאַלטן העכער פון זיי!

— מאַטילדאַ, — האָט ער נאָך אַ פּויזע אַ זאָג געטאָן, — דו ביסט דורכ־אויס גערעכט. אָבער ס'זיינען דאָ זאַכן, וואָס זיינען שווער צו דערקלערן... וואָס דו קאָנסט ניט פאַרשטיין, ווייל דו האָסט זיי ניט דורכגעלעבט...

מאַטילדאַ געדענקט ניט, אַז ער זאָל צו איר ווען־ניט־איז האָבן גערעדט אין אַזאַ נאָענטן, כמעט בעטנדיקן טאָן, און זי מאַכט באַ זיך אָפּ, אַז ענדלעך איז ער איינגאַנצן אירער... זי האָט אים געוואונען...

— דו ווייסט, סאַל, אַז דו הויבסט אָן פאַרלירן דיינע האָר? — האָט זי פּלוצלונג געענדערט דעם געשפּרעך.

זי איז צו אים צוגעגאַנגען און גענומען פירן מיט אירע שפּיץ־פינגער ווייך און לאַשטשענדיק דורך זיינע שיטער־ווערנדיקע, מיט גרוי־געמישטע האָר...

אַ מאַרודנער רעגן

1.

— נו, זי האָט שוין אָנגעהויבן, די בעהיימע!

באַרני בלום, אַ רירעוודיקער מענטשל מיט שמאָלע, באַוועגלעכע אויגן, דינע ליפּן און דעם פרי־געקנייטשטן פּנים פון אַ נערוועזן געשעפט־מענטש, וואָס האָט פיינט, אַז מען רעדט צו אים איבעריקע רייד, האָט די ווערטער אַרויסגערעדט אָן לײַדנשאַפט. גלייך ער וואָלט בלויז קאָנסטאַטירט אַ פאַקט, וואָס האָט מיט אים נאָר אַ ווייטע, פאַרבייגייענדיקע שייכות. ער האָט אפילו קיין קוק ניט געטאָן אין דער ריכטונג פון דער, אין וועלכער ער האָט מיט די ווערטער געצילט. ער איז געזעסן, ווי ניט אים מיינט מען, אין זיין ברייטן שטול, פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, און זיינע אויגן האָבן רואיק געניישטערט דורך די בלעטער פון דער אָוונט־צייטונג, וואָס ער האָט געמישט אָן איבעריקן אינטערעס.

די „בעהיימע", וועלכע איז געזעסן פעסט אויף איר שטענדיקן פּלאַץ באַם מאַסיוו־דעמבענעם עס־טיש און געמאָלעגעירעט אַ שטיקל שאָקאָלאַד־פּלאָדן, וואָס זי האָט פאַרביסן מיט טיי נאָכן פעטן סאַפּער, האָט אַ ביסל צערודערט אַראָפּגעשלונגען אַ ביסן, געוואָרפן אַ בליק מיט פאָרוואורף אויף דעם „קאַלטן גזלן" קעגנאיבער, און האָט אַריינגעשטאָכן דעם גאָפּל אין נאָך אַ שטיקל פּלאָדן. נאָר איר קיי־טעמפּאָ האָט זיך, נעבעך, פאַרלאַנגזאַמט — קענטיק, זי איז ברוגז...

פאַרדראָסן האָט איר ניט אַזוי דאָס וואָרט „בעהיימע" — אַ וואָרט, וואָס איז שוין געוואָרן אַ בן־בית באַ איר אין לויף פון די פופצן יאָר זינט זי האָט חתונה געהאַט — נאָר דאָס וואָס ער האָט באַליידיקט אירע געפילן — היינט אָוונט. זי האָט שוין לאַנג ניט געפילט אַזאַ נאָענטקייט און גוטסקייט צו אים, ווי היינט. זי האָט לעצטנס, זינט ער האָט זיך אָפּגעשיידט פון זיינע ראַדיקאַלע פריינט, אַרויסגעוואָרפן די „סאָשעליסטס" פון שאַפּ און „געוואָרן אַ מענטש", שוין געפילט, אַז ער איז אינגאַנצן אירער. היינט, ווען זי האָט געהערט פון דעם „טראָבל", וואָס ער האָט געהאַט אינדערפרי באַם שאַפּ,

איז ער איר באַזונדער טייער געוואָרן. „המ...מ... ער איז אַ דאַרלינג!" — האָבן די נייע געפילן אין איר געזונגען. „זעסט", האָבן זיי, די געפילן, זי נעגלעט אינעווייניק, „נאָכאַלעמען האָסטו, אַן אַמעריקאַנעריין, זיך גאָר ניט גענאַרט, וואָס דו האָסט חתונה געהאַט מיט אַ יוראָפּשן מאַן"... נו, האָט זי געוואָלט אים ווייזן, אַז זי איז זיין בעסטער פריינט און ווי גוט ס'וואָלט געווען ווען ער וואָלט זיך אין אָנהויב צו איר צוגעהערט. אָט זעט ער דאָך וואָס פאַר אַ צרות ער האָט פון זיינע אַמאָליקע פריינט!...

— בעהיימע!

פאַרוואָס, אדרבה, איז עס איר געקומען? די ביטערקייט אין איר איז געוואַקסן. דערצו האָט זי זיך דערמאָנט, אַז די דינסט האָט היינט איר פרייע נאַכט. זי מוז איצט גיין אַליין צעוואַשן דאָס געפעס. און דערנאָך וועט זי מוזן בלייבן דעם גאַנצן אָוונט אין הויז מיטן קינד. ווען זי וואָלט כאָטש געקענט אוועקגיין צו דער מאַמען אַראָפּרעדן זיך פונעם האַרץ, אויס־וויינען זיך! אָדער זי וואָלט בעסער צונעגאַנגען צו די העלערס. דאָרט איז היינט אַ קאַרד־פּאַרטי, איז פריילעך, טומלדיק און זי וואָלט פאַרגעסן די צרות.

באַרני בלום איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, פאַרהויבן דעם גאַרדין און געקוקט אין הויף אַריין. ער האָט גאָרניט געקענט זען אין דער שווערער, שפּעט־האַרבסטיקער פינצטערניש, אחוץ די נאָענטע, באַלויכטענע זייט פון דעם נאַקעטן, אַש־גרויען בוים פונקט אַנטקעגן דעם פענצטער. דער בוים האָט אויסגעזען, ווי אַ גרוי־צווייגעדיקע לאַטע אויף דער אַרומיקער פינצטערניש. באַרני איז אָפּגעטראָטן פון פענצטער און אַ ווײַלע געבליבן שטיין אינמיטן צימער, ווי פאַרלוירן צווישן פאַרשטויסענע געדאַנקען. דער־נאָך איז ער ניט־אַנטשלאָסן צוגעגאַנגען צום ברייטן געשליפענעם שפּיגל איבער דער מאַסיווער, געשניצטער דעמבענער ביוראָ. ער האָט זיך אָנגעקוקט אין דעם שפּיגל מיט אַ מינע, ווי איינער קוקט אויף אַ פאַרפרעמדטן מענטש, וועמען ער מאַטערט זיך צו דערקענען, נאָר ס'איז שווער. מיטאַמאָל איז זיין אויג געפאַלן אויף די גרויע האָר, וואָס האָבן זיך לעצטנס געיאָוועט באַ אים אין ביידע שלייפן, און האָבן איצט, אַנטקעגן דעם העלן עלעקטרישן שיין פון עס־צימער, אויסגעזען פאַרוויאַנעט געל.

ער איז אַוועק אין קיך, וואו הילדאַ האָט, אַן אָנגעבלאָזענע אויף דער וועלט, געווישט מיט שווערע, ברוגז'ע באַוועגונגען דאָס געפעס.

— הילדאַ, — האָט ער געטאָן אַ זאָג כמעט ווייך, מיט אַ שיין פון שמייכל אין זיינע באַוועגלעכע אויגן, — טעלעפאָניר דיין מאַמען, זאָל זי צושיקן מיני'ן אויף אַ פּאָר שעה און מיר וועלן צוגיין צו די העלערס.

— אזוי ? ! ווי פאסט עס דיר צו גיין מיט א בעהיימע ? ! געפין זיך בעסער אזא פילאזאפקע, ווי דו, בארני ! — האט זי געענטפערט מיט פלוצלונג־צעצונדענעם כעס אין די אויגן. זי האט גערעדט געכאפט־שנעל, ווי זי וואלט זיך געמוזט איילן מיט איר ענטפער, ניט צו פארשפעטיקן די פאסט...

בארני בלום איז שווייגנדיק ארוים דורך דער הינטער־טיר אין דעם פינצטערן הויף אריין. א רגע שפעטער האט הילדא געהערט דעם טויער פון גאראדזש זיך עפענען, דערנאך דעם געקלאפ פון דעם אטאמאביל־מאטאר. זי איז אריין אין דעם טונקעלן פארלאר און דורכן פענצטער געזען בארני'ן אפפארנדיק אין זיין אטאמאביל רעכטס, צו לאגאן בולווארד.

זי איז אוועקגעפאלן אף דער ווייך־טאפעצירטער וויג־שטול אין ווינקל פון צימער און זיך צעוויינט אף א קול.

2.

וואודוואַרד סטריט. א קורצע, גרין־געטונקטע, רונד־געדרייטע גאס, ווי א סערפ, אין דעם העכערן בארגיקן טייל פון נארט־וואטערטאון. די גאס נויגט זיך אפ פון לאגאן בולווארד, ווי א צווייג פון א שטאם. נאר אפן וועג איז זי זיך מישב און קערט זיך אום צוריק צו לאגאן בולווארד. „צו וואס זוכן אנדערע גאסן", טראכט זיך וואודוואַרד סטריט, „אז לאגאן בולווארד איז גוט גענוג פאר מיר". און לאגאן בולווארד באלוינט דעם צוריקקער פון דער אפגענגווינגטער גאס מיט דעם פיינסטן וואס זי פארמאגט, ווייל דארט הויבט זיך אן דער שענסטער טייל פון דעם רייכן בולווארד. די הייזער — מאדערנע שלעסער מיט גלעזערנע טורעמס, ברייט און פילפארביק פאנאנדערגעפליגלט, פון די פארשיידנארטיקסטע סטילן און פאסאנען, יעדע מיט אן אייגענעם פריוואטן פארק ארום זיך. און אין הינטערגרונט הויבן זיך גרינע בערגלעך, העכער, העכער, אין טעראסן, ביז דעם ווייטן בלויען האריזאנט. ניט קיין וואונדער, וואס וואודוואַרד סטריט הויבט זיך אזוי, גרויסט זיך און פוצט זיך אלץ שענער, וואס נעענטער זי קומט צוריק צו איר יחסנ'ישן שטאם.

בארני בלום'ס הויז שטייט אינמיטן וואודוואַרד סטריט, באם סאמע פונקט וואו די גאס האט חרטה, דרייט זיך אוים און נעמט זיך ווידער אף צוריק...

דער פייכטער הארבסט־נאכטיקער ווינט, שווער־באלאדן מיט נאך־ניט־געבוירענעם רעגן, האט זיך פאנאנדערגעטיילט אינצווייען און דורכגעלאזט

דעם נייעם בכבוד'יקן אַטאָמאָביל, אין וועלכן באַרני בלום איז געזעסן פאַר־טראַכט און אַנגעכמורעט בא דער קער־ראָד. די שוואַך־באַלויכטענע גאַס האָט אין דער פינצטער־אָנגעפּעלצטער נאַכט אויסגעזען ווי אַ טיפער אַספאַלט־ברוקירטער טראַנשיי צווישן הויכע גרינע וואַלן אַרום אַן אָפּגעשלאָסענער פעסטונג.

באַרני איז געפאָרן אַרונטער, דורך די אָרעמערע גאַסן, צום צענטער פון שטאָט. וואוהין? ער האָט אַליין ניט געוואוסט. ער איז זיך געפאָרן לאַנגזאַם און געטראַכט, אָפּגעשטעלט זיך בא יעדן גאַסן־קרייץ, אפילו ווען עס איז ניט נויטיק געווען, געקערעוועט דעם אַטאָמאָביל פון איין טונקעלן זייטיקן געסל אין צווייטן, זוכנדיק אויסצומיידן די ברייטע, העל־באַלויכטענע עווענוס, מיט וועלכע ער פלעגט געוויינלעך אין שטאָט אַריין.

די געדאַנקען האָבן זיך בא באַרני'ן אויך געדרייט און געקערעוועט, פונקט ווי דער אַטאָמאָביל. פאַר זיינע אויגן האָבן זיך געפּלאָנטערט: די גרויע האָר, וואָס ער האָט געזען אין שפּיגל; זיין ווייב'ס כעס־צעפלאַמטע אויגן, — זי, די בעהיימע, האָט אים מנצח געווען — דער ראַדיקאַלער צענטער אָט־דאָ ניט ווייט, אַף טאָמפּקינס עווענוו — ערשט ניט לאַנג איז ער, באַרני, דאָרטן געווען אַן איינגייער, אַ געלט־געבער; פּופּצן יאָר אַזוי; איצט איז עס געוואָרן אַ נעסט פון זיינע שונאים... וואָס מיינען זיי, די אידיאָטן, אַז באשר ער איז אַמאָל געווען אַן אַרבעטער, אַ רעוואָלוציאָנער, וועט ער זיך היינט לאָזן טרעטן אַפן קאָפּ!... אפשר זיי פאַרבעטן צו זיך אין פאַבריק און זאָגן: „קומט, חברים, מאַכט זיך דאָ אַ יוניאָן, זאָגט מיר דעות וועמען איך זאָל אַנשטעלן און וועמען אָפּזאָגן, ווערט די באַלעבאַטים איבער מיינע ביזנעס" — כע, כע, כע... דער איינפאַל האָט אים געקלונגען אַזוי לעכערלעך, אַז דער געלעכטער האָט בא אים אויסגעפּלאַצט ניט־ווילנדיק, דורכגעריסן די ביטערקייט אין אים.

ער איז אַריבערגעפאָרן דעם פּוסט־און־וויסטן געגנט, וואו עס לויפן דורך עטלעכע אייזנבאַן־ליניעס איינע לעבן דער אַנדערער. אָט איז גראַוו עווענוו, אַ גאַס פון הוילע „מציאות" — דער צענטער פון אַלטוואַרג־מסחר, גנב'ישע פּאַון־שעפּער, ביליקע סאַלונס, וואו מען קויפט פאַר צען סענט שנאַפּס און מען ברעכט דערפון מיט דער גרינגער גאַל, פונקט ווי מען וואָלט אויס־געטרונקען פאַר צען דאָלאַר... ביליקע נאַפּקע־הייזער, וואו מען האַנדלט אין אַ „טריפער" פאַר פופציק סענט...

פון ביידע זייטן גאַסן האָבן שיכורים, אָפּגעריסענע, מיט אויסגעשמירטע, פאַרמייקטע און פאַרבלוטיקטע פנים'ער און קליידער, אויסגעשטרעקט צו

אים די הענט, אים באגריסט גוט־ברודעריש, געקלאפט זיך אין די הערצער, געשאלטן, געמורמלט צו זיך. אנדערע זיינען געלעגן אויסגעצויגן אף די טראטוארן אין זייער אייגענער מיקענע, ווי באם זיידן אין וויינגארטן.

בארני בלום איז אף שנעל אוועק פון יענעם גיהנום. אף יענער זייט פון גראוו עווענין לויפט דער גראוו ריווער, א ברייטער, בלאטיקער טייך, צווישן נידעריקע, בלאטיקע ברעגעס. לענג־אויס מיט דעם טייך גייט גראוו בולוואַרד, א גאס פון אלטמאָדישע צוויי־שטאָקיקע הייזער, וואו די פענצטער פון די וואוינונגען אויבן און פון די קאבארייען אונטן זיינען שטענדיק פארצויגן מיט שווערע גארדינען. דאס איז די גאס פון „בעסערן" זינד — פאר מיטלקלאס־מענטשן.

וואוהין פארט דא בארני בלום? ער ווייסט אליין ניט. דער גארדין פון א פענצטער אפן צווייטן שטאק האט זיך עטוואס אויפגעהויבן. א בלאנדער מיידלשער קאפ האט זיך באוויזן. א פאר אויסגעלאשענע אויגן האבן א וואונק געטאן צו אים. ס'האט זיך אים אויסגעדאכט, אז ער זעט א רויטע פליאמע אף א באק.

בארני איז געפארן ווייטער.

3.

אף יענער זייט בריק. ווארע־הייזער, פאבריקן. גלייכע, ברודיק־ציגלנע ווענט, ווי קאזארמעס, מיט פינצטערע פענצטער, וואס ווארפן אן א שרעק. די מערסטע זיינען אלטע, רויט־שימלדיקע געביידעס — פיר־שטאָקיקע, אכט־שטאָקיקע. וואו־ניט־וואו הויבט אויף דעם קאפ א העכערע, נייערע צוועלף־שטאָקיקע פאבריק־געביידע. אט איז זיין, בארני בלום'ס, פאבריק. אן אפ־געטראָגענע פיר־שטאָקיקע הויז, איינגאנצן זיינע. פון אויבן אין גרויסע גאָלדענע בוכשטאבן „ב. ענד ב. קאמפאני, מאנופעקטשורערס אוו ראבער־גודס". צוויי פאליציאנטן מיט קלאבס אין די הענט שטייען אף דער וואך. דאס שטייען זיי אף „סטרייק סוירווים". די „מלוכה" האט אים, בארני'ן, גענומען אונטער איר שוץ און זי היט זיין פארמעגן טאג און נאכט — זיין מלוכה!

די פאליציאנטן האבן אנגעהויבן צו קוקן פארדעכטיק אין דער ריכטונג פון בארני'ס אטאמאביל, וועלכער האט זיך אפגעשטעלט א בלאק ווייט פון זיי. בארני האט זיך דערשראקן פאר זיינע אייגענע היטער. ער האט זיך שנעל פארקערעוועט אין א זייטיקער גאס און צוריק מיטן זעלביקן וועג, מיט וועלכן ער איז געקומען.

מיטאַמאָל איז פאַר באַרני'ס אויגן אויפגעשוואומען דאָס בילד, וואָס ער האָט היינט איינדערפרי געזען פון דעם פענצטער פון זיין פאַבריק — אַ בילד, וואָס ער האָט אַ גאַנצן טאָג געזוכט צו פאַרשטיקן אין זיך, פאַרגעסן. ער האָט איצט ווי געזען פאַר זיך די פּאָליציייאישע קלאָבס פאַלנדיק איינס נאָך איינס אַפן קאָפּ פון איינעם פון די פּיקעטס, באַ וועמען דאָס בלוט איז גערונען פון קאָפּ איבערן פּנים און אַף די קליידער. באַרני האָט ניט־ווילנדיק אַ שוידער געטאָן און ניט־ווילנדיק זיינען אין זיין זכרון אויפגעשוואומען זכרונות פון זיין אַמאָליקער פאַרגאַנגענהייט אין רוסלאַנד, ווען ער איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער, איז געגאַנגען צו געהיימע פאַרזאַמלונגען און האָט געפירט סטרייקס.

ער געדענקט איצט ווי ער האָט אַמאָל געשלאָגן אַ סטרייק־ברעכער. עטלעכע טעג האָט ער אָפּגעוואַרט דעם סטרייק־ברעכער לעבן זיין היים. ס'איז אָבער קיין שפור פון יענעם ניט געווען. ער האָט אַלץ געוואַרט. און וואַרטנדיק האָט זיך זיין האַס צום סטרייק־ברעכער, דעם הונט, וואָס פאַרקויפט זיינע ברידער פאַר אַ טאָפּ לינזן, געזאַמלט אין אים, ווי אַ בעכער אַפן רעגן. ווען ער האָט דעם חברה־מאַן ענדלעך געפּאַקט האָט ער זיך אַף אים אַרויפגעוואָרפן מיט אַזאַ רציחה, אַז יענער האָט קיין צייט ניט געהאַט זיך צו פאַרטיידיקן. עטלעכע חברים, וואָס האָבן זיך פונדערווייטנס אַרומגעדרייט לויט דעם פריער־אויסגערעכנטן פּלאַן, האָבן זיך שנעל אַ לאָז געטאָן צו הילף. קיין הילף איז ניט געווען נויטיק. פונדעסטוועגן האָבן זיי צוגעלייגט זייערע קלעפּ אויך. צו געבן דער זאַך אַ געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער... פּאָליציאַנטן זיינען באַלד געקומען צולויפן און האָבן געפונען בלויז דעם צעשלאָגענעם און אַ פּוסטע מהומה אַרום, מער גאָרניט.

— ווי ווילד! — האָט באַרני אין זיך אויסגערופן מיט כעס, ניט אַף דעם וואָס מען האָט היינט געשלאָגן דעם פּיקעט באַ זיין פאַבריק, נאָר אַף זיך אַליין, דעם אַמאָליקן ברוך, — ווי ער האָט געהייסן איידער ער איז געקומען קיין אַמעריקע. וואָס הייסט אַזוי ברוטאַל שלאָגן? אפשר האָט יענער געהאַט אַ הונגעריקע פאַמיליע צו שפּייזן? אפשר איז אַן אַלטע מאַמע געזעסן ערגעץ אַף אַ וויסטן בוידעם־שטיבל און אויסגעקוקט מיט אַנגסטן אַף איר זון, דעם סטרייק־ברעכער, מיט זיינע עטלעכע רובל? און אַט איז ער געקומען, אַ צעבלוטיקטער, אַ דערשלאָגענער, און די אַלטיטשקע האָט אויסגעבראָכן מיט אַ געיאָמער: — מיין קינד! מיין שפּייזער!

— אַ רוצח בין איך געווען! — באַשליסט באַ זיך איצט „גרויסמוטיק" באַרני, דער באַלעבאָס.

און די פּיקעטס? נו, זיי זיינען אליין שולדיק — דערקלערט בארני פאר זיך אליין דעם ענין — זיי נעמען אף זיך אליין אלע זייערע צרות. זיי זיינען פּשוט רוצחים אף זיך אליין, און רוצחים אף זיך זיינען ממילא אויך רוצחים אף אנדערע...

ער דערמאָנט זיך, אז דאָס איז ניט זיין אייגענער געדאַנק. הילדא, די „בעהיימע", האָט מיט אים שוין פריער איינגע'טענה'ט, אז יענע מענטשן זיינען רוצחים אף זיך אליין, אף זייערע פאַמיליעס און אף אלעמען.

„ריכטיק ווי גאָלד", האָט בארני בא זיך באשלאָסן. „זי איז גאָרניט אזא בעהיימע, ווי איך האָב געמיינט."

.4

ווען בארני איז צוריק אריינגעפאָרן אין וואודוואַרד סטריט האָט געשפּריצט א בייסנדיקער שפּעט־האַרבסטיקער רעגן. ער האָט זיך דערמאָנט די שיכורים אף גראַוו עוועניו, די בלאָנדע מויד מיט דער רויטער פּליאַמע אף דער באַק אף גראַוו בולוואַרד.

— פע! — האָט ער אויפגעשווידערט. ער איז אריין אין זיין שטילער, וואַרעמער הויז, וואו הילדא איז געלעגן אין בעט, נאָך אלץ א וויינענדיקע. ער האָט אראָפּגעוואָרפן פון זיך די קליידער, די אונטערוועש, אָנגעטאָן אף זיך די צאַרט־לאַשטשענדיקע זיידענע פּאַדזשאַמעס און אריין אין בעט.

הילדא האָט זיך, א ברוגז'ע, אומגעקערט מיטן פּנים צו דער וואַנט. איר כליפּען האָט געטרייסלט די בעט. באלד האָט זי אויפגעהערט. זי האָט זיך איבערגעבעטן.

פונדרויסן האָט דער מארודנער רעגן געגראַבלט, געגראַבלט ארום הויז, ווי מחנות מייזעלעך וואָלטן זיך געדראַפּעט ארום און ארום.

.1936

גאַרבעדזש

א גאַנצן טאָג האָט סטיוו („רעד״) בוירק, דזשעניטאָר אין א בראָנקסער אַפּאַרטמענט־הויז, און פּאָליציי־„ספּעשל״ געשאָלטן און געקרעכצט, געשאָלטן און געקרעכצט, ווי אַן אַלטע, יאַדעשליווע מכשפה:

„דע־עם קאָמיוניסטס!... דוירדי רעדס!... דאַרן עם!... אָ!... אָ!... אָ!...״

פון צייט צו צייט האָבן זיך די קללות צעקייקלט פון זיין מויל איינס נאָכן אַנדערן מיט רוגזה, ווי האָגל־אויסברוכן אין א ווינטיקן, רעגנדיקן טאָג. און נאָך יעדן אויסברוך האָט זיך זיין ברייטער, געקנייטשטער פּנים אויס־געקרימט אַף א זייט, ווי אַן אַלטער, פון איין זייט אויסגעריבענער בעזים, און — א שטראָם פון מוטנע־ברוינעם קיי־טאַבאַק שפּייעכץ האָט דורכגע־צישעט רוגזה'דיק דורך די אויסגעהוילטע ציינער.

— „דע־עם!״... — און א שליידער געטאָן די צייטונג — ס'איז געווען אַן „איוונינג דזשורנאַל״ — פּונקט ווי זי וואָלט שולדיק געווען. די צייטונג איז אַראָפּגעפאַלן אַפן דיל און זיך צעעפנט, גראָד אַף דער זייט, וואָס איז געווען פול מיט בילדער פון דעם „רויטן ראַיאָט״ — קעפּ אַף קעפּ, א ים מיט קעפּ.

— א רויטע מגפה!... אויסשיסן זיי אַלע!... אָ, העל!... אָ!... אָ!... אָ־אָ־אָ!!!

געקרעכצט האָט סטיוו ניט פאַר נחת. דאָס האָט אים ווידער אָנגעכאַפּט דער ווייטיק אין די קריזשעם און אין ברוסט, וואָס ער האָט געקראָגן אַף יוניאָן סקווער, וואו איינער פון די „רויטע טייוואַלים״ האָט אים דערלאַנגט מיט א פוס אין הינטן ווען ער האָט זיך געוואָרפן צערייסן איינעם פון זייערע „פאַרדאַמטע״ פּלאַקאַטן. פון דעם קלאַפּ איז ער געפאַלן אַף א פּאָליציי־אָטאָמאָביל און איז א ווײַלע געבליבן ליגן אָן לשון.

— אָ־אָ־אָ! — האָט ער זיך איצט ווידער צעקרעכצט און באַלד פאַר־ביסן: — „דע־עם!!״

זיין ווייב, וועלכע איז ביז איצט געשטאַנען איבערגעבויגן איבער דעם וואַש־טאָב אין א ווינקל פון דער גרויסער, האַלב־טונקעלער קיך, ווי א שטאַל, און מיט אַלע כחות געריבן א שטיקל נאָך א שטיקל ברודיקע,

שמאַטעדיקע וועש, האָט זיך איצט, דערהערנדיק די קרעכצן, אומגעקערט צו אים מיט איר פּליאַמיקן, שווייסיקן און לײַדנדיקן פּנים און מיט שווערקייט געפּרואווט אויסגלײַכן איר לאַנגע, ביינערדיקע און אײַנגעפּאַלענע פיגור. זי איז געשטאַנען און געקוקט אַף אים פאַרגליווערט און אויסגעלאָשן, ווי אַ שאָטן פון זײַן נישטיקן און האָפענונגסלאָזן לעבן.

— וואָס שטייסטו דאָרט, ווי אַ לייַמענער גולם? — האָט ער פאַרקרימט זײַן פּנים מיט עקל און באַלד צוגעגעבן, ווי אַ נאָכבאַמערקונג:

— אוי, ביסטו זיס — ווי אַ פאַרפוילטער צאָן!

זי איז געשטאַנען שטום, אומבאַוועגלעך, פאַרגליווערט. וואו־ניט־וואו האָט זיך אַף איר געמערקט אַ נערוועזער ריר פון אַ מוסקול, אַ ציטער פון אַן אָדער.

— נו, גיב זיך אַ ריר, שלאַק! דערלאַנג מיר אַ הייסן קאָמפּרעס!

זי האָט מיט דער זעלביקער פאַרגליווערטקייט, ווי אַ מת, אַראָפּגענומען פון וואַנט אַן אַלטע גומענע פלאַש, אָנגעפילט זי מיט הייסע וואַסער, אים דערלאַנגט און געפּרעגט:

— וואָס האָסטו דערפון, האַ? זאָג, וואָס האָסטו דערפון?

און כאָטש ער האָט איגנאָרירט איר האַלב־פּראַגע, האַלב־טענה, וועלכע ער האָט פון איר היינט שוין ניט איינמאָל געהערט, איז זי דווקא באַשטאַנען אַף אירס:

— איך פרעג דיר, וואָס האָסטו דערפון?

ער האָט אַרײַנגעפּאַקט אין איין בליק אַזויפיל פאַראַכטונג, וויפיל ער האָט געקענט, און געוואָרפן אַף איר. דערנאָך זיך אויסגעצויגן אַף דער אַלטער, צעלעכערטער סאָפקע, מיטן פּנים צום וואַנט.

זי האָט זיך געמאַכט ניט־וויסנדיק און פאַרגעזעצט דעם פאָדעם פון אירע אַרגומענטן:

— האָט זיך עס געלוינט, סטיוו? סך־הכל פאַר זיבן דאָלאַר?

און באַלד איז זי געוואָרן אַנטשלאָסענער:

— וועסט נאָך שטאַרבן ניט מיט דײַן טויט, וועסט אויסגיין, ווי אַ הונט... געדענק, וועסט זאָגן אַז איך האָב דיר געזאָגט... פאָלג מיך, סטיוו, ס'איז ניט פאַר דיר, די „פּאָלים".

ער האָט אַ שפּײַ געטאָן אָפן וואַנט. באַלד האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ס'איז קענן געזעץ. האָט ער זיך אויפגעהויבן, גענומען אַ שמאַטע און אָפּ־געווישט...

— הער, דו פאַרפוילטער ביין, — האָט ער פּלוצלונג אויסגעשאָסן, —

אף צו־להכעיס דיר וועל איך נאָך די קישקעס טרייבן פון די רויטע! וואַרט... ס'וועט נאָך קומען אַ פאַרכאַפּעניש אַף די „רויטע טייוואָלים" מיט דיר צוזאַמען!...

זי מיט די רויטע!... ס'האָט איר פאַרקלעמט באַם האַרצן און זי האָט ניט געענטפערט. האָט זי זיך צוריק אומגעקערט צו די וועש און ער האָט זיך ווידער אויסגעצויגן אַף זיין געלעגער און געפּרעסט דעם הייסן קאָמפּרעס צום האַרצן...

איז סטיוו געלעגן און געטראַכט פון זיין פאַרשאָלטענעם גורל: „ראַיאָטן" די רויטע, דאַרף ער, אַ „ספּעשל", וואָס דינט בלויז באַ זעלטענע געלעגנהייטן, קריגן צעבראָכן די ביינער; איז דאָ אַף דער וועלט אַ פּגירה אַ ווייב, דאַרף זי אַריינפאַלן צו אים...

אַזוי איז געווען אויך אַמאָל, ווען ער איז נאָך געווען אַ סך איינגער. ער דערמאָנט זיך אַן עפּיזאָד מיט אַכצן יאָר צוריק. ער האָט דאַן געדינט אין די מאַרינען. זיין קאָמפּאַני האָט נאָר־וואָס „אַוועקגעלייגט" עטלעכע הונדערט צעבונטעוועטע נעגער־שקלאַפן אין פּאָרטאָ־ריקאָ. מען האָט זיי אַלעמען „קאָמענדירט" פאַר „בראַוווקייט" און טאָן זייער פליכט. דערנאָך האָט מען זיי געשיקט אַף וואַקאַציע קיין דזשאַמייקאַ, אַ בריטישע אינזל־קאָלאָניע, דאָרט אַ הוליע צו טאָן. חברה האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו אַ „פריילעכן הייזל". דאָרט האָט מען זיך באַגעגנט מיט ענגלישע „בלו־דזשעקס". אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט: „דזשאָן־בול, פול!" — „יענקי דודל — דאָגס!" — מ'האָט זיך צעשלאָגן. פריער מיט פויסטן, דערנאָך מיט קינזשאַלן... בלוט האָט זיך געגאָסן... ער, סטיוו, אַ צעשניטענער, אַ פאַרבלוטיקטער... אָפיצערן זיינען אָנגעקומען. אַלע זיינען זיך צעלאָפן. אים איינעם האָט מען געפּאַקט און פאַרשפּאַרט אַף דריי חדשים...

און אַזוי איז אים געגאַנגען אויך שפּעטער. האָט ער געדינט אַלס „סטרייק־גאַרד", באַשיצט סקעבס, האָט מען אים ניט איינמאָל אונטערגעהאַקט די זייטן, איינמאָל אַפילו געקראָגן מיט אַ מעסער אין זייט און געלעגן דריי וואָכן אין שפּיטאָל... איז געוואָרן „סלעק", איז ער דער ערשטער געבליבן אָן אַרבעט...

כאָטש גוט, וואָס אָ'ריילי, דער פּאָליציי־אינספּעקטאָר, האָט אים אַרויס־געהאָלפן און אים געמאַכט פאַר אַ דזשעניטאָר. ער, אָ'ריילי, האָט טעלע־פאָנירט אין אָפיס פון דער דזשעניטאָרס יוניאָן:

— העלאָ, מר. מעק'אַליסטער, — האָט ער געזאָגט. — „האַו איז די אָלד באָי?"

— „ווערי פיין, טהענק יו“, — האט געענטפערט דער פרעזידענט פון דער יוניאן. — זאג מיר, וואס קען איך טאן פאר דיר?

— א קלייניקייט. מיר האבן דא אן אלטן מאן. דו קאנסט אים: „רעד“ סטיוו בוירק. ער טויג זיך שוין ניט אויס פאר אונז. טא נעם און מאך אים פאר א דזשעניטאר.

— אבער, — האט יענער געפרואווט פראטעסטירן, — הונדערטער אלטע דזשעניטארס גייען ארום ליידיק... ווי קען מען?

— „נעווער מיינד“ ווי קען מען! אז מען וויל, קען מען...

— „וועל, אי'ל דו עניטינג פאר יו“. „אלרייט“, שיק אים צו אין אפיס.

סטיוו איז געווארן א דזשעניטאר. איצט איז אים גוט. ניט אזוי דער „דזשאב“, ווי — א באלעבאס! ס'איז דא ווע‍מען צו דינען!... דער העכסטער גליק באשטייט פאר סטיוו'ן אין דינען א באלעבאס: אן א באלעבאס איז אזוי קאלעמוטנע אפן הארצן: דו קענסט זיך קיין ארט ניט געפינען — אן איבעריקער... איצט איז אים גוט.

אמת, ער קריגט בלויז דרייסיק דאלאר א חודש פאר דער גאנצער ארבעט, בא וועלכער ער און זיין ווייב זיינען ביידע באשעפטיקט. אבער דער ווייב'ס ארבעט רעכנט ער ניט. נו, און א פרייע דירה גייט אויך ניט צופוס. אמת, א קעלער, א חושכ'דיקע דירה. אבער א דירה איז דאס, און וועלכער דזשעניטאר וואוינט עס בעסער? אמאל קומט נאך צו א קערבל פון א שכן, און דער „לענדלארד“ ווארפט צו א גוט ווארט:

— סטיוו, — זאגט ער, — איך לאז אלץ צו דיר. איך וועל זיך דא נישט מישן. איך זע, אז איך קען זיך פארלאזן אף דיר.

ער זאגט עס א ביסל זייטיק, ווי ער וואלט גערעדט צו זיך אליין, אז סטיוו זאל ניט אלץ הערן. סטיוו הערט אבער אלץ און ס'פארקלעמט אים אזש באם הארצן פון גדולה.

— האסט דא א „סטעדי דזשאב“, — האט אים דער „לענדלארד“ גע־זאגט דעם ערשטן טאג, ווען ער האט געזען, ווי ער, סטיוו, שטעלט זיך ארבעטן מיט אזא התלהבות, גליך ער האט איצט דערגרייכט די העכסטע אמביציע אין זיין לעבן.

א קלייניקייט, א „סטעדי דזשאב“! ער איז שולדיק א גרויסן דאנק דער יוניאן. א וואוילע יוניאן! אפילו אינספעקטאר א'ריילי האלט פון דער יוניאן א וועלט. ער וועט טאקע ארויסהעלפן די יוניאן ווען מען וועט אים דארפן. סיידן א סטרייק — אלץ יא, נאר ניט קיין סטרייק!

— סטיוו, — די ווייב איז צוגעקומען צו אים און ווידער א בלאז געטאן

אַף אים מיט איר פאַרגליווערטקייט, — איך וועל היינט גיין „אַטענדן" די „גאַרבעדזש". דו פילסט ניט גוט. רו זיך אוים. אויב די קינדער וועלן קומען, היים זיי וואַרטן מיט סאַפּער ביז איך וועל פאַרטיק ווערן.

— וואָס ? ! — איז סטיוו מיטאַמאָל אויפגעשפּרונגען. וואָס מיינט זי, איז ער — אַן אינוואַליד, צי וואָס ?

סטיוו האָט איינגעפירט זיין סיסטעם באַ די „גאַרבעדזש" — שנעלקייט, פּינקטלעכקייט, דיסציפּלין.

ער קלינגט אָן פיר אַפּאַרטמענטס מיטאַמאָל און אין אַ האַלבער מינוט צייט מוזן שוין זייערע „גאַרבעדזש"-צעבערס זיין אַפן „דאָמב-וועיטער". אויב ניט, קלינגט ער ווידער און גיט זיי נאָך אַ האַלבע מינוט. דערנאָך ציט ער דעם „דאָמב-וועיטער" צו אַנדערע שכנים. פאַרשפּעטיקטע מוזן אַליין אַרונטערטראָגן זייער „גאַרבעדזש".

וואַרפט אַמאָל אַ שכן אַרונטער — אומישנע, צי אומגערן — אַ שטיקל פּאַפּיר דורך דעם „דאָמב-וועיטער"-לאָך, וועט ער אַזוי לאַנג נאָזוכן ביז ער וועט געפינען דעם שולדיקן. דאַן גייט ער אַרויף און לייענט דעם שכן פאַר יענעם פּונקט פון די שטאָטישע געזעצן, וואָס פאַרבאָט בפירוש אַזאַ זאַך.

אַ מאָדנער דזשעניטאָר, זאָגן די שכנים. האָסט געהערט, אַ דזשעניטאָר זאָל דיר ווי-נאָר-וואָס קומען מיטן געזעץ אין האַנט ? !...

סטיוו גרויסט זיך מיט זיין „גאַרבעדזש"-סיסטעם — און אָט וועט ער נעמען און פאַרלאָזן זיך אַף זיין ווייב ! ניט דערלעבן וועט זי דאָס ! אַ שיינער תכלית וואָלט געוואָרן...

און איצט, ווי ער איז געשטאַנען און געקלונגען אַפּאַרטמענט נאָך אַפּאַרטמענט, און געצויגן דעם „דאָמב-וועיטער" אַרויף און אַרונטער און אויסגעליידיקט די „גאַרבעדזש"-צעבערס, און ווידער אַרויף און אַרונטער, און אַלע שכנים — פּינקטלעך, צו דער האַלבער מינוט — האָט זיך אין אים צעוואַקסן אַזאַ נחת'דיקער געפיל פון זעלבסט-חשיבות, די גאווה פון דעם אויפטוער, ווי באַ אַ מיליטערישן קאָמאַנדיר, וועמעס סאָלדאַטן עס זיינען נעכטן געווען רוי, אומדיסציפּלינירטע שנעקעס, און אָט קוקט ער, ווי זיי מאַרשירן, ווי טיילן פון אַ גוט-געאוילטער מאַשין — איינס, צוויי, איינס, צוויי — אַ פאַרגעניגן ! און דאָס האָט ער זיי איבערגעקנאָטן, געמאַכט פאַר לייט...

האָט סטיוו אין זיין נחת באַ די „גאַרבעדזש" איצט כמעט שוין פאַרגעסן

אַן די „רויטע", דעם „ראַיאָט", זיין צעשלאָגענע ברוסט און צעקלאַפּטע קריזשעס, ווען פּלוצלונג ——

אַ פּעקל אַלטע פּאַפּירן און צייטונגען איז אַרונטערגעפאַלן פון דעם פּול־געפּאַקטן „דאָמב־וועיטער" און זיך פאַנאַנדערגעפאַלן. „דע־עם!" — האָט ער אַ ברום געטאָן, אין כעס וואָס זיין „סיסטעם" איז אים געשטערט געוואָרן, און אָנגעהויבן צוזאַמענקלייבן די צעפלויגענע פּאַפּירן.

און — גאָט!... ווי עפּעס וואָלט אים אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ — אַ רויטע צייטונג!... דאָ בא אים אין הויז!...

ער האָט אינסטינקטיוו אַ כאַפּ געטאָן די צייטונג, ווי אַ ווילדע הונגעריקע חיה, ווען עפּעס אַ לעבעדיקע באַשעפעניש האָט פּלוצלונג פאַר־בלאָנדזשעט צו איר אין דער נאָרע אַריין... ער האָט פונדעסטוועגן גענומען דורכלויפן מיט די אויגן אַ פּאָר שורות דאָ, אַ פּאָר שורות דאָרטן, ווי אַ חיה, וואָס שפּילט זיך מיט איר קרבן פאַר דער פאַרצוקונג... אָדער ווי אַן אויפגערעגטער ריכטער, וואָס מוז ניט־ווילנדיק אַף אַ ווילע צאַמען זיין רציחה און דורכפירן לעגאַלע פּראָצעדורעס איידער ער זאָגט אַרויס דאָס וואָרט, וואָס רייסט זיך פון אים מיט אַלע חושים — טויט!

די עטלעכע אָפּגעהאַקטע פראַזן, וואָס ער האָט אַזוי אין איילעניש אויפ־געכאַפּט, האָבן אויפגעהויבן אַ גייסטיקע זאַווערוכע אין אים... אַ ציקלאָן פון סמאַליענדיקע ווערטער האָט זיך דורכגעברענט דורך זיין מוח, ווי אַ בליץ־זיגזאַג... „צעשמעטערט" (ער ווייסט ניט וועמען, נאָר ער שטעלט זיך שוין פאָר, אַז דאָס מיינט מען אים!)... „טעמעני־קאַזאַקן"... אוניפאָרמירטע און ציוויל־געקליידטע בעסטיעס" (ווידער מיינט מען אים!)... „פּאָליצייאישע אימבעציל"... גענוג!

ער האָט צעפליקט די צייטונג אין דער לענג און אין דער ברייט, אַף פיצ־פּיצלעך. שטיקלעך פּאַפּיר זיינען זיך צעפלויגן אַרום און אַרום. לעבן זיינע פיס איז געפאַלן אַ שטיקל פון דער רויטער צייטונג מיט גרויס־האַנטיקע ווערטער, וואָס האָבן זיך ווי געגרייצט מיט אים:

„פאָראויס צו נייע קאַמפן!"

אין אַ נעדריקטן געמיט האָט ער אויסגעליידיקט די געבליבענע „גאַרבעדזש"־צעבערס, אַרויפגעשיקט די ליידיקע צעבערס פול מיט פייכט־שטינקענדיקע ריחות צו די שכנים און גענומען צוזאַמענקערן די שטיקלעך פּאַפּיר. צווישן זיי האָט ער געפונען אַ בריוו צום שכן פון אַפּאַרטמענט סי־3 פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

ער האָט דעם בריוו אַריינגעלייגט אין קעשענע, די צעריסענע שטיקלעך

פֿון דער רויטער צייטונג געוואָרפֿן אין הייך־אויוון אַריין, און אַרויס אין דרויסן דורכלויפֿטערן זיינע אויפֿגערעגטע, ביטערע געדאַנקען...

אַ ווײַלע איז סטיוו שטיל און שטײַף געשטאַנען אויפֿן טראָטואַר, מיטן רוקן צו דער וואַנט, ווי איינער וועמען שונאים האָבן צוגעדריקט, און געכאַפּט אַ קוק אויף דעם לאַנגן פּאַס פֿון דעם גרויס־שטאָטישן פֿאַרנאַכטיקן הימל צווישן די צוויי שערענגעס גלייכע פֿינף־שטאָקיקע הייזער, ווי צוויי רייען גוט־אויסגעמושטירטע סאָלדאַטן־ריזן.

די גרויסשטאָט־נאַכט איז צוגעפֿאַלן אויף איר שטייגער, ראַש, מיט ירגזון. אָט האָט זיך דאָרט, הינטערן קופּאָל פֿון דעם אַלט־ציגלנעם קאַטוילישן קלויסטער, וואָס שטייט ווי אַן אַלטער, פֿעטער און פֿאַרגליווערטער פֿעלדפֿעבל, אַ רויטל געטאָן אַ שטיקל הימל, אַ פֿורפֿור געטאָן און — פֿאַרלאָשן! דער הימל — אַ מאַטעווע, רויכיק־בלויע פֿלאַכטע. דוכט זיך, אַן איבעריקע זאַך — ווער דאַרף אים, דעם פּאַס פֿון איינפֿאַרביקן, טונקעלן הימל, און ווער קוקט זיך אויף אים אום! בלויז ער, סטיוו, האָט אַ קוק געטאָן, — אַ געוואוינהייט אַזאַ זינט ער האָט געדינט אויפֿן ים, אויף קריג־שיפֿן, — אַ קוק געטאָן, געכאַפּט אַן אָנבליק פֿון עפּעס אַ דערשלאָגענעם שטערן, אַן עלנטן אין דער גרויסער שטאָט, און שוין — פֿאַרגעסן.

אַ טוכלער ווינט האָט אַ בלאָז געטאָן אויף אים פֿון דער זייט פֿון דעם קלויסטער — איז דאָס מיטגעפֿיל? די גאַס אין מאָנאָטאָנער עלעקטרישער באַלייכטונג, איז מעלאַנכאָליש געלאָפֿן זיך אַליין אַנטקעגן, ווי אירע ביידע עקן וואָלטן זיך געאײַלט צו באַגעגענען איינער דעם אַנדערן אין פֿאַרנאַכטיקן אומעט — שטראָמען מענטשן אײַלן זיך אַהיים פֿון דער זייט און פֿון יענער, פֿון סאָבוויי־ און על־סטאַנציעס — טאַטעס, מאַמעס, זין, טעכטער, מיט פֿאַרלאָשענע אויגן און געבויגן פֿון אַ טאָג געבויגנקייט אין שאַפּ, אין אָפֿיס. חברה יונגוואַרג, באָל־שפּילער, גיבן פֿאַרדריסלעך אויף זייערע שפּילן אין מיטן גאַס אויפֿן סאַפּער־רוף פֿון זייערע מאַמעס און צעגייען זיך אין די הייזער מיט לאַנגזאַמע, פֿאַרבענקטע טריט.

איז סטיוו אַ ווײַלע געשטאַנען אויפֿן טראָטואַר, מיטן רוקן צו דער וואַנט, ווי איינער וועמען שונאים האָבן צוגעדריקט. און דער בריוו סמאַליעט אין בוזעם־קעשענע. וואָס וועט ער איצט טאָן? ער דאַרף עפּעס טאָן, אָבער וואָס? אַ געפֿיל פֿון פֿאַרדרוס, פֿון מאַכטלאָזן פֿאַרדרוס, נאָגט אים. אָט גייט ער פֿאַרבײַ, דער שכן פֿון „סי־3”, וועמען ער, סטיוו, דאַרף נאָך באַדינען — אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט לאַנגע, האָפּעדיקע טריט. סטיוו כאַפּט ניט־ווילנדיק

אוועק די אויגן און פּילט מיט דער האַנט דעם בריוו, וואָס סמאַליעט אים אין בוזעם־קעשענע. וואָס זאָל ער טאָן? ער מוז עפּעס טאָן, אָבער וואָס?

אַן אָטאָמאָביל איז צוגעפאָרן און אָפּגעשטעלט זיך. סטיוו האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן. ער האָט געזען דעם „לענדלאָרד" און איז אים אַנטקעגן געגאַנגען מיט געמאָסטענע, מיליטערישע טריט.

— וואָס הערט זיך נייעס? — האָט דער באַלעבאָס געפרעגט, איגנאָרירנדיק סטיוו'ס אונטערטעניקן „העלאָו, מר. ראָזען!" ער איז אַ באַשעפטיקטער מענטש, מר. ראָזען. ניטאָ קיין צייט פאַר איבעריקע רייד און קיין געדולד אויך ניט, בפרט נאָך מיט אַן אָנגעשטעלטן, אַ דזשעניטאָר.

— ניטאָ, — האָט סטיוו געענטפערט אָפיציעל קורץ, — אַפּאַרטמענט „די־1" און „עף־5" האָבן נאָך ניט געצאָלט.

— זיי האָבן נאָך ניט געצאָלט, — האָט דער לענדלאָרד איבערגעזאָגט דעם דזשעניטאָר'ס רייד. — „מען וועט עפּעס דאַרפן טאָן... אָבער וואָס?" — דאָס האָט ער שוין ניט געזאָגט, נאָר געטראַכט. — „אָט שטייען צוויי אַפּאַרטמענטס ליידיק, און וואָס וועט ער טאָן מיט נאָך צוויי?"

— „אַ טייערער דזשעניטאָר!" — האָט מר. ראָזען שוין צום ווייפלטן מאָל באַ זיך אָפּגעמאַכט. — רעדט ניט קיין איבעריקס, טוט וואָס נויטיק און זאָגט וואָס מען דאַרף, נאָך איידער דו פרעגסט.

— נו, ווי איז געגאַנגען נעכטן אַף יוניאָן סקווער? — האָט מר. ראָזען אַ פרעג געטאָן מיט פּלוצימדיקער אויפגעלייגטקייט. — ס'איז געווען לעבעדיק, האַ? איר האָט מיט זיי געלערנט בלק, מיט די רויטע? כאַ־כאַ־כאַ!

— זיי האָבן דאָך אים שיר ניט אוועקגע'הרג'עט, מר. ראָזען! — האָט די דזשעניטאָרקע אומדערוואַרטעט געענטפערט פאַר איר מאַן, מיט אַ טאָן ווי זי וואָלט געשטעלט אַ גוואַלדיק־ערנסטע פראַגע. דאָס איז זי איצט אַרויסגעקומען רופן סטיוו'ן צו סאַפּער, איר פּנים און פאַרטוך אינגאַנצן נאַס פון די וועש. — זיי האָבן דאָך שיר פון אים דאָס האַרץ אַרויסגעקלאַפּט! וואָס זאָגט איר דערצו, מר. ראָזען?

זי האָט געקוקט דעם באַלעבאָס גלייך אין די אויגן אַריין און געוואַרט אַף זיין סימפּאַטיע.

— בעסטיעס! מען דאַרף זיי אַלעמען אויסשיסן, די שמוציקע . . . — האָט סטיוו אויסגעשריען מיט פּלוצימדיקן אויפפלאַקער פון כעס, ניט אַזוי אַף די רויטע, ווי אַף דער ווייב, די כאַליערע, וואָס מישט זיך וואו מען דאַרף זי ניט...

— גיי שוין אין הויז, — האָט ער פאַרענדיקט אַ ביסל איינגעהאַלטענער

צו דער ווייב, — מען וועט שיקן נאָך דיר ווען מען וועט דיר דאַרפן...

סטיוו האָט אַ קוק געטאָן אױף מר. ראָזען, דעם קורצן און קײלעכדיקן, געטראַכט פון זיין געבראָכענעם ענגליש. גוט וואָס ער האָט זיך פריער פאַר־כאַפּט אינמיטן. שיר אַרויסגעזאָגט „שמוציקע פאַריינערס"... גוט וואָס ער האָט זיך געכאַפּט.

ער האָט זיך געווענדט צום באַלעבאָס ערנסט און סודות׳דיק:

— איר ווייסט וואָס איך האָב אויסגעפונען, מר. ראָזען? מר. סטיינער, דער שכן פון „סי־3", איז... אַ רויטער.... אַ באָלשעוויק...

מר. ראָזען איז געוועזן איבערראַשט. מר. סטיינער וואוינט שוין דאָ בא אים עטלעכע יאָר און ער האָט פון אים קיין טראָבל ניט געהאַט. זעט אויס אַ פיינער מאַן, כאָטש ער האָט זיך שוין פריער אָנגעשטויסן, אַז ער דאַרף זיין אַ שטיקל „סאָשעליסט"...

— פון וואַנען ווייסטו?... — האָט ער זיך געווענדט צו סטיוו׳ן מיט אַ מינע, ווי: „עט! וואָס אַ גוי קען איינפאַלן!"

— פון וואַנען איך ווייס?... אָט נעמט און זעט!... — ער האָט אַרויס־געשלעפּט דעם בריוו פון בוזעם־קעשענע. — איך האָב דאָס געפונען אין גאַרבעדזש... — האָט ער צוגעגעבן, ווען מר. ראָזען האָט אױף אים געוואָרפן אַ פאַרוואונדערטן, פאַרשנדיקן בליק.

דער לענדלאָרד האָט אַן אויבן־אויפיקן קוק געטאָן אַפן בריוו, אים צעריסן אױף קליינע שטיקלעך און זיי דערלאַנגט סטיוו׳ן.

— נאַ, וואַרף דאָס אין מיסט! — האָט ער באַפוילן.

— זיי ווילן דאָך פריי רענט, די באָלשעוויקעס! — האָט סטיוו ווי אַפּעלירט צום באַלעבאָס. ווי איינער רעדט: „נאָך דאָס פעלט אונז ביידן... מ׳זאָל אויפהערן צאָלן רענט!"...

— הער זיך איין, סטיוו, — האָט מר. ראָזען זיך געווענדעט צו אים פעסט, ווי אַ דערפאַרענער באַלעבאָס, וואָס ווייסט ווי צו רעדן צו אַן אָנ־געשטעלטן. — כ׳האָב דיך אָנגעשטעלט פאַר אַ דזשעניטאָר און ניט פאַר אַ דעטעקטיוו. ווילסט דינען דער פּאָליציי — זייער פיין. נאָר ערגעץ אַנדערש, ניט בא מיר אין הויז. פאַרשטאַנען?

ער איז צוריק אַריין אין אָטאָמאָביל און אַוועקגעפאָרן צופרידן מיט זיך, ווי איינער וואָס האָט נאָר־וואָס געראַטעוועט אַ ווילד־פרעמדן מענטשן, אַ פאַרבייגייער, פון די ציינער פון זיין אייגענעם בייזן הונט...

— אַז אַ מענטש צאָלט רענט און גיט מיר ניט קיין טראָבל, — האָט ער זיך געפּאַטשט אין פּלייצע, אָפּשטעלנדיק דעם אָטאָמאָביל באַם ערשטן

רויטן „סטאָפּ"־סיגנאַל, — זאָל ער זיין אַפילו אַ קאָמוניסט!... ס'איז ניט מיינע ביזנעס...

און אַפּגעפּאַטשטער איז סטיוו איצט געשטאַנען נאָך אַ ווײַלע, געקוקט אויף די אַנצאָליקע ליכטיקע פענצטער פון ביידע זייטן גאַס, וואָס רייצן זיך מיט דער נאַכט און מיט אים, ווי חוצפה'דיקע אויגן, וואָס קוקן מיט טײַוולשן שפּאָט פון באַהעלטענישן אַרויס.

— אפשר אין יעדן פענצטער אַ באָלשעוויק, ווער ווייסט?... — האָט ער זיך געשראָקן.

ער איז אַריין אין הויז, זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער צעריסענער סאָפקע מיט אַרויסגעשטאַרצטע פאַרזשאַווערטע דראָטן, און זיך אומגעקערט מיטן פּנים צו דער וואַנט, מורמלענדיק קללות. ער האָט אויסגעלאָזן זיין ביטער האַרץ צום גאַרבעדזש:

— „דע־עם גאַרבעדזש!"

1930.

דאָס אייזערן בעטל

1.

בעני דער דזשעניטאָר — אַזוי רופט מען אים אין וואָטערטאַון, כאָטש מ'האָט שוין לאַנג פאַרגעסן ווען ער איז געווען אַ דזשעניטאָר — האָט אַף שנעל אָפּגעגעסן סאַפּער בא זיך אינדערהיים און איצט איילט ער זיך אין לייבאָר־לייסעאום אַריין.

בעני'ס סאַפּער: דאָס צווייטע האַלבע ברויטל, די צווייטע העלפט פון אַ הערינג און די צווייטע העלפט פון אַ ציבעלע, וואָס ער האָט זיך געלאָזן פון מיטאָג, פאַרטרונקען מיט אַ גלאָז טיי. זיין מיטאָג: אַלע דריי ערשטע העלפטן, פאַרטונקען מיט אַ גלאָז בלוי־ברוינער קאַווע. זיין היים: אַ לאַנגער, שמאָלער צימער מיט אַן אויסגעבויגענער סטעליע און פאַרקאָפּטשעטע ווענט, אַ פאַרזשאַווערט גאַז־אויוועלע באַם טיר, אַ טישל, אַ שטול, און אַ שמאָל, פאַרזשאַווערט אייזערן בעטל, וואָס אַ גאַנצן טאָג שטייט עס צוזאַמענגעלייגט באַם פענצטער און וואַרט אַפן בעני'ס לאַנגן דראָטענעם קערפּער, פאַר וועמען עס וועט זיך באַנאַכט צעעפענען און מיט האַרטער מעטאַלענער ליב־שאַפט איינזאַפּן אין זיך זיין אינטימסטן שוויים צוזאַמען מיט זיין קאַלאָסאַלן עלנט.

ער גייט ניט שנעל, בעני, נאָר די איילעניש איז אינעווייניק אין אים; ער גייט איצט, ווי זיין שטייגער, מיט לאַנגע, לאַנגזאַמע שפּרייזן, נאָר די לאַנגע, קנאָכיקע פיס זיינע הויבן זיך גרינגער, ווי תמיד. ער שפּרייזט און באַמקעט זיך אונטער צום טאַקט פון זיינע נייע געפילן אַ האָפערדיק און אָפּגעהאַקט זמר'ל:

— טידל, דידל, בים־באַם! דידל, באַם־באַם! טידל־באַם!

דאָס איז ניט קיין ניי זמר'ל בא בעני'ן. ס'איז דאָס זעלבע, וואָס ער באַמקעט זיך תמיד אונטער ווען ער פאַלט אַריין אין טיפע מחשבות; נאָר איצט האָט עס בא אים גאָר אַן אַנדער טעם, ניט דאָס זמר'ל אַליין, נאָר אויך די מחשבות, וואָס פירן אים צוריק צו יענע גוטע יאָרן, איידער גאָסי — די

איינציקע ווייב, וואָס ער האָט אין זיין לעבן געהאַט — איז געשטאָרבן פון דער „פלו".

— טידל, דידל, בים־באָם!

ער טרעט דורך באַקאַנטער טעריטאָריע. ניטאָ דאָ קיין טיר, וואָס ער האָט ניט געעפנט, קיין טרעפּל, וואָס ער האָט ניט באַטראָטן, קיין הויז, וואָס זאָל האָבן עפּעס אַ באַהעלטעניש פאַר אים. אַפילו אָט־די לוזשע, וואָס האָט אים נאָר־וואָס באַשפּריצט זיינע אָפּגעבליאַקעוועטע, אָנגעפּעטשטע הויזן — דאַכט זיך, אַ שפּאָגל־נייע לוזשע, פונעם היינטיקן רעגן — איז אים אויך אַן אַלטע באַקאַנטע; ער האָט שוין דאָ דורכגעבראָדזשעט פונקט אַזעלכע לוזשעס זומערס און ווינטערס נאָך רעגנס אַן אַ צאָל — אָט זיינען אויף די הויזן באַ אים נאָך סימנים פון די פאַראַיאָריקע לוזשעס, פון די פאַר־צוויי־יאָריקע...

— טאַראַדידל, באָם, טאַראַבאָם!

אָט דאָ, אין דעם שימלדיקן הילצערנעם הייזל מיט דער אַראָפּגעלאָזענער דאַכלקע, ווי אַ פויגל אַ נבלה מיט אַ ברייטן אַרונטערגעלאָזענעם שנאָבל — פערלמאַן דעם פעדלער'ס נחלה — האָט בעני ערשט אייערנעכטן פאַרריכט די בלעכענע רינוווע און פאַרדינט אַ דאָלאַר פאַר דריי שעה אַרבעט — ווען ער וואָלט נאָר געהאַט די ריכטיקע „טולס", וואָלט ער עס געמאַכט אין איין שעה. און דאָ באַ שולמאַן דעם גראָסערימאַן אויפן פאָרטש דערקענט נאָך בעני די נייע ברעטלעך, וואָס ער האָט לעצטע וואָך אַריינגעשלאָגן אין דיל. און אָט אויפן ראָג, אין דער גרויסער, האַלב־רונדער, טונקל־ברוינער הויז מיט אַ גרויסן פאָרטש אַרום און אַרום פון דריי זייטן, וואוינט איצט דער אַלטער פּאָלאַק, דער „בילדער". אַמאָל האָט די הויז באַלאַנגט צו באַלניק דעם „דזשאָנק־דילער". דער הויף איז דאַן געווען אָנגעוואָרפן מיט בערג פאַרזשאַווערט אייזן, רעדער און שטיקער פון צעבראָכענע אָטאָמאָבילן, און ענלעכע „אַנטיק־לעך", וואָס גייען אונטערן נאָמען „דזשאָנק". אין יענער צייט וואָלט דער אַלטער פּאָלאַק ניט געשמעקט אין דעם געגנט. ער האָט דאַן געוואוינט אין פאָרעסט היל, וואו הייזער שטייען אַ מייל אָפּגערוקט איינע פון דער אַנדערער, יעדע הויז פאַרטרונקען אין איר אייגן גרינעם זומער־צייט, און יעדע גענעצט זיך אַ גאַנץ קיילעכיק יאָר פאַר זיך, גאוה'דיק — עס שטייט איר ניט אָן צו האָבן עסקים מיט דער צווייטער... אָבער אויף די אַלע „דזשאָנק דילערס", „בילדערס" און אַנדערע אַזעלכע רעדל־דרייער זיינען געקומען שלעכטע צייטן. דער אַלטער באַלניק איז אַליין אַוועק אין „דזשאָנק". דער אַלטער פּאָלאַק האָט באַנקראָטירט מיט אַ קנאַק און זיין זון, דער דאָקטאָר, האָט פאַר אים

און זיין טאכטער, אן אלמנה מיט דריי קינדער, געקויפט אט־די הויז פון באלניק'ס פארארעמטער פאמיליע. ער, בעני, האט אף דער הויז דאן געארבעט א וואך צייט. ער האט אפגערייניקט דעם קעלער און דעם הויף פונעם דזשאנק־מיסט, צעגראבן די ערד אין הויף און געבראכט שווארצע ערד אף צו פלאנצן גראז און פארזייען א גארטן. דער אלטער, געוואוינט צו טרייבן און קאמאנדעווען מיט ארבעטער, פלעגט גאנצע טעג שטיין א זומערדיק־אויסגעפוצטער מיט דער פיפקע אין מויל, און דרייען א ספאדעק. ביז בעני האט פארלארן דעם געדולד און „אומגערן" איבערגעקערט א טאטשקע מיט ערד אף דעם אלטנ'ס זומערדיקע ווייסע הויזן און ווייסע זאמשענע שיך. „עקסקיוז מי!" — האט בעני אויסגערופן מיט א באהאלטענעם שמייכל צווישן די פאלבן פון זיין איינגעפאלענעם, יונג־פארעלטערטן פנים. דער אלטער האט זיך אפגעשאקלט, ווי א קאץ פון וואסער, א קוק געטאן אפן חורבן פון זיינע זומערדיקע בגדים, אף בעני'ן, און גענומען אים זידלען אין אלע שפראכן, אין וועלכע ער קען נאר זידלען. אנגעהויבן האט ער גראד אין רוסיש (ער איז אן אדעסער). ווען די רוסישע זידל־ווערטער האבן אים מער ניט געסטייעט, איז ער איבערגעגאנגען אף ענגליש, און פארענדיקט מיט מאמע־לשון... דאס אליץ איז געווען אזוי קאמיש, אז בעני האט זיך מער ניט געקענט איינהאלטן און ער האט זיך הויך, כמעט היסטעריש, פאנאנדערגעלאכט. די אומבאהאלפענע, לעכערלעכע רציחה האט זיך נאך ווילדער צעשפילט אף דעם אלטנ'ס אנגעבלאזן־צעמארשטשעטן פנים און ער איז, ווי אן אונטערגעשאסענער, אנטלאפן אין זיין רו אריין.

מאדנע. בעני האט נאך דעמאלט ניט געוואוסט, אז דער אלטער פאלאק איז א בורזשוי, פונדעסטוועגן האט ער אים שוין פיינט געהאט. איצט ווייסט שוין בעני ניט נאר דאס ווארט בורזשוי, נאר ער פארשטייט שוין א סך זאכן, וואס ער האט מיט א פאר יאר צוריק ניט אנגעהויבן צו פארשטיין. דאן איז אים דאס ווארט רעוואלוציע געווען פרעמד, ווייט און עס פלעגט אף אים אנווארפן א פחד. איצט ווייסט ער, אז א רעוואלוציע קעגן די בורזשויעם מוז קומען און ער ווארט און האפט אף איר מיט אזא לײדנשאפט, ווי ער האט בחור'ווייז געווארט און געהאפט, אז די שיינע, שווייגנדיקע מיידל גאסי, מיטן רונדן, גוטן פנים און שווייגנדיק־ריידנדיקע אויגן וועט מיט אים חתונה האבן. פריער איז פרייד פאר אים געווען א זאך פון אמאל — פרייד האט זיך פאר אים אנגעהויבן און אויסגעלאזט מיט גאסי'ן און, האט ער געמיינט, פארשוואונדן אף אייביק. איצט...

אט איז שוין דער לייבאר־לייסעאום. די נאכט איז צוגעפאלן אן

אומעטיקע, א כמורנע. דער ווינט בלאָזט פון פאָרעסט היל, א נאַסער, א קאַלטער. עס קלייבט זיך א רעגן.

— נאַ דיר אַן אומגליק! — טראַכט בעני. — זאָל כאָטש מאָרגן ניט רעגענען.

.2

אין ליבאַר־לייסעאום איז נאָך פוסטלעך. דער עולם קומט זיך דאָ צוזאַמען שפּעט און שיטער. בלויז אין אָפיס און אין דער ביבליאָטעק איז ליכטיק. דאָס פענצטערל פון אָפיס אין קאָרידאָר איז פאַרהאַנגען — א סימן, אַז דער הינקעדיקער (דער אַגענט פון „ניו יאָרקער קוריער" און באַלעבאָס פון ליבאַר־לייסעאום) און א פּאָר פון זיינע מקורבים זיינען דאָ שטאַרק פאַרטיפט אין א פינאָקל. פונוואַנען איז געדרונגען, אַז א פינאָקל? פשוט: בא א פּאָוקער וואָלט ניט געווען אַזוי שטיל... פונדעסטוועגן, ניט גע'דאגה'ט — זאָלן זיך נאָר צוזאַמענקומען געגוג הענט, וועט זיין א פּאָוקער אויך, אַבי געזונט!

אין האָל, וואו די קאָנפערענץ דאַרף פאָרקומען, איז נאָך פינצטער. בעני האָט ליכטיק געמאַכט. א שוידערלעכע אומאָרדענונג. אומעטום שמוץ, שטיקלעך פון ציגאַרן און פּאַפּיראָסן, שיריים פון סענדוויטשעס און פון עפּל, פלעשלעך פון סאָדע־וואַסער. דאָס האָט דער הינקעדיקער אומישנע אַזוי געלאָזט דעם האָל פאַר די לינקע — בעני קען אים, דעם הינקעדיקן, מיט זיינע מיאוס'ע חכמה'לעך און פּאַסקודנע גענגעלעך!

בעני האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. אויסגעריייניקט, אויסגעשפּריצט מיט וואַסער, אויסגעקערט, געשטעלט די בענקלעך אין אָרדענונג. איצט איז א מחיה! ער וואָלט נאָר געוואָלט, אַז דער הינקעדיקער זאָל א קוק טאָן און צעפּיקעט ווערן.

קיינער איז נאָך אַלץ ניטאָ. בעני ווערט אומרואיק. מסתמא דער רעגן, האָט ער געפּרואווט פאַרענטפערן די אַנדערע דעלעגאַטן.

— מילא, איך האָב פאַר א רעגן קיין מורא ניט, ער וועט מיר מיין „גאַרדעראָבע" ניט קאַליע מאַכן, — האָט בעני צו זיך א לאַך געטאָן. דאָס איז געווען געמיינט סיי אַלס פאַרענטפערונג, סיי אַלס שטאָך פאַר די „דזשענטל־מענער", וואָס ציטערן פאַר א טראָפּן וואַסער.

דערווייל האָט בעני אַרויסגענומען זיין ציימונג פון קעשענע און זיך געזעצט לייענען. ער דערמאָנט זיך ווי ס'איז אים שווער געווען אין אָנהויב

צוגעוואוינען זיך צו דער דאָזיקער צייטונג, וואָס אמת איז אמת. ער האָט אָבער באַשלאָסן בײַ זיך, אַז ער וועט זי לייענען און — „דאָס אַל!" האָט ער זיך גענומען געשמאַק צו דער אַרבעט. ניט ער האָט געלייענט, נאָר ער האָט שטודירט די צייטונג יעדן טאָג. וואָס ער האָט ניט געוואוסט, האָט ער געפרעגט. ביסלעכווייז האָט ער אָנגעהויבן צו פילן ווי ער וואַקסט, ער ווערט אַ נייער מענטש. אַט לייענט ער איצט מיטן גרעסטן אינטערעס וועגן סטרייק־כוואַליעס צווישן די קוילן־מיינערס, די שטאָל־אַרבעטער, די אָטאָמאָביל־אַרבעטער. טעקסי־סטרייקערס לאָזן זיך ניט שפּיען אין דער קאַשע אין ניו יאָרק. גענעראַל־סטרייק אין שפּאַניע. אַרבעטער קעמפן העלדיש קעגן דער פּאָליציי אין פראַנקרייך. בעני ווייסט ניט וואו שפּאַניע און פראַנקרייך געפינען זיך און וואָס פאַר אַ לענדער דאָס זיינען. אָבער אַרבעטער קעמפן דאָרט, ווילן אַ רעוואָלוציע, און דאָס איז גענוג צו מאַכן אים יענע לענדער נאָענט און אייגן. ספּעציעל האָט ער הנאה פון דעם אויפטו פון די אַרבעטער ערגעץ אין אַ שטאָט אין פראַנקרייך. די פּאָליציי האָט אויף זיי געוואָרפן גאַז־באָמבעס, האָבן זיך די אַרבעטער ניט דערשראָקן, נאָר זיי האָבן געכאַפּט די באָמבעס און זיי געוואָרפן צוריק אויף די פּאָליסליים.

— אָט אַן איינפאַל! — האָט בעני געקוואָלן פון דעם שפּיצל. — נאָט אייך צוריק אייערע באָמבעס און זאָלן זיי אייך וואויל באַקומען... בע־בע־בע!

דעלעגאַטן און דעלעגאַטקעס האָבן זיך ענדלעך גענומען באַווייזן מיט רעגן־שירעמס, אין רעגן־מאַנטלען, און מיט שרעקלעכע טענות צום וועטער...

דער קליינער האָל איז ביסלעכווייז אָנגעפילט געוואָרן. אַרום 9:30 האָט ברוידע, דער סעקרעטאַר פון אַרבעטער־קלוב, אַ קלאַפּ געטאָן מיטן האַמער. די איסט־סיידער געגנט־קאָנפערענץ צוצוגרייטן די דעמאָנסטראַציע פון אַרבעטסלאָזע האָט זיך געעפנט.

בעני הערט זיך צו צו די באַריכטן און רעדעס, וואָס ציען זיך גרוי און מוטנע, ווי „טשואינג גאָם", און אַ ביטערקייט זאַמלט זיך בײַ אים אפן האַרצן. ער איז ערשט דאָס ערשטע מאָל אַ דעלעגאַט צו אַ קאָנפערענץ. ער האָט אויף דעם אָוונט געוואַרט מיט אומגעדולד. אָבער ניט דאָס האָט ער דערוואַרט. ניט דאָס, פילט ער, האָט מען דאָ געדאַרפט רעדן. ניט דאָס. אַ דעלעגאַט באַריכטעט פון אַ ברענטש: מיר האָבן געזאַמלט צען דאָלאַר בײַ אַ פּאַרטי. פּאַרפליכטן זיך... נאָך אַ באַריכט: מיר האָבן נאָך קיין אַלגעמיינעם מיטינג ניט געהאַט, אָבער מיר פּאַרפליכטן זיך מיט פינף דאָלאַר... אָדער: מיר וועלן קומען מיט אונזער באַנער... פּונקט ווי די הויפּט־זאַך וואָלט געווען דער באַנער, און דער „מיר" — אַ בײַ־זאַך, ניט וויכטיק...

מיטאַמאָל איז די אַטמאָספערע געלייטערט געוואָרן: דאָס וואָרט האָט חבר'טע לאָרענסאָן פון דיסטריקט־קאָמיטעט. זי רעדט ענגליש, אָבער יעדעס וואָרט געפינט אַן אָפּקלאַנג בא בעני'ן, ווי בא יעדן פאַרזאַמלטן, אין האַרצן. געלט איז וויכטיק פאַר דער אַרבעט, זאָגט זי, און מען דאַרף זאַמלען געלט. אָבער איצט איז די פראַגע ניט געלט, נאָר קאַמף. מאָרגן דעמאָנסטרירן מיר. די דעמאָנסטראַציע מוז זיין אַ גרויסע, אַ מעכטיקע. אויב ניט, וועלן מיר ניט געווינען אונזערע פאָדערונגען. וואָס האָט איר געטאָן ביז איצט צו מאָביליזירן די טויזנטער אַרבעטסלאָזע און באַשעפטיקטע אַרבעטער פון אייער געגנט? די פּאָליציי ציט נאָך אַלץ אָפּ מיטן „פּערמיט". זי וויל אונז אָפּשרעקן. אָבער מיר וועלן דעמאָנסטרירן — יאָ פּערמיט, ניט פּערמיט. די לאַגע פון די אַרבעטסלאָזע איז אומדערטרעגלעך. מיר פרעגן, צי זיי זיינען גרייט צו גיין מיט אונז. אָבער גייען מיר גענוג צו זיי, מיט זיי? אָט זיינען אין אייער געגנט פאַראַן גרויסן אייזנבאַן־שאַפּס. הונדערטער אַרבעטסלאָזע וועלן זיך דאָרט מאָרגן פאַרזאַמלען פאַרטאָג מיט דער פאַלשער האָפענונג אויף דזשאָבס. לאָמיר זען: ווער פון אייך נעמט זיך אָן דאָרט צו זיין פינף אַזייגער פאַרטאָג, פאַרטיילן ליפלעטס און איינלאַדן זיי צו אונזער דעמאָנסטראַציע?

— איך! — האָט בעני הויך, גאָרניט ווי זיין שטייגער, אויסגערופן.

— און איך! — האָט אונטערגעכאַפּט חבר'טע קאָרן פון קלוב.

— איך וועל גיין צו דער „וועסטערן פאַונדרי", — האָט וואָלונטירט אַ דעלעגאַט.

בעני'ס האַרץ איז געוואַקסן. אָט דאָס האָט ער געמיינט. זאָל מען זיך נעמען צו דער אַרבעט און זאָל זיך אָנהויבן רירן דאָ אין וואָטערטאַון, ווי אין אַנדערע שטעט, ווי אין שפּאַניע, ווי אין פראַנקרייך.

.3

ווען אַן אייזערן בעטל וואָלט געקענט טראַכטן, וואָלט בעני'ס בעטל יענע נאַכט זיך געוואונדערט: וואָס איז היינט מיט בעני'ן? שלאָפלאָזע נעכט זיינען בא אים קיין נייעס ניט. אָבער זיין היינטיקע שלאָפלאָזיקייט איז עפּעס פון גאָר אַן אַנדער מין. דאַכט זיך, ער ליגט אומרואיק, ווי אין אַלע אַזעלכע נעכט, קערט זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער, און טראַכט, פּלאַנעוועט, דאגה'ט; אָבער די היינטיקע טראַכטענישן און דאגה'נישן בעני'ס זיינען דעם אייזערנעם בעטל לחלוטין פרעמד און אומפאַרשטענדלעך — קיין איינציק

מאָל איז אים היינט גאָסי אָפּן זינען ניט געקומען! און אַלע האַלבע שעה כאַפּט ער אַ קוק דורכן פענצטער אָפּן הימל און דאגה'ט זיך פאַרן וועטער.

— המ... המ... זייער, זייער פאַרדעכטיק!...

אַן אייזערן בעטל איז אַן אייזערן בעטל. פון וואַנען זאָל עס וויסן, וואָס עס טראַכט אַ דערשלאָגענער מענטש, אַ פּראָלעטאַריער, ווי בעני, וועלכער האָט נאָר־וואָס דערוואַכט צום באַוואוסטזיין, אַז ער איז איינער פון אַ קלאַס, וואָס גייט פאָראויס דורך קאַמף צו אַ נייער וועלט? ניין, ס'איז ניט פאַר אַן אייזערן בעטל צו באַגרייפן ווי עס פילט אַזאַ איינער אין אַ נאַכט, ווען אַלע זיינע חושים זיינען אָנגעצויגן און עלעקטריפיצירט מיט דעם באַוואוסט־זיין פון זיין ערשטער וויכטיקער רעוואָלוציאָנערער שליחות!

און מיטאַמאָל — אַף אַזאַ אומגליק האָט זיך דאָס בעטל גאַרניט געריכט — האָט זיך בעני אויפגעהויבן, געכאַפּט עטלעכע שטיקלעך געצייג — אַ האַמער, אַ קליין זעגל, אַ דלאָטע, אַ צוואַנג — און שטיל, שטיל, ווי אַ קאָנ־ספּיראַטאָר, גענומען אָפּרייסן פון דעם דאָס רונדע האַרטע שטענגל צוקאָפּנס.

— ס'קען צונויף קומען; טאָמער וועט מען שלאָגן, וועט זיין מיט וואָס צו געבן צוריק, — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו זיך און אין זיינע אויגן האָט עפּעס אַזוי פריילעך אַ פלאַקער געטאָן — דאָס בעטל וועט מוזן זיין גוט אָן דעם.

ער האָט די אַרבעט געטאָן מיט אַזאַ ברען, אַז דאָס בעטל אַליין וואָלט אים געמוזט מוחל זיין דעם שאָדן, ווען ער וואָלט באַ דעם געפרעגט...

ענדלעך — ער האָט עס! אַ פיין שטעקעלע — און ער האָט עס באַהאַלטן הינטער דעם אונטערשלאַק פון זיין קורצן שמאַטעדיקן אויבער־ראָק, וועלכן ער טראָגט שוין, ער געדענקט אַליין ניט ווי לאַנג.

ווען בעני איז אַרויס אין דעם נאָך פינצטערן און סומנע־פּוסטן פאַר־טאָגיקן דרויסן, האָט זיך דער הימל פון איין זייט געלייטערט, אָבער דער גאַנצער הימל האָט זיך נאָך אַלץ שווער געכמורעט. נאָר ווען ער איז אָנ־געקומען צו דער לאַנגער און נידעריקער טויזנט־פענצטערדיקער געביידע — די אייזנבאַן־שאָפּס — איז אַ העלפּט פון דעם האָריזאָנט שוין געווען קלאָר־אַ פּאַס רויט האָט זיך באַוויזן אָפּן ראַנד פון מזרח.

פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט — ס'איז געווען גרויסער טאָג — האָט חבר'טע קאָרן, אַ קליינע, שנעל־באַוועגלעכע ווייבל מיט קלוגע, אָנגע־שלאָסענע, טונקל־ברוינע אויגן, ניט אָפּגעלאָזן בעני'ן ביז ער האָט געמוזט אַרויף צו איר אין הויז אָפּעסן פרישטיק. מ'דאַרף האָבן כוח פאַר דעם היינטיקן טאָג, האָט זי אים געגעבן צו פאַרשטיין.

נאָר ווען זי האָט אים נאָכן נעשמאַקן מאַלצייט, וואָס ער האָט געגעסן האַלב־פאַרשעמט, ווי אַ זינדיקער, פאַרגעשלאָגן אַ בעט צו כאַפּן אַ דרעמל פאַר דער דעמאָנסטראַציע, האָט ער געענטפערט אַנטשלאָסן — ניין.

ער איז אַוועק אַהיים און זיך צוגעלייגט אין די זאַכן אַף זיין אייגענעם אינטימען אייזערנעם בעטל און איינדרימלענדיק האָבן אים אין די אויערן נאָך אַלץ אַזוי ליב און פריידיק געקלונגען די וואַרעמע ענטפערס פון די דזשאַב־זוכער:

— יו בעט! מיר'ן קומען!

.4

און זיי זיינען געקומען. פון אַלע עקן שטאָט זיינען זיי געקומען — פון חורבה'דיקע דירות, פון פלאָפ־הייזער, דערשלאָגענע, דערוואַכנדיקע, אַנט־שלאָסענע — מיט איין געשריי:

— אַרבעט! מיר ווילן דזשאַבס!

קיינמאָל האָט נאָך בעני אַזויפיל בענים צוזאַמען ניט געזען. טויזנטער און טויזנטער. און זיי שטראָמען נאָך אַלץ אַהער, אַפן סקווער באַם סיטי־האָל. די פּאָליציי איז נערוועז. זיי מושטירן זיך פאַר די טרעפּ. ווילן אָנ־וואַרפן אַ שרעק. און דער עולם ווערט אַלץ גרעסער. עס קומען אָן פּאָליציאַנטן אַף פערד, רייטן אין עולם אריין. און דער שטראָם פון מענער און פרויען צום סיטי־האָל וואַקסט. אַפן דאַך פון סיטי־האָל האָט מען אַוועקגעשטעלט מאַשין־ביקסן, וועלכע גלאָצן אַף די טויזנטער אַרום מיט מאַשינאַוועגלייכ־גילטיקן אָנזאָג פון רציחה. די מחנות פון נויט און פאַרצווייפלונג זאַמלען זיך נאָך אַלץ, ווערן אַנטשלאָסענער.

איינער אַ הויכער, אַ מאָגערער, שטייגט מיט פעסטע טריט אַרויף אַף די שטיגן פון דעם מאָנומענט פון אַ גענעראַל אַף אַ פערד, וואָס שטייט פונקט קעגנאיבער די טרעפּ פון סיטי־האָל. עס צעוויגט זיך זיין רוף:

— ברידער אין נויט! מיר זיינען געקומען אַהער ניט בעטן, נאָר פאָדערן, וואָס אונז קומט!

די מחנה פּאָליציי האָט זיך אַ רוק געטאָן, ווי סאָלדאַטן. עטלעכע פון זיי זיינען אַרויס פאָראויס. איינער האָט זיך גענומען אַרונטערשלעפּן דעם רעדנער. פון אַלע זייטן האָבן זיך געטראָגן, ווי אַ דונער, געשרייען פון דעם עולם:

— לאָזט אים רעדן!

— „יו פעט־העדס!"
— מיר ווילן ניט הונגערן!
— מיר ווילן דזשאָבס!
— אָנגעפרעסענע חזירים!
— נידער מיט די גרעפטערס!

דער רעדנער איז אַרונטערגעשלעפּט געוואָרן פון די טרעפּ. ער איז אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין אַ קײט פון פּאָליציאַנטן: אַרעסטירט. אַ צווייטער איז אַרויף אַף די טרעפּ. פּאָליציאַנטן שלעפּן אים אַרונטער. צענדליקער פון דעם עולם לאָזן זיך אַף דער פּאָליציי. עס ווערט אַן אַלגעמיינער געשלעג. די פּאָליציי טרעט אָפּ מיט אויסגעשטרעקטע קלאָבס.

דער ערשטער רעדנער הויבט אַרויס זײַן קאָפּ פון צווישן דעם רינג פּאָליציאַנטן און טוט אַ געשריי:

— אַ דעלעגאַציע צום סיטי־קאָונסיל!

אַ גרופּע פון עטלעכע און צוואַנציק פּערזאָן האָט זיך דורכגעשטופּט דורכן עולם און גענומען גיין צום סיטי־האָל. די פּאָליציי האָט זיי ניט געשטערט ביז זיי זײַנען געקומען צו דער ברייטער מאַסיווער טיר. דאַן האָט דער קאַפּיטאַן אַ פּייף געטאָן און די גאַנצע דעלעגאַציע איז אַרומגערינגלט געוואָרן פון פּאָליציאַנטן: אַרעסטירט! פונדערווייטנס האָט זיך דערהערט דאָס טרובען פון פּאַטרול־וואָגנס.

מיטאַמאָל האָט אַ טייל פון דעם עולם זיך אַ לאָז געטאָן צו די טרעפּ פון סיטי־האָל מיטן געשריי: — באַפרייט אונזערע פירער!

— העי, וואָס האָבן מיר מורא! מיר זײַנען שטאַרקער פון זיי! — האָט בעני געשריען און געפאָכעט מיט די הענט צו די אַרומיקע, אַז זיי זאָלן אים נאָכפאָלגן.

— היט זיך! — האָט איינער פון עולם אַ געשריי געטאָן צו בעני׳ן, און באַלד איז אַ קלאַב פון אַ פּאָליציאַנט געפאַלן מיט רציחה אַף בעני׳ס קאָפּ. אין קאָפּ האָט אים אָנגעהויבן רוישן. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם שטענגל פון זײַן אײַזערנעם בעטל, אָבער ער האָט זיך געכאַפּט — נאָך ניט איצט, איינער אַף איינעם. ער וועט וואַרטן אַף שפּעטער. דערווייל האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דעם פּאָליציאַנט בײַ דער האַנט און געפּרואווט אַרויסרייסן זײַן קלאָב. ס׳איז געוואָרן אַן אַלגעמיינער געשלעג צווישן פויסטן און קלאָבס.

מיטאַמאָל האָבן גענומען פליען שטיינער, שטיקער אײַזן און פלעשער אַף די קעפּ פון די פּאָליציאַנטן. איינער פון זיי איז אַנידערגעפאַלן. ווידער האָבן זיך געהערט עטלעכע פייפן. דאָס איז געווען אַ סיגנאַל. די פּאָליציי

האָט זיך צוריקגעצויגן צו יענער זייט פון סיטי־האָל און ווען דער עולם האָט זיך גענומען באַוועגן פאָראויס, האָט מען פון אַ פּאָליציי־אויטאָ אַ וואָרף געטאָן אַ באָמבע.

— גאַז־באָמבעס! גאַז־באָמבעס! — האָבן זיך געהערט געשרייען. ס'איז געוואָרן אַ געדראַנג אַף צוריק. די באָמבע איז געפאַלן אַפן גראָז לעבן דעם מאָנומענט און האָט זיך געדרייבערט — אַט פּלאַצט זי.

— פראַנקרייך! — האָט מאָמענטאַל דורכגעבליצט בײַ בעני'ן אין קאָפּ. ער איז שנעל צוגעלאָפן, אַ כאַפּ געטאָן די באָמבע און זי אַ וואָרף געטאָן מיט אַלע כחות צוריק צו דער פּאָליציי מיט אַ געשריי:

— נאַט אײַך אײַער באָמבע, סאָנאָוואַביטשעס!

די באָמבע האָט געפּלאַצט לעבן די פיס פון אַ פּאָליציי־פערד. אַ כמאַרע גאַז האָט זיך אַ הויב געטאָן. די פּאָליציאַנטן האָבן זיך אָנגעהויבן רוקן אַף צוריק און רייבן די אויגן, פון וועלכע ס'האָבן זיך געגאָסן טרערן, ווי באַב...

בעני איז נאָך אַלץ געשטאַנען, ווי צוגעשמידט צום פּלאַץ פון וואַנען ער האָט געוואָרפן די באָמבע.

— אַנטלויף! — האָט מען צו אים געשריען פון אַלע זייטן.

בעני איז געשטאַנען אַ צעטומלטער פון גרויס פרייד. ער האָט זיך ניט געקענט גלויבן, אַז דאָס האָט ער אַליין טאַקע געטאָן און ווי ער האָט נעכטן געלייענט פון פראַנקרייך...

מען האָט אים אַרעסטירט און מען האָט בײַ אים געפונען דאָס רונדע שטענגל פון זיין אייזערן בעטל. ער איז געשטעלט געוואָרן אונטער צוויי קלאַגעס: „ריאָטינג" און טראָגן „באַהאַלטענע וואָפן".

און די ערשטע נאַכט, נאָכדעם ווי די „אינטערנעשאָנאַל לייבאָר דעפענס" האָט אים באַפרייט אַף בעיל, האָט בעני געטוליעט דאָס אייזערן בעטל צו זיך און עס געטרייסט:

— נישקשה, ביסט פונקט אַזוי גוט אָן אַ שטענגל צוקאָפּנס...

און ווען דאָס בעטל וואָלט געקענט טראַכטן, וואָלט עס אים באַוואונדערט:

— אַ נייער בעני!...

.1934

פאַרטייטשונגען פון די וויכטיקסטע ענגלישע ווערטער און פראַזן

זייט

33 : פלעזשור — פאַרגעניגן.

45 : דאָס ענגלישע לידל איז אַ טיפּיש קאַפּע-שאַנטאַן לידל. אין אידיש :

דו און איך — און דו — און דו —
דו — או — או — או —
און איך — ה-מ-מ-מ —
יאָ! בלויז אַ ביסעלע,
און בלויז אַ ביסעלע,
בלויז אַ ביסעלע נאָך. . .

71 : גראָסערי-ליידי — שפּייז-קרעמערקע.

72 : היברו סענטינעל — אידישער וועכטער.

72 : יו׳ר אַ קרעקער-דזשעק! — ביסט אַ מזיק!

79 : פּובליסיטי — רעקלאַמע.

79 : גוד דעי, שעיקער! — גוטן טאָג, שאַכער!

79 : עי טשענדזש! איי וואָן עי טשענדז — אַ בייט! איך וויל אַ בייט!

179 : היטש-הייקן איז אַ פאָרם פון רייזן, וואָס איז פּאָפּולער צווישן די אָרעמע קלאַסן אין אַמעריקע, באַזונדער צווישן דער יוגנט — מ׳גייט אַרויס אויפן וועג און מ׳בעט פאַרבייפאָרנדיקע אַטאָמאָבילן אונטערצופירן.

188 : מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן — פאַבריקאַנטן-געזעלשאַפט.

200 : גאָווערנמענט — רעגירונג.

217 : מואוו אָן! — גיי ווייטער!

223 : עי מאַיטי נאַיס פעלאָו — אַ זעלטן פיינער יונג.

223 : יו דאָנט בילאָנג טו דהאַט מאָב — דו געהערסט ניט צו יענעם המון.

224 : געט דהעט וואָן! געט׳ים! — פּאַק יענעם חברה-מאַן! פּאַק אים!

231 : סטרייק סוירוויס — סטרייק-דינסט.

234 : גאַרבעדזש — מיסט.

234 : דע-עם קאָמיוניסטס, דוירדי רעדס! — פאַרדאַמטע קאָמוניסטן, שמוציקע רויטע!

234 : האַו איז דהי אָלד באָי? — וואָס מאַכט אַ יאַט?

238 : ווערי פיין, טהענקיו! — זייער פיין, אַ דאַנק!

238 : נעווער מיינד — דערציל ניט קיין מעשיות.

238 : וועל, אַי׳ל דו עניטינג פאָר יו — נו, איך וועל טאָן וואָס איך קען פאַר דיר.

238 : סטעדי דזשאָב — שטענדיקע אַרבעט.

239 : אַטענדן — אָפּטאָן, צורעכט-מאַכן.

250 : פּערמיט — דערלויבעניש.

די דערציילונגען „וואַטערטאַון" און „האַנטפּאַס" זיינען דערשינען אין „האַמער" — די ערשטע אין יאָר 1927 און די צווייטע אין יאָר 1930. אַלע איבעריקע דערציילונגען, מיט דער אויסנאַם פון דער נייער נאָוועלע „מאַשינען און מענטשן", זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער „מאָרגן־פרייהייט".

די נאָוועלע „מאַשינען און מענטשן" איז, מיט דער אויסנאַם פון צוויי קורצע עפּיזאָדן, נאָך ביז איצט אין ערגעץ ניט דערשינען. בלויז צוויי קורצע עפּיזאָדן פון דער נאָוועלע זיינען מיט עטלעכע יאָר צוריק געדרוקט געוואָרן אין דער „מאָרגן־פרייהייט". די דאָזיקע עפּיזאָדן האָט דער מחבר אריינגעוועבט אין דער נאָוועלע, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן אין זומער, 1937.

אין דעם בוך האָבן זיך, צום באַדויערן, אריינגעכאַפּט עטלעכע טעות'ן:

אַף זייט 42 האָט דער נומער 4, וואָס באַצייכנט אַ סוב־קאַפּיטל, געזאָלט קומען מיט צוויי שורות נידעריקער, פאַר דעם פּאַראַגראַף „שוין באַשטאַט כאַרט'ן", א. אז. וו.

אַף זייט 45 האָט דאָס דזשעז־לידל געדאַרפט גיין אַזוי:

You and I—and you—and you—
You—oo—oo—oo—
And I—hm—m—m—
Yes! just a little bit, א. אז. וו.